STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05537

VAYT FUN MOSKVE

Vasilii Azhaev

Permanent preservation of this book was made possible
by David M. Berg
in memory of
Louis & Jennie Berg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

a
sid Bruer
de
L. Bernstein

וואַסילי אַזשאַיעוו

ווײַט פון מאָסקווע

ראָמאַן

ייִדיש: לעאַ פרומקין

צווייטער בוך

פאַרלאַג „הײמלאַנד"

בוענאָס־אײַרעס 1954

Queda hecho el depósito que previene la Ley
Copyright by Editorial Heimland
Buenos Aires, 1954
Edición Argentina

V. AZHAIEV

VAIT FUN MOSKVE

LEJOS DE MOSCU

Novëla

II

SEGUNDO TOMO

EDITORIAL "HEIMLAND"

BUENOS AIRES
1954

קאַפּיטל איינס

צוויי אַף נאַרטעס

ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן איז אַלעקסיי געקומען צו בערידזען און אים געטראָפן אַן אָנגעטועגעם, ווי ער מעסט אָן אַף זיך דעם רוקזאַק. זיי האָבן זיך קעגנזײַטיק אויפמערקזאַם באַטראַכט און זיך געקליבן צו גיין, ווי ס'האָט זיי אָפּגעשטעלט ראַדיאָנאָוואַ, וועלכע איז אַרויסגעקומען פון איר צימער. זי האָט, פאַרזשמורענדיק די פאַרשלאָפענע אויגן, זיי ביידע אַרײַנגעקוקט אין פּאָנעם און אַ פּרווו געטאָן דעם פּולס.

— מײַן אַפּטייקל האָט איר גענומען ? — האָט זי אַ פרעג געטאָן בערידזען.

— נאַטירלעך, איין מעדיקאַמעט האָט איר אונדז צוגעטיילט שוין זייער קאַרג, — האָט געאָרגי דאַווידאָוויטש אַ שמייכל געטאָן. — עס וואָלט ניט שאַטן איר זאָלט אַ ביסל צוגעבן פאַרן אינערלעכן געברויך.

— איר שפּאַסט אַלץ ! — האָט אָלגאַ געזאָגט מיט פירהאַלט. — און איך באַומרויִק זיך צוליב אײַך. מיילע, אַלעקסיי איז אַ ספּאָרטסמאַן, ער דאַרף זיך ניט ערשט צוגעווינען. — זי האָט מיט האַנאָע באַטראַכט דעם ברייטפּלייציקן קאָוושאָוון, וועלכער איז שלאַנק געווען אַפילע אינעם וואַטעוון אָנטועכץ. — צען טעג אַף נאַרטעס איז ניט קיין שפּילעכל. צי שאַצט איר ניט צומאָל איבער אײַערע קויכעס ?

— זײַט רויִק, מײַן דאָקטער אין סאַמעטענעם כאַלאַט, — די רײַזע וועט מיר זײַן צום געזונט, — האָט ניט אָן ערגעריש געענטפערט בערידזע. — ווען מיר וועלן צוריקקומען, וועט איר פון אַלעקסייען געוואָר ווערן, צי איך בין פון אים אָפּגעשטאַנען אין וועג אָדער ניט.

— איר האָט געוואָלט באַזאָרגן אַ בריוו צו ראָגאָוון ? — האָט קאָוושאָוו דערמאָנט.

אָלגאַ איז געקומען אין פֿאַרלעגנהייט:

— כ'האָב ניט אָנגעשריבן. איך קען שרײַבן בלויז רעצעפּטן. גיט אים איבער אַף אויסנווייניק... איצט, ווען ער איז ניטאָ, דערמאָן איך זיך אָפּטער וועגן אים. איך וואָלט אים גערן געזען. נאָר זאָל ער עס ניט אויסטײַטשן, אַז איך פֿאַרבעט אים. ער קען נאָך קומען צו פֿליִען!

— זי האָט זיך צעלאַכט, זיך קלאָר פֿאַרשטעלנדיק ראַגאָווס ראַשיק באַווײַזן זיך דאָ.

— אַלץ? — האָט אַלעקסיי געפֿרעגט. זי האָט צושטימענדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אַליאָ! אַליענקאַ! — האָט זי אַ געשריי געטאָן פֿון קיך אַרויס סעראַפֿימאַ. — כ'האָב דאָך אײַנגאַנצן פֿאַרגעסן: כ'האָב דאָ צוגעגרייט אַ פּעקעלע פֿאַר טאַניאַן — קנישעס און קרעפּלעך. זאָל אַלעקסיי ניקאַלאַיעוויטש מיטנעמען.

קאָוושאָוו האָט געמוזט אויפֿבינדן דעם רוקזאַק, אַרײַנצולייגן די מאַטאַנע.

— מיטנעמען קען איך, כ'בין אָבער ניט אַרעוו, אַז טאַטיאַנאַ וועט עס פֿון מיר באַקומען, — האָט ער געשפּאַסט, אַריבערוואָרפֿנדיק דעם זאַק איבער דער פּלייצע.

נאָכן באַגלייטן די אינזשעניערן איז אָלגאַ געשטאַנען אַ ביסל פֿאַר דער שוועל, ווי זי וואָלט געוואַרט, עפּשער וועלן זיי זיך אומקערן. ס'איז גלײַך געוואָרן אומיטיקלעך און אומרויִק. דאָס בײַזײַן פֿון דעם מוטיקן און לעבנספֿריידיקן בערידזע האָט טאָמיד אַרײַנגעבראַכט אין שטוב באַרויִקונג. אַלעקסיי איז געוואָרן אַ פֿרײַנט, אַזעלכער, צו וועלכן מען קען האָבן צוטרוי און מען קען זיך אַף אים פֿאַרלאָזן; ס'איז געווען מיט אים לײַכט און פּאַשעט. איצט איז די שטוב פֿאַריאָסעמט געוואָרן.

אָלגאַס בליק איז געפֿאַלן אַפֿן טשעמאָדאַן, וואָס כמאַרע האָט געבראַכט פֿון זינט יענעם טאָג, וואָס איז געווען שרעקלעך פֿאַר איר. האָט זי זיך צו אים ניט צוגערירט, האָגאָם ער איז קעסיידער געשטאַנען פֿאַר די אויגן און זי באַאומרויִקט. מיט אַ געקלעמט האַרץ, מיט אַ קאָמפּליצירט געפֿיל פֿון אומצוטרוי, אויפֿרעגונג און קימאַט פֿיזישן ווייטיק האָט אָלגאַ געעפֿנט דעם טשעמאָדאַן. אָן צווייפֿל, דאָס זײַנען געווען קאָנסטאַנטינס זאַכן: זײַן אָנצוג, היפּש צעקנייטשט, די וועש, וואָס זי האָט געקויפֿט נאָך אין רובעזשאַנסק, זײַנע ראַזיר־מאַכשירים, די האַריקע האַנטעכער און סאָמע אונטן — עטלעכע דיקע העפֿטן, באַשריבענע דורכויס מיט אַ גרויסער נאָכלאָזיקער האַנטשריפֿט. אַלץ איז געווען דורכגעזאַפּט מיטן רייעך פֿון טאַבאַק.

אָלגאַ איז געזעסן אַף דער פּאָדלאָגע מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, אַ בלאַסע, מיט שוואַך אַראָפּגעלאָזטע הענט, צווישן די צעוואָרפֿענע זאַכן אַרום. האָגאָם טויטע, האָבן זיי מיט פֿאַרשיידענע קוילעס גערעדט וועגן דעם

מענטשן, וואָס זי האָט ליב געהאַט, מיט וועלכן זי האָט דורכגעלעבט עטלעכע יאָר. לויט איר באַקאָשע האָבן זאַלקינד און קאָושאָוו געמאַכט אָנפראַגן און באַקומען אַן אָפיציעלע באַשטעטיקונג: ווירקלעך, דער דאָקטער אַנדרייעוויטש ראָדיאָנאָוו איז אין אַ שווערן צושטאַנד אַראָפּגענומען געוואָרן פון אַ צוג, געשטאָרבן און באַערדיקט געוואָרן אין טאַשקענט.

ערשט האָט זי זיך באַשולדיקט פאַר איר ניט גוטער באַציִונג צום מאַן. ס׳האָבן אים, ווי אַ סאַך אַנדערע, ניט געפעלט קיין כעסרוינעס, נאָר וואָס פאַר אַ רעכט האָט זי געהאַט זיך צו דערווײַטערן פון אים אַזוי לײַכט און אַזוי שנעל? אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט באַדאַרפט זי זאָל אים אונטערהאַלטן, ווען מ׳האָט באַדאַרפט מיט קאָנסטאַנטינען רויִק, אָן אויפרעגונג אָנפירן, אים לערנען, — האָט זי אים פראָסט־פּאָשעט אָפּגעשטויסן, אַרויסגעיאָגט. און אַפילע דעמאָלט, ווען אין אים האָט באַקומען די אויבערהאַנט דאָס גוטע און ער איז מיט אַן ערלעך געוויסן געגאַנגען אַפן פראָנט — האָט זי אים ניט געגלייבט, באַשולדיקט אין פעלשונג!

אָלגאַ האָט איבערגעבלעטערט די העפטן, ניט זעענדיק וואָס אין זיי איז געשריבן, די שורעס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין געדיכטע וויאָלעטע פלעקן. ס׳איז איר געווען אַ כאַרפּע, וואָס זי האָט אין די דאָזיקע טעג געקענט טראַכטן וועגן ראָגאָוון און זיך ניט געשטערט צו ריידן וועגן דעם מיט פרעמדע מענטשן. זי האָט זיך מיט אַן אינסטינקטיוון האַסט אַ הייב געטאָן פון דער פּאָדלאָגע און מיט די העפטן אין די הענט געלאָפן צו דער טיר: דעריאָגן אַלעקסייען און אים אָנזאָגן — זאָל ער מיט ראָגאָוון גאָרניט ריידן וועגן איר, קיין וואָרט ניט! דאָס אַלץ איז באַרישקייטן, לײַכטזיניקייט, לעסטערונג בענויגייע דעם טויטן.

...קאָושאָוו און בערידזע זײַנען האַלב געלעגן לעם אַנאַנדער אַף אַ בינטל היי אינעם קאַסטן פון דער לאַסט־מאַשין, וואָס איז געלאָפן איבערן אַדון. אַן אײַזיקער ווינט האָט געפּײַפט איבער זיי. זיי האָבן באַשלאָסן צו דערפאָרן ביזן נאָענטן באַצירק לעבן דעם נאָבײַשן יִישעוו נאַמפּי און פון דאָרט זיך לאָזן שוין אַף די נאַרטעס. לעבן זיי, מיטן רוקן צום ווינט, איז געזעסן זאַלקינד. ער איז געפאָרן אין אַ נאָפט־דעסטילירזאַוואָד, ניט ווײַט פון נאַמפּי, און האָט צוליב געזעלשאַפט זיך איבערגעזעצט אין מאַשין אַרײַן. דער פאַרטאָרג איז געווען אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג, ער האָט דערציילט גוטע נײַעסן: מאָרגן ווערט געלאָזט אין גאַנג דער נאָווינסקער אויטאָ־זאַוואָד; דער זון, לענקע, האָט זיך אומגעקערט פון דער יאַם־רײַזע און געגעבן אַ טעלעגראַמע, אַז ער קומט צו פאָרן אַף אורלויב.

— איך כאַזער אײַך איבער דאָס, וואָס ס׳האָט נעכטן געזאָגט באַטמאַנאָוו! — האָט זאַלקינד געשריגן, זיך אײַנבייגנדיק צו די אינזשעניערן. — צעטרענצלט זיך ניט! איר וועט אָנטרעפן אַף טויזנטער איניאַנים

אַף יעדן באַצירק. זעט, פאַרזינקט ניט אין זיי, ווענדט ניט אָפּ אײַער אויפמערקזאַמקייט פונעם הויפּט־ציל — ענדגילטיק לייזן אַלע פּראָיעקט־פּראָבלעמען.

זיי זײַנען אויסגעשטיגן פון דער מאַשין לעבן דעם נאַפט־דעסטיליר־זאַוואָד, וועלכער האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט אַפן ברעג אַדון אַף אַ ריי־זיקן שטעטך. ניט ווײַט האָט זיך געטונקלט די וואַנט פון דער סוידעסדיק־שטילער טײַגע.

— דאָס איז אַ מאָדנע שכיינעשאַפט — דער דאַזיקער טויבער מיד־בער און דער זאַוואָד, דאָס לעצטע וואָרט פון דער טעכניק פונעם צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט! — האָט זאַלקינד געזאָגט. — ס׳איז אויסטערליש, אַלעקסיי, ניט עמעס?

פאַרבײַגעגאַנגען די זאַוואָד-קאָרפּוסן, זײַנען די אינזשעניערן מיט די נאַרטעס אַף די פּלייצעס און דער פּאַרטאָרג אַרויפגעקומען אַף אַ גלײַך פּעלד. אין אַ שאַכמאַט־אָרדענונג זײַנען דאָ געשטאַנען צענדליקער ריזיקע אָפּגעווײַסטע ציסטערנעס.

— זיכער, לײדיקע, — האָט בערידזע צו זיי אַ מאַך געטאָן אַנגע־כמורעט.

— יאָ, לײדיקע, — האָט זאַלקינד באַשטעטיקט. — דער נאַפט, וואָס איז צוגעפירט געוואָרן צום זאַוואָד, בעיס דער נאַוויגאַציע, איז שוין איבערגעאַרבעט געוואָרן אַף בענזין און גלײַך אַוועק אַפן פראָנט. אין איצטיקן מאָמענט אַרבעטן די צעכן אַף אַ הונגער־פּאַרציע. דאָס, וואָס מען ברענגט מיט דער באַן פון טויזנטער קילאָמעטערס, גיסט מען גלײַך אַרײַן אין די אַפּאַראַטן. — מיכאַיל באַריסאָוויטש האָט געריעדט רויִק, נאָר פונדעסטוועגן האָט זיך פון זײַן קאָל אַרויסגעפילט ערגערניש. טײַט־לענדיק מיטן פינגער אין דער ווײַט, האָט ער צוגעגעבן: — און אַפן אינדזל האָט זיך ערשט אָנגעזאַמלט אַ יאַם נאַפט, וואָס ווערט אויסגע־פּאָמפּעוועט פון די ערד־טיפעניש. אַ יאַם נאַפט, וואָס בלײַבט אומנוצ־לעך ביז פרילינג!...

— עס נאָגט דאָס האַרץ, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אַפן דאַזיקן נאַפט וואַרטן איצט די טאַנקען און עראָפּלאַנען! — האָט אַלעקסיי גע־זאָגט.

— מען וועט מיר באַלד נעמען פרעגן אַפן זאַוואָד: ווען וועט שוין ענדלעך אַ פלייץ טאָן אין די לערע ציסטערנעס דער נאַפט פון אײַערע רערן? וואָס דאַרף איך ענטפערן, כאַווײַרים אינזשעניערן? — האָט זאַל־קינד געפעגט שפּאַסיק.

— ענטפערט, אַז מיר ווילן דאָס אויך זען. מיר כאַלעמען ניט וועגן קיין שום אַנדערע זאַך, — האָט בערידזע ערנסט אַ קוק געטאָן אַפן פּאַרטאָרג.

דער אומענדלעכער הימל-קופאָל איז געווען באַצויגן מיט אַ גלײַכן

ווײַסלעכן פֿאַרהאַנג. די זון איז אַף אים געשטאַנען ווי אַ טונקעלער מאַטאָווער פֿלעק מיט אַן אומקלאָרן רעגנבויגנדיקן זוים. אַלץ האָט געהאַט איין און דעם זעלבן קאָליר סײַ אַפֿן הימל, סײַ אַף דער ערד. בלויז דער טײַך האָט זיך אַרויסגעטיילט מיט זײַן גלעלגער, וואָס איז פֿאַרטיפֿט אין דער ערד און ציט זיך אין דער טריבער אומענדלעכקייט. אין דער דאָזיקער זײַט האָבן ערשט געקוקט די אינזשעניערן און דער פֿאַרטאָרג.

— ס׳וועט זײַן אַ זוניקער טאָג, אײַך אַף דער האַנט, — האָט מיכאַיל באָריסאָוויטש געזאָגט. זיי זײַנען אַ מינוט געשטאַנען שווײַגנדיק.

— נו, און איצט לאָזט זיך, כאַווײרים אינזשעניערן, ווו די וועלט האָט אַן עק, — האָט זאַלקינד אַ שמייכל געטאָן און לײַכט אונטערגעשטויסן קאָוושאָוון אין פּלייצע.

דאָס האָט ווי געדינט פֿאַר אַ סיגנאַל. אַלעקסײ האָט אַ מאַך געטאָן מיט די הענט און, זיך קוים אײַנבייגנדיק, געטאָן זיך אַ גליטש אַראָפּ מיטן שוואַכן שיפּוע צום טײַך. בערידזע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו זאַלקינדן און זיך געלאָזט נאָך אים.

— דעם סאַמע פֿולן דערפֿאָלג! קומט שנעל צוריק, טײַערע כאַווײרים! — האָט דער פֿאַרטאָרג אַ געשריי געטאָן, ווען זיי האָבן זיך גלײַכצײַטיק, דערגרייכנדיק דאָס אײַז פֿון טײַך, אויסגעדרייט צו אים.

אינגיכן זײַנען זייערע טונקעלע פֿיגורן צעשוואומען אין דער ווײַט. זאַלקינד האָט אַ קוק געטאָן אַף דער זון, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פֿאַרטערדיקער פֿלעק אַף אַ בויגן פּאַפּיר, און געלאָזט זיך צום זאַוואָד.

פֿאַר די צוויי שאָ, וואָס ער האָט דאָרט פֿאַרבראַכט, זײַנען די נאָרטלער ווײַט אַוועק פֿון נאָווינסק. די זון האָט זיך גענומען אַרויסבאַקומען פֿון דער טריבקייט פֿונעם הימל־געוועלב. זי איז אַרויסגעטראָטן אַלץ שטאַרקער, און אין עפּעס אַן אומדערוואַרטן מאָמענט האָבן אירע שטראַלן אַ פֿלייץ געטאָן דורכן אויסגעבילדעטן בלויז. אַלץ אַרום איז העל געוואָרן און אָנגעהויבן בליאַסקען.

די זון האָט באַגלייט די אינזשעניערן אויך דעם צווייטן טאָג, און דעם דריטן, און דעם פֿערטן. אָנפֿאַנגס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זי איז אַפּילע צופֿיל אַפֿן טײַך, די אויגן האָבן ווייי געטאָן מאַכמעס דער העלער שײַן. דערנאָך האָבן זיי זיך צוגעוווינט צום דאָזיקן קעסיידערדיקן ליכט, ווי אויך צום אומאויפֿהערלעכן גאַנג. זיי האָבן אַ סאַך מאָל איבערגעשניטן דעם אַדון, אויסגעפֿאָרשט אַלע אויסבייגן, אַרבל און קאַנאַלן, אַרויפֿהייבונגען און אָפּריסן פֿוןביידע ברעגן. זיי זײַנען געקומען אין אַלע יישווים און נײַגעריק אויסגעפֿרעגט די אײַנוווינער וועגן די געוווינהייטן פֿונעם טײַך, וועגן זײַנע סאַמע גרעסטע פֿאַרפֿלייצונגען. מיט דער הילף פֿון די באַצירק־אַרבעטער האָבן זיי צענדליקער מאָל אויסגעמאָסטן די גרעב פֿונעם אײַז, די טיף און די שנעלקייט פֿונעם שטראָם. די רײַזע־העפֿטן פֿון די אינזשעניערן זײַנען פֿול געוואָרן מיט נאָטיצן, די טאָפּאָגראַפֿישע

קאַרטעס זײַנען אויסגעפּאַרבט געוואָרן מיט אויסגעבעסערטע ליניעס. איצט האָבן זיי געקענט אַליין אויסמעסטן און באַטראַכטן יעדן מעטער פון דער נײַער טראַסע און זיך איבערצײַגן, אַז די בוי־אַרבעטער האָבן זיך פּאַרפּעסטיקט אַפן לינקן ברעג און פאַרגעסן וועגן דעם רעכטן.

דער הויפּט־אינזשעניער און זײַן פאַרטרעטער האָבן גוט געוווסט, אַז מען דאַרף זיך אונטעראײַלן. באַטמאַנאָוו האָט זיי געגעבן אַן אָפּגע־מאָסטענע צײַט, און זיי האָבן זיך באַמיט ביט אָפּצוטרעטן פונעם הויפּט־ציל. אָבער ס׳האָט זיי פאַרכאַפּט דאָס לעבן פון די באַצירקן. זיי האָבן זיך יעדעס מאָל מיט מי צעשיידט מיט אַ באַצירק, קעדיי זיך צו לאָזן צו אַ צווייטן.

אַפן דריטן באַצירק האָבן זיך די אינזשעניערן אַ גאַנצן טאָג פונאַנ־דערגעקליבן אין די סיכסוכים צווישן יעפּימאָוון און טעמקינען. דער סעק־רעטאַר פון דער פּאַרטאָרגאַניזאַציע האָט פעסטגעשטעלט, אַז יעפּימאָוו פירט קלוימערשט אײַן אַפן לינקן ברעג זײַנע ביוראָקראַטישע פּראָגנדקעס.

— מען מוז דאָך וועגן עס איז פאַרשטיין: מיר זײַנען ניט קיין אַנ־שטאַלט און ניט קיין זאַוואָד־פּאַרוואַלטונג. מיר זײַנען אַן אונטערשטעטער פּראָדוקציע־איינס פון דער בויונג, — האָט טעמקין דערוויזן, זיך ביי־זערנדיק אַף זײַן שטילער שטימע און וואַרפנדיק צאַרנדיקע בליקן אַף יעפּימאָוון. — מיר דאַרפן זײַן נענטער צו די אָביעקטן, און איר ווילט צונויפזאַמלען אַרום זיך דעם גאַנצן אַדמיניסטראַטיוו־טעכנישן אַפּאַראַט. די דעסיאַטניקעס און אַרבעט־פירער זײַנען געצוווּנגען עטלעכע מאָל אין טאָג זיך אָפּצורײַסן פון דער אַרבעט און קומען צו לויפן אין שטאַב אַף אײַער רוף. נעקראַסאָוו האָט זיך הײַנט ווידער געקלאָגט: איר שטערט צו פאַרענדיקן די בעקערײַ און די עלעקטראָ־סטאַנציע, נעמט קעסיידער צו די אַרבעטער אַף אויפצובויען די קאַנטאָר, — זי איז אײַך נייטיקער פון אַלץ. אַף וואָס טויג עס?

בערידזע איז פולשטענדיק געוועזן אַף טעמקינס צאַד און האָט אַנ־געקלונגען צו באַטמאַנאָוון, קעדיי מיט אים זיך צו פאַרשטענדיקן וועגן די מאָסמיטלען אַפן דריטן באַצירק. דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געזאָגט, אַז מיטן דריטן באַ־צירק וועט זיך פאַרנעמען זאַלקינד. וואָסילי מאַקסימאָוויטש איז זייער ניט געפעלן געוואָרן, וואָס די אינזשעניערן פאַרהאַלטן זיך אַפן באַצירק.

— ס׳איז הײַנט אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון דודינען און פיסאַ־רעוון, — האָט ער געזאָגט. — זיי האָבן באַקומען גרובסקיס מעמאָריאַל און רופן אַרויס אונדז אַלע, זיי ווילן זיך פונאַנדערקלײַבן אינעם פּראָ־יעקט. איך האָב זיי צוגעזאָגט צו זײַן אין רובעזשאַנסק אין אַ צען־צוועלף טעג אַרום, און ערשט זע איך, אַז איר וועט זיך אומקערן קיין נאָווינסק אין אַ כאָדאָשים צוויי אַרום, ניט פריִער. ס׳וועט מיר, מאַשמאָעס, אויס־קומען צו פאָרן נאָך אײַך און אײַך אונטעריאָגן פון הינטן.

נאָך דער דאָזיקער לעקציע האָבן זיך די אינזשעניערן גענומען צואײַלן און אין מעשעך פון אַ מעסלעס אומאויפהערלעכן באַוועגן זיך איבער דער טראַסע, פאַרנעמענדיק זיך אויסשליסלעך מיט פאָרשונגען, אָנגעיאָגט די דורכגעלאָזענע צײַט. פונדעסטוועגן האָט זיך מעלניקאָוון אַפן פערטן באַצירק אײַנגעגעבן זיי צו פאַרהאַלטן. לויטן פאָרשלאָג פון די טעסליערעס, די ברידער פעסטאָוו, האָט מען דאָ אָנגעהויבן פראָבע־בויונגען פון צונויפגעשטעלטע טיילן. בערידזע און אַלעקסיי האָבן זיך געלאָזט צוזאַמען מיט מעלניקאָוון צום אַרבעט־פלאַץ.

אַף אַ גלײַכן פלאַץ לעבן וועג זײַנען געלעגן שטויסן גלײַכע ברוסעס־באַלקעס, לײַסטן, פענצטער־ און טירן־ראַמען, וואָס זײַנען באַצײַטנס אויסגעפאַרטיקט געוואָרן אַף אַ האָלץ־פאַבריק. די בריגאַדע פונעם עלטערן ברודער פיאָדר — אַ שווערוואָגיקער, טונקלהאָריקער מענטש — האָט צוזאַמענגעקליבן די סטרוקטור, דער מאָגערער העלהאָריקער סעמיאָן פעסטאָוו האָט זיך מיט זײַן בריגאַדע פאַרנומען מיטן מאָנטאַזש פון אַ באַראַק. די פעסטאָווס האָבן קאָנטראָלירט אַפן זייגער די שנעלקייט פונעם מאָנטאַזש: אַף דעם צופאַסן און אײַנלייגן פון יעדן ברוס איז באַשטימט געווען אַ שטרענג באַגרענעצטע צײַט. די אַרבעט איז געגאַנגען רויִק, די גלאַטיק אָפגעהובליעוועטע ווענט פון ווײַסע ברוסעס האָבן זיך אויפגעהויבן מאַמעש פאַר די אויגן. בערידזע האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די פעסטאָווס, געגעבן זיי אייניקע אייצעס און צוגעזאָגט אָנצוווענדן דאָס בויען הילצערנע געבײַדעס פון צונויפגעשטעלטע טיילן אויך אַף אַנדערע באַצירקן.

— איר וועט דאָ בלײַבן איבערנעכטיקן ? — איז מעלניקאָוו צוגעגאַנגען צום הויפט־אינזשעניער.

געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט געפלעפט אַ קוק געטאָן אַף אַלעקסייען: זיי האָבן פאַרבראַכט אַפן באַצירק דעם גאַנצן טאָג און ניט באַמערקט, ווי די נאַכט האָט זיך דערנענטערט.

אַפן צווייטן טאָג זײַנען בערידזע און קאָווּשאָוו אַריבער די גרענעץ פון דעם פערטן און פינפטן באַצירק, וואָס איז באַצייכנט געווען מיט אַ פאָשעטער הילצערנער אַרקע און אַ פיצעלע הײַזעלע פון אַ קאָנטראָל־דיספעטשער־פונקט. דער דאָזיקער באַצירק האָט זיך גערעכנט פאַרן לעצטן פון די נאָענטסטע און דעם ערשטן פון די ווײַטסטע באַצירקן אַף דער טראַסע. דאָרט האָט געבאַלעבאַטעוועט ראָגאָוו.

די נאַרטלער האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן נאָך באַגינען, גליטשנדיק זיך שנעל איבערן העלן לעוואָנעדיקן שטעגל, וואָס האָט זיך געשלענגלט איבערן אײַז פון טײַך. די פאַרגליווערטע ביימער אַף די ברעגעס, דיקע אין זייערע ווינטערדיקע פעלצן, האָט זיך געדוכט, לויפן אַף צוריק. דער טונקל־בלויער הימל־פאָרהאַנג האָט אָנגעהויבן העלער ווערן אַף מיזרעך. אַ בלויער שטרײַף איז ראָז געוואָרן און אײַנגיכן זיך צעפלאַ־

קערט. די שטערן האָבן זיך שנעל אויסגעלאָשן, אַוועקגייענדיק אין דער טיף פון הימל. די לעוואָנע איז טונקל געוואָרן און, ווען ס׳איז אַרויפגעשווומען דער זונען־דיסק, געבליבן הענגען אין דער לופט, ווי אַ קלײנער זילבערנער האָקן. די זון איז געווען אומגעווײנלעך גרויס און העל־רויט, דערנאָך האָט זי זיך אײַנגעשרומפּן און געל געוואָרן. דער הימל איז געוואָרן בלאָס. ווײַט אַרום איז אַלץ געוואָרן ווײַס און דורכזיכטיק. אָפּן שפּיגלדיקן אײַז פונעם אַדון האָט זיך דער טוי־פראָסט אָפּגעזעצט מיט אַן אַ שיר געמוסטערטע שניי־פּלעטלעך. די זון־שטראַלן האָבן זיך אין זיי איבערגעגאָסן מיט אַ פאַרשיידנפאַרביקער ליכט־שפּיל.

— גיב אַ קוק, עס זעט אויס ווי דימענטענע בלומען, אַרויסגעוואַקסן פונעם גרונט פון טײַך! — האָט ענטוזיאַסטיש אַ זאָג געטאָן אַלעקסיי, זיך אויסדרייענדיק צו בערידזען, וועלכער האָט זיך אויך מיט האַנאָע פאַרקוקט אָפּן בליאַסקען פון די אײַז־מוסטערן.

דאָ האָט זיך די טראַסע דערווײַטערט פונעם טײַך, אויסמײַדנדיק אַ קייט סאָפּקעס, וואָס האָבן זיך ענג צוזאַמענגערוקט. צוגעקומען צו זיי, האָבן די אינזשעניערן דערזען אַ גרויסן פויגל — ער איז געפלויגן נידעריק איבער אַ פּאַליאַנע און געמאַכט אויסטערלישע שאַרפע וויראַזשן. בערידזע האָט זיך צעלאַכט: די באַפליגלטע רויב־כאַיע האָט זיך געיאָגט נאָך אַ האָז. דאָס קוים באַמערקטע גרויע כאַיעלע האָט זיך געוואָרפן אַף דער פּאַליאַנע פון איין זײַט אַף דער אַנדערער אין פּאַכעד פאַר זײַן פאַרפאָלגערס שאָטן, וואָס איז געשוווּמען איבערן שניי. בערידזע האָט מיט אַ רעוואָלווער־שאָס איבערגעשראָקן דעם פויגל. דער האָז האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ זײַט און איז פאַרשוווּנדן הינטער אַ סאָפּקע.

— נו, זעסטו, און דיר איז אומעטיק געווען, וואָס מע זעט ניט אַרום קיין שום לעבעדיק באַשעפעניש! וואַרט, מיר וועלן נאָך אַ בערן־הייל אָפּזוכן ערגעץ אין אַ ווינטבראָך!...

זיי האָבן אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעכער. בערידזע האָט גענומען ריידן וועגן דער טײַגע און זיך דערמאָנט פּאַסירונגען, ווען ער איז אין דער צײַט פון אויספאַרשונגען אַרײַנגעפאַלן אין אַזעלכע וואַלד־געדיכטענישן, אַז ער האָט זיך שוין געזעגנט מיטן לעבן, ניט האָבנדיק די האָפענונג זיך אַרויסצובאַקומען.

— אין אָנהייב האָב איך ניט פאַרשטאַנען מיט וואָס די טײַגע אונטערשיידט זיך פון אַ וועלכן ס׳איז אַנדערן וואַלד אין צענטראַל־רוסלאַנד, — האָט אַלעקסיי געזאָגט. — די מינים ביימער זײַנען, נאַטירלעך, אַנדערע: פּאַלמען, דער סאַמעט־בוים, דער מאַנדזשורישער דעמב. אויך די כאַיעס זײַנען ניט די זעלבע — טיגערס, ווי ס׳איז באַקאַנט, לעבן ניט אין דער סוויווע פון מאָסקווע נאָר ניט דערין גייט עס!... איך האָב באַמערקט, אַ סאַך מישפּטען וועגן דער טײַגע לויט איר ראַנד. און זי בעעמעס פאַרשטיין קען מען נאָר, ווען מען פאַרברענגט אין אירע וואַלד־

געדיכטעניש, מען פֿאַלט אַרײַן, אַזוי צו זאָגן, אין אירע לאַפּעס. אַט זײַנען מיר אום האַרבסט געגאַנגען אין דער טיף פֿון דער טײַגע אַפֿן רעכטן ברעג. דאָס איז דאָך ניט קיין וואַלד לויט אונדזער געוויינלעכער פֿאָרשטעלונג, עפּעס אַ סטיכישע ווילדעניש פֿון געוויקסן! עס שטייען ריזיקע הוילע שטאַמען, באַהאַנגען ביז די שפּיצן מיט שרעקנדיקן טונקל־גרינס אָדער שוואַרצן מאָך. די ביימער־קרוינען האָבן זיך צוזאַמענגעפֿלאָכטן און פֿאַרשטעלן די זון, אונטן — אַ פֿינצטערניש, אַ דושנעקייט, און אַלץ איז אָפּגעשטאָרבן: ניט קיין פֿייגל, ניט קיין בלומען, ניט קיין טראָפּן וואַסער אינעם באָדן! ס׳איז דערין פֿאַראַן עפּעס וואָס פֿון די פֿאַרהיסטאָרישע צײַטן, ווען איבער דער ערד זײַנען אַרומגעגאַנגען גיגאַנטישע כאַיעס. די דאָזיקע כאַיעס זײַנען שוין לאַנג־לאַנג ניטאָ, אָבער די טײַגע איז אַלץ די אייגענע. זי דעקט צו די ערד אַף טויזנטער קילאָמעטערס. די ביימער שטייען יאָרהונדערטער, קערן זיך אַליין איבער מאַכמעס אַלטקייט, און עס וואַקסן אַרויס פֿרישע זיי צו פֿאַרבײַטן, וויפֿל געדיכטע וועלדער זײַנען פֿאַראַן, אין וועלכע עס זײַנען נאָך קיין מענטשן ניט אַרײַנגעדרונגען! דאָס איזווירקלעך אַ קראַפֿט, וואָס איז אונדז פֿײַנטלעך, און איך בין צופֿרידן, וואָס מיר איז באַשערט מיט איר אַקטיוו צו קעמפֿן.

בערידזען איז געפֿעלן געוואָרן די דאָזיקע ענערגישע טיראַדע.

— איך דענק, אַז אַן אינזשעניער אַ בויער, דערצו נאָך אַ שטאָט־מענטש, דאַרף אַזוי נעמלעך זיך באַציִען צו דער טײַגע. אָבער זאָל דיר ניט אײַנפֿאַלן דאָס צו זאָגן די ווײַטמיזרעכדיקע טוישווים, באַזונדערס די יעגער: די טײַגע איז פֿאַר זיי אַן איניען פֿון הייליקן שטאָלץ

— איך פֿאַרשטיי ניט, מיט וואָס דאָ צו שטאָלצירן? צי קען מען דען, צום בײַשפּיל, שטאָלצירן מיט דער מידבער סאַכאַרע? זיך באַרימען מיט אַ זאַוואָד, אַ שטאָט, אויפֿגעבויט אין דער טײַגע, — דאָס איז אַן אַנדערע זאַך! אַצינד, ווען איך אַליין האָב עפּעס וואָס באַנומען, איז מיר פֿריילעך צו טראַכטן וועגן נאָווינסק!... אין אונדזער לאַנד, דוכט זיך מיר, איז מען צופֿיל פֿאַרכאַפּט מיט דער טײַגעשער עקזאָטיק, מיטן דאָזיקן קוריעזן צוזאַמענלעבן פֿון דער דאָרעם־מאַנדזשורישער און צאָפֿן־אַכאָטישער פֿלאָרע. מען האַלט דאָס פֿאַר אַן אייגענער אַרטיקער פֿולווער־טיקער זאַך, און מען פֿאַרגעטערט עס!... איך קען נאָך טויפֿעס זײַן אַ מאָסקווער, וואָס אַנטציקט זיך, זיצנדיק אין זײַן קוואַרטיר אַפֿן אַרבאַט, מיט די בילדער פֿון די טײַגע־פּײַזאַזשן אינעם „אָגאָניאָק״. ניטאָ וואָס צו ריידן — ס׳איז זייער שיין! אָבער ווען ווען־וועמען, די ווײַטמיזרעכדיקע אײַנוווינער איז בעסער איידער אַנדערע באַוווסט, אַז די קאַלאָסאַלע שטאָכים, וואָס זײַנען פֿאַרנומען פֿון דער אומענדלעכער טײַגע, — דאָס זײַנען עס די „ווײַסע פֿלעקן״ אַף דער ערד. מען דאַרף זיי ניט רימען, נאָר אומברענגען!...

בערידזע האָט אונטערגעפּײַפט, געכאַפּט אין גאַנג אַ הויפן שניי און געמאַכט אַ קויל.

— וואָס ? איך זע זיכער אויס עפּעס אַ סוינע פון דער טײַגע ? — האָט אַלעקסיי אַ קוק געטאָן אַף זײַן צעשמייכלט פּאָנעם — מען קען דאָ, באַטירלעך, אויסזען איינזײַטיק. אָבער דו פאַרשטייסט דאָך, איך בין ניט סטאַם קעגן וואַלד, איך ווייס, אַז ער גיט פוטערוואַרג, און געווילד, און בוי־מאַטעריאַל, און אַלדאָס איבעריקע ! איך בין אָבער קאַטעגאָריש קעגן דער מאַניע פון וויסטע אורוועלדערײַען מיט זייערע טויזנטוויאָרסטיקע שטאָכים. ניט לאַנג צוריק האָב איך גענומען באַ זאַלקינדן און איבער־געלייענט עפּעס עטלעכע ביכלעך פון די היגע שרײַבער. קענסט זיך פאָר־שטעלן, קימאַט אין יעדן פון זיי — אַ רירנדיק באַזינגען די טײַגע ! אויך באַ די ניט היגע שרײַבער וועסטו טרעפן די זעלבע גערירטקייט. ווידער ווילדע ווײַנטרויבן, וואָס וויקלען זיך אַרום דעם בלעטער־בוים, ווידער אַזוינע און אַזעלכע פייגל און כאַיעס, ווידער דער אַלטער פּרימיטיווער לעבנשטייגער פון די גאָלדן און די אודעהײַצעס, די בראַווע באַטן, אָמאָ־ראָטשקעס . . . וועגן דעם אַלץ האָט בעשאַטוי פּרעכטיק אָנגעשריבן אַר־סעניעוו, — צו וואָס־זשע דאַרף מען עס איבערכאַזערן ? פאַרוואָס שרײַבן זיי ניט וועגן די גאָלדן און אודעהײַצעס, וועלכע האָבן געענדיקט אינס־טיטוטן און לעבן גאָר אַף אַ נײַעם שטייגער אין זייערע יִשוּווים. פאַר־וואָס שרײַבן זיי ניט קיין לידער און ראָמאַנען, לאָמיר זאָגן, וועגן טע־רעכאָוון און זײַן זאַוואָד ?

— און איך מיט דיר טויגן ניט פאַר קיין העלדן פון אַ ראָמאַן ? — האָט שטיפעריש אַ פרעג געטאָן בערידזע און ווײַט אַ שלײַדער געטאָן די שניי־קויל.

— איך ווייס ניט, צי גראָד מיר טויגן זיך. איך בין אָבער איבער־צײַגט, אַז אונדזער באַפּטלייטונג איז אַ סאַך אַ כאַשעווערער אָביעקט פאַר דער ליטעראַטור, איידער אַלע פּרעכטיקייטן פון דער אורטײַגע. איך בין פאַר אַן אָנגריף אַף דער טײַגע, אַף די „ווײַסע פּלעקן” איך וויל אויך וועגן דעם לייענען אין ביכער ! זאָלן אַלע וויסן, ווי שווער ס׳קומט אָן דער דאָזיקער אָנגריף. עס מעגן זײַן אין די ביכער נאַטור-באַשרײַבונגען, איך בין בלויז קעגן דעם, דער מענטש זאָל אין דער דאָזיקער נאַטור פאַרלוירן גיין, ווי אַ נעדעלע אין היי, אָדער ווי איך מיט דיר האָבן זיך אייערנעכטן פאַרלוירן אין דער דאָזיקער פאַרקלאָלעטער טײַגע. לויט מיר, איז אַ ליטעראַטור, אין וועלכער ס׳איז פאַראַן בלויז פייגל און געוויקסן, און דער מענטש איז ניטאָ, — קיין ליטעראַטור ניט, דאָס איז פּענע־לאָגיע אין לידער און פּראָזע ! . . .

באַ בערידזען האָבן נאָכגעלאָזן די רימענס פון די נאַרטעס. זיך צוגעזעצט, האָט ער זיי פאַרפעסטיקט. אַלעקסיי האָט זיך געדרייט אַרום אים.

— וועגן אונדזער נאַפטלייטונג וועט אפגעוויס אָנגעשריבן ווערן אַ סאָליד קינסטלעריש ווערק: דער אַקט פון איבערנעמען זי און לאָזן אין גאַנג, — האָט בערידזע געזאָגט, אויפהייבנדיק דאָס פאָנעם צו אַלעקסייען. — וועגן די אינזשעניערן בערידזע און קאָוושאָוו וועט אַפגעוויס ניט דערמאָנט ווערן.. איך יאָג זיך ניט נאָך רום, אַליאָשע, נאָר טיילווײַז דערמאָן איך זיך אַ געוויסע דערציילונג פון טשעכאָוון: געדענקסט, — אין אַ צוג האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס צווישן אַ גרויסן רוסישן אינזשעניער און אַ ניט ווייניקער גרויסן פראָפעסאָר. דער אינזשעניער קערט זיך אום פון אַ פײַערונג לעקאָוועד דער דערעפענונג פון אַ בריק, וואָס ער האָט אויפגעבויט.

— נו, יאָ. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ סאַך מענטשן, און אַלע אַפלאָדירן עפעס אַ זינגערן, וואָס איז אויך געקומען אַף דער פײַערונג, — האָט זיך אַלעקסיי דערמאָנט. — דעם אינזשעניער אַליין האָט מען פאַרשטופט צווישן אוילעם, און קיינער קוקט זיך אַף אים ניט אום.

— אַט־אַט! דאָס איז זייער ניט יוישערדיק. די דאָזיקע אומיוישערדיקייט איז הײַנט אויסגעבעסערט אין אונדזער לעבן, אָבער דערווײַל נאָך ניט פולשטענדיק אויסגעבעסערט אין דער ליטעראַטור. עס האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן אינזשעניערן, נאָר אין אַלגעמיין וועגן די בוי־אַרבעטער, וועלכע שטעלן אויף שטעט, זאַוואָדן, באַנליניעס. ביסט גערעכט: עפעס אַ סאַך גוטע ביכער זײַנען פאַראַן וועגן די דאָזיקע מענטשן? דער גאַנצער ווײַטער מיזרעך איז אַ נײַע בויונג, און פאַר די בויער האָט זיך נאָך ניט געפונען דאָס פאַסיקע אָרט אין דער ליטעראַטור. וויפל מער גליק עס האָבן געהאַט נעווועלסקי און מוראַוויאָוו, אָדער פאַיאַרקאָוו און כאַבאַראָוו!.. מען זאָגט, אין אַזעלכע קאָמפליצירטע איניאָנים דאַרף דער שרײַבער האָבן אַ צײַט־דיסטאַנץ! איך פאַרשטיי ניט, כ׳נעם זיך ניט אונטער צו מישפעטן — ס׳איז ניט מײַן ספעציאַליטעט דערפאַר אָבער פאַרשטיי איך און האָב ליב מאַיאַקאָווסקין, און זע, אַז ער איז זיך זייער גוט באַגאַנגען אָן דער דאָזיקער דיסטאַנץ! ס׳איז פאַרדריסלעך זיך פאַרצושטעלן, ווי אין יאָר 2005 וועט אינעם ראַיאָן פון דער בויונג אַראָפקומען אַ שרײַבער און נישטערן אין דעם „פאַרשטיינערטן שמוץ", זיך פונאַנדערקלײַבן אין די אַרכיוו־פאַפירלעך און זיך פונאַנדערפרעגן וועגן דעם און יענעם בײַ די זקיינים. אָבער אַ שרײַבער, אונדזערער אַ מיטצײַטלער, קען זיך בעשום אויפן ניט באַשליסן צו פאַרלאָזן רובעזשאַנסק, ווו ער שרײַבט איצט, זיצנדיק אין אַ ביבליאָטעק, נאָך אַ ווײַטערדיקן בוך וועגן נעוועלסקין.

די אינזשעניערן זײַנען אַרויף אַף אַ סאָפקע, איבערלאָזנדיק הינטער זיך יאָדלע־אַרטיקע שפורן אַפן שניי. אַריבערגעלאָפן דעם רוקן, האָט זיך אַלעקסיי אָפגעשטויסן, קעדיי זיך אַראָפצולאָזן פונעם שיפוע. מיטאַמאָל האָט זיך אונטער אים געטאָן אַ זעץ אַראָפ אַ שניי־אַנשיט, און

ער האָט דערפילט, אַז ער פליט ערגעץ וווהין אין דער נידער. דערנאָך איז ער אַנידערגעפאַלן אַף אַ זײַט, עפּעס וואָס האָט אַ שאַרף געטאָן אונטער זײַנע אָרונטערגעדרייטע פיס. אַ מינוט איז אַלעקסיי געלעגן אַ מערוולוועלער, באַדענקענדיק פאַמעלעך, וואָס ס׳איז פּאַרגעקומען. דער ווייַכער שניי האָט אים באַקלעפּט דאָס פּאָנעם, פאַרקראָכן הינטערן היטל, הינטערן קאָלנער און אין די ווויליקעס. ניט געזען גאָרניט אַרום זיך, האָט זיך קאָווּשאָוו האַסטיק אויסגעדרייט, קעדיי זיך אויפצוהייבן. די נאַרטעס זײַנען פאַרבליבן אַף די פיס, ער האָט זיי ווי ס׳איז אַראָפּגענומען און אָנגעהויבן, אָנגעשטרענגט טאַפּטשענדיק אינעם שניי, זיך דורכשלאָגן דורכן שניי־אָנשיט, זוכנדיק אַן אויסוועג. די נאַרטעס האָבן זיך גלײַך פאַרהאַלטן אין עפּעס וואָס האַרטס — מינאַסטאָם אין אַ שטייער וואַנט.

אַלעקסיי האָט זיך דערמאָנט די קאָנטורן פונעם שיפּוע, ווי ער האָט אים געזען פאַרן פאַלן, און מיט מי זיך אויסגעדרייט אַף צוריק. אַ צווייַדרײַ שפּאַן ווײַטער האָבן זיך די נאַרטעס ווידער אָנגעשלאָגן אין אַ האַרטער פאַרצווימונג. ער האָט אַף אַ קאָל אַ רוף געטאָן בערידזען, נאָר דער געשריי איז ווי פאַרזונקען אין אַ קישן — דער שניי האָט אים גלײַך פאַרשטאָפּט דאָס מויל. קאָווּשאָוו איז אין קאַס געוואָרן און מיט צאָרן גענומען זיך דורכשלאָגן אַ וועג אין דער צווייטער זײַט.

באַלד האָט ער דערפילט, אַז ער שטיקט זיך, ווײַל ס׳פעלט אויס לופט און מאַכמעס אייגענעם צאָרן. מער פעלט אים ניט, ווי דאָ אומצוקומען — אַזוי נאַריש און אומזיניק!... ער איז געלעגן אַ ביסל, זיך איַנהערנדיק אין די הויכע קלעפּ פונעם האַרצן, און האָט זיך באַמיט צו באַרויקן. האָט ניט געאײַלט אָפּגעווישט דאָס פאַרפּרוירענע פּאָנעם און זיך ווידער גענומען צעשאַרן דעם שניי. האָט זיך געטוויטשעט אין אים און אָקשאָנעסדיק געקראָכן פאָרויס, זיך אָפּשטעלנדיק אַף אַ סעקונדע, אָפּגערוט זיך און ווידער געקראָכן.

מיטאָמאָל האָט אַלעקסיי דערהערט בערידזעס קאָל און גלײַך אָפּן אָרט באַמערקט, אַז דאָס פינצטערניש אַרום איז ווי שיטערער געוואָרן, פון דער זײַט האָט צו אים אַרײַנגעדרונגען די שײַן דורך דער דיקהייט פונעם שניי. ער האָט זיך מיט אַלע קויכעס אַ לאָז געטאָן אַהין און, ניט צעעפנט נאָך די פאַרקלעפּטע אויגן, דערפילט, אַז ער האָט זיך ענדלעך אַרויסגעריסן.

קאָווּשאָוו איז אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט אײַז, פון דעם היטל ביז די ווויליקעס. בערידזע איז צו אים צוגעלאָפן, געהאָלפן זיך אויפהייבן און גענומען ענערגיש אַראָפּטרייסלען פון אים דעם פאַרהאַרטעוועטן שניי. באַמערקט, אַז באַ כאָווער זײַנען ווײַס געוואָרן די באַקן און די נאָז, האָט ער אים גענומען אײַנרײַבן דאָס פּאָנעם.

— וואַרט, כ׳וועל אַליין, — האָט אַלעקסיי געזאָגט, קוים באַוועגנ־

דיק די פֿאַרשטײַפֿטע ליפּן. — װעסט דאָך מיר די גאַנצע פֿיזיאָנאָמיע אױסדרײען!

בערידזע איז פּלוצים צוגעפֿאַלן צו אים און גענומען שעפּטשען:

— כ'האָב זיך קײנמאָל אַזױ ניט דענערװירט! כ'בין שיִער ניט פֿון זינען אַראָפּ. פֿאַרשאָלטן זאָל עס זײַן, דאָס מאָקעם! נאָך גוט, װאָס דו האָסט זיך דעם קאָפּ ניט צעבראָכן!

בעײסן אײַנרײַבן זיך דאָס פּאָנעם, האָט קאָװשאָװ אַ קוק געטאָן אױף דער פּאָסטקע, פֿון װעלכער ער האָט זיך נאָרװאָס אַרױסגעקריגן. אונטער דעם אײַנגעפֿאַלענעם שנײ איז דאָרט צעעפֿנט געװען אַ טיף לאָך. איר אָפּגעדעקטער שיפּוע האָט זיך שטיל אַראָפּגעלאָזט אין דער נידער. בערידזע האָט אָנגעבראָכן טרוקענע צװײַגלעך און אײַליק צעלײגט אַ שײַטער.

װען אַלעקסײ איז אומגעריכט פֿאַרזונקען געװאָרן, איז דער הױפּט-אינזשעניער גרײט געװען צו לױפֿן צו אים גלײַך צו הילף, האָט אָבער מוירע געהאַט, ער זאָל ניט אַראָפּ פֿונעם שיפּוע דעם כאָװער אָפּן קאָפּ. געזוכט אַ מער פּלאַכערן אַראָפּלאָז, האָט ער דערזען, װי דער שנײ לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ לאָך און פֿאַרשטאָנען, אַז דערצו האָט גורעם געװען אַלעקסײס באַװעגונג אַראָפּ אונטערן דיקן שנײ-אָנשיט. דעמאָלט האָט ער זיך שנעל אַראָפּגעלאָזט פֿון דער סאָפּקע.

— װאָס איז מיט דײַן פֿוס? — האָט זיך בערידזע באַאומרויִקט, באַמערקנדיק אַז אַלעקסײ הינקט אונטער.

— ער האָט זיך אױסגעדרײט, װען איך בין געפֿאַלן, עס װעט פֿאַרבײַגײן...

די נאַרטלער האָבן זיך געזעצט באַם שײַטער און דערבײַ באַשלאָסן עפּעס איבערצוכאַפּן. קאָװשאָװ האָט זיך שנעל דערװאָרעמט. זײ האָבן זיך שױן מיט געלעכטער דערמאָנט די פּראַטים פֿון דער פּאַסירונג.

— די װײַטמײזרעכדיקע טײַגע האָט פֿון דיר נעקאָמע גענומען פֿאַר דײַן אומהעפֿלעכער מײנונג װעגן איר, — האָט בערידזע געשפּאַסט.

מיט אַלעקסײס פֿוס איז אַריבער בעשאָלעם, און זײ האָבן זיך געלאָזט װײַטער. קאָװשאָװ איז געגאַנגען אָן די נאַרטן-שטעקנס, װײַל זײ זײַנען פֿאַרבליבן אָפֿן אָרט, װוּ ער איז געפֿאַלן; בײדע נאַרטעס האָבן געהאַט אָפּגעבראָכענע זױלן. ערשט האָט זיך דער װעג פֿאַר די אינזשענירן געצױגן דורך אַ בלעטער-װאַלד, װוּ די בײמער זײַנען געשטאַנען גלײַך און הױך, װי זײַלן. אַלץ, װאָס לעבט, האָט זיך געדוכט, איז אױסגעפֿרױרן געװאָרן. בלױז דאָס סקריפּען פֿונעם שנײ אונטער די נאַרטעס האָט צעשטערט די שטילקײט פֿון דער טײַגע. בערידזע האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אײַנגעהערט — זײ אָנטקעגן האָט זיך געטראָגן אַ רױש.

— די האָלצהעקער, — האָט געאָרגי דאַװידאָװיטש אַ זאָג געטאָן.

אינגיכן האָט זיך דײַטלעך דערהערט דער קלונג פֿון זעגן, דער קלאַפּ פֿון העק און דער פּכּף פֿון פֿאַלנדיקע בײמער. מיטאַמאָל האָט זיך אי-

בערן וואַלד צעטראָגן אַ כּוואַטסקע, שטיפעריש לידל — ס'האָט זיך דער־טראָגן דײַטלעך, ווי עפּעס אַ פויגל וואָלט עס, פּלי̇ענדיק איבער די קעפּ געזונגען מיט זײַן קלינגענדיק יונג קעלעכל:

העקער, שאַרפער שאַרפט די שאַרפע העק נאָך אויס. אײנס... צוויי...
האַקט די ביימער ביז דער טאָג אין וואַלד גייט אויס. אײנס... צוויי...
ווען ס'ווערט קומען שטיל די נאַכט צו גיין אַהער, אײנס... צוויי...
גייט און רוט זיך אויס ביז מאָרגן אָן אַ שטער. אײנס... צוויי...

אַלעקסיי מיט בערידזען האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ שמייכל און געגומען שנעלער גיין. ס'האָט זיך פֿאַר זיי צעעפֿנט אַ פּאַס אויסגע־האַקטער וואַלד. די בריגאַדע האָלצהעקער האָט אײַנגעלייגט דעם וואַלד, זיך באַוועגנדיק קעגן די אינזשעניערן. די אָפּגעזעגטע ביימער זײַנען צע־שפּאָלטן געוואָרן דאָ אָפּן אָרט, און פורמאַנעס האָבן זיי מיט פערד אַוועק־געקײַקלט צום וועג. די אינזשעניערן זײַנען צוגעגאַנגען צו דער נאָענטס־טער פּאָר האָלצהעקער. איינער פון זיי, אַ דאַרער שטומפּיקנאָזיקער באַ־כער מיט מאָמזערישע אויגן, האָט געזונגען דאָס לידל, וואָס האָט אַזוי צוגעטראָפן צום געמיט אַלעקסייען און בערידזען.

דער צווייטער — אַ ריזיקער יונג — איז געשטאַנען הויך איבערן קאָווער, ווי אַ באַרג. ער האָט אונטערגעפּײַפט דעם זינגענדיקן.

די האָלצהעקער האָבן פאַרענדיקט מיטן ווײַטערדיקן האָלץ און אָנ־געגומען בערידזעס אײַנלאַדונג צו פאַררייכערן. ס'האָט זיך גלײַך פאַר־זאַמלט אַרום די גאַנצע בריגאַדע. עס האָט זיך פאַרבונדן אַ העפטיקער שמועס: די אינזשעניערן האָבן אויסגעפרעגט די האָלצהעקער וועגן דער אַרבעט, וועגן די איניאַנים פונעם באַצירק. יענע האָבן זיך פון זייער זײַט אינטערעסירט מיט די לעצטע באַריכטן פון פראָנט. דער שטומפּנאָזיקער האָט געהייסן פּאַנטאַוו, דער הויכער — שובין. זיי האָבן זיך באַרימט: זיי גיבן דרײַ הונדערט פּראָצענט פּראָדוקציע יעדער איינער.

— דער נאַטשאַלניק פונעם באַצירק, ראָגאָוו, האָט געהייסן דורכ־האַקן אַ וועג — מע דאַרף אים האָבן פאַר אַ דורכגאַנג פונעם באַצירק צום אַדון. גלײַכצײַטיק וועלן מיר פאַרגרייטן געהילץ צו שנײַדן שפּאַלן. איך מיין, אַז מיר וועלן עס באַווײַזן אַפילע אין צוויי טעג, — האָט שובין געזאָגט.

אַלעקסיי האָט גענומען בײַ פּאַנטאַוון די בלישטשענדיקע אָפּגעפּאָ־לירטע זעג.

— אַ גיטאַרע! אַ וואַלס קען מען אַף איר שפּילן, — האָט פּאַנ־טאַוו געזאָגט.

— אַ געווײנלעכע צווייהענטלדיקע, — האָט אים שובין סאָליד אויסגעבעסערט, — מיר האַלטן זי אין אָרדענונג. מיר שמירן זי אַ סך,

פאַרשטייט זיך, מיט קעראָסין און שטעלן אַן אַקוראַט די ציין. די ציין, ווי איר זעט, זײַנען אַ ביסל אײַנגעבויגן, און יעדער פינפטער איז ניט אָנגעשטעלט, גלײַך. נו, באַקומען מיר טאַקע אַ גרויסע נאָרמע פּראָדוקציע. קוקט זיך צו, — האָט ער פאָרגעלייגט די אינזשעניערן. — מיר מאַכן דערפון ניט קיין סעקרעט, ביטע, גיט עס איבער אַף אַ צווייטן אָרט. זעקס הונדערט פּראָצענט וועלן אומעטום צונויף קומען!

שובין האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַק און זי לײַכט אַרײַנגעיאָגט אין שטאַם. דער בוים האָט אַ ציטער געטאָן און, ווי פּראָטעסטירנדיק, זיך צערוישט. אויסגעטעסעט אַ קלין, האָט זיך שובין גענומען פאַרן עק פון דער זעג. די אינזשעניערן האָבן געוואַרט, פאַנטאָוו זאָל אָנהייבן זינגען. און ער האָט אָנגעהויבן זינגען אין אַ נײַעם וואַריאַנט:

העקער, שאַרפט די העק אַ לעצטן מאָל נאָך אַ. איינס... צוויי...
לאָזט זיי ליגן ביז די צײַט פון האַרבסט קומט אָן. איינס... צוויי...
ווען די האַרבסט־צײַט וועט דאָ ווידער בלײַבן שטיין, איינס... צוויי...
נעמט די שאַרפע העק און קומט אַהער צו גיין. איינס... צוויי...

די זעג האָט צאַרט געזומזעט צום טאַקט פונעם כוואַטסקע לידל און טיפער זיך אַרײַנבאַקומען אַנטקעגן דעם אײַנגעהאַקטן אָרט. ווען זי האָט זיך אינגאַנצן אַרײַנגעשניטן אינעם האָלצפלייש, האָט שובין אָנגעדריקט אַפן עק פון דער זעג און העפטיק זי איבערגעדרייט. און זי האָט ווי־דער אויפגעזומזעט, אויפגעקלונגען. דערנאָך האָט פאַנטאָוו אָנגעדריקט אַפן הענטל און געמאַכט אַן אומווענד. די זעג איז געגאַנגען גלײַך, זייער שנעל. אין לעצטן מאָמענט האָט שובין אויסגעדרייט די זעג צו איר ערשטער פּאָזיציע.

— פאַרגעדענק זיך, אַליאָשע, דעם סטאַכאַנאָווישן מעטאָד — ער וועט שפּעטער צונויף קומען, — האָט בערידזע געזאָגט. — פּאָשעט און מיט עפעקט! זיי דרייען ניט אומזיסט די זעג — דערפאַר פאַרשפּאַרט זי זיך ניט באַ זיי. ווען זיי דרייען איבער, באַקומט זיך אין בוים אַ דרײַ־ווינקל, מיטן שפּיץ צום צענטער. זע, ערשט זעגן זיי אים אַראָפ. עס גייט לײַכט און דער שטעקן ווערט ניט קאַליע.

דער אונטערגעזעגטער בוים האָט זיך גענומען בייגן אַף אַ זײַט.

— פאָרזיכטיק, כאַוויירים אינזשעניערן! — האָט פאַנטאָוו הויך אַ געשריי געטאָן.

ביסלעכווײַז איז דאָס פאַלן שנעלער געוואָרן, און דער בוים האָט זיך גלאַטיק און ווייך אַנידערגעוואַלגערט אַפן שניי־אָנשיט. פון דער הייך איז אַף די האָלצהעקער געפאַלן אַ שניי־שטויב.

פאַר מיטיקצײַט האָבן זיך בערידזע און קאָוושאָוו אַרויפבאַקומען אַפן „ווינטער־טראַקט" — אַ ברייטער און גוט אײַנגעפּראָרענער וועג.

עס זײַנען געשטאַנען אַף אים, אָפּגעטראָטן איינס פון אַנדערן צו דרײַ קילאָמעטער, הילצערנע, גראָב־אָפּגעאַרבעטע הײַזקעס — די בלאָק־פּאָסטנס מיט דער סעלעקטאָרישער און טעלעגראַפישער פאַרבינדונג. איבערן ווינטער־טראַקט זײַנען אין ביידע ריכטונגען געלאָפן אויטאָ־מאַשינען מיט רערן און ליידיקע. פערד מיט פאַרפּראַסטיקטע מאָרדעס און זײַטן האָבן געפירט אַ פאַרשיידנאַרטיקע ווירטשאַפטלעכע לאָדונג! היי, טערמאָסן מיט הייסער שפּײַז, האָלץ.

גלײַך באַם וועג האָבן די נאַרטלער דערזען אַ שטעטל, און זיך טײקעף צו דעם פאַרקערעוועט. אַזעלכע שטעטלעך זײַנען אַף דער טראַסע געווען שטיצפּונקטן, אין זיי האָבן געוווינט די בוי־אַרבעטער און זיך באַזאָרגט מיט אַלעם נייטיקן. ס'איז אַ נאַכעס געווען צו זען אין דער טײַגע באַראַקן, אויפגעשטעלט פון פריש געהילץ, אַ בעדל, אַ קיך, אַ קאַנטראָל פאַרן אַרבעט־עלטסטן. אַ באַוועגלעכע עלעקטראָסטאַנציע אונטער אַ דאַך. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער טעסליער האָט נאַרוואָס אויפגעהערט צו קלאַפּן דאָ מיט דער האַק און איז אַוועקגעגאַנגען, געהעריק פאַרקערנדיק נאָך זיך דאָס הובלעכץ.

אין שטעטל איז קימאַט קיינער ניט געווען — אַלע, אָנהייבנדיק פונעם אַרבעט־עלטסטן, זײַנען געווען אַף דער טראַסע, בלויז די קיך־דינערשאַפט און די דיזשורנעס האָבן מעקאַבל־פּאָנעם געווען די אינזשעניערן. אין איינעם פון די באַראַקן זײַנען געלעגן פינף כוילאָים: דרײַ אַף גריפּע און צוויי אָפּגעפרוירענע. די אינזשעניערן זײַנען אַ ביסל געזעסן מיט זיי, געשמועסט. די באַראַקן האָבן אויסגעזען אָרעמלעך, זייער גאַנץ מעבל איז באַשטאַנען פון נאַרעס, אײַזערנע אויוונס און לאַנגע טישן מיט בענקלעך. נאָר ס'איז געווען וואַרעם און זויבער, און בערידזע האָט אַ געשריי געטאָן מיט צופרידנקייט: „מען קען דאָ פולשטענדיק איבערווינטערן! ער איז אַ כוואַט, ראַגאָוו!"

אין דער בעקערײַ פון שטעטל האָבן די אינזשעניערן געגעסן פריש, נאָך הייס ברויט. אין קיך האָט זיך דער קוכער נאַגטיעוו פאַרקלאָגט פאַר זיי, אַז ס'פעלן אויס באַלעבאַטישקייט און מאַכשירים. אויך דאָ האָט בערידזע, דערזעענדיק, אַז סע קאָכט זיך קאַשע און פיש אַף מיטיק (און נאָך וואָס פאַר אַ פיש — קאַרפּ!), אַ געשריי געטאָן: „מ'קען דאָ לעבן!"...

נאַגטיעוו, וועלנדיק פונעם באַזוך פון דער נאַטשאַלסטווע אַרויסבאַקומען אַ טויווע פאַר זײַן באַלעבאַטישקייט, האָט ווײַטער גערעדט: ווען מע וואָלט אים געגעבן אַלץ, וואָס נייטיק איז, וואָלט ער אַבי צוגעגרייט מײַכאָלים, וואָס אין בעסטן רעסטאָראַן וועסטו זיי ניט קריגן! ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט פריִער געאַרבעט אין דעם נאָווינסקער רעסטאָראַן „אַדון", נאָר איז פרײַוויליק געגאַנגען אַף דער בויונג — „צו שפּײַזן די באַרימטע בויער".

בערידזע האָט גאָרניט צוגעזאָגט, אַלץ איז אים וויל געפעלן, און האָט קעסיידער איבערגעכאַזערט:

— מע קען דאָ פולשטענדיק לעבן. די מײַכאָלים זײַנען אויסגעצייכנט.

דעם הויפּט־אינזשעניער האָט זייער דערפרייט דאָס קליינע בעדל מיט די הילצערנע ביטלען און אויך אַזעלכע שעפעלעך. ער האָט באַקומען כיישעק זיך אַרומצווואַשן, און נאָר דאָס מוזן וואַרטן ביז דאָס וואַסער וועט זיך אָנוואַרעמען האָט אים געצווונגען אָפּצולייגן דעם דאָזיקן אײַנפאַל.

ניט ווײַט פון שטעטל האָבן זיך געפונען די נאָך ניט פאַרענדיקטע געבײַדעס פאַר דער אויטאָ־קאָלאָניע: אַ שאָפּע, אַ גרויסער גאַראַזש, אַ צוזאַמענוווינונג פאַר די שאָפערן און מעכאַניקער. ס׳האָט שטאַרק געשמעקט מיט בענזין, שמירעכטס און גומע. די אַרבעטער האָבן אַרומגעשמײַעט אַרום די מאַשינען, וואָס זײַנען געשטאַנען אַף רעמאָנט.

עטלעכע אויטאָמאָבילן מיט צוטשעפּן, באַלאָדענע מיט רערן און ליידיקע, האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי פאַר דער דיזשורנע־בודקע. בערידזע און אַלעקסיי זײַנען אַהין אַרײַנגעגאַנגען. אַרום אַ גליִענדיקן אייוועלע האָבן זיך געוואַרעמט שאָפערן אין פאַרפעצטע האַלבע פעלצלעך.

די פאַרזאַמלטע אַרום אייוועלע, וועלכע זײַנען שטיל געוואָרן באַם אַרײַנקומען פון פרעמדע מענטשן, האָבן ווידער אָנגעהויבן צו שמועסן וועגן דעם פונאַנדערפירן די רערן. זיי האָבן געשאָלטן און איינשטימיק באַשטעטיקט, אַז ס׳איז זיי נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו פירן עפּעס מער אומבאַקוועמערס און שווערערס.

דער דיזשורנע, אַ זעלטן רויט וווקסיק מיידל אין אַ פאַרשפּיליעטער פאַרעמער קורטקע, האָט העפלעך פאַרבעטן די אינזשעניערן זיך אָנצווואַרעמען.

— איר האָט זיך אַ ביסל אָנגעפרוירן? — האָט זי אַ פרעג געטאָן אַלעקסייען, כאַפּנדיק אַ קוק אַף זײַן פּאָנעם.

די מאַטעריאַלן פון דעם באַצירק זײַנען קאָנצענטרירט געווען אַף דער גרויסער באַזע אָפּן ברעג פון אַדון, וווּהין מ׳האָט זיי צוגעשטעלט פון נאָווינסק טיילווײַז מיטן וואַסער בעיס דער נאַוויגאַציע, טיילווײַז שוין מיט דער אײַז־מאַגיסטראַל אַף אויטאָס. ערשט האָט מען באַדאַרפט פונאַנדערפירן די מאַטעריאַלן איבער דער טראַסע, אויסלייגן די רערן אין איין לאַנגע שנור. די בוי־אַרבעטער פון דעם באַצירק זײַנען איצט טאַקע פאַרנומען געווען דעריקער מיט טראַנספּאָרט־אַרבעטן: איין גרופּע האָט קעסיידער פאַרריכט און אונטערגעהאַלטן דעם ווינטער־טראַקט, אַ צווייטע האָט אויפגעלאָדן די רערן און מאַטעריאַלן, אַ דריטע האָט זיי איבערגעפירט אַף מאַשין- און פערד־אַבאָזן.

דאָס פונאַנדערפירן איז געווען די איקערדיקע פּראָדוקציע־אויפגאַבע

פון אַלע באַצירקן, זי האָט ספּעציעל אינטערעסירט בערידזען און קאָוו־שאָוון. די אינזשעניערן האָבן אָפּן גאַנצן וועג פון דער טראַסע ניט אַראָפּ־געלאָזט קיין אויג פון קיין איין שטויס מאַטעריאַלן, פון קיין איין רער. דערפאַר האָבן זיי ערשט, באַקענענדיק זיך מיט די שאָפערן, אַרײַנגעמישט זיך אין זייער שמועס.

— ס'איז באַ אײַך ניט בעסער, איידער אָפּן פערטן באַצירק. ס'איז אומעטום די זעלבע געשיכטע, — האָט אַלעקסיי דערציילט. — אַ סאַך רערן, צעוואָרפן באַם וועג אין אומאָרדענונג. מע טרעפט קעסיידער אַן אַזעלכע. מען זעט זעט בעפּיירעשע, אַז די רערן זײַנען איבעריקע, אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אָדער צוליב אַן אָוואַריע, אָדער צוליב נאַכלאַזיקייט פונעם שאָפער. ס'איז בעעמעס אַן אומגליק, כאָווײַרים! לויט מײַנע כעשבוינעס זײַנען אַף אײַער באַצירק ניט ווייניקער פון אַ דריטל רערן אַראָפּגעוואָרפענע. מען מוז עפּעס צוטראַכטן, אויב ניט וועלן מיר זיך פאַר־פּלאָנטען אינעם כעשבן און זיי קעסיידער שלעפּן פון איין אָרט אָפּן אַנדערן.

— עס פאָדערט זיך מער שטרענגקייט צו די שאָפערן, — האָט ערנסט אַ זאָג געטאָן דאָס דיזשורנע־מיידל, מוסיאַ קוטשין. — גיט זיי פּוטער צו פירן — וועלן זיי, נישקאָשע, ניט אַראָפּוואָרפן אָפּן וועג. זיי האָבן איידעלע הענט: עפּעס וואָס איז ניט אַזוי — אַראָפּגעוואָרפן די רערן פון מאַשין, און פאָטער אַן אייסעק!

— מען דאַרף ניט באַריידן אַלע! — האָט מוסיאַן דערווידערט דער שאָפער סאַלנצעוו. ער האָט געהאָט אַן אויסדריקלעך פּאָנעם מיט אַ גרויסער נאָז און פאַרטראַכטע, אַ ביסל אַרויסגעשטאַרצטע אויגן. — עס זײַנען זיכער, פאַראַן צווישן אונדז פאַרשיידענע מענטשן, נאָר די הויפּט־סיבע איז — די אומגעלומפּערטע לאָדונג. אַ ליאָדע וואָס, און דו ליגסט שוין אין ראָוו. נו, מוז מען די רערן אַראָפּוואָרפן.

דאָס פונאַנדערפירן האָט ניט אומזיסט באַאומרויִקט די אינזשעניערן, ניט אומזיסט האָבן זיך די שאָפערן געקלאָגט דערויף. אַף יעדן קילאָמעטער פון דער טראַסע איז נייטיק אויסצוציִען אין איין שנור ביז אַ הונדערט רערן פון עלף מעטער די לענג און צו איין טאָן די וואָג יעדע איינע. צו פירן איז אויסגעקומען אַף אַ ווײַטן מעהאַלעך. דערפירן אַזאַ לאָדונג צום אָרט איז מעגלעך געווען נאָר איבער גוטע וועגן. אָבער קיין זומער־וועגן האָבן די בוי־אַרבעטער נאָך ניט געהאַט.

די אָנפירער פון דער בויונג האָבן געשטעלט די אויפגאַבע פאַר די באַצירקן זייער שאַרף: אָדער זיי וועלן ערשט, אום ווינטער, צעפירן די רערן איבער דער אײַז־מאַגיסטראַל און די באַצירק־וועגן — און דעמאָלט וועט זיך דאָס שווייסעווען פון דער נאַפטלייטונג אָנהייבן אַן אָפּהאַלט אָנהייב פרילינג; אָדער דאָס וועט זיך ניט אײַנגעבן, ס'וועט קומען דער פרילינג און די בלאָטעס, ס'וועט געפאַטערט ווערן אַ סאַך צײַט אַף צו

בויען די זומער־וועגן, און אַף אויפצושטעלן די נאַפּטליייטונג גופא וועט ניט קלעקן, ניט קיין קויכעס, ניט קיין צײַט.

— איך זאָג ניט, אַז ס'איז לײַכט צו פירן די רערן. איך זאָג, אַז איר, די שאָפערן, באַמיט זיך צו פאַרלײַכטערן זיך די אויפגאַבע, ווען מען טאָר עס ניט טאָן, — האָט זיך מוסיאַ געאַמפּערט מיט די שאָפערן.

— פון צווישן אײַך פּילט איין מאַכאָוו אויס די נאָרמע, דאָס ווייס איך בעסער, ווי ווער עס איז עמעץ אַנדערש. פאַר די לעצטע דרײַ טעג האָבן זיך באַ אים בלויז צוויי רייסן פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל. און וויפל האָסטו, סאַלנצעוו, ניט דערפירט רערן? איר האָט אַלצאיינע מאַשינען, און די אַרבעט איז אַ פאַרשיידענע. פאַרוואָס?

מוסיאַ האָט מיט אַ בעפיירעשער סימפּאַטיע אַ קוק געטאָן אַפן שאָ־פער מיט די טונקל־בלויע אויגן, וועלכער איז געזעסן באַם פענצטערל.

— פרעג דו אַליין באַ מאַכאָוון, פאַרוואָס ער איז אַזאַ באַר־מאַזל.

— האָט סאַלנצעוו געענטפערט דעם מיידל. — מיר דוכט זיך, אַז דו ביסט מיט אים בלאַט און פאַררעכנסט אים די אַראָפּגעוואָרפענע רערן. ער וואָרפט אַראָפּ, און דו פאַררעכנסט סײַווי, אַז ער האָט דערפירט צום אָרט.

די שאָפערן האָבן זיך צעלאַכט.

— נו, נו, סאַלנצעוו, אָן פערזענלעכע באַליידיקונגען, — האָט רויִק און שטיל אַ זאָג געטאָן מאַכאָוו.

— עפּשער שרײַב איך טאַקע צו. באַווײַז — ווערסטו זײַן גערעכט!

— האָט דאָס מיידל שטיפעריש אַ בליץ געטאָן מיט די אויגן.

— ווי איז באַ אײַך ווירקלעך אָרגאַניזירט דער קאָנטראָל פון דער־פירטע און ניט דערפירטע רערן? — האָט בערידזע אַ פרעג געטאָן מוסיאַן.

— אַף יעדע דרײַ קילאָמעטער שטייט אַ בלאָקפּאָסטן, לעבן אים — אַ קאָנטראָליער, וועלכער גיט אַכטונג אַפן איבערפירן און ביכלאַל אַפן גאַנצן באַלעבאַטישקייט אין די גרענעצן פון זײַנע דרײַ קילאָמעטער. די קאָנטראָליערן פאַרצייכענען יעדע מאַשין גלײַך ווי דער דיזשורנע פון דער באַוועגונג. דער שאָפער באַקומט די רערן אַף דער באַזע און דאַרף זיי צושטעלן צום לעצטן שטאַבעל. אויב ער וואַרפט אַראָפּ די רערן — וועט זיי דער קאָנטראָליער גלײַך באַמערקן. דערנאָך טיילן זיך אַלע קאָנ־טראָליערן מיט, ווער וויפל ס'האָט דערפירט, וויפל אַראָפּגעוואָרפן.

— שוין איינמאָל אַן אָרדענונג, ווערסט זיך בעשום אויפן ניט אַרויס־דרייען! — האָט זיך סאַלנצעוו צעלאַכט. — אונדזער אינזשעניער, פריי־ביטקאָוו, האָט זי אײַנגעשטעלט — אָך, ער איז אַן אַקוראַטנער דער אַל־טער. אויב עמעצער וויל זיך אַרויסדרייען, דאַרף ער קענען זיך פריִער דעררייִדן סײַ מיט מוסיאַן, סײַ מיט די קאָנטראָליערן, און מיט זיי ווערסטו דען עפּעס אויפטאָן?

מאַכאָוו האָט אַ קוק געטאָן אַפן האַנט־זייגער, זיך אויפגעהויבן:

— אָנגעוואָרעמט זיך, כאַווײרים, איז גענוג. מיר פאָרן.

דער שאָפער האָט, אַרויסגייענדיק, געוואָרפן אַ צערטלעכן בליק אַף מוסיאַן. זי האָט אים געענטפערט מיט אַ שמייכל.

סאַלנצעוו האָט פאַרגעלייגט די אינזשעניערן צוצופירן זיי צו דער באַזע — ער מיט מאַכאָוון האָבן זיך אומגעקערט „מיט ליידיקן". בעריִדזע איז אַרײַנגעקראָכן אין זײַן קאַבינע, אַלעקסיי — צו מאַכאָוון.

— ס'איז אַ צאָרע מיט די דאָזיקע רערן, כאָווער מאַכאָוו! — האָט אַלעקסיי אָנגעהויבן. — וויפל אַגמעס־נעפּעש! — דער הויפּט־אינזשע־ניער האָט ריכטיק געזאָגט: אויב מיר וועלן ביז פרילינג אויסלייגן די רערן אין אַ שנור, — קען מען רעכענען, אַז מ'האָט געמאַכט אַ האַלבע נאָפּטלייטונג.

— כ'ווייס ניט ווי ערגעץ אַנדערש, נאָר אָפּן פינפטן באַצירק וועלן די רערן זײַן פונאַנדערגעפירט, — מאַכאָווס ווערטער האָבן געקלונגען זיכער און אָן רימערײַ.

די מאַשין איז געלאָפן פאַרבײַ אַ קעסיידערדיקער ליניע רערן, וואָס זײַנען געלעגן איינע הארט לעבן דער צווייטער, אַ קילאָמעטער די לענג. אַלעקסיי האָט געקוקט אַף דער דאָזיקער שוואַרצער שנור איבערן שניי מיט פריילעך געוואָרענע אויגן:

— ס'וואָלט זיך וועלן זען אַזאַ וווּרשט ביז צום סאַמע אינדזל!

— ביז צום אינדזל איז אַ ביסל ווײַטלעך! — האָט זיך אָפּגערופן דער שאָפער. — דאָס איז אַ מעכטיקע מאַכינע די נאָפּטלייטונג!

— עך, ווידעראַמאַל! — האָט אַלעקסיי אַ געשריי געטאָן מיט ער־גערניש, דערזעענדיק אין אומאָרדענונג אַראָפּגעוואָרפענע רערן לעבן אַ שטאַבעל. — זאָגט מיר, כאָווער מאַכאָוו, מיט וואָס פאַר אַ כאַכמע דער־פירט איר עס אַלע רערן אַף די ערטער? פאַרוואָס גיט זיך עס אײַך אײַן, און די אַנדערע ניט?

— ס'איז ניט קיין גרויסע קאָמבינאַציע, — האָט מאַכאָוו געענט־פערט. ער האָט געקוקט פאַרויס און אונטערגעשמייכלט. — איך האָב אויך ניט ווייניקער אַראָפּגעוואָרפענע רערן, איידער סאַלנצעוו, נאָר איך האָב אָפּגעמאַכט מיט מוסיאַן און מיט די קאָנטראַליערן.

אַלעקסיי האָט אָנגענומען דעם שאָפערס ווערטער פאַר אַ שפּאַס. מאַכאָוו איז אים געפעלן געוואָרן מיט זײַן זיכערקייט, מיטן קלוגן בליק און מילדן אויסזען.

— איר פירט שוין לאַנג אָן מיט אַ מאַשין?

— אַ יאָר פינף. נאָכן ענדיקן אַ צענקלאַסיקע שול בין איך אַוועק אין גאַראַזש. ס'איז, עמעס, געווען אָן איבערברײַס — איך האָב אַ נייגונג צו מוזיק, בין איך פאַריקן יאָר אַרײַנגעטראָטן אין אַ מוזיק־שול, אָנגע־הויבן שפּילן אין שטאָטישן אָרקעסטער. כ'בין אַ בלאַגאָוועשטשענסקער, דאָרט אויסגעוואָקסן און געלערנט.

— פאַרוואָס־זשע האָט איר געוואָרפן די מוזיק,

— אין אַרמיי האָט מען מיך ניט גענומען צוליב די פּלאַטפיס. און אין אָרקעסטער האָב איך ניט געקענט אַרײַנזײַן. ס׳איז אַ בעזאָיען צו לויפן מיט די פינגער איבער די קלאַווישן פון דער האַרמאָניע און בלאָזן אין טרומייט, ווען כאַוויירים שטעלן אײַן דאָס לעבן אַף דער מילכאָמע. אַף דער בויונג האָט מיך געשיקט דער שטאָטקאָם פון דעם קאָמיוג. מ׳האָט דעמאָלט געזאָגט: האַגאָם, הייסט עס, ס׳איז ניט דער פראָנט, איז עס אָבער ווי אַ שלאַכט — פאַר נאַפט. איך בין ערשט געפאָרן איבער די דאָזיקע ווינטערדיקע וועגן, זיך אָנגעמאָטערט, געשלעפּט די מאַשין אַף די פּלייצעס און זע אַליין — ס׳איז ענלעך אַף אַ פראָנט...

— איר ווייסט, כאַווער מאַכאַוו, מיר איז אײַנגעפאַלן אַן אידעע — ענדערן דעם אויפן פון פונאַנדערפירן די רערן, — האָט פלוצים אַלעקסיי אַ זאָג געטאָן. — אָט לאָמיר זיך באַראָטן צי ס׳וועט טויגן, אָדער ניט ביז הײַנט האָט מען אַף די באַצירקן געפירט די רערן „פון זיך”, ד״ה פונעם סקלאַד ביזן נאָענטן אָרט, ווו מע דאַרף אויסלאָדעווען, זיך אַלץ דערווײַטערדיק. באַם דאָזיקן אויפן האָבן זיך די רערן אין יעדן פאַל פון „ניט דערפירן” אָדער געצווונגענעם אויסלאָדעווען זיי פאָרן באַשטימטן אָרט, אַרויסגעוויזן פאַר איבעריקע, ווײַל דאָרט זײַנען שוין געלעגן די רערן, וואָס מ׳האָט פריִער געבראַכט. אַלעקסייען איז אײַנגעפאַלן צו פירן די רערן „אַף זיך” — צושטעלן זיי ביזן סאַמע ווײַטסטן עק און דערנאָך פאַמעלעך פאַרקירצערן די רייסן, זיך דערנענטערנדיק צו דער באַזע, ווו די רערן זײַנען אויפגעלאָדעוועט געוואָרן אַף אויטאָ־מאַשינען. באַם דאָזיקן אויפן האָט יעדעס געצוווּנגענע אויסלאָדעווען נעענטער פונעם ווײַטסטן באַשטימטן אָרט ניט דערפירט צו קיין אומזיסטיקער אַרבעט: די רערן האָבן זיך געפונען דאָרט, וווהין מ׳האָט זיי באַדאַרפט צופירן אין די קומענדיקע רייסן.

— אויסגעצייכנט! — האָט מאַכאַוו געזאָגט אַף אַ קאָל, אַ קוק טוענדיק פאַרכידעשט אַף אַלעקסייען.

— ריכטיק? מע דאַרף אויספּרווון. לאַגיש איז דאָס אַלץ ריכטיק.

— מע דאַרף ניט אויספּרווון, מ׳האָט שוין אויסגעפּרווט, — האָט מאַכאַוו געענטפערט, ניט אויפהערנדיק זיך צו כידעשן.

— ווו האָט מען אויסגעפּרווט? ווער?

— נו, איך טאַקע! דעם דריטן טאָג שוין פיר איך די רערן נעמלעך אַף דעם אויפן, ווי איר זאָגט, „אַף זיך”. אויסטערליש, וואָס איינער און דער זעלביקער געדאַנק איז אײַנגעפאַלן פאַרשיידענע מענטשן. שטעלט זיך פאָר, אַז אויך איך האָב דעם דאָזיקן אויפן אַ נאָמען געגעבן פירן „אַף זיך”.

— ערנסט? — האָט זיך אַלעקסיי פון זײַן זײַט פאַרכידעשט. — פאַרוואָס־זשע האָט איר דאָס ניט, מײַן ליבער, אויפגעקלערט די כאַווירים? ס׳איז אײַך אַ שאָד, צי וואָס?

— ניין, וואָס איז דאָ פאַראַן צו זשאַלעווען! זעט איר, דאָס איז אַזוי געשען... ווען ס'איז מיר אײַנגעפאַלן די דאָזיקע אידעע, האָב איך זיך טייקעף באַראָטן מיט פּאַלישטשוקן, אונדזער טראַנספּאָרט־נאַטשאַלניק. אים איז מײַן פאָרשלאָג ניט געפעלן געוואָרן. ס'איז אויסגעקומען צווייפלהאַפט, וואָס מע דאַרף טרײַבן די מאַשינען ביזן עק באַצירק, ווען אין דער נאָענט זײַנען נאָך קיין רערן ניטאָ. דאָס פונאַנדערפירן האָט מען דאָך אָנגעהויבן ערשט ניט לאַנג, קוים־קוים אײַנגעשטעלט דעם סיידער פון דעם קאָנטראָל, און פלוצים דאַרף מען אַלץ צעברעכן! ער האָט מיר קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

— און דעמאָלט האָט איר אָפּגעמאַכט מיט מוסיאַן און די קאָנטראָליערן? — האָט זיך אַלעקסיי צעלאַכט.

— ריכטיק. כ'האָב געוואָלט נאָך אַ צוויי־דרײַ טעג פירן אַזוי, בישטיקע, קעדיי בעסער צו קאָנטראָלירן, און דערנאָך שוין אַלעמען אויסזאָגן. העיוויס דער אייגענער געדאַנק איז אויך אײַך אײַנגעפאַלן, לייגט איר עס פאַר ראַגאָוון און פּאַלישטשוקן. פאַר מיר איז אַפילע באַקוועמער צו בלײַבן אין שאָטן, פּאַלישטשוק וועט מיר ניט מוחל זײַן מײַן אייגנוויליקייט.

— שטוסים! פאַרקערט, מע קען האָבן אַ פּרעטענזיע צו פּאַלישטשוקן, פאַרוואָס ער האָט זיך ניט באַמיט צו פאַרשטיין אײַער פאָרשלאָג. מיר וועלן אײַנפירן דעם מעטאָד פון פירן „אָף זיך" אומעטום, און זאָל נאָר עמעץ פּרוּוון זיך קעגנשטעלן!

געקומען אָף דער באַזע, האָבן זיך די אינזשעניערן צעזעגנט מיט מאַכאָוון און סאַלנצעוון. די שאָפערן האָבן אָנגעהויבן אויפלאָדעווען אַ ווײַטערדיקע פּאַרטיע רערן אָף די מאַשינען. קאָוושאָוו און בערידזע האָבן זיך געלאָזט ווײַטער אין וועג. אַלעקסיי האָט מיט ברען דערציילט בערידזען וועגן מאַכאָווס פאָרשלאָג. בערידזע האָט גלײַך אָפּגעשאַצט זײַן ווערט.

— דער מעטאָד „אָף זיך" וועט שטאַרק אַ שטויס טאָן די זאַך, אַט וועסטו זען, — האָט ער באַשלאָסן. — איר זײַט ביידע כוואַטן.

ערגעץ אָף רעכטס הינטער ביימער איז געשטאַנען פאַרבאָרגן אַ האָלץ־זאַוואָד. ס'האָט זיך פון דאָרט דערטראָגן אַ ריטמישער קלאַפּ פון אַ מאָטאָר, ס'האָבן דורכנעמענדיק געזונגען און געגרילצט זעגן, צעשנײַדנדיק קלעצער. בערידזע האָט זיך אײַנגעהערט, זײַן פּאָנעם האָט אויפגעשײַנט.

— אַן אָנגענעמע מוזיק! בעסער פון מאָצאַרטס! ווי מיינסטו, אַליאָשע?

— אַן אָוואַריע, געאָרגי, זעסט! — האָט יענער אַ געשריי געטאָן. פאַרויס באַם פאַרדריי פונעם ווינטער־טראַקט, האָט אַ לאַסט־אויטאָ מיט רערן פאַרטשעפּעט מיטן ראַנד פונעם צוטשעפּ די קאַבינע פון אַן

אַנגעפּאַרענעם אויטאָ. זיי האָבן זיך ביידע אויסגעקערעוועט און פּאַר־צוימט דעם וועג. די שאָפערן זײַנען אַרויסגעשפּרונגען פון די קאַבינעס, האָבן אָנגעהויבן אַ געקריגערײַ. אָפן ווינטער-טראַקט האָט זיך געשאַפן אַ פאַרשטאָפּונג: עס זײַנען צוגעפאָרן און זיך אָפּגעשטעלט פרישע מאַ־שינען, צווישן זיי האָט זיך געפּרוווט אַדורכבאַקומען אַ שליטן־אַבאַז.

אין דער מעהומע האָט מען ניט טייקעף דערזען, אַז אין דער קאַ־בינע פונעם צעקאַליעטשעטן אויטאָ ליגט אַ צעשלאָגענער דער געהילף־שאָפער. ענדלעך האָט עמעצער דערהערט קרעכצן. אַ גאַנצע כאַפּטע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום געליטענעם, אַלע האָבן זיך גענומען מיט היץ און ברען אַראָפּוואַרפן די רערן פונעם פּריטשעפּ. איינע פון די רערן האָט געטאָן אַ פאַל אַראָפּ אָפן וועג און זיך אַ קײַקל געטאָן אָפן שליטן־אַבאַז, וואָס האָט געוואַרט אָף דער מעגלעכקייט דורכצופאָרן. די פערד, דערשראָקן פון דעם שוואַרצן אומגעהײַער, וואָס קײַקלט זיך אָף זיי, האָבן אָנגעהויבן סאָפּען, זיך אַ ריס געטאָן און געשטעלט דיבאָם. ס׳האָט זיך דערהערט דאָס טראָסקען פון די שליטנס, וואָס ברעכן זיך.

די צוגעלאָפענע אינזשעניערן האָבן זיך גלײַך אַרײַנגעמישט, אַלעק־סיי האָט באַפוילן אָוועקפירן די פערד. בערידזע האָט עפּעס געזאָגט די שאָפערן.

— באַרד, אָדער וואַרף אָוועק די נאַרטעס און נעם זיך צו די רערן, אָדער ריין אויס פון דאַנען! — האָט אים געענטפערט אַ פאַרביטערטער שאָפער.

— שוין זאָל אַ סאָף נעמען צו דער אומאָרדענונג! שטעלט אָוועק געהעריק דעם צוטשעפּ און לאָדעוועט צוריק אויף די רערן! — האָט בערידזע אַ געשריי געטאָן, וואַרפנדיק די נאַרטעס.

— ווער ביסטו דאָס אַזעלכער, וואָס דו גיסט אַרויס באַפעלן? — האָט זיך דער שאָפער אויפגעקאָכט.

— דאָס איז דער הויפּט־אינזשעניער, שרײַט ניט אָף אים! — האָט איצט ווידער אַלעקסיי אַ געשריי געטאָן און צוגעשמייכלט דער אייגענער פראַזע, וואָס האָט זיך אים אומדערוואַרט אַרויסגעכאַפּט. — נו, כאַווײרים, פירט פונאַנדער אײַערע מאַשינען. לאָמיר אָוועקשטעלן אָפן אָרט דעם דאָזיקן שרײַערס צוטשעפּ און אַרויפלייגן די אָנלאָדונג. זאָל ער זי פאָרט דערפירן ביז צום אָרט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך די באַוועגונג אָפן וועג צוריק אײַנגעשטעלט.

— אַ שאָד דער באָכער, נאָך גאָר אַ יונגער, — האָט אַלעקסיי גע־זאָגט. — ס׳האָט אים שטאַרק צעקאַליעטשעט.

— אונדזערע אָווײדעס, — האָט בערידזע אומעטיק אָפּגעזיפצט.

— די שלאַכט פאַר דער נאַפטלייטונג גייט אויך ניט דורך אָן קאָרבאַנעס, אַליאָשע...

אַלעקסיי האָט באַטראַכט דעם פאַרשנייטן אָנגעכמורעטן וואַלד לענגאויס דעם וועג און זיך פאַרגעשטעלט אין געדאַנק מיטיאַן, ווי ער קריכט צו אַ הילצערנעם בריק, מיט אַ גראַנאַט אין דער האַנט. פאַרן אַרויסמאַרשירן פון נאַווינסק האָט קאָווּשאָוו צוגעגרייט אַ פעקל (קאָנ־סערוון, וואַרעמע זאָקן, מאַכאָרקע — דאָס ברודערל האָט זיך שוין אָוואַ-דע אויסגעלערנט רייכערן!) און עס געגעבן זשעניע קאָזלאָוואַן, זי זאָל עס אָוועקשיקן אין שול.

— אַ שאָד דער באָכער, — האָט אַלעקסיי איבערגעכאַזוערט.

— מען קען קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווי טרויעריק סטאַלין האָט וועגן דעם גערעדט, — האָט בערידזע, וועלכער האָט אויך געטראַכט וועגן די מילכאָמע־קאָרבאָנעס, אַ מורמל געטאָן.

קאַפּיטל צוויי

ראַגאָווס שטאַב

ביז טיוולין — אַ נאַנאַישער יישעוו, ווו ס'האָט זיך אײַנגעקוואַרטירט ראַגאָוו מיט זײַן שטאַב — איז איבערגעבליבן אַ פינף קילאָמעטער. די אינזשעניערן האָבן זיך געלאָזט צום נאָענטסטן בלאָקפּאָסט זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען און געוואָר ווערן, ווו ראַגאָוו געפינט זיך. דער דעזשורנע־סעלעקטאָריסט איז אויפגעשפּרונגען און זיי מיליטעריש באַגריסט, ווי נאָר זיי זײַנען אַרײַנגעקומען.

— וועמען סאַלוטירט איר? — האָט בערידזע אַ פרעג געטאָן.

— דעם הויפּט־אינזשעניער און זײַן פּאַרטרעטער, — האָט דער דיזשורנע רירעוודיק געענטפערט. — מיר און דער גאַנצער באַצירק שפּירן אײַך שוין לאַנג נאָך. אונדזער נאַטשאַלניק דערוואַרט אײַך אין שטאַב. מ'האָט אים נאָרוואָס מיטגעטיילט דורכן סעלעקטאָר, ווי איר האָט זיך אָפּגערעכנט מיט די שאָפערן.

דער דיזשורנע האָט זיך אײַליק אויסגעדרייט צום אַפּאַראַט און אָנגעטאָן די הער־רערלעך.

— לאָזט מיר אַ שמועס טאָן מיט ראַגאָוון, פאַרבינדט, — האָט געאָרגי דאַווידאָוויטש געזאָגט.

— ס'וועט אויסקומען צוצוואַרטן, כאָוער בערידזע: דער באַלעבאָס רעדט מי״ט אים.

— וואָסער באַלעבאָס?

— נו, באַטמאַנאָוו.

לויט דער זשעדנעקייט, מיט וועלכער דער דיזשורנע האָט זיך אײַנגעהערט, און לויט זײַן שמייכל האָט בערידזע פאַרשטאַנען, אַז ס'קומט פאָר אַ טשיקאַווע געשפּרעך. ער האָט גענומען אַ צווייטע פאָר הער־רערלעך.

— איך פרעג אײַך, כאָווער ראַגאָוו, — האָט אינעם רערל געראָשט באַטמאַנאָווס שטים: פאַרוואָס האָט איר ניט אויסגעפירט מײַן פאַראָרדענונג?

— יאָ, וואַסילי מאַקסימאָוויטש... האָט זיך אָפּגערופֿן ראַגאָווס שטים.

— וואָס „יאָ" ? — האָט באַטמאַנאָוו איבערגעריסן. — לאָמיר אָנ־הייבן דעם שמועס איבעראַנײַס: איר האָט אייגנוויליק איבערגעכאַפּט צען אויטאָ־מאַשינען, וועלכע זײַנען געשיקט געוואָרן פֿאַרן זיבעטן באַ־צירק. איך האָב באַפֿוילן זיי גלײַך אומצוקערן. ווו זײַנען זיי ?

— וואַסילי מאַקסימאָוויטש, איך בין דאָך ניט שולדיק, וואָס אָפּן זיבעטן באַצירק אײַלט מען זיך ניט זיי צוצונעמען. זיי שיקן ניט צו זייערע מענטשן.

— נאַרט מיך ניט אָפּ, ראַגאָוו! פֿאַר מיר שטייט דער מענטש, וועלכן מ'האָט נעכטן געשיקט צו אײַך נאָך די מאַשינען. ער האָט אײַך ניט געקענט אויפֿזוכן, האָט געפּאַטערט דערויף דעם גאַנצן טאָג. אַ צור־פֿאַל, אַ רעטעניש!

בערידזע האָט שטאַרקער צוגעדריקט די הער־רערלעך. דער דיזשור־נע האָט געהערט אַזוי אויפֿמערקזאַם, אַז אַפֿילע די ליפּן האָבן זיך באַ אים באַוועגט מאַכמעס דענערווירטקייט.

— איז וואָס בין איך דאָ שולדיק! מען דאַרף ניט שיקן קיין מענטשן אָן טאַלק!

— נו, גענוג, ראַגאָוו! מאַכט מיך ניט פֿאַר קיין נאַיִוו ייִנגל. איך פֿאַרשטיי דאָך אויסגעצייכנט, פֿאַרוואָס ער האָט אײַך ניט געפֿונען. באַט־מאַנאָוו, זאָל עס הייסן, וועט זיך ניט דערוויסן, און איך וועל דערווײַל אָף די מאַשינען אַ פֿאַר טאָן אַ צוויי־דרײַ מעסלעס, פֿונאַנדערפֿירן אַ הונ־דערט — צוויי הונדערט רערן.

— איר באַשולדיקט מיך אומזיסט, וואַסילי מאַקסימאָוויטש!

— כאַוועט ראַגאָוו! — האָט אַ קלונג געטאָן באַטמאַנאָווס שטים. — באַמיט זיך צונויפֿצונעמען די מאַשינען און מאָרגן ברענגט זיי פּער־זענלעך צו פֿירן אָפּן זיבעטן באַצירק.

— פֿאַרוואָס־זשע פּערזענלעך ? כ'האָב אָן דעם אויך גענוג אַרבעט...

— כ'האָב געזאָגט... איבערכאַזערן וויל איך ניט!

— איך הער!

— מער זאָל אַזעלכעס ניט געשען! איך וויל אײַך דערמאָנען אַ גע־וויסע ניט אָנגענעמע געשיכטע מיט פֿיש.

— וואַסילי מאַקסימאָוויטש, ס'הערן אײַך מײַנע אונטערגעאָרדנטע.

— איר האָט מוירע, כ'זאָל ניט אונטערדרײַסן אײַער אויטאָריטעט ?

האָט קיין מוירע ניט. קיינער וועט אײַער אויטאָריטעט ניט אונטער־רײַסן, אויב איר אַליין וועט אים ניט דערנידעריקן. און דערמיט, וואָס איר כאַפּט איבער פֿרעמדע מאַשינען און שטעלט אונטער אַ פּיסל די כאַווי־רים, וועלכע שטייען נאָך דערצו מיט אײַך אין געווער, — דערמיט האָט איר ניט מוירע אַרונטערצורײַסן אײַער אויטאָריטעט ?

— וואַסילי מאַקסימאָוויטש, איך בעט אײַך נאָכאַמאָל... מיר זײַנען ניט אַליין.

— גוט, מיר וועלן שמועסן צווישן זיך. — נאָך אַ קורצער פּויזע האָט באַטמאַנאָוו שאַרף אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: — אַלע, וועלכע זײַנען אַף דער ליניע, — גייט אַוועק פון די אַפּאַראַטן!

דער דיזשורנע האָט אײַליק וועקגעלייגט דאָס רערל און אָפּגעגאַנגען צום פענצטער. בעריידזען האָט עס אויפגעהײַטערט, ער האָט אַ ווונק געטאָן אַלעקסייען, ער זאָל אָנטאָן די הער־רערלעך.

— איך בעט אײַך אַפּלייגן דעם שמועס, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, — האָט ראַגאָוו גערעדט — מען הערט אונדז סײַווי.

— זאָל מען הערן, אויב עס זײַנען דאָ אַזעלכע געוויסנלאָזע מענטשן. בערידזע און קאָווש‎אָוו האָבן זיך צעשמייכלט. אַלעקסיי האָט מיט איין האַנט אונטערגעהאַלטן די הער־רערלעך און מיט דער צווייטער זיך אַרומגעטאַפּט דאָס לײַכט אָפּגעפּרוירענע פּאָנעם. אין דער וואַרעם איז עס רויט געוואָרן, האָט אָנגעהויבן אויפּשווילן און געברענט.

— איך קען זאָגן אײַערע אונטערגעאָרדנטע, — האָט באַטמאַנאָוו ווײַטער גערעדט, — אַז איך שעץ זייער נאַטשאַלניק, ער איז אַן ענערגישער און געניטער אָנפירער. נאָר גלײַכצײַטיק דערלויבט ער זיך אַף אַנאַרכישע האַנדלונגען, וואָס זײַנען ניט דערלאָזלעך. איך בין אַפילו גענייגט אָנצורופן די דאָזיקע האַנדלונגען פּיראַטערײַ אַף אונדזער אײַזמאַגיסטראַל.

— וואַסילי מאַקסימאָוויטש, איר באַליידיקט מיך! — האָט ראַגאָוו אַ געשריי געטאָן.

— און איר מיך האָט שוין באַליידיקט! — האָט זיך גלײַך אָפּגערופן באַטמאַאָוו. — האָט איר וועגן מיר געטראַכט, ווען איר האָט זיך באַשלאָסן אַף דער אַוואַנטורע ניט שוין־זשע האָט איר געמיינט, אַז איך וועל שאַלעם מאַכן מיט אַזעלכע זאַכן? — באַטמאַנאָוו האָט געשוויגן אַ רעגע און דערנאָך ווײַטער גערעדט, שוין רויקער: — יאָ, איז וועגן די פּיש. איך האָב ניט געגלויבט, ווען מ'האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט געהאַט אַ שײַכעס צום דאָזיקן איניען. איצט האָב איך אָנגעהויבן גלייבן. דאָס איז אַלץ. די געשיכטע מיט די מאַשינען וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

— כאָווער נאַטשאַלניק, איך דאַרף זיך גלײַך מיט אײַך זען. איך פאָר צו אײַך. איר דערלויבט? — האָט זיך ראַגאָוו געבעטן.

— איך דערלויב ניט. דאָס געשפּרעך איז געענדיקט. באַמיט זיך אויסצופירן מײַן פאַראָרדענונג. און ניט פאַרבײַטן די גוטע מאַשינען אַף שלעכטע.

— וואַסילי מאַקסימאָוויטש! — האָט ראַגאָוו אויסגעשריגן פאַר־

צווייפלט, נאָר דאָס געשפּרעך האָט זיך איבערגעריסן. ס'האָט זיך געהערט, ווי ראַגאָוו האָט אָפּגעזיפצט און אַ קריץ געטאָן מיט די ציין.

די אינזשעניערן האָבן זיך אָנגעהויבן צו אײַלן קיין טיוולין אין דער מוירע ניט צו טרעפן ראַגאָוון אָפן אָרט. אין וועג האָט בערידזע געשאָקלט מיטן קאָפּ, דערמאָנענדיק זיך דעם געשפּרעך דורכן סעלעקטאָר.

— דו ווייסט ניט, וואָס דאָס איז פאַר אַ געשיכטע מיט פיש ? — האָט אַלעקסיי געפרעגט.

— איך ווייס... זאַלקינד האָט וועגן דעם דערציילט אין מײַן בײַזײַן באַטמאַנאָוון. פאַר צוויי־יאָרן איז ראַגאָוו געווען דירעקטאָר פון אַ פיש־זאַוואָד באַם אייבערשטן לויף פונעם אַדון. אין דער צײַט ווען ס'גייט דער לאַקס, האָבן זיך עטלעכע דאָרטיקע דירעקטאָרן פאַראייניקט און אויפגעשטעלט עפּעס אַן אײַנריכטונג אַרײַנצוטרײַבן די פיש אין זייערע פאַנג־פּלעצער. מיט אַזאַ מעטאָד האָבן זיי גלײַך אויסגעפילט צוויי יאָר־פּלענער. דערבײַ האָט מען אַ סאַך לאַקס איבערגעשראָקן, און די פיש זײַנען אַרײַן אין טײַך. צוליב דעם זאָלן די פיש־זאַוואָדן באַם אייבערשטן לויף פונעם אַדון ניט האָבן געקענט אויספילן דעם פּלאַן.

— אַ מיִעס שטיקל אַרבעט ! ניט שוין־זשע זאָל ראַגאָוו פעִיק זײַן אַף אַזעלכעס ? — האָט זיך אַלעקסיי געוווּנדערט. — עס גלייבט זיך עפּעס ניט.

— די כיטרע פישער האָבן געהאַט אַ פּראָצעס. מען האָט זיי באַשטראָפט. נאָר ראַגאָוו האָט דערוויזן, אַז ער האָט קיין שײַכעס ניט צו דער דאָזיקער געשיכטע און איז געווען קעגן איר. ווען זאַלקינד האָט וועגן דעם דערציילט, האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט אין דעם זין, אַז ראַגאָוו איזווירקלעך אומשולדיק.

דער ווינטער־טראַקט האָט זיך פאַרקערעוועט אַף רעכטס, צום טײַך. די אינזשעניערן האָבן זיך אָוועקגעדרייט אַף איינעם פון די שטעגלעך, קעדיי צו פאַרקירצן דעם וועג קיין טיוולין. קײַלעכדיקע גרויסע און קליינע אײַזלעכער האָבן געטונקלט אָפן אײַז פונעם בײַטײַך. דאָס וואַסער האָט אין זיי געקאָכט, געררייכערט און זילבערן געקלונגען. בײַ די אײַזלעכער האָבן זיך אַרומגעפּאַרעט נאַנײַצעס, דאָ אַראָפּלאָזנדיק אין וואַסער, דאָ אַרויסשלעפּנדיק פיש־נעצן. הויפנס פאַרשטאַרטע פיש — העכט, קאַרעסן, קאַרפּן — זײַנען געלעגן אָפן אײַז. די פיש, אַרויסגעצויגן פון וואַסער, קוים באַוויזן זיך אַ באַוועג צו טאָן, זײַנען אויגנבליקלעך געפרוירן געוואָרן.

לעבן איינער פון די אײַזלעכער האָבן עטלעכע מענטשן צוגעבונדן אַ נעץ צו דיקע הילצערנע פּלעקער, וואָס זײַנען געלעגן קווער־איבער דעם אײַזלאָך. די איבעריקע — אַ גאַנצע כאַפּטע — האָבן צוגעהאַלטן דעם שטריק. עפּעס אומגעהײַערס האָט זיך געוואָרפן אין טײַך, אויפהייבנדיק כוואַליעס וואַסער, און די פישער האָבן זיך געוואָרפן פון איין זײַט אַף דער אַנדערער, קוים אײַנהאַלטנדיק די נעץ אין די הענט.

די נאַרטלער האָבן זיך נײַגעריק אָפּגעשטעלט. אַן אַלטער נאַנאַיעץ, אין „טאָרבאַזן", אויסגעהאַפטענע מיט פאַרשיידנקאָלירקע מוסטערן, אין אַ פוטערן היטעלע און אויך אַזאַ קורטקע, איז געזעסן דאָ ניט ווײַט. ער האָט רויִק אַרויסגעצויגן פון דעם אײַזלאָך איין פיש נאָכן צווייטן, אַרויספאַנגענדיק זיי מיט אַ „מאַכאַלקע" — אַ פראָסטן האַטשיק אַף אַ דיק שטריקל, צוגעבונדן צו אַ שטעקן. דער נאַנאַיעץ האָט אויפגעהויבן די אויגן אַף די אינזשעניערן און אָן קיין שום אויסדרוק אַ זאָג געטאָן:

— אַ גרויסער פיש, פונדעסטוועגן געפאַנגען. מײַנער געטראַכט — ניט אַמאָל קאַלוגע... שלעפן שווער, זע — וויפל מענטשן. אַוואַדע, מוזן ברענגען אַ מאַשין. גוט, אַזאַ פיש געכאַפּט, — רויטאַרמייער גוט אָנקאָרמענען.

די קאַלוגע, דער סאַמע גרעסטער פיש אינעם אַדון, דערגרייכט אַמאָל ביז אַכציק פוד. די אינזשעניערן האָבן גויוּער געוועזן דעם כײַשעק זיך צוצוקוקן, ווי מע וועט זי אַרויסשלעפן פון טײַך, און אײַליק אַוועק ווײַטער. ס'האָבן זיך געלאָזט לויפן נאָך זיי קינדער, זיי זײַנען צוגעקומען וואָס אַמאָל מער. אייניקע זײַנען פאַרלאָפן פאָרויס, אַנדערע אַנגעפלויגן אַנטקעגן. זיי האָבן געגלאָצט מיט די שוואַרצע אויגן, גלאַנציקע ווי שטיקלעך אַנטראַציט, אַף די אומבאַקאַנטע מענטשן, באַזונדערס אַף בערידזען מיט זײַן באָרד, אַ ווײַסע פון טוי־פראָסט. די קלייניגקע נאַנײַצעס האָבן באַגלייט קודלאַטע הינט, בייזע אַפן אָנבליק, וועלכע האָבן זיך אַרומגעטראָגן, אָבער ניט געלייגט קיין אַכט אַף די אָרכים.

— עקספּעדיסיע גיי! — האָבן די קינדער געשריגן. — עקספּעדיסיע!

— דאָס זײַנען מיר עס די „עקספּעדיסיע גיי", — האָט זיך בערידזע פונאַנדערגעלאַכט, — יאָ, וועסט, אַגעוו, זען דאָ נײַע גאָלדן, איך ראָט דיר זיך צוצוקוקן צו זייער לעבנשטייגער אין טיוולין. דאָס איז איינער פון די סאַמע גרעסטע יִשוּווים אַפן אַדון... זיי איז אויסגעקומען אַריבערצושפרינגען פאַראַמאָל פונעם שטיינערנעם יאָרהונדערט אין אונדזערן, דעם סאָוועטישן! — אַ פאָלק מיט אַזאַ גורל שטעלט מיט זיך פאָר ניט קיין קליינעם אינטערעס. דו וועסט דערזען אַזעלכעס, וואָס איז נאָך ניט באַשריבן געוואָרן אין ביכער און וואָס איז שוין זיכער ניט פאַראַן אין מאָסקווער געגנט!... איך פלעג דאָ זײַן, ווען כ'האָב געמאַכט אויספאָרשונגען, נאָר פאַר די עטלעכע יאָר האָט זיך אין טיוולין, זיכער, אַלץ געענדערט.

דער יִשוּעוּ האָט זיך אַנטפּלעקט מיטאַמאָל באַם וועג־פאַרדריי. ער איז געלעגן אַפן לינקן ברעג, הויך איבערן אַדון. דער גאַנצער יִשוּעוּ איז געווען אין רויך, איבער די דעכער זײַנען געהאָנגען קימאַט גלײַכע, אומבאַוועגלעכע זײַלן רויך; די זונשטראַלן האָבן זיי וועקסלענדיק באַפאַרבט דאָ אַף אַ ראָזעווען, דאָ אַף אַ פלאַמיקן, דאָ אַף אַ גאָלדיקן קאָליר. אפן

ווינטערדיקן הימל האָט דאָס געהאַט דעם אויסזען פון אַ יאָנטעוודיקער אילומינאַציע.

באַם עקסטן הײַזל פונעם ישעוו, אָפן אײַז פון טײַך, האָט די אינזשעניערן אָפּגעוואַרט אַ גרופּע נאַנײַצעס. איינער פון זיי, אין אַ האַלב פּעלצל, אַ ביסל אַ העכערער פון די איבעריקע, מיט אַ גרויסן פּאָנעם, פון וועלכן עס שטאַרצן ברייט אַרויס די באַקנביינער, איז זיי אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן און זיך פאַרגעשטעלט ווי דער פאַרזיצער פונעם דאָרפסראַט, מאַקסים כאַדזשער. ער האָט, דײַטלעך און פּינקטלעך אַרויסברענגענדיק די ווערטער, באַגריסט די אַרכים.

— איר נעמט אונדז אַפּאָנעם אָן פאַר עפּעס אַן עקספּעדיציע. מיר זײַנען פון דער בויונג, — האָט בערידזע געזאָגט. — מיר גייען צו ראַגאָוון, איר קענט אַזעלכן?

כאַדזשער און די איבעריקע נאַנײַצעס האָבן זיך צעלאַכט — אַלע פּאַראַמאַל, מיט קינדערישער אוממיטלבאַרקייט.

— מיר זײַנען דאָך אויך פון דער בויונג, — האָט כאַדזשער געענטפערט. — מיט ראַגאָוון זײַנען מיר איינס. ער העלפט אונדז, מיר — אים. אויך וועגן אײַך, כאָווער בערידזע, האָבן מיר אַ סאַך געהערט. אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש האָט אונדז דערציילט. — מיט גרויס ערנסט און קימאַט פײַערלעך האָט דער נאַנאַיעץ צוגעגעבן: — מיר ווייסן, אַז איר האָט אַריבערגעפירט די טראַסע אַף אונדזער ברעג. פאַרן וועג קיין נאַווינסק וועלן אײַך אַלע נאַניס זאָגן אַ דאַנק. קומט אַרײַן אין מײַן פאַנזע, וועט איר אַ ביסל אָפּרוען.

בערידזע, אַ בעפּייִרעש געריכטער און געשמייכלטער, האָט געענטפערט, אַז ער און זײַן כאָווער וועלן מיט דאַנקבאַרקייט אויסנוצן די גאַסטפרײַנטשאַפט, נאָר פריִער וועלן זיי זײַן באַ ראַגאָוון. די נאַנײַצעס האָבן אין אַ גאַנצער כעוורע באַגלייט די אינזשעניערן צום ישעוו. ער איז ענלעך געווען אַף אַ געוויינלעך רוסיש דאָרף מיט אַ ברייטער און גלײַכער גאַס פון צוויי רייען פּעסטע הילצערנע הײַזער. כאַדזשער האָט זיי נאָך, ווײַזט אויס מאַכמעס געוווינהייט, גערופן פאַנזעס, אָבער דאָ האָבן זיך לאַכלומען ניט אָנבאַגעגנט יענע נידעריקע פאַנזעס און סטאַדאָלעס אַף פּאַליעס. וואָס האָבן זיך געטראָפן די אינזשעניערן אין אַנדערע ישוווים באַם אַדון. בלויז הינטיש שפּאַן־געשיר און נאַרטעס־שליטלעך אונטער די פּאַדאַשקעס האָבן דערמאָנט, אַז דאָס איז אַ נאַנײַשער ישעוו. באַ אַ סאַך הײַזער זײַנען אויך ניט געווען די קוטשעראַווע סעדלעך, אַרומגעצוימטע מיט פּלויטן, וואָס זײַנען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן רוסישן דאָרף, מ'האָט אויך ניט געזען קיין ברונעמער מיט זווידן, — די נאַנײַצעס האָבן געניצט טײַך־וואַסער.

כאַדזשער האָט מיט אַזאַ פרייד פאַרבעטן בערידזען און קאָווּשאָוון צו באַטראַכטן דעם שפּיטאָל, וואָס זיי האָבן באַגעגנט אין וועג, אַז זיי

האָבן ניט געקענט אָפּזאָגן זיך. דאָס איז געווען ניט קיין גרויסע געבײַדע, אַ זייער וואַרעמע און בליאַסקענדיקע מאַכמעס זויבערקייט. די אינזשעניערן האָבן זיך באַקענט מיט דער פירערן פונעם שפּיטאָל, אַ באַיאָרטע רוסישע פרוי, אַ דאָקטער, און מיט איר געהילפן, אַ יונגינקע נאַנאַיערן, די פעלדשערן וואַליע. ס'איז אויך אויסגעקומען אַרײַנצוגייִן אין די קינדער־יאַסלעס — די מאַמעס האָבן גראָד געטראָגן די קינדער אַהיים. אין די יאַסלעס איז געווען טומלדיק. די געסט האָבן אויך געכאַפּט אַ קוק אין דער שול מיט אירע ראַכוועסדיקע קלאַסן און נײַינקע שוואַרצע שולבענק.

כאַדזשער האָט אין גאַנג דערציילט וועגן דעם לעבן פונעם יישעוו. ניט אַן שטאָלץ מיטגעטיילט, וויפל פּוטערוואַרג און פיש דער קאָלווירט האָט געגעבן פאַרן פאַרטיידיקונגס־פאָנד, וויפל גרינצײַג ער האָט באַקומען פון זײַנע גערטנער. דער אוילעם האָט זיך אַלץ פאַרגורעסערט. דער פאַרזיצער האָט אָפּגעטריבן די נײַגעריקע קינדער, זיי זײַנען זיך מיט געלעכטער פונאַנדערגעלאָפן, אָבער ניט אָפּגעשטאַנען. צו זיי האָבן זיך פאַראייניקט דערוואַקסענע, אָפילע זקיינים. זיי זײַנען אַרויסגעקומען פון די הײַזער, ניט פאַרבאַרגנדיק זייער שטאַרקע נײַגעריקייט, און באַטראַכט די אינזשעניערן פאָנעם־על־פּאָנעם. אַלעקסיי איז געוואָרן אויפמערקזאַם דערויף, וואָס אַ כוץ די זקיינים און זקיינעס אין טונקעלע אָדער פאַרשיידנקאָלירקע, מיט אַרנאַמענטן אויסגעהאַפטענע כאַלאַטן, האָבן אַלע גאַנצע געטראָגן געוויינלעכע שטאָטישע קליידונג.

כאַדזשער, וועלכער האָט שוין ניט דאָס ערשטע מאָל געקוקט אויף אַלעקסייס צעבראָכענע נאַרטעס, האָט זאָכלעך אַ זאָג געטאָן:

— צו גיך זײַנען אײַערע נאַרטעס קאַליע געוואָרן. נאָר ס'מאַכט ניט אויס, מיר וועלן אײַך געבן אַנדערע, גוטע. דאָס וועט זײַן פון אונדז אַ מאַטאָנע. — דערבײַ האָט ער גענומען די נאַרטעס פון די אינזשעניערן, זיי דערלאַנגט דעם באַכער, וואָס איז געגאַנגען אין דער זײַט און פאַרארדנט: — באַהאַלט צום אָנדענקען. זאָג סטעפּאַנען, מען דאַרף אויסקלײַבן די סאַמע בעסטע נאַרטעס. זאָל ער זיי מיר ברענגען אינדערפרי.

— איך האָב דאָ געהאַט אַ באַקאַנטן, דער אַלטער מאַפּע. ער איז שוין אַוודע געשטאָרבן? — האָט זיך בערידזע דערמאָנט און דערקלערט אַלעקסייען: — דאָס איז אַ צווייטער דערסו אוזאַלאַ,*) ער איז געווען אַ פירער פון אַ סאַך עקספּעדיציעס. מיר האָבן זיך צו אים ניט איין מאָל געוואַנדן. איך דערמאָן זיך, ער איז שוין דעמאָלט שטאַרק אַלט געווען.

— אָ, מאַפּע! ער לעבט נאָך. ער איז שוין אַלט הונדערט צען יאָר.

---

*) דערסו אוזאַלאַ — אַ העלד פון וו. אַרסעניעווס אַ דערציילונג מיטן זעלבן נאָמען, אַ יעגער.

אײן מעלאָכע האָט ער איצט — שלאָפן און קראַצן זיך! — האָט עפּעס אַ באָכערל אויסגעשריגן פון הינטן. אַלע האָבן זיך צעלאַכט, דאָס באָכערל האָט זיך באַהאַלטן הינטער די פּלייצעס פון די כאַווײרים.

— ער לעבט? אויסגעצייכנט! — האָט זיך בערידזע דערפרייט. — כ׳וועל זיך אומבאַדינגט מיט אים זען. כ׳דאַרף האָבן סײַ אים, סײַ אַנדערע זקײנים, כ׳דאַרף זיך מיט זיי באַראַטן.

— מאַפּע וועט זיך דערמאָנען וועגן דעם גובערנאַטאָר מוראַוויאָוו!

— האָט די זעלבע שטים אַ געשריי געטאָן פונעם אוילעם אַרויס.

— וואָס באַהאַלטסטו זיך דאָרט, וואָלאָדקע? — האָט כאַדזשער צו אים אַ געשריי געטאָן און מיט שטאָלץ אויפגעקלערט: — דאָס איז מײַן פּלימעניק. לערנט אין רובעזשאַנסק, אין טעכניקום, איז געקומען צו גאַסט... אָט דאָ געפינט זיך כאַווער ראַגאָוו, — האָט ער געוויזן מיט דער האַנט. — זײַנע מענטשן וווינען אין אונדזערע פּאַנזעס.

ראַגאָווס שטאַב האָט פאַרנומען פינף הײַזער אין עק ישעוו. קעגנאיבער דער קאָנטאָר פונעם באַצירק־נאַטשאַלניק איז געווען דער דאָרפסראַט. כאַדזשער האָט אָנגעוויזן די אינזשעניערן אַף זײַן הויז, וואָס שטייט בײַם וועג, גענומען באַ זיי די רוקזעק און אַוועקגעגאַנגען.

ראַגאָוו האָט, שטייענדיק אין מיטן אַ צימער מיט צוויי טישן און בענקלעך, באַגעגנט די אינזשעניערן צוריקגעהאַלטן, צוריקגעהאַלטענער, ווי ער האָט געוויינלעך געשמועסט מיט זיי דורכן סעלעקטאָר. האָט זיי פאָרגעשטעלט די, וואָס זײַנען דאָ געשטאַנען: כלינאָוון — זײַן פאַרטרעטער, פּאָלישטשוקן — דעם טראַנספּאָרט־נאַטשאַלניק און קאַטיעניעוון — דעם סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

— נו, מיר זײַנען שוין באַקאַנט, — האָט אַלעקסיי געזאָגט. — איר האָט דאָך געאַרבעט באַם וואַסער־טראַנספּאָרט? זיך איבערקוואַליפיצירט?

— האָט ער געפרעגט פּאָלישטשוקן.

— איך האָב דאָ בעטאַכאַקל דרײַ קאַטערלעך. זיי רוען זיך אָפּ. רעמאָנטירן זיך, און ווו זאָל איך די קויכעס אַהינטאָן? — האָט פּאָלישטשוק געענטפערט גוטמוטיק. האָט אויפגעכאַפּט ראַגאָווס שטרענגן בליק, וועלכער איז אַפּאָנעם געווען אומצופרידן, וואָס דער שמועס האָט זיך פאַרבונדן אָן אים, און זיך אויסגעצויגן מיליטעריש. — איר דערלויבט אַוועקגיין?

— פאַרנעמט זיך מיט פּאָלישטשוקן. און מיר וועלן דאָ אַ שמועס טאָן, — האָט ראַגאָוו געזאָגט צו כלינאָוון.

כלינאָוו און פּאָלישטשוק זײַנען אַרויסגעגאַנגען אין אַ שכײנעסדיקן צימער. אַלעקסיי, וועלכער איז באַקאַנט געווען מיט ראַגאָוון בלויז פון צוויי־דרײַ קורצע באַגעגענישן, האָט זיך צו אים צוגעקוקט מיט אינטערעס. ראַגאָווס פעסטע פיגור אין אַ גוט געפּאַסטער קורטקע פון געלן לעדער, מיט אַ קלאַמער „בליץ", האָט געאָטעמט מיט קראַפט. זײַן פּאָנעם

מיט אַ שאַרפֿער גאָמבע, ברייט צעשטעלטע אויגן און גלײַכער נאָז, אַ פֿאַרגרעבטע און טונקעלע פֿון שטענדיקן זײַן אַפֿן פֿראָסט, איז געווען מעגלעך און ענערגיש.

— ווי שרעקלעך עס זעט אויס דער נאַטשאַלניק פֿון טיוולין! — האָט בערידזע אַ געשריי געטאָן, און גינסטיק באַטראַכט דעם באַלעבאָס.

ראַגאָוו אַן אָנגעכמורעטער און באַזאָרגטער, האָט זיך ניט אָפּגערופֿן אָפֿן שפּאָס. די אינזשעניערן האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער קאַל־טער קאַבאַלעס־פּאָנעם איז אַ רעזולטאַט פֿון דעם שטורמישן געשפּרעך צווישן דעם באַצירק־נאַטשאַלניק מיט באַטמאַנאָוון.

— פֿאַרוואָס זײַט איר ניט געגאַנגען זיך אָפּרוען? — האָט ראַגאָוו געפֿרעגט קימאַט אין קאָס און געוואָרפֿן אױף אַלעקסייען אַן אויפֿמערק־זאַמען און עפּעס ניט ליבלעכן בליק: — איר אײַלט זיך וואָס שנעלער אַרײַנלאָמורן ראַגאָון, כאַווײרים נאַטשאַלניקעס? איר וואָלט געמעגט צוּוואַרטן דערמיט!

— נו, וועט נייטיק זײַן, וועלן מיר אַרײַנלאָמורן. סאַראַ אומלײַטיש ווערטעלע ער האָט עס אויסגעקליבן! — האָט בערידזע געענטפֿערט און גלײַך ערנסט געוואָרן. — לעטויוואָס דער זאַך, אַלעקסאַנדער איוואַנאָ־וויטש, איז ניט קיין בושע זיך צו זידלען. איר וואָלט, אַגעוו, ניט דאַרפֿן פֿאַרלויפֿן די געשעענישן, צו וואָס זיך אַליין אָנבעטן?

— זידלט, אײַער אוודע איז אַזעלכע! — האָט ראַגאָוו אַ מאַך געַ־טאָן מיט דער האַנט, אַזש דאָס לעדער פֿון זײַן קורטקע האָט אַ סקריפּע געטאָן. — איך ווייס אַליין, אַז אױף מײַן באַצירק איז ניט גוט. כ׳האָב אָנגעוואַלגערט איבעריקע רערן אױף דער טראַסע אָן אַ טאַלק! די סקלאַ־דעס אויפֿגעבויט ניט פֿעסט! די אַרבעטער־באַראַקן זײַנען ניט באַקוועם! איך לעב מיטן הײַנטיקן טאָג, פֿאַר קיין פּלאַן האָב איך קיין פֿאַרשטענ־דעניש ניט, איך ווייס ניט, וואָס כ׳וועל טאָן אין אַ כוידעש אַרום. אַזוי איז עס, יאָ? באַטמאַנאָוו האָט מיך שוין דערפֿאַר גערעקט, ערשט דעקט איר מיך!

קאַטיעניעוו, וועלכער האָט אַן דערפֿאָלג זיך געגלעט די טשופּרינע געקרײַזלטע רויטע האָר, האָט מיט אומצופֿרידנקייט געהערט דעם באַ־צירק־נאַטשאַלניק און זיך געפּרוווט אים אָפּשטעלן מיטן בליק.

— פֿאַרוואָס רעדסטו אַזוי, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש? — האָט ער אים לעסאַף אַ זאָג געטאָן.

בערידזע, וואָס האָט זיך געהאַט צוגעזעצט לעבן טיש, האָט זיך אויפֿגעהויבן.

— איר רעדט ניט דאָס, וואָס מען דאַרף, ראַגאָוו. איר זײַט אַ היי־ציקער, איך נאָך היציקער — אַ קאַווקאַזער דאָך. נו, וועלן מיר זיך איי־נער דעם אַנדערן אַרײַנזאָגן אַלערליי שטוסים. קום, אַלעקסיי, צו כאַד־זשערן, זאָל זיך דער באַלעבאָס אַ ביסל אָפּקילן.

ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, אַלעקסיי איז אים נאָכגעגאַנגען. אויגנבליקלעך האָט זיך ראַגאָוו געפונען בײַ דער טיר און זיי פאַרשפאַרט דעם וועג.

— וועסט מיך בלויז באַליידיקן, אויב דו וועסט אַוועקגיין, געאָרגי דאַווידאָוויטש! כ'וועל דיך ניט אַרויסלאָזן. זידל שוין בעסער אָפּ, אָדער גיב אַ פּאַטש אַפּילע.

בערידזע האָט אױף אים אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן.

— מאַכן מיר אָפּ, ראַגאָוו: דו וועסט געדענקען, אַז מיר זײַנען פאָרשטייער פון דער פאַרוואַלטונג און געקומען צו דיר ניט אין געסט. דעמאָלט וועלן מיר אַדורכקומען אָן פּעטש... וואָרעם אויב ניט, וועסטו פון מיר בעמעס קריגן!...

די אינזשעניערן זײַנען צוריקגעגאַנגען צום טיש. ראַגאָוו האָט זיך געזעצט אױף זײַן אָרט. אַלעקסיי און בערידזע האָבן אים צו רו געלאָזן און אָנגעהויבן שטיל צו שמועסן צווישן זיך. ראַגאָוו האָט זיי אַ רעגע באַטראַכט און איז אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט קאַטיעניעוון.

פון הינטערן דינעם ווענטל האָט זיך דערהערט זײַן הייזעריקלעך קאָל:

— זאָל אַהערקומען דער פעלדשער! און זאָל מען ברענגען מיטיק פאַר די פאָרשטייער פון דער פאַרוואַלטונג.

— צו וואָס פעלט אים דאָס אַ פעלדשער? ער וועט אײַננעמען וואַ־לעריאַן־טראָפּנס צו באַרויִקן די נערוון? — האָט זיך אַלעקסיי צעלאַכט.

די אינזשעניערן האָבן געהערט אַלץ, וואָס מ'האָט גערעדט אין שכיי־נעסדיקן צימער.

— פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי אויפגעקאָכט, אַלעקסאַנדער איוואַנאַ־וויטש? — האָט קאַטיעניעוו געפרעגט. — פאַר די מאַשינען האָסטו אַרײַנגעכאַפּט אינגאַנצן אַלפי יוישער. מיר וועלן דיר נאָך אױף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג דערלייגן.

— הער שוין אויף, קאַטיעניעוו! ס'איז מיר אָן דיר אויך אָנגעזאָ־לעט אױפן האַרצן! — האָט ראַגאָוו אַ געשריי געטאָן.

די שטימען האָבן זיך אויסגעמישט, דערנאָך האָט ווידער אָנגעהויבן ריידן ראַגאָוו:

— דו, פּאַלישטשוק, וועסט צוזאַמען מיטן מעכאַניקער דורכפירן די שטרענגסטע קאָנטראָל איבער די דאָזיקע מאַשינען. מאָרגן גאַנצפרי וועל איך זיי אַליין נעמען און אָפּפירן אױפן זיבעטן באַצירק.

— מיר וועלן ניט באַווײַזן, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש. אַלע מאַ־שינען זײַנען אין וועג. עטלעכע זײַנען אױפן צווייטן עק באַצירק און וועלן זיך אומקערן ערשט מאָרגן, — האָט פּאַלישטשוק דערווידערט. — עס וועט קיין אומגליק ניט זײַן, אויב זיי וועלן דאָ זײַן איבעריקע צוויי טעג.

ראַגאָוו האָט זיך צעשריגן:

— כ'וועל דיר געבן איבעריקע צוויי טעג! פאַרשאַלטן זאָלן זיי זײַן.

די דאַזיקע מאַשינען! איך האָב שוין פֿון זיי צו זינגען און צו זאָגן! טו אַזוי, ווי איך האָב געהייסן. נאָך עפּעס: אַלע שאָפֿערן, וואָס וועלן פֿאַר־נאַכט צו זיך אומקערן אויף דער אויטאָ־בזע, זאָלסטו ברענגען צו מיר. כ׳וועל זיי זאָגן אַ פּאָר גוטע ווערטער.

בערידזע האָט געשריי געטאָן:

— אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש! די געשיקטע מיט די מאַשינען ווייסן מיר, אומזיסט רעדסטו דאָרט אַזוי שטיל! קום אויף דײַן אָרט און קאָמאַנדעווע אויפֿן גאַנצן קאָל.

ראַגאָוו איז צוריקגעקומען און, ניט קוקנדיק אויף די אינזשעניערן זיך געזעצט באַם טיש. פּאַלישטשוק, כלינאָוו און קאָטיעניעוו זײַנען אויך אַרײַנגעקומען.

— דו גייַ, — האָט ראַגאָוו געזאָגט צו פּאַלישטשוקן, — און דיי־רעוודיקער אַ ביסל!

— כ׳הער, — האָט יענער אַ זאָג געטאָן און איז פֿאַרשוווּנדן.

אין צימער זײַנען אַרײַנגעקומען צוויי פּרויען אין ווײַסע פֿאַרטעכער, מיט טעלער פֿיש אויף אַ טאַץ. אין אַ רגע האָבן זיי געדעקט דעם טיש פֿאַר די אינזשעניערן.

— אַהאַ, געפּרעגלטע קאַלוגע! אַוואַדע די אייגענע קאַלוגע, וואָס מ׳האָט פֿריִער אַרויסגעצויגן פֿון דעם אײַזלאָך. עמעס, אַלעקסיי?

בערידזע האָט זיך מיט אַפּעטיט גענומען פֿאַר די פֿיש.

— באַטמאַנאָוו האָבן מיר אַלע געהערט, — האָט ראַגאָוו געוואָר־טשעט, זיך ווענדנדיק צו כלינאָוון. — פֿונדעסטוועגן ווערט גאָר־גאָרנישט ניט געטאָן. איר וואַרט, מע זאָל אונדז ווידער פֿאַרשוואַרצן דאָס פּאָנעם! מיט צוויי טעג צוריק האָט מען אונדז געזאָגט, אַז די לעבנס־בדינגונגען זײַנען באַ אונדז דערטרעגלעכע, און זיי דאַרפֿן זײַן גוטע. האָסט פֿאַרגעסן, כלינאָוו? ווו איז די באַקוועמלעכקייט אין די באַראַקן? אויך וועגן דער באָד איז געווען אַ רייד, און וועגן דער קיך. איך האָב דיר געזאָגט: מען דאַרף אָוועקשטעלן מענטשן צו מאַכן בענקלעך, טישן, טומבעטשקעס...

— מיר מאַכן אַלץ, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, — האָט כלינאָוו געזאָגט.

— וואָס מאַכסטו דאָרט! ווייסט אַ האַלב יאָר פֿאַטערן אויף קלייני־קייטן. און מיר האָט מען געגעבן צײַט דערויף אַ שאָ! דאָס פֿאָרן צום זיבעטן באַצירק מיט די מאַשינען וועט באַ מיר צונעמען צוויי שאָ. זע, זיי זאָלן באַ דיר ניט אָוועק אויף גאָרניט.

שיר זיך ניט אָנגעשלאָגן מיטן אַרויסגייענדיקן כלינאָוון, איז אין קאָנטאָר אַרײַנגעלאָפֿן אַ יונגינקע נאַנײַקע אין אַ וועוורקן פֿוטערל און אויך אין אַזאַ היטעלע. איר באַלעבט פּאָנעם האָט זיך פֿאַררויטלט מאַכ־מעס דעם שנעלן לויפֿן. די אינזשעניערן האָבן אין איר דערקענט די פֿעלד־שערן וואַליע.

— ווער איז דאָ דער קראַנקער באַ אײַך ? — האָט זי מיט אַ קלינ־גענדיקער שטים אַ פרעג געטאָן.

— גיב אַ קוק, וואַליע. כאַווער קאָוושאָוו האָט זיך אָפּגעפּרוירן, מען דאַרף אים העלפן, — האָט ראַגאָוו אַ זאָג געטאָן אַנגעכמורעט.

אַלעקסיי האָט זיך ערשט איצט געכאַפּט, אַז ראַגאָוו האָט זיך באַ־מיט פּונזשנעטוועגן. דאָס מיידל איז צוגעגאַנגען און, ניט לייגנדיק קיין אַכט אַף אַלעקסייס דערווידערן, אויפגעהויבן מיט די קאַלטע הענט זײַן היצנדיק און לײַכט אַנגעשוואָלן פּאָנעם. אַלעקסיי האָט זיך ניט ווילנדיק אַנטציקט מיט אירע גרויסע ברעמען.

— גוט, וואָס איר האָט אײַנגעריבן מיט שניי, — האָט וואַליע גע־זאָגט. — ניט וואָלט אײַך אויסגעקומען אַרומצוגיין מיט אַ שוואַרץ פּאָ־נעם. ערשט וועלן מיר אײַנרײַבן אײַערע באַקן און די נאָז מיט פעטס, און אַלץ וועט פאַריבער. — זי האָט אַ קוק געטאָן אַלעקסייען אין די אויגן. — ס׳וועט זיך פאַרהיילן, נאָך איידער איר וועט זיך אומקערן קיין נאָווינסק. די קאַלע וועט גאַרניט באַמערקן. אַנו, ווײַזט נאָר די הענט. ע־ע, מיט די הענט איז ערגער ! דאָס מיידל האָט גערעדט אַף אַ ריינעם רוסיש, מיט אַ קוים באַמערקבאַרן פרעמדן אַקצענט.

— איך האָב ניט קיין קאַלע, וואַליע.

— איך גלייב ניט, — האָט דאָס מיידל דערווידערט, זיך קינדיש צעלאַכט, און איז געלאָפן נאָך פעטס.

ראַגאָוו האָט שווײַגנדיק אַרומגעשפּאַצירט איבערן צימער און נאָך אַלץ ניט געקוקט אַף די אינזשעניערן. בערידזע האָט פאַררייכערט אַ ליולקע. אַלעקסיי האָט אַרויסגענומען פון דער טעקע אַ בויגן פּאַפּיר, אָנ־צוצייכענען די סכעמע פאַרן צעפירן די רערן „אַף זיך״.

— ווען איר וואָלט געזען, וואָס דאָ האָט זיך געטאָן, ווען כ׳בין גע־קומען צו פאָרן אַהער מיט יענער צעשעדיקטער באַרזשע ! קאָטיעניעוו קען עס אײַך דערציילן, — האָט ראַגאָוו אומדערוואַרט אָנגעהויבן צו ריידן געדעמפּט און מיט קראַפט, זיך ניט ווענדנדיק צו קיינעם. — צוויי מאָל האָב איך זיך מיט פאַלישטשוקן אַריבערגענומען איבערן האַרבסטיקן אײַז פון איין ברעג אַפן צווייטן, שיר ניט דערטרונקען געוואָרן און זיך אָנגע־כליפּפּטשעט מיטן אײַזיקן וואַסער . . . איין האַלבער באַצירק אַף איין ברעג, די צווייטע העלפט אַפן צווייטן. דער באַצירק־נאַטשאַלניק שיקערט מיט אַ קאָמפּאַניע אויך אַזעלכע הולטײַעס, זיי צעשלעפּן דאָס פאַרמעגן, סקאַנ־דאַלעווען, כוליגאַנעווען. האָבן אויפגעשטעלט די נאַנײַצעס קעגן זיך. די מענטשן לײַדן אין קעלט, הונגערן, — אַ צאָר צוצוקוקן ! . . . וואָס טוט מען ? כ׳האָב זיך באַראָטן מיט קאָטיעניעוון, און מיר האָבן באַשלאָסן : איך מוז דאָ בלײַבן. ערשט אין אַ צײַט אַרום, האָט מיר באַטמאַנאָוו באַ־שטעטיקט. דער ראַיקאָם האָט געהאָלפן צו פאַרענדיקן מיט די מענוואָ־לים. איך בין מיט קאָטיעניעוון געגאַנגען צו די נאַנײַצעס . . . זיי זײַנען

געוועזן באַליידיקט אַפֿן אַלטן באַצירק־נאַטשאַלניק, און לעכאַטשילע צו־מיר קיין צוטרוי ניט געהאַט, ערשט שפּעטער האָבן זיי אים באַקומען. מיר האָבן זיך ענדלעך דערוואַרט, דער אַדון זאָל זיך שטעלן, אַריבערגעשלעפּט אַפֿן לינקן ברעג דאָס פֿאַרמעגן, געבראַכט אין אָרדענונג דעם וועג, זיך אַרומגעבויט צו ביסלעך...

ראַגאָוו האָט געשפּרײַזט שנעל, און זײַן ריידן איז געוועזן פֿיבערדיק. די אינזשעניערן האָבן אים געהערט מיט מיטגעפֿיל. אַלעקסיי האָט זיך דערמאָנט די ערשטע באַקאַנטשאַפֿט צווישן באַטמאַנאָוון און ראַגאָוון, ווי אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש האָט זיך דעמאָלט אויפֿגעקאָכט.

— דאָס, וואָס דו האָסט געטאָן אַפֿן באַצירק, ביסטו מעכויעוו געווען צו טאָן, — האָט קאַטיעניעוו איבערגעריסן ראַגאָוון. — צו וואָס די רייד וועגן דעם?

— יאָ, כ׳האָב געטאָן דאָס, וואָס איך בין מעכויעוו געווען און געקענט טאָן, — האָט ראַגאָוו ווײַטער גערעדט. — פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט צוליב באַטמאַנאָוון בין איך נעכט ניט געשלאָפֿן, זיך געמאַטערט, די קויכעס פֿאַרלוירן. ס׳איז ערשט מילכאָמע, און יעדער דאַרף פֿאַרנעמען זײַן אָרט אין שלאַכט!... פֿונדעסטוועגן האָב איך אויך וועגן באַטמאַנאָוון אַ סאַך געטראַכט: זײַנס אַ גוט וואָרט איז דאָך מיר זייער טײַער. דו, קאַטיעניעוו, האָסט צו אים אַן אַנדער באַציִונג, און ווייסט מיך ניט פֿאַרשטיין. פֿון זינט כ׳האָב אים דערקענט, האָב איך זיך צו אים שטאַרק צוגעבונדן. איך בין מאַמעש גרייט די נעשאָמע פֿאַר אים אַוועקצוגעבן. ערנוואָרט! אויך אַ כוץ מיר זײַנען אַפֿן באַצירק פֿאַראַנען ניט ווייניק מענטשן, וואָס ער האָט זייער האַרץ געוווּנען... וואָס בין איך קעגן אים? אַ יִנגל! — ראַגאָוו האָט זיך געטאָן אַ דריי אויס אַזוי, אַז אַלע זײַנע ביינער האָבן אַ קנאַק געטאָן. — פֿונדעסטוועגן האָב איך זיך דערשלאָגן צו הערן פֿון אים אַ גוט וואָרט: „כ׳בין צופֿרידן פֿון דיר, ראַגאָוו, האָסט דאָ גוט געבאַלעבאַטעוועט. אַ דאַנק. כ׳בין צופֿרידן, וואָס כ׳האָב זיך אין דיר ניט גענאַרט“. און הײַנט איז אַלץ אַוועק צו אַלדי רוכעס! „איר האָט מיך באַליידיקט“, זאָגט ער, איז גלײַך אַריבער אַף איר. אַך, בין איך אַ שויטע! — ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנטפֿלאַך אין שטערן. — מיט איין נאַרישן שריט קען מען אַפּווישן יאָרן ערלעכע אַרבעט!... עך, די דאָזיקע מאַשינען! איך וואָלט געגעבן די מאַשינען פֿונעם אייגענעם באַצירק אַוועקגעגעבן, און די רערן אַפֿן אייגענעם רוקן געשלעפּט. וואָס טראַכט ער ערשט וועגן מיר? האָט מיר אַפֿילע די פּיש דערמאָנט. — ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו בערידזען. — מעגסט מיר גלייבן, געאָרגי דאַווידאָוויטש: איך בין ניט שולדיק אין דער דאָזיקער געשיכטע מיט די פּיש. און די מאַשינען... נו, איך האָב זיי גענומען פֿאַר זיך. אָבער פֿרעג, ווי דאָס האָט זיך באַקומען? אַ צוויי־דרײַ מאַשינען זײַנען אין וועג קאַליע געוואָרן, די שאָפֿערן זײַנען געקומען צו־

מיר, איך האָב באַפוילן זיי צו העלפן. דערנאָך האָט דער יעיצער־האָרע אָנגערעדט, אַז אָפּן זיבעטן באַצירק וועלן זיי סטווי שטיין דערוויל לייַדיק — און כ׳האָב באַשלאָסן זיי אויסצונוצן, רעדן צו פירן...

— מיט די מאַשינען האָסטו ניט ריכטיק געהאַנדלט, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, — האָט בערידזע שטרענג אַ זאָג געטאָן. — און ס׳איז איבעריק זיך צו פאַרענטפערן.

— איך פאַרענטפער זיך ניט, נאָר כ׳האָב כאַראַטע. קאַטיעניעוו האָט מיר געוואָרנט, און איך האָב אים ניט געהערט. כ׳וועל זיך עס אַליין מײַן גאַנץ לעבן ניט מויכל־זײַן!... זאָג מיר געאָרגי דאַווידאָוויטש, וויאַזוי זאָל איך זיך ערשט מיט באַטמאַנאָוון איבערבעטן. ער וויל מיך אַפילע ניט זען. מיר האָבן גערעדט דורכן סעלעקטאָר, און ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז מיר שטייען פּאָנעם־על־פּאָנעם. ווי איך האָב זיך עס אין אַזאַ צײַט צו שאַנד געמאַכט!...

ראַגאָוו האָט זיך געזעצט אָף אַ בענקל און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זײַן אומדערוואַרטע ווידע האָט אַלעקסייען גערירט. מיט אַ געפיל פון אַלץ אַנוואַקסנדיקער סימפּאַטיע צום דאָזיקן שטאַרקן לײַדנשאַפטלעכן מענטשן, האָט זיך אַלעקסיי פּלוצים דערמאָנט אין אַלגאַן: אָט ווער עס איז איר נייטיק געווען, דער דאָזיקער פרוי, וואָס איז אַזוי באַאַוולט געוואָרן דורך אַ ניט אײַנגעגעבענער ליבע! ער האָט זיך זיי פאַרגעשטעלט צוזאַמען און מיט פאַרוווּנדערונג אַ טראַכט געטאָן, ווי בלינד ס׳איז דער גורל: ער פאַראייניקט מענטשן, זיך ניט פונאַנדערקלײַבנדיק, צי פּאַסן זיי זיך איינער פאַרן צווייטן, און צעטיילט אָפּט יענע, וואָס זײַנען איינער פאַרן צווייטן געבוירן.

קאַטיעניעוו האָט געפרעגט בערידזען, ווי ס׳גייט די אַרבעט איבערן פּראָיעקט, וועגן די באַצירקן, וווּ די אינזשעניערן זײַנען שוין געווען.

— האָבן זיך אײַנגעשטעלט די באַציִונגען צווישן ראַגאָוון און פּריביטקאָוון? — האָט זיך דער הויפּט־אינזשעניער פאַראינטערעסירט.

— נאָרמאַלע באַציִונגען. איר האָט צו זיי ביידע, דוכט זיך, געשריבן וועגן דעם?

— געשריבן און זייער שאַרף.

— ראַגאָוו האָט אַזאַ כאַראַקטער, אַז קיין איין טאָג קען בײַ אים ניט אַריבער גלאַטיק. אַ מענטש פון אומגלייבלעכער ענערגיע! אָבער אויך דער אַלטער פּריביטקאָוו לאָזט זיך ניט באַאַוולען. מיר קומט אויס צײַטנוויַיז צו זײַן דער פאַרמיטלער. איך האָב זיי שוין דערקענט, און ווייס ווי צו מאַכן שאָלעם צווישן זיי. ביכלאַל, מיר אַרבעטן, מיר זײַנען דאָך קאָמוניסטן. און ווי די כאַראַקטערן זאָלן ניט זײַן פאַרשיידן — קומען מיר צו איינעם און דעם זעלבן באַשלוס.

וואַליע האָט זיך אומגעקערט מיט אַ סלאָיק פּעטס. צוזאַמען מיט איר איז אַרײַנגעקומען כאַדזשער. דער פאָרזיצער פונעם דאָרפס־ראָט

האָט זיך שוויַגנדיק געזעצט באַם טיש און פאַרצויגן די ליולקע. וואַליע האָט איַנגעריבן אַלעקסייען דאָס פּאָנעם און די הענט — אין אַ מינוט אַרום האָט דער אינזשעניער געגלאַנצט, ווי אַ מאַנגאַליש געטשל. פאַרענדיקט איר אַרבעט, האָט זיך דאָס מיידל געזעצט לעבן כאַדזשערן און גענומען פאַראינטערעסירט באַטראַכטן די געסט.

— די ציַיט איז פאַר אַרבעט, פאַר שלעכטע שטימונגען — מינוטן, — האָט ראַגאָוו אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ און געפרעגט כאַדזשערן: — וואָס זיצסטו און קוקסט, פאַרזיצער? האָסט אַן איניען? לייג אים אַרויס!

— מיר ווילן זען באַ זיך כאָוועך בערידזע. זאָל ער קומען. און כאָוער קאָוושאָוו אויך. זיי האָבן באַדאַרפט האָבן זקיינים — כ׳האָב זיי צוזאַמענגעבראַכט, אַפילו מאַפע איז געקומען.

— ניט באַלד, כאַדזשער, שפּעטער אַ ביסל. מיר מוזן זיך פריִער פאַרנעמען מיט געוויסע איניאָנים. און דו, דאָקטער, וואָס פינטלסטו צו קאָוושאָוון? ס׳איז סיַווי אומזיסט — ער האָט אין שטאָט אַ געליבטע, אַ שיינע, ניט אַזאַ ווי דו!

אַלעקסייַ האָט אָפּגעפּילט אין דאַזיקן שפּאַס עפּעס אַן אומקלאָרן פּאַראיבל און פאַרוווּנדערט אַ קוק געטאָן אַף ראַגאָוון.

— איך האָב צו קיינעם ניט געפינטלט, נאַטשאַלניק. אויך איך האָב אַ כאַסן, האָסט פאַרגעסן, ווי מ׳האָט אים אַרויסבאַגלייט צום פראָנט?

— האָט אים וואַליע געענטפערט ניט אַן קאָקעטעריע. נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן ביגנייווע אַף קאָוושאָווס גלאַנצנדיקער פיזיאָנאָמיע, איז זי אַרויסגעלאָפן.

— אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, אונדזערע פישער זיַינען אַהערגעקומען צו דיר מיט אַ טיַינע, — האָט כאַדזשער אַ זאָג געטאָן נאָך אַ ווײַלע שוויַיגן.

— וואָס פאַר אַ טיַינע ווידער? נו, רוף זיי אַריַין.

כאַדזשער איז אַרויסגעגאַנגען און האָט זיך באַלד אומגעקערט אין דער באַגלייטונג פון צוויי נאַניַיצעס, וואָס די אינזשעניערן האָבן זיי געזען אַפן טיַיך. דער ערשטער — אַ מאָגערער זאַקן, האָט זיך, אַריבערטרעטנדיק די שוועל, געבוקט פאַר ראַגאָוון.

— דו פאַרבעסערסט זיך גאָרניט, זיידע! וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט: הער אויף זיך צו בוקן! — איז ראַגאָוו אין כאַס געוואָרן. — טאָמיד מאַכסטו מיר דערמיט קאַליע די שטימונג. געוווין זיך שוין אָפּ פון דעם בוקן זיך, ווער דאַרף עס האָבן?

דער צווייטער פישער, וואָס אַף זײַן פּאָנעם האָט זיך צווישן ברייטע און פלאַכע, צו די קינביינער אַרויפגעהויבענע באַקן פולשטענדיק פאַרלוירן אַ ביבל־נעזל, איז געווען אַ ביסל יינגער. ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן אויפגערעגט, צוגייענדיק צו ראַגאָוון:

— ניט גוט אַזוי טאָן. אונדזער געכאַפּט פיש־קאַלוגע, אונדז אַליין

געוואַלט די בוי־אַרבעטער שענקען. פאַרוואָס מעכאַניקער נעמט צו פיש ?
אוי, ניט שיין זייער ! — דער נאַנײַעץ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און גע־סמאַקעט מיט די ליפּן.

— וואָס פאַר אַ פיש איך פאַרשטיי ניט וועגן וואָס דו רעדסט. וואָלסט באַדאַרפט בא כאַדזשערן זיך לערנען רוסיש. אָדער רייד שוין בעסער אַף נאַנײַיש — וועל איך דיך גיכער פאַרשטיין !

כאַדזשער האָט דערקלערט : די פישער האָבן געפאַנגען אַ ריזיקע קאַלוגע פון אַ פינף און צוואַנציק פוד. זיי האָבן זי ניט געקענט אַרויס־שלעפּן און געבעטן דעם מעכאַניקער, ער זאָל זיי העלפן. יענער איז צוגע־פאָרן מיטן טראַקטאָר, האָט צוגעטשעפּעט די פאַנגנעץ און מיט איין שלעפּ אַרויסגעצויגן דעם ריזיקן פיש. דערנאָך האָבן דעם מעכאַניקערס געהילפן אויפגעלאָדעוועט די קאַלוגע אַף טראַקטאָר־שליטנס און אָוועק־געפאָרן. דער דאָזיקער טאָט האָט געערגערט און באַליידיקט די פישערס : זיי האָבן זיך אַליין געקליבן אָוועקצושענקען אַ העלפט פונעם פיש דעם באַצירק, און אַ העלפט אָפּגעבן דעם פאַרטיידיקונגס־פאָנד.

— אָך, סאַראַ מענוויל ! — אַף ראַגאָווס פּאָנעם האָט זיך אויסגע־שניטן אַ שאַרפער פאַלד. ער האָט אַ קוק געטאָן אַף קאַטיעניעוון. — דו הערסט ווידער אַ רעצידיוו פון כוליגאַנישער באַציִונג צו די נאַנײַצעס. איר זײַט גערעכט, כאַווײַרים, — האָט ראַגאָוו געזאָגט צו די פישער. — מיר וועלן גלײַך אָננעמען מאָסמיטלען. מע וועט אײַך דעם פיש אומקערן.

ער האָט באַפוילן אויפזוכן און רופן צו זיך דעם מעכאַניקער. דער אַלטער נאַנײַעץ האָט זיך ווידער געבוקט, ראַגאָוו האָט זיך פאַרדריסלעך פון אים אָפּגעקערט. כאַדזשער האָט, אָוועקגייענדיק מיט די פישער, דער־מאָנט, אַז ער וועט וואַרטן אַף די אינזשענירן בא זיך אין דער היים.

פּריביטקאָוו, דער אַרבעט־עלטסטער פון די ליניע־אַרבעטן, אַ גרויער אַלטיטשקער אין ברילן, האָט פונאַנדערגעשפּרייט פאַר די אינזשענירן און נאַטשאַלניקעס פונעם באַצירק די גראַפיק פון דעם פונאַנדערפירן די רערן און די שוויס־אַרבעטן. צו דער גראַפיק איז געווען בײַגעלייגט אַ רעשימע פון די נייטיקע מאַטעריאַלן.

— קוידעמקאָל וועגן די רערן, — האָט בערידזע געזאָגט, — אַף דעם טייל פונעם באַצירק, וואָס איך מיט קאָושאָוון זײַנען שוין פאַרבײַגע־גאַנגען, איז פאַראַן אַ סאַך איבעריקע רערן. צי הייסט דאָס, אַז סע פעלן אויס רערן אַף אַ צווייטן, אָדער זיי זײַנען ביכלאַל איבעריקע ?

אַלעקסיי האָט אַרויסגענומען די נאָטיצן, וואָס ער האָט געמאַכט און זיי האָבן זיך גענומען אײנאײנעם צוזאַמענשטעלן דעם באַלאַנס פון די רערן לויט די רובריקעס : געפינען זיך אין די סקלאַדעס, פונאַנדערגע־פירט געוואָרן אין שטאַבעלעס, אויסגעצויגן געוואָרן אין אַ שנור. ס׳האָט

זיך באַקומען, אַז אַפן באַצירק איז פאַראַן מער ווי הונדערט איבעריקע רערן.

— הייס זיי גלײַך אויפלאַדעווען, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, פאַרן זעקסטן און זיבעטן באַצירק, — האָט בערידזע פאַראָרדנט. — לויט מײַנע יעדיִעס פעלט באַ זיי אויס. מיט די מאַשינען, וואָס וועלן פון דיר מאָרגן אַוועקגיין, קען מען פאַראַמאָל אַפשיקן קימאַט אַלע איבעריקע רערן.

ראַגאָוו האָט געשפּאַנט איבערן צימער און רוישיק זיך געריבן די ראַציקע, פון ווינט צעפרעסענע הענט.

— ווידער באַקומט זיך, אַז איך האָב זיך געקוואַפּעט אַף פרעמדס. נאָר דערין בין איך דאָך שוין אינגאַנצן אומשולדיק! — ער האָט זיך אויסגעדרייט צו פּריביטקאָוון. — פאַרוואָס־זשע האָט דער כאָווער אינזשעניער געשוויגן. מיר ניט געזאָגט? אָדער ער האָט ניט געקענט צוזאַמענרעכענען די רערן, די אַריטמעטיק פאַרגעסן?

די אינזשעניערן און די פירער פונעם באַצירק האָבן געניו באַטראַכט די גראַפיק טאָג נאָך טאָג און באַרעכנט די טעמפּן פונעם פונאַנדערפירן.

— ניט שוין־זשע וועלן מיר פירן די רערן נאָך צוויי כאָדאָשים? — האָט זיך ראַגאָוו געקאָכט. — איך בין ניט מאַסקים, כאָוועך אַרבעט־עלטסטער. מירן עס מאַכן פריִער.

— מירן עס ניט מאַכן, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, — האָט דער אַלטער דערווידערט. — אָט האָט איר דעם כעשבן, ביטע. מיר האָבן אַ טוץ מאַשינען, וואָס צעפירן די רערן, יעדע פון זיי לאַדעוועט אויף...

— מאַשינען זײַנען עפּעס אַנדערש, און מענטשן — עפּעס אַנדערש, — האָט קאַטיעגיִעוו דערווידערט פּריביטקאָוון. — איר ווייסט זייער גוט: יעדן טאָג ווערן באַ אונדז פונאַנדערגעפירט אַלץ מער און מער, און די מאַשינען זײַנען אַלץ די זעלבע.

— איך רוף הײַנט צוזאַמען די שאָפערן, וועלן מיר הערן, וואָס זיי וועלן זאָגן, — האָט ראַגאָוו צוגעגעבן.

— וואָס איר זאָלט ניט זאָגן, אָבער די רערן ווערן שלעכט פונאַנדערגעפירט. ווי פריִער וואַרפט מען זיי אַראָפּ, ווי עס מאַכט זיך, — איז פּריביטקאָוו ווייך אָבער אײַנגעשפּאַרט באַשטאַנען אַף זײַנעם. — דאָס האָבן מיר ניט אין אַכט גענומען אין דער גראַפיק, און ס׳וועט זיך פאָדערן אַ צוגאָב־צײַט.

— גערעכט איז דער באַצירק־נאַטשאַלניק — האָט זיך אַרײַנגעמישט קאָושאָוו. — מע וועט מוזן צואײַלן מיטן פונאַנדערפירן די רערן. ווען די שאָפערן וועלן זיך פאַרזאַמלען, וועלן מיר אַ שמועס טאָן וועגן ענדערן די אָרגאַניזאַציע פון דעם פונאַנדערפירן. איך האָב אַפן געדאַנק אַ זאַכלעכן פאָרשלאָג.

ראַגאָוו האָט זיך פאַרקרימט, קאָושאָווס אונטערשטיצונג איז אים

עפּעס ניט געווען צום האַרצן. בערידזע האָט דאָס באַמערקט און באַ־שטעטיקט:

— ווייסט זען, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, ס׳איז אַן אויסגעצייכנ־טער פאַרשלאָג, האָגאָם אַ פּאַשעטער. איך וווּנדער זיך, פאַרוואָס ס׳איז אונדז פריִער ניט איינגעפאַלן!

מיטאַמאָל איז אין קאַנטאָר אַריינגעלאָפן מיט אימפּעט אַ הויכוווּק־סיקער באָכער מיט שאָפער־הענטשקעס אין די הענט. זיין קאָפּ באַפּוצט מיט טוי־פראָסט, די נאָסע קורטקע פאַראייזט. ער האָט, סאַפּענדיק שווער, ראַפּאָרטירט ראַגאַוון:

— כ׳האָב אַרויסבאַקומען די מאַשין פון דעם איינזלאַך! אַריינגעשטעלט אין גאַראַזש.

— אַ־אַ, — איז ראַגאַוו פריילעך געוואָרן. — לויף אַהיים און דער־וואַרעם זיך, זאָג דאָרט, אַז כ׳האָב געהייסן אַרויסגעבן דיר אַ גלאָז ספּירט. נאָר זע, זאָלסט מיר ניט קראַנק ווערן!...

דער שאָפער איז ניט אַוועקגעגאַנגען און אַלץ געקוקט אויף ראַגאַוון. יענער האָט אים אונטערגעשטופּט צו דער טיר.

— לויף, לויף. איך ווייס אַן דיר דעם קלאַל: האָסט געלאָזט פאַר־זינקען צוליב דיין נאַרישקייט אַ מאַשין, — קומט דיר אַ פאַרוואָרף, האָסט געראַטעוועט די מאַשין — איז אויס פאַרוואָרף. — ראַגאַוו האָט שנעל איינגערוימט קאָטיעניעוון: — דו זעסט, וואָס פאַר אַ שטיין אויף דער בעשאַמע ס׳איז אַ פאַרוואָרף. ס׳איז היינט ניט די צייט דערויף צו באַקו־מען פאַרוואָרפן. און באַזונדערס — פון באַטמאַנאָוון.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ נידעריקער מענטש מיט זייער ברייטע פּלייצעס אין אַ פאַרפעצטן קאָמבינעזאָן.

— רייד דו מיטן דאָזיקן אוזורפּאַטאָר. כ׳האָב מוירע, אַז איך וועל זיך ניט קענען באַהערשן, — האָט ראַגאַוו געזאָגט צו קאָטיעניעוון.

— ווער האָט אייך דערלויבט אַליין צו באַלעבאַטעווען אויפן באַ־צירק? — האָט קאָטיעניעוו געפרעגט דעם מענטשן אינעם קאָמבינעזאָן.
— מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר צוגענומען די קאָלוגע באַ די נאַ־ביינצעס?

— מיר האָבן דאָך דעם פיש, דעם וואַלפיש, פון טייך אַרויסגעצויגן. זיי וואָלטן אים דאָך סיי ווי ניט געוווען אַרויסגעצויגן, — האָט דער מע־כאַניקער אומשולדיק געהויבן די פּלייצעס.

— „מיר דאָך, זיי דאָך״! — האָט זיך ראַגאַוו פאַרט ניט באַ־הערט און איבערגעשפּעט. — מיקויעך מאָראַל וועלן מיר שפּעטער שמו־עסן מיט אייך ספּעציעל, ס׳איז ערשט ניט באַקוועם אַלע אויסדרוקן צו באַנוצן.

— אייער טאַט איז אַ ווילדקייט, עפּעס אַ העסלעכער אָפּגרעפּץ, — האָט קאָטיעניעוו פירגעהאַלטן דעם מעכאַניקער. די נאַביינצעס פאַרדינען

זיך אַף גרעסערער אַכטונג. זיי העלפֿן אונדז אין אַלץ. פֿאַרוואָס האָט איר זיי באַוואָלט? זיי האָבן דאָך אַליין געוואָלט געבן אַ האַלב פֿון דער דאָזיקער קאַלוגע דעם באַצירק אַ מאַטאָנע.

— נו, איז דאָך גוט. זאָלן זיי רעכענען, אַז זיי האָבן שוין געגעבן די מאַטאָנע, — האָט דער מעכאַניקער געשמוכעט. — און פֿאַר זיך וועלן זיי נאָך כאַפּן, ס'איז דאָ גענוג פֿיש אין טײַך.

— קוקט אים נאָר אָן, איר זײַט דאָך גאָר אַ סויכער! — האָט זיך איראָניש ראָגאָוו געוווּנדערט. — איר וואָלט דאַרפֿן אַרבעטן אין דער אינטענדאַטור — איינס־צוויי וואָלט איר די גאַנצע געגנט באַנומען!... אָט וואָס איך וועל אײַך זאָגן, בירגער טיט טיטיטש: די רעגע טראָגט אָפּ דעם פֿיש צום פֿאַרזיצער פֿונעם קאָלווירט און שפּעטער אַ ביסל קומט צו גיין, וועלן מיר שמועסן וועגן מיסכער!

ער האָט אַזוי אַ זאָג געטאָן דעם „וועלן מיר שמועסן", אַז דעם מעכאַניקער איז דורך אַ שוידער.

— אויב דו האָסט ניט דאַקעגן, וועל איך זיך פֿאַרנעמען מיט דעם דאָזיקן איניען, — האָט קאָטיעניעוו פֿאַרגעלייגט. — כ'וועל גיין צו דער אויטאָ־קאָלאָנע, פֿאַרזאַמלען אַלע: די קאָמוניסטן און די אומפּאַרטייִשע, און אַ שמועס טאָן פֿון האַרץ צו האַרץ. דער מעכאַניקער און זײַן הײַנטיקער טריק פֿאַרדינען זיך, מע זאָל זיך מיט זיי ערנסט באַשעפֿטיקן.

פּריביטקאָוו און בערידזע מיט קאָווּשאָוון האָבן דורכגעקוקט די רעשימעס פֿון די מאַטעריאַלן: וואָס איז דאָ און וואָס פֿעלט אַפֿן באַצירק.

— פֿאַרשרײַב אַליאָשע: קאַרביד איז דאָ ווייניק, עלעקטראָדן אויך. ביטום איז אינגאַנצן ניטאָ, — האָט בערידזע שנעל גערעכנט.

אַלעקסיי האָט געשריבן און מיט דער אַנדערער האַנט צעריבן איבער די באַקן דאָס פּעטס, וואָס איז צעשמאָלצן געוואָרן. ראָגאָוו האָט זיך צוגעזעצט אין אַ זײַט און טיף פֿאַרשטופּט די הענט אין די קעשענעס.

פֿון יענער זײַט פֿענצטער איז שוין געווען פֿינצטער, ווען פּאָלישטשוק איז אַרײַנגעקומען. נאָך אים איז אַרײַן אַ כעוורע שאָפֿערן — געזונטע, רויטבאַקיקע יונגען אין געגאַרבטע האַלבפּעלצלעך און וווּליקעס. זיי האָבן פֿול געמאַכט די קאַנטאָר. ס'האָט אָנגעהויבן שאַרף צו שמעקן מיט בענזין.

— זעצט זיך, כאַווערים אויטאָמאָביליסטן, — האָט ראָגאָוו גוטמוטיק פֿאַרבעטן: די שטימונג האָט זיך בײַ אים געענדערט.

קיין רעדעס האָט מען אַף דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער באַראַטונג ניט געהאַלטן, אַלץ איז שנעל באַשלאָסן געוואָרן. האַלטנדיק פֿאַר זיך אַ ראַפּאָרט, וואָס פּאָלישטשוק האָט אים געגעבן, האָט ראָגאָוו אויסגערופֿן:

— שאָפֿער סאָלנצעוו! דרײַ רייסן, נײַן רערן, זעקס דערפֿירט, דרײַ אַראָפּגעוואָרפֿן אַפֿן נײַנצנטן קילאָמעטער... וואָס, צום סאָף זיך אײַנ־

געמידט ? צו וואָס טויגן מיר די דאָזיקע רערן אָפּן נײַנצנטן קילאָמע־
טער ? דו האָסט, הייסט עס, געגעבן סמאָרטשקאָוון אַ פּאַרפּליכטיקונג,
און אויספירן זאָל זי אַ גוטער פּעטער ?

סאָלנצעוו האָט זיך אויפגעשטעלט און, אוועקקוקנדיק אין אַ זײַט,
ראַפּאָרטירט :

— וויפל איך האָב זיך עס ניט באַמיט, און ביין פונדעסטוועגן
אַראָפּ אין אַ ראָוו אַרײַן. איך באַנעם נאָך ניט, ווי זיי צו פירן, די דאָזי־
קע פאַרשאָלטענע רערן ! איך טראַכט, מע וואָלט עפּשער דאַרפן די אונ־
טערשפּאַר־העלצלעך באַם צוטשעפּ מאַכן נידעריקער, ס'זאָל זײַן שטאַרקער.

— פּאָלישטשוק, פאַרשרײַב דעם פאָרשלאָג, — האָט ראָגאָוו אונ־
טערגעכאַפּט. — דעם צוטשעפּ וועלן מיר, סאָלנצעוו, הײַנט באַטראַכטן,
און דײַן נאָרמע אָף מאָרגן איז צוועלף רערן : די הײַנטיקע דרײַ און די
מאָרגנדיקע נײַן. קיין אַנדער אויסוועג האָב איך ניט ! זע, אַז דײַן נאָרמע
זאָל אָף אַזאַ אופן ניט דערגיין ביז הונדערט.

סאָלנצעוו האָט אַ שמייכל געטאָן און באַטראַכט די כאַווירים. יענע
האָבן אויך געשמייכלט — ס'איז קענטיק געווען, אַז זיי האָבן זיך צוזאַ־
מענגעלעבט מיט ראָגאָוון און אים ליב געהאַט. די שאָפערן האָבן זיך
אויפגעשטעלט איינער נאָכן אַנדערן און אָפּגעגעבן אַ באַריכט. ער האָט
פירגעהאַלטן, געזידלט, און זיי איבערצײַגט. ענדלעך איז עס דערגאַנגען
צו אַנשוילעכע פּאָזיטיווע בײַשפּילן.

— שאָפער מאַכאָוו ! דרײַ רייסן, צוועלף רערן, אַלע אָפּן אָרט.
דערצייל, מאַכאָוו, די דאָזיקע לוי־יִצלעכס, וויאַזוי מען דאַרף פירן. צו
פיר רערן אָפילע, און אַלע זאָלן זיך אָפּן אָרט געפינען.

— דאָס איז אַ סעקרעט, — האָט מאַכאָוו דערקלערט און אַ קוק
געטאָן אָף קאָוושאָוון, ווי ער וואָלט אים עפּעס געוואָרנט. — זאָלן די
לוי־יִצלעכס אַליין טראַכטן, איך וועל פאַר זיי ניט טראַכטן.

— אַ סעקרעט ? — האָט זיך ראָגאָוו צעלאַכט. — האָט זיך, הייסט
עס, באַוויזן צווישן אונדז אַ פּריוואַטניק, אַן אינדיווידואַליסט ! לאָמיר
אָקערשט אָף דיר אַ קוק טאָן, הײַנט טרעפן זיך זעלטן אַזעלכע בײַ אונדז
אין לאַנד. ביסטו ניט אַמאָל פון אַמעריקע געקומען ?

— באַליידיק ניט, כאַווער ראָגאָוו. מײַן היימלאַנד איז בלאַגאָ־
וועשטשענסק.

— הייסט עס, אַז דו ווילסט אונדז דעם סעקרעט ניט אויסזאָגן ?

— ניין, — האָט מאַכאָוו געענטפערט רויק.

— ווי דו ווילסט זיך. מיר וועלן זיך באַגיין. איך באַאומרויִק זיך
גאָר, ס'זאָל דיר אַליין שפּעטער קיין כאַרפּע ניט זײַן.

— מיילע, כ'וועל עס איבערטראָגן !...

אַלעקסיי האָט באַקענט די שאָפערן מיטן סיסטעם פון פונאַנדער־
פירן די רערן „אָף זיך".

ער האָט נאָך ניט פאַרענדיקט די רייד, ווי אַלע האָבן אָנגעהויבן טומלען. דער פאָרשלאָג איז געפעלן געוואָרן, די שאָפערן האָבן גלײַך אָפּגעשאַצט זײַן ווערט.

— כּאָוועך ראַגאָוו, פיר מאָרגן אײַן דעם דאָזיקן סיסטעם! — האָט סאָלנצעוו אַ געשריי געטאָן.

— נאַטירלעך, — האָט ראַגאָוו מאַסקים געווען. ער האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף אַלעקסייען, און יענער האָט באַמערקט אין זײַן בליק באַגײַסטיקונג. — מיר וועלן נאָך צו אײַער פאָרשלאָג עפּעס צוגעבן, אַ מין פּרעמיע אויפן לעצטן פּונקט. האָסט דערפירט די רעדן ביזן אָרט, באַקום אַ פּרעמיע.

— אַ קעלישעק בראָנפן! — האָט עמעץ אַ געשריי געטאָן.

— שיקער! — האָט אים ראַגאָוו צוגעוואָרפן אַן ענטפער. — און אויב עס וועט אײַך דאָרט מעקאַבל־פּאָנעם זײַן אַ מיידל מיט אַ גלאָז הייסע קאַווע, מיט פּוטערברויטלעך און אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן — וועט אײַך ניט געפעלן?

— ס׳וועט געפעלן. מיר האַלטן פאַרן וואָרט! — האָט מאַכאָוו אַ זאָג געטאָן.

— אָך, דאָס זײַט איר, דער אינדיווידואַליסט? — האָט ראַגאָוו איבערגעפירט דעם בליק אויף אים. — איך האָב אין אײַך גאָר פאַרגעסן. מ׳האָט געפּאַקט אײַער סעקרעט. וואָס? און קיינער דאַרף אים ערשט ניט האָבן! איר באַדויערט ניט?

— ניין, — האָט מאַכאָוו געזאָגט אויפריכטיק.

— פון מאָרגן אָן שטעלן מיר אײַן דאָס פונאַנדערפירן לויטן מעטאָד פון אינזשעניער קאָושאָוו, — האָט ראַגאָוו באַפוילן פּאַלישטשוקן. — דאָס איבעראָרגאַניזירן מאַכן גלײַך אויפן אָרט. נאָך הײַנט זאָלט איר מיט פּריביטקאָוון אויספּלאַנירן דעם גאַנצן גאַנג פון דער באַוועגונג און דעם קאָנטראָל.

— איך הער, — האָט פּאַלישטשוק מאַסקים געווען.

דער דאָזיקער מענטש, קאַרג אויפן וואָרט, איז געוואָרן ראַגאָווס געטרײַער געהילף און פרײַנט פון זינט זיי האָבן זיך באַקענט אויף דער באַשעדיקטער באַרזשע. ווען פּאַלישטשוק וואָלט דעמאָלט ניט געווען אָנגעיאָגן מיטן קאַטער, וואָלט עפּשער ראַגאָוו ניט געוווען געקענט אַרויסראַטעווען פון אומגליק די באַשעדיקטע באַרזשע מיט די מענטשן און דעם פאַרמעגן.

ערשט איז פּאַלישטשוק געווען אין פאַרלעגנהייט און דענערווירט. לויט די בליקן, מיט וועלכע ס׳האָבן זיך געטוישט דער אינזשעניער מיטן שאָפער, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז צווישן זיי איז פאַראַן אַ פאַרשטענדיקונג. פּאַלישטשוק האָט געהאַט פאַרדרוס אויף זיך אַליין פאַר זײַן דורכפאַל. ער האָט ניט געוווסט, צי דאַרף ער וועגן דעם זאָגן ראַגאָוון. און דאַ האָט ער דערהערט קאָושאָווס ווערטער:

— כאַוּוער ראַגאָוו, איר האָט דאָ אָנגערופן דעם מעטאָד פון פונאַנ־דערפירן „אַף זיך" ווי מײַן מעטאָד. דאָס געוויסן פאַרפליכטעט מיר אַרײַנצוברענגען אַן אויסבעסערונג. — אַלעקסיי האָט זיך צעלאַכט, באַמערקנדיק, אַז מאַכאָוו האָט זיך אײַנגעבויגן און זיך באַהאַלטן פאַר ראַגאָוון הינטער די פּלייצעס פון כאַווײרים.

— האָט דען ניט איר פאַרגעלייגט דעם דאָזיקן מעטאָד

— ס'האָט אים פאַר מיר צוגעטראַכט און אויסגעפּרוּווט אין דער פּראַקטיק כאַוּוער מאַכאָוו.

— אַזוי גאָר ! — האָט ראַגאָוו אַ געשריי געטאָן מיט אייפערזוכט.

— מאַכאָוו ! — ער האָט אים ניט טייקעף אָפּגעזוכט מיט די אויגן. — באַהאַלט זיך ניט, כ'וועל דיך סײַווי געפינען. אונדז געטרויסטו ניט, הייסט עס — ניט מיר, ניט פּאַלישטשוקן, ניט קאַטיעניעוון

דער שאָפער האָט זיך ניט אָפּגערופן. דער דערצאָרנטער ראַגאָוו האָט פון אים די אויגן ניט אַוועקגענומען.

— טשעפּע אים ניט, אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש, דאָס איז מײַן שולד, — האָט פּאַלישטשוק אַ זאָג געטאָן אין דער שטיל. — ער האָט זיך צו מיר געווענדעט, נאָר איך האָב אים אָפּגעזאָגט. זײַן פאָרשלאָג איז מיר ניט געפעלן געוואָרן, כ'ווייס אַליין ניט פאַרוואָס.

ראַגאָוו האָט אָנגעשטעלט אַף פּאַלישטשוקן פאַרוואונדערטע אויגן.

— וואָס טוט זיך עס באַ מיר אין שטוב ?

ער האָט זיך געוואָלט אַרויפוואַרפן פאַראַמאָל סײַ אַף פּאַלישטשוקן, סײַ אַף מאַכאָוון, נאָר דערזען, אַז די אינזשעניערן און קאַטיעניעוו שמייכלען אונטער, קוקנדיק אַף אים.

— גוט, מיר אָפּלייגן אונדזער שמועס — האָט ער אַ וואָרטשע געטאָן.

באַם פרײַלאָזן די שאָפערן, האָט זיי ראַגאָוו געזאָגט צום געזעגענען :

— איך וועל דאָ ניט זײַן צוויי טעג אָפּן באַצירק. איך האָף, אַז נאָך מײַן צוריקקומען וועל איך טרעפן פולשטענדיק אַנדערע צײַגערס פון אײַער אַרבעט.

— ערשט וועט זיך דאָס פונאַנדערפירן אײַנרעגולירן, — האָט סאָלבצעוו געזאָגט.

— מען מוז זיך צואײַלן מיט אַלע קויכעס, — האָט ראַגאָוו ווײַטער גערעדט. — דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט מיר געוואָרנט : אַף די ווײַטע באַצירקן האָט ער ווייניק שאָפערן. אינגיכן וועט ווערן פון אײַך אויסקומען צו לאָזן זיך אַהין, נאָך סמאָרטשקאָוון.

— איך בין דער ערשטער לויט דער ריי, — האָט מאַכאָוו אײַנגעדרימט סאָלנצעוון. — אַניט בין איך אַ פאַרפאַלענער צוליב מײַן אינדיווידואַליזם.

בערידזע, קאָוושאָוו און ראָגאָוו זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון קאָנטאָר. דער פֿריִער ווינטער־אָוונט האָט צוגעדעקט דעם יִישעוו מיט אַ טונקעלן פֿאָרהאַנג. דאָס שוואַכע בלינצלען פֿון די שטערן האָט זיך קוים דורכגעשלאָגן דורכן נעפּל.

— שטייט נאָר, — האָט ראָגאָוו אַ זאָג געטאָן, און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

פֿון הינטער דעם אַדון האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ ריזיקע אָראַנזשעווע לעוואָנע. זי איז געבליבן הענגען איבערן טײַך, און אַלץ אַרום האָט באַקומען אַן אויסטערלישן קאָליר: די שוואַרצע און רויִקע סאָפּקעס, דער ברעג־שיפּוע, אַף וועלכן עס ליגט אַ געשפּענסטיקער שאָטן, דאָס אײַז פֿונעם אַדון, וואָס ציט זיך אַוועק אין דער ווײַט, דער בלוילעכער ווי בלינצלדיקער שניי.

— יאָ, ס׳איז שיין, — האָט בערידזע מוידע געווען. — דאָס איז אַ פּײַזאַזש!

— וואָס פֿאַר אַ שיינקייט שטעקט דערין! — האָט זיך ראָגאָוו אָפּגערופֿן. — דאָס כאַזערט זיך דאָ איבער, אַוודע, שוין אַ מיליאָן יאָר...

— האָסט דאָך אַליין פֿאַרבעטן, מען זאָל זיך אָנצינקן! — האָט באַמערקט אַלעקסיי.

— ניט דערמיט, — ראָגאָוו האָט אַ געשריי געטאָן צום אַוועקגייענדיקן בערידזען: — וואַרט צו, געאָרגי דאַווידאָוויטש. איין מינוט!

מיט זײַן אויסגעשריי האָט ער ווי אײַנגעשלאָסן אַן אומגעזעענעם קאָנטאַקט: אויגנבליקלעך האָבן זיך אָנגעצונדן עלעקטרישע לעמפּלעך — איין שנירל לענגאויס דעם ברעג פֿון אַדון, אַ צווייטס — איבער דער אײַז־טראַסע פֿונעם אַדון. העלע און דרײַסטע, האָבן זיי מיט זיך פֿאַרטונקלט די ציטעריקע שײַן פֿון לעוואָנע און שטערן. ראָגאָוו האָט זיך מיט אַ צופֿרידן פּנים אָוועקגעדרייט פֿונעם טײַך צו דער זײַט פֿון דער טראַסע — דאָרט, הינטער די הײַזער און סאָפּקעס, האָבן די עלעקטרישע לעמפּלעך פֿונעם באַצירק אַרויפֿגעהויבן צום הימל אַ ציטעריקן ווידערשײַן; ווי אַ מאָרגנרויט וואָלט, אַוועקשאַרנדיק די נאַכט, זיך אָנגעצונדן פֿאַר דער צײַט. מיטן ליכט פֿון די לעמפּלעך האָט זיך אויך אויפֿגעוועקט דאָס לעבן, אָפֿן טײַך האָבן זיך דערהערט סיגנאַלן פֿון די אויטאָ־מאַשינעס, אָפֿן ברעג האָט אָנגעהויבן צו גרעגערן אַ טראַקטאָר: הינטערן יִישעוו האָבן פֿאַרצויגן זייער גרילצנדיק ליד די צירקל־זעגן. דרימלענדיקע הינט האָבן געפּרוווט אָפּרופֿן זיך דערויף מיט אַ געריצט בילערײַ, נאָר זײַנען שנעל אַנטשוויגן געוואָרן.

— מיר גייען. כ׳האָב אײַך נעמלעך געוואָלט ווײַזן דעם דאָזיקן צוגאָב צום פּײַזאַזש, — האָט ראָגאָוו געזאָגט.

אַלעקסיי האָט, פֿאַרבײַלאָזנדיק בערידזען, גענומען ראָגאָוון אונטערן אָרעם.

— איך האָב אין נאָווינסק באַקומען אַ שליכעס. מ׳האָט מיר גע־הייסן אײַך איבערגעבן אַ האַרציקן גרוס.

— ווער האָט געהייסן איבערגעבן? פילימאָנאָוו? וואָס?

— ניין, ניט פילימאָנאָוו. איר ווייסט — ווער, — אַלעקסיי האָט דערפילט, ווי אונטער זײַנע פינגער האָבן זיך אָנגעצויגן ראָגאָווס פעסטע מוסקולן. — זי זאָגט, אַז זי דערמאָנט זיך אין אײַך אָפט. זי וועט זײַן צופרידן אײַך צו זען.

— און איר זײַט, הייסט עס, דער פאַרטרויונגס־מאַן אין די איניאָ־נים, יאָ? — ראָגאָוו האָט זיך האַסטיק אָפּגערוקט. — כ׳בין זיך מוידע, כ׳האָב זיך אַ סאַך אָנגעהערט וועגן דעם.

— דער פאַרטרויונגסמאַן, — האָט אַלעקסיי צוגעשטימט און גלײַך פאַרשטאַנען די סיבע פון ראָגאָווס קרומע און אומפרײַנטלעכע בליקן. עס איז אים געוואָרן לעכערלעך, און הײַטער אַף דער נעשאָמע. ער האָט פעסט אַ דריק געטאָן ראָגאָווס האַנט. — איר האָט ניט וואָס צו ברילן אַף מיר, אַטעללאָ! איך בין ניט אַלגאַ פיאָדאָראָוונאַס קיין אַדאָראַטאָר, נאָר אַ פרײַנט, אויב מען מעג באַנוצן אַזאַ גרויס וואָרט בענויגייע אונ־דזער ניט לאַנגער באַקאַנטשאַפט.

ראָגאָוו איז שטיין געבליבן און, צונייגנדיק זײַן פּאָנעם צו אַלעקסייס, האָט ער אים דורכדרינגלעך באַטראַכט.

— אַ דאַנק דיר, — האָט ער שטיל געזאָגט, קוקנדיק זײַטיק אַף בערידזען, וועלכער איז געגאַנגען פאָרויס. — איך זע, אַז פאַר דיר דאַרף איך גאָרניט פאַרהוילן. איך בענק זייער. און כ׳בין איר זייער דאַנקבאַר. זי האָט אין מיר אַ נײַע נעשאָמע אַרײַנגעבלאָזן, אַז כ׳בין בעיעכוילעס בערג איבערצוקערן. צײַטנווײַז גיי איך שיר ניט אויס פאַר בענקשאַפט. ווייסט, — האָט ער נאָך שטילער אײַנגערוימט אַלעקסייען אין אויער, — זי וועט מיך ליב באַקומען, אָט וועסטו זען! איך גלייב ניט, אַז זי איז אַזוי פאַרבונדן מיט יענעם... מיט קאָנסטאַנטינען.

— זי האָט אים ניט ליב. און ערשט רײַסט זי מיט ווייטיק אַרויס פון האַרץ אַלץ, וואָס ס׳איז צווישן זיי געוועזן געמיינזאַמס, — האָט אַלעקסיי געזאָגט איבערצײַגט.

— כ׳וועל פאָרן קיין נאָווינסק אַ קוק טאָן אַף איר! — האָט ראָ־גאָוו אַ זאָג געטאָן מיט לײַדנשאַפט און ענערגיש.

— מען דאַרף ניט. מען דאַרף איר ערשט ניט שטערן.

— נו דערצייל וועגן איר!...

דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן — זיי זײַנען צוגעקומען צום עק יישעוו. דאָ האָט זיי אָנגעיאָגט אַ שעליעד פון כאַדזשערן. זיי האָבן אינדרײַען גענומען באַטראַכטן, צי גיין צום פאַרזיצער פונעם דאָרפסראַט, אָדער קוידעם דורכפירן אַ באַראַטונג מיטן אָנפירנדיקן פערסאָנאַל פונעם באַצירק.

— מען דאַרף הײַנט פאַרענדיקן מיט אַלץ, — האָט ראַגאָוו פעסט אַ זאָג געטאָן. — אײַנדערפרי דאַרף איך אָפּפירן די מאַשינעס אָפּן זיבעטן, און איר דאַרפט זיך אויך לאָזן װײַטער.

— טאָ, װי מ׳האָט דיר געהייסן, און מיט אונדז באַלעבאַטעווע ניט, — האָט אַ זאָג געטאָן בערידזע, געטראָפן פון זײַן אָנטשלאָסענעם טאָן. — מיר װעלן פאַרװײַלן אין טיוולין נאָך אַ צװיי־דרײַ טעג, און עפּשער נאָך מער.

— בעשום אופן ניט, כאָװער הויפּט־אינזשעניער, — האָט ראַגאָוו דערװידערט. — אײַך האָט מען אויך באַפוילן מאָרגן אַרויסצומאַרשירן.

— װער האָט דאָס באַפוילן ?

— דער באַלעבאָס.

— דו דערמאָנסט אים, אַגעװ, אומזיסט בײַ יעדן װאָרט. אַלע רעדט איר בלויז װעגן אים. מען קען מיינען, אַז ער איז דאָ נעכטן געװען.

— געװען. ניט נעכטן, נאָר מיט צװיי טעג צוריק ! — האָט ראַגאָוו געזאָגט. — װי אַ דונער פון הימל...

— װי־זשע האָט ער אונדז איבערגעיאָגט ?

— ער איז געקומען מיט אַן עראָפּלאַן. איז אַרומגעקראָכן איבערן גאַנצן באַצירק, האָט מיט אַלעמען געהאַט שמועסן, אויפגעקלערט װי װײַטער זיך אויפצופירן, און איז אַװעקגעפאָרן.

די אינזשעניערן האָבן זיך איבערגעקוקט.

— האָט ער גערעדט מיט דיר דורכן סעלעקטאָר ניט פון באָװינסק ?

— פון זיבעטן באַצירק. דערפאַר האָב איך זיך מיט גאָרניט געקענט אַרויסדרייען, — האָט ראַגאָוו אָפּגעזיפצט און זיך װידער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער דלאָניע אין שטערן.

— װאָס האָט ער אונדז געהייסן איבערגעבן ? — האָט בערידזע געפרעגט.

— זאָג די אינזשעניערן, זאָגט ער, אַז איך באַװעג זיך איבער דער טראַסע פאַר זיי. זאָלן זיי זיך ניט אייסעקן אַרום די לעכער, װאָס איך אַליין האָב זיך גענומען זיי צו פאַרשטאָפּן. אַף דער טראַסע זײַנען אַזעל־כע לעכער פאַראַן אַזױפיל, װיפל שטערן אין הימל, זיי דאַרפן זיך ניט בײַ יעדערער אָפּשטעלן...

קאַפּיטל דרײַ

די נאַניס אַף זייער ערד

מאַקסים כאַדזשערס ראַכוועסדיק הויז איז פול געווען מיט מענטשן. זיי זײַנען געזעסן אַף בענקלעך, באַם טיש, און לענגאויס די ווענט, אַף דער פּאַדלאָגע. די זקיינים אין ברייטע וואַטענע כאַלאַטן, אומבאַוועגלעכע און טונקלפּענעמדיקע, האָבן זיך צוזאַמענגעדרענגט אין אַ ווינקל און שווײַגעוודיק געררייכערט ליולקעס. נעענטער צו דער טיר האָט זיך אויסגעזעצט דאָס יונגוואַרג. כאַדזשער און נאָך צוויי באַנײַצעס, וועלכע זײַנען געזעסן באַם פּאַרזיצער־טיש, האָבן וועגן עפּעס געפירט אַ שמועס. ווען די אינזשעניערן און ראַגאָוו האָבן זיך באַוויזן אין אַ וואַלקן פּראַסטיקער פּאַרע, האָט ער זיך שנעל אויפגעהויבן זיי אַנטקעגנצוגיין. ווען אַלעקסיי האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט די שטיפערישע און גלאַנצנדיקע אויגן וואַליעס, וועלכע איז סטאַטעטשנע געזעסן אַף אַ בענקל מיט דרײַ אַנדערע מיידלעך. זיי האָבן אָנגעהויבן לעבעדיק זיך איבערצושעפּטשען, וואַרפנדיק בליקן אַף קאָושאָוון.

— טײַערע געסט, ביטע, — האָט פריידיק אַ זאָג געטאָן כאַדזשער. — איך האָב געוואַרט און געוואַרט. דערווײַל האָבן מיר זיך פאַרנומען אַ ביסל מיט אונדזערע איניאַנים.

— און טוט עס אויך ווײַטער, שטערט אײַך ניט צוליב אונדז, — האָט געענטפערט בערידזע, צודריקנדיק די הענט צו דער ברוסט. — מיר װעלן אין אַ ווינקל אַ שמועס טאָן מיט די זקיינים.

— אונדזערע איניאַנים וועלן פון אונדז ניט אַנטלויפן, איר אָבער װעט אַוועקגיין, — האָט כאַדזשער דערווידערט, אַרײַנפירנדיק די געסט אין אַ דערבײַיִקן צימער, וואָס איז אָפּגעטיילט פונעם ערשטן מיט אַ פאַרהאַנג פון אַ פּוכיקער בערנפעל.

די ווענט זײַנען אויסגעקלעפּט געווען מיט צײַטונגען, עס זײַנען געהאָנגען אַף זיי שפּיגלען, בינטלעך טרוקענע פעלכלעך פון וועוויריקעס. דעם מיטן צימער האָט באַפּוצט אַ גרויס אָפּגעניקלט בעט מיט פיר

גלאַנצנדיקע גאַלקעס. אַף אַ שרײַבטיש — אַ שרײַבמאַשין. הינטער אַ נידעריקער, מיט רויטע אָרנאַמענטן געהאַפטענער שירמע זײַנען געזעסן, די פּיס הינטער זיך, צוויי פרויען לעבן אַ נידעריק טישל, אַף וועלכן עס זײַנען געשטאַנען לענגלעכע בערעזקאָרענע קעסטלעך מיט נייגעשיר. איינע האָט שנעל געדרייט דאָס העגטל פון אַ ניימאַשין, די צווייטע האָט פאַרענדיקט נייען אַ קימאַט פאַרטיקע פוטערנע הענטשקע.

אַף דער פּאָדלאָגע באַם אויוון זײַנען געווען אויסגעשפּרייט פעלן; אַף זיי זײַנען מיט פאַרוואָרפענע הענטלעך געשמאַק געשלאָפן צוויי קליינע יינגלעך. דערלעבן האָט אַ זקיינע, מיט אַ טרוקן געפאַלדעוועט פּאָנעם און אַ ליולקע צווישן די ציין, געבאָדן אַ ברוין קינד אין אַ טיפן בלעכערנעם ביטל. עטלעכע עלטערע נאַנײַצעס האָבן שטאַרק פאַרטאָן זיך צוגעקוקט צו דער באָד. דערזען די געסט האָט די זקיינע שנעל אַרויסגענומען דאָס קינד פון וואַסער און עס אײַנגעוויקלט אין אַ לײַלעך, וואָס איינער פון די נאַנײַצעס האָט געהאַלטן מיט אַן ערנסטער מינע..

— אַליין וואַשן זיי זיך דערווײַל ניט זייער אָפט, אָבער קוקן ווי מען וואַשט די קינדער האָבן זיי ליב, — האָט כאָדזשער באַמערקט. — דאָס זײַנען אַלע מײַנע זין, דאָס איז מײַן ווײַב, — האָט ער אָנגעוויזן אַף די קינדער און דער מיטלוווקסיקער באַקיינטער פרוי, וואָס איז אַרויסגעקומען פון הינטער דער שירמע. — זײַ מעכאַבעד די געסט, קאַטיאַ.

— פאַר וועמען זײַנען עס אַזעלכע שיינינקע? — האָט בערידזע געפרעגט באַ דער באַלעבאָסטע נעמענדיק באַ איר די נאָך ניט אַרומגעזוימטע הענטשקע.

— פאַר אײַך און אײַער כאַווער, — האָט די פרוי געענטפערט, דורך שמייכל אַ גלאַנץ טוענדיק מיט די ציין. — מיר וועלן אײַך אויך מאַכן פוטערנע שטיוול, איר זאָלט זיי טראָגן און געדענקען אין טיוולין.

— זי איז באַ מיר אַן איישעס־כאַיעל, — האָט כאָדזשער אַ זאָג געטאָן מיט שטאָלץ, צאַרט באַרירנדיק מיט דער האַנט דער פרויס אַקסל. — זי לערנט די קינדער און טוט אָפּ אַ סאַך אַנדערע אַרבעטן. ביים וואַרעמע זאַכן פאַר די שלאַכטלײַט אַפן פראָנט, אַלע פרויען פון יישעוו זײַנען באַ איר געהילפן.

זיי האָבן זיך גענומען פאָרען אַרום טיש, צוגרייטן קיבעד. אַפן ווײַסן, זאָרגעווודיק אויסגעפּרעסטן טישטעך האָט זיך באַוויזן: בערדפלייש, געטריקנט הירשן־פלייש פיש, יאַגעדעס. אַ נײַס איז פאַר אַלעקסייען געווען דאָס „הובלעכטס" — דינענקע פאַסיקלעך אײַנגעפרירטע פיש. דער באַלעבאָס האָט עס דאָ אַפן אָרט בליץ שנעל אָנגעשניטן מיט אַ שאַרף מעסער און באַווירצט מיט זאַלץ און פעפער.

בעיים די באַלעבאָסטע איז געגאַנגען ברענגען נאָך עפּעס אַ מײַכל, און כאָדזשער איז אַרויסגעגאַנגען אין דערבײַיקן צימער, האָט ראַגאָוו לעבעדיק, מיט אויפריכטיקער סימפּאַטיע גערעדט וועגן די נאַנײַצעס:

— זיי זײַנען ערלעכע און עמעסדיקע, פאַרטראָגן ניט קיין פאַלשקייט. פאַר גוטסקייט צאָלן זיי אָפּ הונדערטפאַכיק. אַ זייער אָרנטלעך פאָלק.

בעייסןריידן איז ראַגאָוו צוגעגאַנגען צום טיש און צעשטרײַט אָנגעשטאָכן אָפן גאָפל אַ שטיקל הירשן־פלייש — ער האָט זיך, מאַשמאָעס, ניט זאָרגנדיק וועגן זיך דעם גאַנצן טאָג, שטאַרק אויסגעהונגערט.

— אָף דער אַרבעט גייען זיי ווי אָף אַ יאָנטעוו. צי זיי פאַנגען פיש, צי זיי בויען אַ קלוב, אָדער שטעלן אויף פאַר עמעצן אַ נײַע פאַנזע — אַלץ טוען זיי קאָלעקטיוו. כ׳האָב ליב צו קוקן אָף זיי, ס׳ווערט גוט אָף דער נעשאָמע. נו, און אַז סע מאַכט זיך עפּעס אַ ביייטיקע אַרבעט באַ מיר אָפן באַצירק — אַ שטייגער ווי אָפּרייניקן דעם וועג אָפן אַדון — גייען אַרויס אַלע ביז איינעם, אַפילע קינדער איך האָב ערגעץ געלייענט, דוכט זיך, באַ לאָפּאַטינען, — ט׳איז דאָ אַזאַ געלערנטער — אַז די נאַנײַצעס זײַנען, קלוימערשט, אַ פוילער אוילעם און ניט פעיִק צו אַרבעט. נאַרישע פּלוידערײַ! פאַרקערט זיי האָבן זייער ליב צו אַרבעטן, און יעדער פון זיי האָט ענערגיע אַ יאַם....

קאַטיאַ האָט אַרײַנגעבראַכט און געשטעלט אָפן טיש גרויסע געזײַערטע אוגערקעס און ניט אָן פײַערלעכקייט געמאָלדן, אַז זיי זײַנען פונעם אייגענעם גאָרטן. ס׳איז צוריקגעקומען כאָדזשער און פאַרבעטן צום טיש. כאָדזשער, די אינזשעניערן און ראַגאָוו האָבן אויסגעטרונקען פון פאַרפאָרנע טעפּעלעך ספּירט, צעפּירט מיט וואַסער. ראַגאָוו האָט, נעמענדיק אַן אוגערקע פון דער שיסל, אַ זאָג געטאָן צו כאָדזשערן:

— הײַנט איז די דאָזיקע אוגערקע און אַלערליי גרינוואַרגן אַ געוויינלעכע זאַך אין אונדזערע יִישוּוים, אָבער מיט עטלעכע יאָר צוריק וואָלט קיין איין נאַנײַעץ ניט גענומען עסן קיין אוגערקע, קיין פּאָמידאָר, אָדער קאַרטאָפליע. הײַנט גיט אײַך ערד־אַרבעט ניט ווינציקער ווי פיש־פאַנגערײַ און געיעג, — עמעס?

דער נאַנײַעץ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— דאָס גרינוואַרג און דאָס פּיציכטלערײַ ברענגען אונדז אַרײַן האַכנאָסע מער נאָך צַפּילע ווי די פיש...

— און דאָ גאָר ניט לאַנג צוריק זײַנען פאַר מיר אין די אויגן פאָרגעקומען קוריאָזן, — האָט זיך ראַגאָוו דערמאָנט. — די נאַנײַצעס האָבן בעשום אויפן ניט געקענט טויפעס זײַן, פאַרוואָס מען דאַרף, לעמאָשל, קאַרטאָפליעס פאַרגראָבן אין דער ערד. און ס׳איז מיר אויסגעקומען צו באָאָבאַכטן, ווי אַ נאַנײַעץ איז נאָכן פאַרזעצן קאַרטאָפליעס אָפּגעשטאַנען שאָעהווײַז איבער אַ בייטל און געוואַרט, וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען. זיך ניט דערוואַרט, האָט ער אויפגעגראָבן אַ קאַרטאָפליע און זיך מיט אַנטוישונג איבערצײַגט, אַז זי איז אַלץ די זעלבע ווי געווען!

ראַגאָוו האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט. כאָדזשער, וועלכער האָט אים נײַגעריק אויסגעהערט, האָט צוגעגעבן, קוים שמייכלענדיק:

— צו קי האָבן זיי זיך נאָך שווערער צוגעוווינט...

— קיינער האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט מעלקן די קי, — די דאָזיקע פליכט האָבן געמוזט נעמען אַף זיך די לערערן און די דאָקטאָרן, — האָט ראַגאָוו אונטערגעכאַפּט. — דערצו איז, בעייס זיי האָבן געמאָלקן, דער גאַנצער יִישעוו געשטאַנען אַרום און געלאַכט. לאַנג האָט מען ניט געקענט געפינען קיין פּאַסטעכער. די זקיינים האָבן זיך לאַכלוטן אָפּגעזאָגט: „אַכטונג געבן אַף כאַיעס? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן! זאָלן זיי גיין אין דער טײַגע און דאָרט לעבן...". זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס קי עסן היי — „טרוקן גראָז", ניט קיין יוקאָל. עס מאַכט זיך איינער גייט צו, שטופּט דער קו געטריקנטע פיש און וווּנדערט זיך, וואָס די קו דרייט אַוועק די מאָרדע. נאַטירלעך, דאָס אַלץ איז שוין פאַרגאַנגענהייט... הײַנט לעבן זיי אַף אַ נײַעם שטייגער

— מיר זײַנען אַליין געוואָרן די באַלעבאַטים, — האָט כאָדזשער געזאָגט אַ גערירטער. — אונדזער פאָלק האָט שוין פריִער געהאַלטן קימאַט בײַם אויסשטאַרבן. נאָך די קראַנקייטן פלעגן איבערבלײַבן ליידיקע יִישווים. ס'איז געווען אַזאַ ווילדקייט, אַז מ'איז ענלעך געווען אַף כאַיעס... די שאַמאַנען און סאָכרים האָבן געפּײַניקט. געלערנטע האָבן פאָרויסגעזאָגט: צו די פערציקער וועלן אַלע אונדזערע אויסשטאַרבן. צום סאָף פאַריקן יאָרהונדערט איז געווען פינף טויזנט נאַנײַצעס, און אין פופצנטן יאָר שוין ווייניקער פון פיר טויזנט. ערשט נאָך דער רעוואָלוציע האָט דאָס פאָלק אויפגעלעבט, באַקומען אַ צוווּקס. איצט האָבן מיר שוין אַ באַפעלקערונג פון אַריבער פינף טויזנט. מיר ווייסן ניט, ניט פון קיין עפּידעמיעס, ניט פון נויט, מיר האָבן אונדזער אייגענע שריפט. די יוגנט קען לייענען און שרײַבן, עטלעכע אירע פון אונדזער יִישעוו לערנען אין אינסטיטוט...

קאַטי כאָדזשער האָט העפלעך מעכאַבעד געווען די געסט, נאָר זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און איר באַדאַנקט. דעמאָלט האָט זיך אויך דער באַלעבאָס אויפגעשטעלט.

— עס זײַנען נאָך פאַראַן בײַ אונדז אַ סאַך שלעכטע זאַכן, פאַרעלטערטע, — האָט ער געזאָגט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. — אַפילע די שאַמאַנען האָבן זיך נאָך פונדעסטוועגן אײַנגעהיט. וואַרטנדיק דאָ אַף אײַך, האָב איך זיך מיט איינעם צעשמועסט... איך קען אײַך ווײַזן אַ לעבעדיקן שאַמאַן...

זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אין גרויסן צימער, ווו די פאַרזאַמלטע האָבן אין באַזונדערע גרופּעס, געפירט אַ שמועס אַף אַ קאָל, געטומלט, געלאַכט. וואַליע מיט אירע כאַווערטעס האָבן הויך געזונגען אַף נאַנײַיש מיטן מאָטיוו פון דעם ליד „געליבטע שטאָט". מאַקסים האָט באַזעצט

די אינזשעניערן אינעם ליכטיקן ווינקל, אונטערן גרויסן נאַפט־לאָמפּ. זײַן פּאָנעם איז געוואָרן שטרענג, ער האָט שטיל אַ וואָרף געטאָן אַ צוויי־דרײַ פֿראַזעס אױף נאַנײַיש, און אַלץ איז שטיל געוואָרן.

פֿון די הינטערשטע רייען איז אַרויסגעקומען און מיטן אַרײַן אַ דייקער עלטערער נאַנײַעץ אין אַ שפּיציקער שאָפּענער היטל און אין אַ בלויען פֿאַרשמאָלצעוועטן וואַטענעם כאַלאַט. אַפֿן שטערן און אױף אַ גלאַנצנדיקער באַק פֿון דעם נאַנײַעץ האָבן זיך געטונקלט צוויי העפּטן. כאָדזשער האָט אים געקוקט גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן און אויסגעפֿרעגט מיט ניט פֿאַרבאָרגענער פֿײַנטלעכקייט.

— מײַנער וויל בריגאַדע, — האָט דער נאַנײַעץ געענטפֿערט אױף רוסיש און זײַטיק געקוקט צו די אינזשעניערן. ער האָט זיי מיסטאָם אָנגענומען פֿאַר הויכע נאַטשאַלסטווע פֿון שטאָט און דערוואַרט פֿון זיי אונטערשטיצונג. — וויל אַרבעטן אָרנטלעך־אָרנטלעך, ווי אַלע. שרײַב בריגאַדע, מײַנער כאַפּן פּיש.

— דו דריי ניט מיטן צונג, — האָט אים כאָדזשער איבערגעריסן.

— וואָס האָט זיך דיר מיטאַמאָל אַזוי פֿאַרגלוסט אין אַ בריגאַדע? האָסט פֿריִער געדאַרפֿט אַ טראַכט טאָן וועגן ערלעכער אַרבעט. אַלע ווייסן דאָ, מיט וואָס דו האָסט זיך פֿריִער באַשעפֿטיקט!...

ראַגאָוו האָט זיך אײַנגעבויגן צו די אינזשעניערן און שעפּטשענדיק זיי אויפֿגעקלערט וואָס דאָ קומט פֿאָר. דאָס איז טאָקע געווען דער שאַמאַן, וועגן וועלכן כאָדזשער האָט גערעדט. אַ געוויסע צײַט האָט דער שאַמאַן ניט געלאָזט פֿון זיך הערן, נאָר אָנהייב מילכאָמע, דערפֿילנדיק אַ מעגלעכקייט זיך אָנצולעבן, האָט ער באַנײַט זײַן טונקעלע אַוודע. ער האָט צוגעטראַכט עפּעס אַזוינס, וואָס איז פּונקט אַזוי כיטרע, ווי כוצפּעדיק. פֿונעם ייִשעוו זײַנען אַוועק אין דער אַרמיי אַ סאַך נאַנײַצעס. זיי האָבן געשריבן בריוו פֿון פֿראָנט, און לויט די דאָזיקע בריוו האָט דער שאַמאַן גענומען זאָגן זײַנע „נעוויִעסן”. עס זײַנען געגאַנגען צו אים, דער־ריקער, עלטערע פֿרויען, וואָס האָבן זיך באַומרויִקט וועגן דעם גורל פֿון זייערע זין, און ער האָט זיי באַשווינדלט און באַנומען. ביז הײַנט איז עס דעם שאַמאַן אָנגעגאַנגען גלאַטיק, נאָר דאָ ניט לאַנג האָט ער „נעוויִעס געזאָגט” דער אַלטער מערגען, אַז איר זון וועט זיך אומקערן פֿון פֿראָנט, און אַנשטאָט דעם איז געקומען אַ מיטטיילונג, אַז ער איז שווער פֿאַרוווּנדעט. איז מערגען, אויפֿגעקאָכט צוליבן שווינדל, געקומען אין דאָרפֿסראַט זיך פֿאַרקלאָגן.

אומדערוואַרט איז אויפֿגעדעקט געוואָרן אַ צווייטער איניִען. באַם יעגער פּאָמע איז צוליב אַ פֿריצײַטיקן געבורט געשטאָרבן זײַן יונג ווײַב. פּאָמע האָט זיך גערעכנט פֿאַר איינעם פֿון די בעסטע יעגערס אין ייִשעוו, ער האָט אַוועקגעגעבן אַ סאַך סויבלען פֿאַרן פֿאַרטיידיקונג־פֿאָנד. פֿונדעסטוועגן איז ער אין דער טיף פֿון זײַן נעשאָמע נאָך געווען אַבערגלויִ־

בעריש. ער האָט זייער ליב געהאַט זײַן ווײַב און, בישטיקע פּאָר זײַנע דאָרפסלײַט, זי באַגראָבן לויטן אַלטן מינהעג — מיטן גאַנצן האָב אירן, קעדיי זי זאָל אָף יענער וועלט לעבן, ווי ער האָט באַגערט, זיך ניט ניי־טיקנדיק אין גאָרניט. און אין אַ וואָך אַרום האָט פּאַמע אַנטדעקט, אַז דער קייוועך איז אויפגעגראָבן, און אַלע זאַכן זײַנען פון דאָרט פאַר־שווונדן. דערצו האָט ער זיך נאָך דערוווסט, אַז די אַלטע מאַמע האָט עטלעכע מאָל געפירט זײַן טראַגעדיק ווײַב צו שאַמאַן, און האָט איצט כוישעד געווען, אַז דער שאַמאַן איז שולדיק אין איר טויט.

פּאַמע, וועלכן כאַדזשער האָט אַרויסגערופן, איז אויך דאָ געשטאַ־נען. ראַגאַוו האָט גענומען באַ אים אַ רעשימע פון די פאַרפאַלן געוואָרענע זאַכן און געוויזן די אינזשעניערן. עס זײַנען דאָרט פאַרצייכנט געווען צוויי פוטערס, צען כאַלאַטן, צוואַנציק טויזנט רובל מעזומאָנים, צוויי סויבלנע פעלכלעך, אַ סאַך שטוב־געשיר.

— אַ שאַמאַן, צי וועסטו ניט טרעפן, ווו די זאַכן געפינען זיך? — האָט כאַדזשער געפרעגט מיט איראָניע. — דו ווייסט אַלץ, דו זעסט אַלץ.

דער שאַמאַן האָט געשוויגן, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ. פּאַמע האָט גע־קוקט אָף אים מיט עקל.

— נו, אויב דו האָסט פאַרגעסן די מעלאָכע, וועט אויסקומען צו רופן מיליציע, — האָט כאַדזשער אַ שמייכל געטאָן. — די מיליציע קען גוט טרעפן, זי וועט אַלץ געשווינד געפינען.

דער שאַמאַן האָט אויפגעציטערט און אָנגעהויבן וואָרטשען, מישנ־דיק רוסישע ווערטער מיט נאַנײַשע. ער האָט די זאַכן ניט געזען און ווייסט ניט פון גאָרניט. פּאַמע איז אַ כיטרער און האָט דאָס אַלץ אויס־געטראַכט, זאָל אים בעסער דער פּאָרזיצער שנעלער פאַרשרײַבן אין אַ בריגאַדע.

פּאַמע איז בייז געוואָרן, פּלוצים צוגעשפּרונגען צום שאַמאַן און האָט זיך קעגן אים זאַמאַכעוועט. יענער האָט זיך דערשראָקן צוזאַמענגע־קאָרטשעט און אומדערוואַרט דין אַ קוויטש געטאָן, ווי אַ מויז. אַרום האָט מען זיך צעלאַכט; עמעץ האָט אַ וואָרף געטאָן דעם שאַמאַן אַ קויל, צונויפגעדרייט פון אַ שמאַטע. עס האָט זיך אין צימער אויפגעהויבן אַ טומל, געשרייען, אַ מעהומע.

אַלעקסיי האָט, ניט אָוועקרײַסנדיק די אויגן, נײַגעריק נאָכגעפאָרשט דאָס, וואָס קומט פאָר. ראַגאַוו, וועלכער איז געזעסן לעבן אים, האָט זיך אויסגעדרייט און שאַרף אָף אים אַ קוק געטאָן.

— דו האָסט מיר ניט אַלץ איבערגעגעבן, טאַטיאַנאַ, ווען זי איז דאָ פאַרבײַגעגאַנגען, האָט דערציילט, אַז אַלגאַ האָט באַקומען אַ יעדיע וועגן קאָנסטאַנטינס טויט. פאַרוואָס האָסטו מיר וועגן דעם ניט געזאָגט? איך דאַרף וויסן, אַלץ, אַלץ!

— איך האָב דיך ניט געוואָלט צעשרויפן... דו וועסט, זיכער,

גלײַך זיך אַ לאָז טאָן צו אָלגאַן, און דאָס טויג ניט לאַכלוטן. איך זאָג נאָך אַמאָל: מען דאַרף איר דערווײַל ניט שטערן... וועסט דאָך איר מיט גאָרניט העלפן...

אַלעקסיי האָט אויסגענוצט דאָס, וואָס צוליבן טומל האָט קיינער זייער שמועס ניט געהערט, און דערציילט וועגן כמאַרעס קומען צו ראָדיאָנאָוואַן. ראָגאָוו איז פולשטענדיק בייז געוואָרן:

— אַלערליי לײַדאַקעס שטערן איר דאָס לעבן! אַ שאָד וואָס איך בין ניט געווען, איך וואָלט מיט אים אַ רייד געטאָן אָף מײַן שטייגער!
— ער האָט זיך אומרויִק אַ באַוועג געטאָן אָפן בענקל. — איך שטעל זיך פאָר ,ווי שווער עס איז איר אַליין. — ראָגאָוו האָט ביז ווייטיק אַ דריק געטאָן קאָווּשאָווּס האַנט. — דער דאָזיקער מענטש קען נאָך אַמאָל קומען צו איר, זי צו פּײַניקן! דער טײַוול ווייס זיי, אָף וואָס זיי זײַנען פּעיִק! איצט איז קיינער ניטאָ לעבן איר, זי איז אומבאַשיצט.

— רעג זיך ניט אויף, אָלגאַ וועט זיך ניט לאָזן קיין אַוולע טאָן, — האָט אַלעקסיי באַרויִקט, נאָר די זאָרג פאַר אָלגאַן האָט ראָגאָוון קיין רו ניט געגעבן.

— איך ווייס גאַנץ גוט, אַז זי וועט מיך דורכיאָגן, אויב איך וועל קומען צו פאָרן, — האָט ער געשעפּטשעט אַלעקסייען אין אויער. — פונדעסטוועגן, אויב עס וועט עפּעס געשען מיט איר, וועל איך דערין באַשולדיקן בלויז זיך. ווי אומזיניק דאָס איז: דיר איז טײַער אַ מענטש און ביסט אימשטאַנד אויסצוהיטן אים פון יעדן שלעכטס, נאָר האָסט קיין רעכט ניט זיך אַרײַנצומישן! דאַרפסט זיך צוקוקן און וואַרטן!...

אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך אויפגעהויבן.

— איך וועל גיין. איך וועל זי אַרויסרופן דורכן סעלעקטאָר. אַגעווו וועל איך קאָנטראָלירן, ווי עס זעט אויס באַ פּאָלישטשוקן מיט די מאַשינען. — ער האָט איראָניש אַ שמייכל געטאָן: — עך, ראָגאָוו, ראָגאָוו, דער פּיראַט אָפן אײַזוועג!...

קאָווּשאָוו האָט נאָכגעקוקט, ווי ער האָט זיך אַרויסבאַקומען צום אַרויסגאַנג דורך די מענטשן, וואָס זײַנען געזעסן אָף דער פּאָדלאָגע — אַ שטאַרקער און ניט דורכדרינגלעך רויִקער אויסערלעך ראָגאָווס אויפרעגונג האָט זיך איבערגעגעבן אַלעקסייען, אויפגעוועקט אין אים אַליין דעם אומרו, וואָס האָט טאָמיד געלעבט אין אים ערגעץ אין דער טיף פון דער נעשאָמע, וועגן זײַן ווײַב. דער דימיען האָט אים פּלוצים אויסגעמאָלט עפּעס אַ טרויעריקע מילכאָמע־סצענע. פאַר די אויגן האָט זיך אַרויפגעריסן אַ פלאַם, ס׳האָט אַ פלי געטאָן אין דער הייך אויפגעריסענע ערד... וואַלד... שניי... מענטשן אין האַלבע פּעלצלעך באַ אַ שײַטער... ער האָט געפּרוווט פאָרשטעלן זיך צווישן זיי זינען — און ניט געקענט. זי האָט זיך אים טאָמיד פאָרגעשטעלט אין געדאַנק אין אַ גע־

ווינלעכער סוויווע — אין דער היים, אַף אַ מאָסקווער גאַס אָדער אין אינסטיטוט.

ער האָט אַ פּיר געטאָן די האַנט איבערן הייסן שטערן, געעפֿנט די אויגן און באַגעגנט וואַליעס מיטפֿילנדיקן בליק — זי האָט אים די גאַנצע צײַט באַאָבאַכטעט.

ווען מ׳האָט דעם אויסגעכוויזעקטן שאַמאַן אַרויסגעפֿירט און אין צי־מער איז שטיל געוואָרן, האָבן צוויי יונגלעך, אַף כאַדזשערס ווונק, צו־געפֿירט צו בערידזען דעם זאָקן מאַפּע. דער זאָקן האָט זיך קוים געהאַלטן אַף די קרומע ציטערנדיקע פֿיס. די הונדערט צען יאָר לעבן האָבן אים אַזוי אויסגעטריקנט, אַז זײַן פּאָנעם איז ענלעך געוואָרן אַף אַ געבראָטע־נעם עפּל, און אַפֿן קאָפּ איז אים ניט איבערגעבליבן קיין איין האָר. די אינזשעניערן האָבן אים אַנידערגעזעצט אַף אַ בענקל צווישן זיך. כאַד־זשער האָט אַנידערגעשטעלט אַ צווייט בענקל קעגנאיבער — נאָך פֿיר זקיינים האָבן זיך כשיוועסדיק אויסגעזעצט אַף דעם און פֿאַררייכערט ליולקעס. אַרום האָבן זיך ענג צוזאַמענגעדרענגט די איבעריקע.

— זײַ באַגריסט מאַפּע! — האָט בערידזע אַ זאָג געטאָן הויך אַפֿן קאָל. דערקענסט מיך?

דער זאָקן האָט געקוקט מיט די קליינע טרערנדיקע אויגן און ניט דערקענט און ניט פֿאַרשטאַנען בערידזען. אַלעקסיי האָט אינערלעך אויפֿ־געציטערט, זיך פֿאַרשטעלנדיק, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט אָנגעהויבן זײַן לעבנסוועג נאָך פֿאַר די צײַטן פֿון פּושקינען, געזען לעבעדיקע מוראַ־וויאָוון און נעוועלסקין געשמועסט מיט זיי. וויפֿל לעבנס־כאַכמע און אײַנדרוקן האָט ער אָנגעזאַמלט אין זיך, וויפֿל באַגעגענישן געהאַט, אַפּ־לעבנדיק מער פֿון אַ יאָרהונדערט, — און אָט האָט אים די פֿיזישע שוואַכקייט דערפֿירט ביז אומבאַהאָלפֿנקייט. ווי ענטפֿערנדיק אַפֿן דאָזיקן געדאַנק, האָט וואָלאָדקע, כאַדזשערס פּלימעניק, וועלכער איז געשטאַנען הינטערן זאָקנס פּלייצעס, אַ זאָג געטאָן מיט ערגעריש:

— אַפּילע דערציילן קען ער אויך גאָרניט. ער איז שוין אינגאַנצן אויוועקבאַטל דער אַלטער.

נאָר מאַפּע, וועלכער האָט נאָך אַלץ געקוקט אַף בערידזען, האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן ריידן מיט אַ ציטערדיקער שטים. אונטערזינגענדיק, און מיט אַ טרוקענער זיך טרייסלענדיקער האַנט אָנגערירט דעם אינזשע־ניער פֿאַר דער באָרד וואָלאָדקע האָט זיך צעלאַכט, און נאָך אים די אי־בעריקע יונגלעך.

— שטילער וואָלאָדקע, כ׳וועל דיך אַרויסטרײַבן! — האָט כאַדזשער אַ דראָע געטאָן, זיך אײַנהערנדיק צום זאָקנס ווערטער. — מאַפּע זאָגט, אַז באָכערוויז האָט ער געהאַט אַ פֿרײַנט צווישן די ערשטע לאָטשעס —

רוסישע — אָפּן אַדון, וועלכער האָט אויך געהאַט אַזאַ שוואַרצע באָרד. מ׳האָט אים גערופֿן פּיאָדאָר. ער איז געווען אַ שטאַרקער און דרײַסטער מענטש. דעמאָלט האָבן נאָך די קיטײַצעס (כינעזער) געפֿירט דאָ מיסכער. איינמאָל האָבן זיי צעשלאָגן מאַפּען פֿאַר ניט באַצאָלן קיין כוויועס. פּיאָדאָר האָט זיך פֿאַר אים אָנגענומען און צוויי קיטײַצעס אָנגעבראָכן די ביינער.

דער זאָקן האָט געווייבט, פֿאַרזינקענדיק אין זײַנע זיכרוינעס, זײַן שטים האָט זיך אָפּט פֿאַרשטאַרקט, אָט שוואַכער געוואָרן ביז געשעפּטש.

— דעם דאָזיקן פּיאָדאָר מיט דער שוואַרצער באָרד האָט צעריסן אַ בער, — האָט כאָדזשער איבערגעריסן. — זיי זײַנען צוזאַמען געגאַנגען אַף געיעג — און מאַפּע האָט שפּעטער די כאַיע דערהאַרגעט. ער זאָגט, אַז דעמאָלט איז ער יונג געווען, פֿון יענער צײַט זײַנען אַריבער אַזויפֿיל יאָרן אַז ער קען זיי ניט איבערציילן.

דער זאָקן האָט געשוויגן, שווער אָטעמענדיק, און ווידער געשעפּטשעט עפּעס ניט קלאָר.

— איצטער דערמאָנט ער זיך זיכער, צי מוראַוויאָוו האָט געהאַט אַ באָרד, — האָט זיך וואָלאָדיע ווידער צעלאַכט און אָזעסדיק אַ געשריי געטאָן דעם זאָקן אין אויער: — זיידע, גענוג שוין וועגן בערד!

מאַפּע האָט זיך פֿאָלגעוודיק אונטערגעגעבן און אַנטשוויגן געוואָרן. בערידזע האָט זיך געווענדעט צו די אַנדערע זקיינים, ס׳האָט אים אינטערעסירט די פֿראַגע וועגן די פֿאַרפֿלייצונגען פֿון דעם אַדון. האָט געבעטן זיך דערמאָנען, ביז וועלכע סאַמע העכסטע ערטער דער טײַך האָט זיך אויפֿגעהויבן אין די פֿאַרגאַנגענע יאָרן. מאַפּע האָט זיך שווײַגנדיק אײַנגעהערט אין זײַנע ווערטער, דערנאָך אַ פֿרעג געטאָן בײַ כאָדזשערן אַף נאַנײַיש:

— ווער איז דער דאָזיקער לאָטשע?

— ער איז אונדזערער אַ פֿרײַנט, — האָט כאָדזשער געענטפֿערט.

ער האָט קורץ און פּאָשעט, קעדיי עס זאָל זײַן פֿאַרשטענדלעך, דערציילט דעם זאָקן וועגן בערידזען וועגן דער בויונג און דעם וועג, וואָס פֿאַרבינדט איצט דעם יישעוו מיט דער גרויסער שטאָט. דער זאָקן האָט זיך צערודערט אַ באַוועג געטאָן, אַ קוק געטאָן עפּעס אָפּן לאָמפּ, וואָס איז געהאָנגען איבערן טיש, און פּלוצים אויפֿגעזונגען מיט אַ געפּעלשטער שטים, וואָס האַלט זיך אין איין איבעררײַסן. ער האָט געזונגען און צום טאַקט פֿון זײַן ליד זיך געשאָקלט מיטן גאַנצן קערפּער.

— ער דערציילט אײַך דאָס מײַסעלע וועגן דעם הילצערנעם מענטשן, וועלכער האָט געבויט אַ וועג צום הימל. פֿאַר די נאַנײַצעס איז קיין פּלאַץ ניט געווען אַף דער ערד, האָט דער הילצערנער מענטש באַשלאָסן אַריבערצופֿירן זיי אָפּן הימל, — האָט כאָדזשער דערקלערט.

אַלע זײַנען שטיל געוואָרן, הערנדיק מאַפּען, מאַקסים האָט דאָס

מײַסעלע איבערגעזעצט פֿאַר די אינזשעניערן. פּלוצים איז דער אַלטער אינמיטן אַ וואָרט שטיל געוואָרן. האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, איז גלײַך אײַנגעשלאָפֿן און האָט זיך אָנגעהויבן אײַנבייגן אַף אַ זײַט. וואָלאָדקע האָט אָן צערעמאָניעס גלײַך אים צעוועקט:

— מען טאָר ניט שלאָפֿן, דו הערסט? מען וויל ריידן מיט דיר?

וואָלאָדקע האָט געהערט וואָס עס זאָגט ברעדזשעו, און מיט אַ הויך, שטאַרק און מיידלש־לויטער קאָל געשטעלט דעם זאַקן פֿראַגן דאָ אַף רו־סיש, דאָ אַף נאַנײַיש. מאָפּע האָט נאָך אַמאָל אָנגעשטעלט דעם בליק אַף געאָרגי דאַווידאָוויטשן און זיך פֿאַרטראַכט, באַוועגנדיק שטום מיט די בלאַסע טרוקענע ליפּן.

— דערמאָן זיך בעסער, זיידע, — האָט וואָלאָדקע געבעטן. — דער שוואַרצבערדיקער אינזשעניער פֿרעגט: צי איז ווען אַמאָל דער אַדון געשטיגן ביז אונדזער יִישעוו? ער דאַרף דאָס זייער נייטיק וויסן. ער האָט מוירע, אַז דאָס וואַסער זאָל אַמאָל ניט פֿאַרגיסן דעם וועג און די נאַפֿט־לייטונג בעייס אַ געוויסער. פֿאַרשטייסט ניט? וואָס פֿאַר אַ מענטש ביסטו, איך רייד דאָך צו דיר מיט אַ פֿאַרשטענדלעך לאָשן!... — וואָלאָדקע האָט פֿון פֿאַרדרוס אַ מאַך געטאָן אַף מאָפּען מיט ביידע הענט.

— קאָך זיך ניט, רויִקער אַ ביסל. דער מענטש איז זעקס מאָל אַזוי פֿיל עלטער פֿון דיר — האָט אים מאַקסים כאַדזשער אָפּגעשטופּט. און ווי צו פֿאַרענטפֿערן דעם ייִנגלס היציקייט, האָט דער פּאַרזיצער געזאָגט צו די אינזשעניערן. — דער זאַקן פּאָלגט וואָלאָדקען מער ווי אַנדערע, פֿאַר־שטייט אים בעסער.

ערשט האָט וואָלאָדקע שוין אינגאַנצן רויִק ווײַטער געפֿירט דעם שמועס אַף נאַנײַיש. דער זאַקן האָט עפּעס געענטפֿערט. אַ פֿונק באַוווּסט־זײַן האָט געבלינצלט אין זײַנע טיף־אײַנגעפֿאַלענע אויגן.

— מאָפּע האָט זיך דערמאָנט, — האָט זיך דאָס ייִנגל אויסגעדרייט צו בערידזעו מיט אַ צופֿרידן פּאָנעם: — בלויז איין מאָל, מיט אַ זיבע־ציק יאָר צוריק, האָט דער אַדון פֿאַרגאָסן ביז נאָענט צו די פּאַנזעס. דער זיידע זאָגט: אונדזערע האָבן זיך דעמאָלט פֿאַרזינדיקט פֿאַרן גאָט פֿונעם טײַך, און ער איז אַרײַן אין צאָרן.

— און צי האָט זיך ניט געטראָפֿן אַמאָל, אַז דער טײַך זאָל פֿאַר־גיסן, לאָמיר זאָגן, ביז דעם אָרט, וווּ עס שטייען די צוויי שאָפּעלעך אַף פּאָליעס?

עטלעכע שטימען האָבן זיך אָפּגערופֿן פֿאַראַמאָל. מאַקסים האָט זיי אײַנגעשטילט, אויפֿהייבנדיק אַ האַנט.

— אַף דעם קענען אַ סאַך ענטפֿערן, ניט נאָר מאָפּע, — האָט ער געזאָגט. — אין דרײַסיקסטן יאָר, דוכט זיך, איז דער אַדון דערגאַנגען ביזן דאָזיקן אָרט. נייך, ניט אין דרײַסיקסטן, נאָר אינעם איינאונדרײַ־

סיקסטן... איך בין פונקט אַוועקגעפאָרן זיך לערנען קיין לענינגראַד און געשווומען מיט אַ שיפל קיין רובעזשאַנסק איבערן הויכן וואַסער.

בערידזע האָט זיך אויסגעדרייט צו אַלעקסייען:

— זעסטו, אַליאָשע, מיר האָבן קיין טאָעס ניט געהאַט. אונדזער טראַסע גייט דאָ פאַרבײַ הינטערן יישעוו. הייסט עס, אַז אַפן דאַזיקן באַציִרק איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן פאַר אַ פאַרפּלייצונג.

פונדעסטוועגן האָט זיך בערידזע מיט דעם אַלץ ניט צופרידנגעשטעלט.

— פּרוווט זיך דערוויסן טײַערינקער באַ מאַפּען, — האָט ער זיך געווענדעט צו וואָלאַדקען, — צי אין די אַלע פאַלן איז שטאַרק פאַרטרונקען געוואָרן דער לינקער ברעג אינעם ראַיאָן פון טשאָמע און טשילמע? דאָרט גייט פאַרבײַ דער זיבעטער און אַכטער באַציִרק פון דער טראַסע...

וואָלאַדקע איז ווידער צוגעשטאַנען צום זאָקן.

— שלאָף ניט, נאַר טראַכט! — האָט ער אַלעמאָל אַ געשריי געטאָן און, ווערנדיק אַלץ גערדולדיקער, מיט אַקשאָנעס זיך דערשלאָגן באַם הונדערטצעניעריקן מענטשן די ידיעס, וואָס זײַנען נייטיק געווען די אינזשעניערן.

דעם פולשטענדיק אײַנגעמידטן מאַפּען האָט מען אָפּגעפירט אַהיים, און געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט זיך געווענדעט צו די אַנדערע זקיינים. האָט זיי געשטעלט פראַגן און פּינקטלעך פאַרשריבן זייערע ענטפערס.

דעם יונגוואַרג האָט דאָס אַלץ שוין דערעסן, די באַכערים און מיידלעך זײַנען אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט און שטילערהייט געלאַכט צווישן זיך, אַרומרינגלענדיק וואָלאַדקען. אַלעקסיי האָט אַ קוק געטאָן איבער זייערע קעפּ: דער סטודענט — דער נאַנײַעץ האָט פאַרגעשטעלט די העלדן פון דער אָפּערעטע „סילוואַ” — ער האָט זי געזען אין רובעזשאַנסק אין טעאַטער פאַר מוזיקאַלישער קאָמעדיע. וואָלאַדקע האָט פאַרמאָגט אַן אָנגענעם טענאָרל און אַן אײַנגעבוירענעם טאַלאַנט נאָכצומאַכן. קאָוושאָוו האָט זיך, צוזאַמען מיט אַלע, געוויילט מיט דער דאַזיקער אָפּערעטע, וואָס איין מענטש האָט אויסגעשפּילט, ביז בערידזע האָט אים ניט צוגערופן. דער הויפּט־אינזשעניער האָט ענדלעך צורו געלאָזט די זקיינים.

— זייער גוט, זייער, — האָט ער געזאָגט צופרידן.

די אינזשעניערן האָבן זיך געקליבן אַוועקצוגיין. מאַקסים כאַדזשער האָט זיי פאַרהאַלטן.

— נאָך איין וויכטיקער איניען. איך ווייס ניט, ווי איר וועט זיך דערויף פאַרקוקן, איך וויל זיך מיט אײַך באַראַטן... הײַנט אָף דער פאַרזאַמלונג האָט דער גאַנצער יישעוו אָנגענומען אַ בשלוס...

אַלעקסיי האָט גענומען דאָס פּאַפּיר, וואָס כאַדזשער האָט אים אויסגעשטרעקט און געלייענט אָף אַ קאָל:

„צו אַלע קאָלווירטניקעס פון די רוסישע דערפער און נאַנײַשע

יישוווים אַפֿן אַדון״. — אַלעקסייס אויגן האָבן זיך געגליטשט איבער די שורעס, ער האָט שווײַגנדיק דערלייענט דאָס פּאַפּיר ביזן סאָף. טיף גע־רירט האָט קאָוושאָוו דערלאַנג דאָס פּאַפּיר בערידזען.

„פאַר דער מילכאָמע איז בייטיק נאַפט, דערפאַר פאָדערן די פּאַרטיי און די רעגירונג וואָס שנעלער צו לאָזן אין גאַנג די נאַפטלייטונג. די דאָזיקע בויונג וועט געבן אַ שטאַרקן שטויס דער ווײַטערער אַנטוויקלונג פון אַלע יישוווים אַף אונדזער אַדון״.

„מיר די אײַנוווינער פונעם יישעוו טיוולין, באַטראַכטן די בויונג פאַר אונדזערן אַן אייגענעם איניען און זײַנען זיך מיסכאַיעוו באַהילפיק צו זײַן די בויער אין אַלץ. מיר ווענדן זיך צו אײַך מיטן פאָרשלאָג: דערקלערן די בויונג פאַר אַ פאָלקס־זאַך, אַז ניט נאָר די בויער, נאָר די גאַנצע באַפעלקערונג פון דעם אַדון זאָל פאַראַנטוואָרטלעך זײַן פאַר דער רעגירונג צו לאָזן די נאַפטלייטונג אין גאַנג צום טערמין״.

— כ׳האָב שלעכט אָנגעשריבן, כ׳פיל עס אַליין! — האָט כאָדזשער געזאָגט באַזאָרגט. — בעסערט עס אויס, כאַווער בערידזע.

— ס׳איז גוט אָנגעשריבן, מאַקסים, אַז מען דאַרף ניט בעסער! — האָט אויסגערופן דער הויפּט־אינזשעניער און אַרומגענומען כאָדזשערן.

— אויסבעסערן אַזאַ פּאַפּיר הייסט בלויז — קאַליע מאַכן...

— וואָלאָדקע! — האָט דער דערפרייטער מאַקסים אַ געשריי געטאָן צום פּלימעניק. — ברענג אַהער די מאַשינקע, וועסטו עס אָפּקלאַפּן. נאָר זײַ פאָרזיכטיק.

מיט דער שרײַבמאַשינקע האָט מען דאָ, קענטיק, שטאַרק שטאָלצירט. אַלע זײַנען שטיל געוואָרן און אויפמערקזאַם געקוקט, ווי וואָלאָדיע האָט זי פאָרזיכטיק אַרײַנגעטראָגן אַף די אויסגעשטרעקטע הענט, אַנידער־געשטעלט אַפֿן טיש, זיך כשיוועסדיק אַנידערגעזעצט און אַרײַנגעלייגט אַ בויגן פּאַפּיר. די נאַגײַצעס האָבן אַרומגערינגלט דאָס באָכערל מיט אַן ענגן קרײַז, און ער האָט אונטער מאַקסימס דיקטאַט גענומען מיט איין פינגער אויסקלאַפּן די ווענדונג.

קאַפּיטל פיר

באַ טאַניאַ וואַסילטשענקאָ

בערידזעס און קאָושאָווס רײַזע האָט זיך דערנענטערט צו איר סאָף. ס'איז שוין ניט קיין סאַך געבליבן ביז אַלגאַכטע, ווו די טראַסע און דער אַדון צעגייען זיך אין פֿאַרשיידענע זײַטן. הײַנט האָבן זיך די אינזשעניערן באַוויזן פּאָרויס באַזונדערס שנעל און פֿאַר די ערשטע פֿרימאָרגן־שאָען זײַנען זיי געווען ווײַט אַוועק פֿון זייער נאַכטלעגער.

בערידזע האָט אַף אַלעקסייס ביטע ניט גערן אײַנגעשטימט זיך אָפּצורוען. זיי האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אַף אַ געצעלט־פּלאַכטע, אויסגע־שפּרייט אַפֿן שניי, און אָפּגעפּרישטיקט, ניט צעלייגנדיק קיין שײַטער. געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט זיך באַלד אומגעדולדיק אויפֿגעהויבן, באַ־טראַכט די געגנט, אַרויסגענומען די טאָפּאָגראַפֿישע מאַפּע און אָנגעהויבן אַרײַנפֿירן אין איר אויסבעסערונגען. אַלעקסיי האָט צונויפֿגענומען די זאַכן און צוגעגאַנגען צו אים.

פֿונעם אָפּריסיקן ברעג האָט זיך פֿאַר זיי אָפּגעדעקט אַן אומענדלע־כער באַשנייטער טאָל, פֿאַרגאָסן מיט זון. אונטן איז געלעגן אומבאַוועג־לעך, פֿאַרקאָוועט אין אַן אײַז־פּאַנצער דער טײַך מיט זילבערדיקע שניי־אָנשיטן אַף זײַן שפּיגלדיקער אויבערפֿלאַך. פֿונוויַיטנס האָבן זיך געזען קײַלעכיקע סאָפּקעס, וואָס שטײַגן אַרויף אין עטלעכע טעראַסן. אינמיטן דער שנייִקער ווײַסקייט האָבן זיי אויסגעזען ווי געצייכנט אַף לײַוונט: די נענטערע מיט אַ צאַרט־ליליעווער פֿאַרב, די וואָס הינטער זיי — מיט אַ וויאָלעטער, און די ווײַטערע — מיט אַ געדיכט־בלויער. איבער די סאָפּ־קעס האָבן זיך אַפֿן לויטערן הימל צונויפֿגעזאַמלט טונקל־גרויע וואָלקנס.

אַלעקסיי האָט זיך דערמאָנט: מיט אַ דרײַ יאָר צוריק, נאָר מיט אַ צען טויזנט קילאָמעטער ווײַטער פֿונדאַנען, האָט ער באַנאַנד מיט בערידזען באַטראַכט אַ צווייטע טראַסע. אַלץ איז אַנדערש געווען: הייס און גרין. פֿון זינט דעמאָלט איז די פֿרײַנטשאַפֿט צווישן אים און בערידזען פֿעסטער געוואָרן, און ער, אַלעקסיי קאָושאָוו, איז פֿון אַ שילער און

אומזיכערן אינסטיטוט־אַבסאָלווענט, געוואָרן דער ערשטער געהילף פונעם הויפּט־אינזשעניער אַף דער גרעסטער בויונג.

— וואָס פאַר אַ ראַכוועס און וואָס פאַר אַ פרישקייט! — האָט זיך געאָרגי דאַווידאָוויטש אַנטציקט. — בעעמעס, וועסט אין ערגעץ ניט געפינען עפּעס ענלעכס — דערפאַר זײַנען דאָ אויך די אונטערנעמונגען קאָלאָסאַלע. ווו וואָלט זיך געפונען, אַפילע בײַ אונדז אין לאַנד, פאַר יונגע אינזשעניערן, ווי איך מיט דיר, אַן אונטערנעמונג פון אַזאַ פאַרנעם? אָט האָסטו דיר, אַליאָשע דעם ווײַטן מיזרעך — אויך אַ סטאַלינישע נײַע בויונג!

— אַגיטירט ניט, כאַווער, איך בין שוין פון לאַנג־לאַנג אַ ווײַט־מיזרעכדיקער פּאַטריאָט, — האָט זיך אַלעקסיי אָפּגערופן, קוקנדיק מיט נאַכעס רועך אַפן הויפּט־אינזשעניערס באַלעבט פּאָנעם. זײַן באָרד, וואָנסן און ברעמען זײַנען ווײַס געוואָרן פון טוי־פראָסט. אַלעקסיי האָט פאַרשטאַנען, אַז בערידזע פרייט זיך ניט נאָר מיטן ליכטיקן פרימאָרגן און דער ראַכוועס, נאָר אויך דערמיט, וואָס הײַנט וועט ער זיך ענדלעך זען מיט טאַניאַן.

— איך ווייס, איך פיל עס לויט זיך אַליין, אַליאָשע: אַזאַ ראַכוועס מאַכט דעם מענטשן, אויב ער איז ניט קיין שמאַטע פאַר אַ שטאַרקן, אונטערנעמערישן און דרײַסטן. פאַר אַ שוואַכן איז דאָ ביכלאַל קיין אָרט ניט. ניט אומזיסט פלעגן זיך פאַרצײַטנס לאָזן צום אַדון, אַף אייגענער ריזיקע, בלויז דרײַסטע און שטאַרקע מענטשן.

אַלעקסיי האָט זיך, ניט אויסגעהערט אים ביזן סאָף, פּלוצים איבערגעבויגן און, פונאַנדערשפּרייטנדיק די הענט געטאָן זיך אַ לאָז אַראָפּ פונעם אָפּריס. צייכענענדיק ברייטע זיגזאַגן אַפן שניי, איז ער אַראָפּגעפלויגן אַפן אײַז פונעם אַדון. בערידזע האָט אים נאָכגעפאָלגט און זיך אויך אַראָפּגעגליטשט.

זיי האָבן איבערגעשניטן דעם טײַך, אײַנהאַלטנדיק די נאַרטעס, וואָס זײַנען זיך צעפאָרן אַפן אײַז. די שפּיצן פון די שטעקנס האָבן עס בלויז צעדראַפּעט. אין דער שטומער שטילקייט האָט זיך דײַטלעך געהערט דער קלאַפּ פון די נאַרטעס און דער זעלטענער דומפּער קרעכץ פונעם אײַז, וואָס פּלאַצט פון פראָסט.

— אַליאָשע, גיי אַרויף אַפן ברעג, דאָ איז שווער צו גיין! — האָט בערידזע אַ געשריי געטאָן, אַרויסאָטעמענדיק אַ גרויסן ווײַסן פאַרעוואָלקן, און אָפּגעטרייסלט מיט דער הוילער האַנט דעם טוי־פראָסט פון די וואָנצעס און באָרד.

אַלעקסיי האָט פאָלגעוודיק אויסגעדרייט די נאַרטעס. די אינזשעניערן האָבן אַרויפגעשטיגן אַפן מעשופּעדיקן רעכטן ברעג, וואָס איז באַוואַקסן מיט שיטערלעכן וואַלד. הויכע בלעטער־ביימער זײַנען דאָ געשטאַ־

נען געמישט מיט נידעריקע נאַדל־ביימער. אַף זייערע צווײַגלעך זײַנען שווער געלעגן שטיקער שניי.

הינטער זיי האָט זיך איבערן טײַך געטראָגן אַ גערויש און ריטמיש קלאַפּערײַ. די אינזשעניערן האָבן זיך אויסגעדרייט און דערזען זעקס אויטאָ־מאַשינען, וואָס גייען פלינק איינע נאָך דער אַנדערער. יעדע האָט געשלעפּט נאָך זיך אַ צוטשעפּ, שווער פאַרלאָדעוועט מיט רערן.

— אונדזערע! — האָט בערידזע אויסגעשריגן און, באַגלייטנדיק די מאַשינעס מיטן בליק, אַ זאָג געטאָן: — אײַלט זיך צו, טײַערע פרײַנט, מאַכט ניט קיין שאַיעס! וואָס מען זאָל ניט זאָגן, אַלעקסיי, נאָר די טראַסע איז שוין אַפן לינקן ברעג. זי לעבט און מיט יעדער שאָ ווערט זי קרעפטיקער. דו געדענקסט די גערדיכטע עלעקטרישע לעמפּלעך אַפן באַצירק באַ ראָגאָוון? זיי וועלן איינגיכן באַלײַכטן דעם גאַנצן אַדון און זיך אַריבערוואַרפן אַפן אינדזל... שמייכל ניט אונטער, סקעפּטיקער! — האָט ער זיך אַ בייזער געטאָן, באַמערקנדיק אַלעקסייס איראָנישן שמייכל און שנעלן, אויסדריקלעך אויפמערקזאַמען בליק, וואָס יענער האָט געוואָרפן אַף די פּוסטע, אומבאַפּעלקערטע ברעגעס. — סאָפּקאָלסאָף איז פאַר אונדז ערשט וויכטיק זיך איבערצוצײַגן אין דער פּראַקטיק אין דער ריכטיקייט פון אונדזערע אויספירן.

— דערין האָב איך זיך שוין איבערצײַגט.

זיי האָבן פאָרגעזעצט זייער וועג, פאַרהאַלטנדיק זיך בלויז ווען עס איז נייטיק געווען צו באַטראַכטן דעם רעליעף פונעם ברעג, צו פאַרפינקטלעכן די געגעבענע פון די טאָפּאָגראַפישע פאָטאָגראַפיעס. אין אַן אַנדערהאַלבן שאָ אַרום האָבן זיי ווידער אָנגעטראָפן די זעלבע זעקס מאַשינען — זיי האָבן זיך צוריקגעקערט שוין ליידיקע. ווען די שאָפערן האָבן זיי באַמערקט, האָבן זיי אָפּגעשטעלט די מאַשינען און זײַנען, ניט אויסשליסנדיק די מאָטאָרן, אַרויסגעקראָכן פון די קאַבינעס. בערידזע האָט ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט זיך צו דערוויסן, וויפל מאַשינען זײַנען באַשעפטיקט באַם פונאַנדערפירן די רערן און צי זיי באַווײַזן צו מאַכן אַ סאַך רייסן אין מעשעך פון טאָג.

אָפּגעגאַנגען אַ ביסל ווײַטער, האָבן די אינזשעניערן באַמערקט אַ וועג, וואָס דערווײַטערט זיך פונעם טײַך, אַן אויסגעפאָרענער פון לאַסטמאַשינעס און האָבן פאַרקערעוועט צו אים. אַזעלכע וועגן האָט מען גערופן „וואָנצעס״: זיי זײַנען זיך, ווירקלעך ווי גיגאַנטישע וואָנצעס, צעגאַנגען אין די זײַטן פון דער אײַז־מאַגיסטראַל. די נאַרטלער האָבן זיך באַוועגט פאָרויס מיטן דאָזיקן וועג און איינגיכן דערזען שטאַבלעס רערן, פּעק און קעסטלעך, איבערגעדעקטע מיט ברעזענט, אַ הײַזל, צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער, און רייען אַנדערע נאָך ניט פאַרענדיקטע הײַזער און סקלאַדעס. ניט ווייניקער פון הונדערט מענטשן האָבן געאַרבעט באַ די געבײַען און צוזאַמענגעלייגט די ניט לאַנג צוגעפירטע רערן.

פאַרן פונאַנדערפירן מאַטעריאַלן און שפּײַז־פּראָדוקטן זײַנען אַף דער טראַסע יעדע צוואַנציק קילאָמעטער געשאַפן געוואָרן געהילף־באַזעס. דאָס איז טאַקע געווען איינע פון אַזעלכע באַזעס אַפן נײַנטן באַצירק. איר נאַטשאַלניק, שמעליעוו, אַ רויִקער, פלעגמאַטישער עלטערער מענטש, האָט באַגעגנט די אינזשעניערן בײַ די שטאַבעלעס.

— זייער אָנגענעם. איך וואַרט אַף אײַך, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, דערלאַנגענדיק זיי די האַנט, און זיי צוגעפירט צום ברעטערנעם הײַזל.

— איר וואַרט? פאַרוואָס? — האָט אַלעקסיי געפרעגט.

— טאַניאַ וואַסילטשענקאָ האָט מיר וועגן אײַך דערציילט. זי האָט דאָ נעכטן דורכגעצויגן די ליניע, און איך בין שוין ערשט פאַראייניקט מיטן באַצירק. אָט־אָ, ביטע, — שמעליעוו האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אַף די דראָטן, פאַרטשעפּעטע אַף דיביימער.

אינעם ברעטערנעם הײַזל האָט געגליט אַ „בורזשויקע“. די אינזשעניערן האָבן אַראָפּגענומען די היטלען און די הענטשקעס, אַראָפּגעוואָרפן די רוקזעק. שמעליעוו האָט זיי מעכאַבעד געווען מיט געפּרעגלטע פיש, וואָס זײַנען געלעגן אַף אַ גרויסער בלעך מיט אַלטגעבאַקן ברויט מיט טיי אין גרויסע בלעכערנע טעפּלעך. זיי האָבן געשמועסט וועגן די לעצטע באַריכטן פונעם אינפאָרמביוראָ. עס זײַנען באַקענט געווען די באַריכטן בלויז פון מיט דרײַ טעג צוריק, און אַלעקסיי, הערנדיק שמעליעווס האַשאַרעס וועגן מעגלעכע ענדערונגען אַפן פראָנט האָט דערפילט, ווי דאָס האַרץ האָט אים ווידער פאַרקלעמט פון אומרו. פאַרן אַרויסמאַרשירן אַף דער טראַסע האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו פון מאָסקווע. ניט דער ראַדיאָ, ניט די צײַטונגען האָבן אים ניט געקענט איבערגעבן אַזעלכע לעבעדיקע פּראַטים, ווי די, וואָס אין דעם בריוו. ער איז געגאַנגען אַ כוידעש, און צוואַנציק טעג שוין וואַנדערט ער, אַליאַשע, מיט בערידזען איבערן אַדון. פון זינט דעמאָלט — האָט ער געוווּסט — האָט זיך די לאַגע הינטער מאָסקווע ניט פאַרבעסערט. וואָס האָט געקענט פאָרקומען פאַר די לעצטע דרײַ טעג?...

— בײַ מיר איז ערשט ווי אַ האָטעל, — האָט שמעליעוו געזאָגט מיטן טאָן פון אַ גאַסטפרײַנטלעכן באַלעבאָס. — אַף דער טראַסע איז אַ גרויסע באַוועגונג, און אַ סאַך מענטשן כאַפּן זיך אַהער אַראָפּ. איך רייד שוין ניט וועגן די, וואָס דרייען זיך אַרום צווישן די באַצירקן, — די דאָזיקע דערוואַרעמען זיך בלויז און גייען ווײַטער. פון סאַמע נאָווינסק האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּכאַפּן אַהער געסט.

— ווער, לעמאָשל?

— דער שאָפער סמאָרטשקאָוו. איר קענט אַזעלכן? נו, איז דאָס אַ יונג אָן אַ אײַזן! דער וועג ווערט דאָ קעסיידער מיט שניי פאַרטראָגן, אַ זיבן קילאָמעטער פון דאַנען איז ער מיט דער מאַשין שטיין געבליבן. איז געקומען צו קריכן באַנאַכט אָן אויסגעמאַטערטער, אַ בייזער. „העלף מיר,

זאָגט ער, ווען עס איז וועל איך דיר אָפּדינען, מיר וועלן זיך פרײַנטלעך צערעכענען". נאַטירלעך, האָב איך אים געגעבן הילף — די מאַשין אַרויסגעשלעפּט און באַזאָרגט מיט בענזין. ער האָט זיך שטאַרק אויסגעמאַטערט אין וועג. כ'האָב אים דערלאַנגט עסן. איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן בײַ מיר הינטערן טיש מיט אַ שטיק ברויט אין האַנט. האָט אַפילע ניט געהערט, ווי איך האָב אים אַנידערגעלייגט אַף דער באַנק. אָבער אין אַ דרײַ שאָ אַרום איז ער אויפגעשפּרונגען און גענומען זיך אײַלן...

— ס'וואָלט גוט געווען, ווען ער וואָלט שוין האָבן דערקליבן זיך צום דורכגוס, — האָט אַלעקסיי אַ זאָג געטאָן.

— ס'איז צווייפלדיק. דעם נײַנטן באַצירק איז ער אַריבער ווען דעם האָב איך געהערט פון פאַנקאָווען. אָבער נאָכן נײַנטן ווערט דער וועג אַלץ ערגער, און פונעם אָדון ביזן דורכגוס, זאָגט מען, איז ביכלאַל קיין וועג ניט פאַראַן. ס'איז אַ שוואַכע האָפענונג, ער זאָל דערפירן די מאַשין ביזן אָרט, הײַנטאָם ער פאַרמאָגט אַ סאַך אַקשאָנעס. אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט האָט דער דאָזיקער מענטש גענומען אַף זיך!...

— דערפאַר אָבער האָט ער געבראַכט גרויסע נוצן, — האָט בערידזע באַמערקט. — אַף אַלע באַצירקן, ווו מיר זײַנען געווען, דערמאָנען אים די שאָפערן אין זייערע סאָציאַליסטישע פאַרפליכטונגען...

— נאָך סמאַרטשקאָוון זײַנען געקומען פון נאָווינסק — וויפל אַ שטייגער מיינט איר? — דרײַ הונדערט פאַרשוין געסט, — האָט שמעליעוו דערציילט.

— גאַנטשאַרוקס קאָלאָנע?

— יאָ. זיי אַלע אינאיינעם איז לײַכטער גווען צו זײַן דעם וועג. אויב דער וועג איז פאַרשאָטן געוואָרן, גייען זיי אַראָפּ פון די מאַשינען און רייניקן אים אַליין אָפּ. און אויך זיי האָבן זיך לײַטיש אײַנגעמאַטערט: טיילמאָל האָט מען געמוזט דורכשלאָגן אַ וועג דורך שניי־אָנשיטן אַף אַ לענג פון עטלעכע קילאָמעטער. דאָס איז, דוכט מיר, ערגער ווי גיין צופוס. גאָנטשאַרוק אַליין איז קראַנק, קוים וואָס ער גייט. ער האָט אַזוי באַשלאָסן: אויב דער וועג איז ווײַטער אַ שלעכטער — איבערלאָזן די מאַשינען אָפּן צענטן באַצירק און גיין צום דורכגוס צופוס. און ווירקלעך, מע קען דאָך ניט שלעפּן די לאַסט־מאַשינען אַף די אייגענע פּלייצעס! זיי זײַנען בײַ מיר געווען סאַכאַקל איין טאָג, נאָר קלאָפּאָטן האָבן זיי פאַרשאַפט אַ סאַך: מע דאַרף זיי שאַפן געלעגערס און עסן געבן — אַ קלייניקייט דרײַ הונדערט מאַן! דערפאַר אָבער האָבן אויך זיי מיר גוט געהאָלפן, געאַרבעט סטאַכאַנאָוויש. דערנאָך איז געקומען צו פאָרן דער טראַקטאָריסט סילין מיט אַ גאַנצער שטוב אַף שליטנבויגנס. דער האָט אויך היפּש געהאָלפן — דעם וועג אײַנגעפאָרן, שווערע לאַדונגען צוגעשלעפּט.

— ווען איז סילין פאַרבײַגעפאָרן?

— כ׳וועל זיך באַלד דערמאָנען... אייערנעכטן! גלײַך נאָך אים האָט באַוויליקט צו קומען דער באַלעבאָס.

ווידער האָבן די אינזשעניערן דערהערט דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן וואָגיק און פּילבאַזײַטיק. בערידזע האָט, קלוימערשט ניט פֿאַרשטייענדיק, וועגן וועמען ס׳רעדט זיך, אַ פֿרעג געטאָן:

— ווער איז דאָס דער באַלעבאָס?

— נו, דער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג. ווער דען איז בײַ אונדז דער באַלעבאָס אָפּן אַדון?

שמעליעוו האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל אַנטפּלעקנדיק אַ דורכוויס פּליכעוואַטן קאָפּ, אָנגעגאָסן זיך וואַסערזאָט און, פֿאַמעלעך זופּנדיק, דערציילט, ווי אומדערוואַרט באַטמאַנאָוו איז געקומען צו פֿאָרן, האָט אַלץ באַטראַכט, גערעדט מיט די מענטשן, אויסגעזידלט וואַסילטשענקאָן און אים, שמעליעוון. דאָס דערמאָנען זיך דערין האָט שמעליעוון פֿאַרשאַפֿט אַ בעפּיירעשע האַנאָע.

— פֿאַר וועלכן האָט טאַניאַ וואַסילטשענקאָ אַרײַנגעכאַפּט פֿונעם נאַטשאַלניק? — האָט בערידזע געפֿרעגט.

— דערפֿאַר, וואָס די סקלאַדעס זײַנען ניט פֿאַרטיק, — האָט שמעליעוו, ניט פֿאַרשטייענדיק די פֿראַגע, ווײַטער דערציילט. — „האָסט זיך פֿאַרנומען זאָגט ער, אַ גאַנץ יאָר אַרומצופֿאָרען מיט דײַנע שלימאַזלדיקע סקלאַדעס? מיר וועלן פֿאָרן יאָר די גאַנצע נאַפּטלייטונג אויפֿבויען!... און אויב דער בוראַן וועט די רערן מיטן גאַנצן האָב מיט שניי פֿאַרטראָגן, וועסטו עס אָפּגראָבן?...״ אַן אומבאַגרײַפֿלעכער מענטש איז ער: אַלץ האָט ער באַמערקט, איבער אַלץ איז ער אַרויסגעטראָטן מיט קריטיק! פֿאַר די שטאַבעלעס האָט ער אויך געזידלט — פֿאַרוואָס זיי זײַנען אַזעלכע הויכע: „וואָס, האָסט וויניק פּלאַץ, וואָס דו הויפֿנסט זיי אָן ביזן הימל אַרײַן? הויפֿן אָן, הויפֿן אָן — דו אַליין וועסט האָבן מער אַרבעט. איינגיכן וועלן מיר פֿונאַנדערפֿירן די רערן אויסצולייגן זיי אין אַ שנור — וועסטו דעמאָלט דאָס געזונט פֿאַטערן בײַ דײַנע וואָלקנקראַצערס!...״

אַלעקסיי האָט זיך צעלאַכט: אַפֿילו די אינטאָנאַציע באַטמאַנאָווס האָט זיך אים אײַנגעגעבן נאָכצומאַכן, שמעליעוון.

— פֿאַרוואָס פֿאָרט האָט דער נאַטשאַלניק געזידלט טאַניאַ וואַסילטשענקאָ? — האָט בערידזע איבערגעפֿרעגט.

—זי האָט, פֿאַרשטייט זיך, אַרײַנגעכאַפּט פֿאַרן טעלעפֿאָן. זי פֿאַרשלעפּט, זאָל עס הייסן, צו לאַנג. ער איז אַהער געקומען צוזאַמען מיט איר. בײַ מיר איז נאָך קיין פֿאַרבינדונג מיטן באַצירק ניט געווען, און אים האָט זיך געוואָלט אַ שמועס טאָן מיט דער פֿאַרוואַלטונג און דורכפֿירן פֿון דאַנען אַ באַראַטונג מיט די דיזשורנעס. איז דערפֿון גאָרניט אַרויסגעקומען. ער האָט דערמאָנט טאַטיאַנאַ פּעטראָוונאַן, וויפֿל קילאָ־

מעטער דראָט זי האָט צוגעזאָגט דורכצוצי׳ען יעדן טאָג. האָט אויסגערעכנט, וויפל זי האָט ניט דערצויגן: „האָסט אָפּגענאַרט, זאָגט ער, מיך און די רעגירונג".

— און זי, — האָט אַלעקסיי געפרעגט.

— זי האָט פאַרשוויגן. קענטיק, זיך באַליידיקט. אַ שטאָלץ מיידל, אַן אַמביציעזע. איך האָב געקענט איר טאָטן, פיאָטר וואַסילטשענקאָ...

— פונוואַנען? — האָט זיך בערידזע פאַראינטערעסירט. אים איז וויכטיק געווען אַלץ, וואָס האָט אַ שייכעס צו טאַניאַן.

— מיר איז אויסגעקומען צו פאַרטיזאַנעווען אין זיין אָפּטיילונג. ער איז געווען אַ טיכטיקער קאָמאַנדיר און אַ האַרציקער מענטש. טאַטיאַנאַ איז אינגאַנצן אין אים געראָטן — סיי מיטן אויסזען, סיי מיטן כאַראַקטער. — דער אַלטער פאַרטיזאַן האָט גערעדט וועגן פיאָטר וואַסילטשענקאָ מיט עפּעס אַ פייערלעכער שטאָלצקייט. — צוזאַמען מיטן באַלעבאָס האָט מיך באַזוכט פאַנקאָוו סטעפאַן קוזמיטש, דער נאַטשאַלניק פון אונדזער באַצירק. אים קען איך אויך פון לאַנג. ער איז געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט טאַניאַס טאָטן. בעת באַטמאַנאָוו איז געשלאָפן, האָבן מיר, איך מיט סטעפאַן קוזמיטשן, געשמועסט די גאַנצע נאַכט, זיך דערמאָנט די וואָלאָטשאַיעווער צייטן. פאַנקאָוו איז פון דער אַלטער גוואַרדיע, אַ שטאַרקער מענטש, אַ פעסטער, מען שטעלט אים טאָמיד אַף די שווערסטע באַצירקן, און ער גיט זיך אַן אייצע. טאַטיאַנאַן אַכטעט ער זייער, פאַנקאָוו. פאַר דער אַלטער נאַטשאַלסטווע האָט זי אין דער פאַרוואַלטונג געהאַט גרויסע אומאַנגענעמלעכקייטן צוליב איר גלייכן כאַראַקטער. סטעפאַן קוזמיטש האָט גענומען טאַניאַן אין שוץ, און זי האָט געאַרבעט באַ אים אַפן באַצירק די גאַנצע טרויעריקע צייט...

— פאַנקאָוו האָט זיך דאָ באַגעגנט מיטן נאַטשאַלניק, וואָס?

— דער באַלעבאָס האָט אים אַרויסגערופן קיין נאָווינסק, איז ער געפאָרן. נו, האָבן זיי זיך באַגעגנט אינמיטן וועג, ערגעץ אַפן זיבעטן באַצירק. באַטמאַנאָוו האָט צוריקגעשיקט סטעפאַן קוזמיטשן: „וויייז מיר, זאָגט ער, דיין פאַרטרעטער און גיב אים איבער די איניאַנים. איך שיק דיך ווי מיינעם אַ פאַרשטייער צום דורכגוס, שטעל דאָרט איין אָרדענונג, דערנאָך וועל איך אויך אונטערקומען, צוהעלפן". זיי האָבן זיך, קענטיק, באַפריינדעט, איין נעשאָמע.

— צווישן טאַטאַניאַס פאַרבינדלער געפינט זיך, דוכט זיך, פאַנקאָווס זינדל? אַזאַ לעבעדיק יינגל, גענקע, — האָט זיך אַלעקסיי דערמאָנט.

— ריכטיק, דאָס איז זיינער אַ זון, סטעפאַן קוזמיטש האָט זיך מיט אים געטראָפן. זיי האָבן דאָ באַ מיר טיי געטרונקען זאַלבעדריט.: דער באַלעבאָס, פאַנקאָוו און גענקע. באַטמאַנאָוו האָט דערקלערט סטעפאַן קוזמיטשן: „איך האָב אים דערלויבט גיין מיט טאַטיאַנאַן אַף אייגענער אַכראַיעס. ער איז זייער אַן איינגעאַקשנט יינגל, וויל ניט בלייבן

הינטערשטעליק קעגן די כאַווײרים״. סטעפּאַן קוזמיטש ענטפערט: „עס שאַדט ניט, זאָל ער זיך באַצײַטנס צוגעוווינען צו שוועריקייטן, אין אַ קאָ־לעקטיוו וועט ער ניט פאַרפאַלן ווערן״. אַנטשולדיקט, איך קום באַלד.

שמעליעוו האָט דערזען דורכן פענצטער צופאָרנדיקע מאַשינען, און איז אַרויסגעלאָפן זיי באַגעגענען.

— מירן גיין, פרײַנט אַליאָשע, מיר האָבן דאָ ניט וואָס אויסצוזיצן, — האָט בערידזע געזאָגט. — כ׳וועל אויסרייכערן די ליולקע, און מיר וועלן זיך לאָזן אין וועג אַרײַן.

אַלעקסיי האָט פאַרשטאַנען — בערידזע איז אומגעדולדיק צו זען טאַטיאַנאַן: ס׳איז שוין ניט געווען ווײַט צו איר, סאַכאַקל עטלעכע קי־לאָמעטער.

שמעליעוו איז צוריקגעקומען. ער האָט אַ קוק געטאָן אַף די אינ־זשעניערן, וואָס זײַנען געווען צעפּאַרעט פון היץ, און געזאָגט אַקצענ־טירנדיק:

— דער באַלעבאָס האָט געהייסן אײַך איבערגעבן, אַז ער איז שוין געווען בײַ מיר...

— קאָוושאָוו האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי באַטמאַנאָוו איז געזעסן אין דאָזיקן קעמערל און אַרויסגעגעבן פאַראָרדענונגען.

— וואָס האָט אײַך דער נאַטשאַלניק געזאָגט, — האָט אַלעקסיי געפרעגט.

— איר זאָלט זיך ניט פאַרהאַלטן דאָ, הייסט עס. „זיי גייט אַלץ אָן, זאָגט ער, וועלן אומבאַדינגט זיך אין אַלץ אַרײַנמישן. און זיי האָבן אַ וויכטיקערן איניען, ווי דײַן באַזע. איז טרײַב זיי פון דאַנען. נאָר העפ־לעך, זיי האָבן אויך מאַכט, און קענען ד י ך אַרויסטרײַבן״.

אַלעקסיי און בערידזע האָבן אַ קוק געטאָן איינער אַפן צווייטן און שווײַגנדיק זיך אויפגעהויבן. שמעליעוו איז אויפגעשפרונגען אין פאַר־לעגנהייט.

כאַווער הויפּט־אינזשעניער, וואָס טוט איר? איך האָב דאָך אײַך בלויז איבערגעגעבן פּינקטלעך דעם נאַטשאַלניקס ווערטער. איר אַליין זײַט דאָ אויך אומעטום באַלעבאָס.

— נו, ניין. קוים האָסטו אַזאַ באַפעל באַקומען — טרײַב און דער־לאַנג איבערן האַלדז און נאַקן — האָט בערידזע דערווידערט מיט גע־מאַכטער ערנסטקייט.

— גראָד ראָט איך אײַך ניט ערשט אַוועקצוגיין: ס׳וועט זיך אינ־גיכן אויפהייבן אַ בוראַן, — האָט שמעליעוו גענומען איבערצײַגן. — איך וווין שוין לאַנג אַפן אַדון — איך ווייס, ווען עס ענדערט זיך דאָס וועטער.

— מירן גיין, — האָט בערידזע געמאָלדן אַנטשלאָסן. — דאָס וועטער איז אַ לויטערס, און דו, טאַטעלע, פאַרוואָלקן עס ניט.

זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט פון דער באַזע איבער אַ ניט טיפן ראָוו.

ענלעך צו אַ דורכגעהאַקטן װעג, װעלכער װאָלט װי צעטײלט צװײ צו זיך ניט ענלעכע װעלדער: רעכטס זײַנען געװאָקסן זײער הױכע, שלאַנק־שטאַמיקע בלעטער־בײמער און יאַסן־בײמער, לינקס — בײמער פון פאַר־שײדענע מינים און הײכן. די זון־שטראַלן האָבן זיך קוים דורכגעשלאָגן דורך זײערע געדיכטע, מיט שנײ פאַרשיטע קרױנען. דער הימל האָט זיך געצױגן איבערן ראָװ, װי אַ פרײלעכע לױטער־בלױע סטענגע. די צװײ באַרטלער זײַנען געװען, דוכט זיך, די אײנציקע לעבעדיקע באַשעפענישן אין דער טײַגע, װעלכע ס'האָט אײַנגעקלאַמערט דער פראָסט.

די אינזשעניערן זײַנען געגאַנגען שװײַגנדיק, בײדע האָבן געטראַכט װעגן באַטמאַנאָװן. װען זײ האָבן זיך מיט אים געזעגנט אין דער פאַר־װאַלטונג, האָט ער זײ מיט גאַרניט אַרױסגעװיזן, אַז ער האָט בעדײַע אַרױסצופאָרן אַף דער טראַסע, בלױז אין שפּאַס זײ געדראָט, אַז ער װעט זײ אָניאָגן און אונטערטרײַבן פון הינטן. ערשט האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז ער איז גאָר פאָרױס, און אַלץ איז פול געװען מיט אים אַף די באַצירקן: װאָס ער האָט געזאָגט, װעמען געלױבט, װעמען געזידלט, װאָס פאַר אַ פאַראָרדענונגען אַרױסגעגעבן, װעמען און װאָס צוגעזאָגט. און האַגאַם אַף דער טראַסע איז נאָך אַ סאַך פאַרבליבן אומקלאָר, דאָס לעבן אַף דער טראַסע האָט זיך נאָך ניט פולשטענדיק אײַנגעשטעלט, — איז שױן בײַ אַלעמען געװען אַ רויִקע זיכערקײט אין זײערע קױכעס און אין זײער נאַטשאַלניק.

— דאָס קלינגט ניט שלעכט — „דער באַלעבאָס פונעם אַדון“, עמעס? — האָט בערידזע געפרעגט.

— עס קלינגט גוט. ערשט האָבן די מענטשן אַף דער טראַסע דער־קענט באַטמאַנאָװן, און דאָס פרײט מיך, — האָט אַלעקסײ געענטפערט. אַ פאַרע־װאָלקנדל האָט זיך באַװיזן בײַ זײַנע ליפּן בײַ יעדן װאָרט. — און איך, דערמאָן איך זיך, האָב זיך געשראָקן, צי איז ער ניט קײן קאַ־בינעט־מענטש.

— אַלץ האָט זײַן צײַט, אַליאָשע. דער קאַבינעט — זײַנע, די טראַסע — אירע. דו װעסט אים ערשט דערזען אַף דער טראַסע!

זײ זײַנען געגאַנגען אײַליק און גלאַטיק, באַנײַענדיק פון צײַט צו צײַט דעם שמועס. דער װאַלד האָט זײ פרײַנטלעך באַגעגנט און געװאָרפן זײ אַף די קעפּ די לײַכטסטע שטיקלעך שנײ. די שטאַמען און צװײַגן פון די בײמער צוזאַמענגעקלעמטע פונעם פראָסט, האָבן אונטערגעפּלאַצט. אַן אומדערװאַרטע באַגעגעניש בײַ אַ פאַרדרײ האָט באַװיזן בערידזען און אַלעקסײען, אַז זײ זײַנען ניט אַלײן אין דער דאָזיקער שטומער טײַגע. פון אונטער אַ ברײטער סאָסנע איז פּלוצים אַרױסגעשפּרונגען אין ראָװ אַרײַן אַ הירשן. זיך אַ װאָרף געטאָן אין שרעק פאַר די מענטשן, האָט זי געמאַכט אַ גרױסן און גלײַכצײַטיק גראַציעזן שפּרונג. בערידזע האָט זיך אין אַזאַרט געכאַפּט פאַרן פּיסטאָלעט, נאָר ניט באַװיזן אַפילע אים

אַרויסצוצי:ען פונעם פוטליאַר — די הירשן איז פאַרשוווּנדן. דערנאָך האָט עפּעס אַן אומבאַקאַנט כאַיעלע פאַרבײַגעשווינדלט און אַנטלאָפן פאַר קאָוושאָווס אַ פּײַף, איבערלאָזנדיק אָפן שנײ צווײ אוזאָרן־שפורן.

— ס'איז גוט, ווען דער מענטש שטרעבט צו אַ באַשטימטן ציל, — האָט אַלעקסײ אַ זאָג געטאָן.

— יועגן וועמען זאָגסטו עס? — האָט אַ פרעג געטאָן בערידזע.

— וועגן אים טאַקע, וועגן באַטמאַנאָוון. אָף דער טראַסע האָבן אים באַגעגנט טויזנטער מענטשן, אַ סאַך פאַרשיידנערלײ איניאַנים. און ער האָט פונדעסטוועגן וועגן אונדז ניט פאַרגעסן. ווי איך וואָלט אים געהערט בײַ יעדן טראָט: „איך פאָלג אײַך נאָך, טײַערע, לאָזט זיך ניט ווילגיין! אײַלט זיך אונטער, איר דאַרפט פאַרטיק מאַכן דעם פּראָיעקט!” מעז דאַרף מוידע זײַן, ווען ער וואָלט ניט געווען זײַן פאַר אונדז אָף די באַצירקן, וואָלטן מיר נאָך עפּשער ביז הײַנט געזעסן ערגעצוו לעבן ראַגאָוון!...

די דראָטן האָבן זיך געצויגן פון בוים צו בוים, ווי אַ דינער שפּינוועבס, וואָס גלאַנצט קעגן דער זון. ס'איז געווען כידעשלעך און נאַכעסדיק אָנצוקוקן די דאָזיקע דראָטן און די בלישטשענדיקע ווײַסע איזאָלאַטאָרס אָף די ביימער אין דערווילדער טײַגע, בערידזעס פאַרפּראָסטיקטע וואָנסעס האָבן זיך צעשפּרייט אין אַ שמייכל יעדעס מאָל, ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— זי איז אַ כוואַט, טאַניושע, די שפּינערן! — האָט דער הויפּטאינזשעניער ניט אויפגעהערט צו כאַפּן היספּײַלעס. — סאַראַ פרעכטיק שפּינערײַ זי האָט איבערגעלאָזן אין דער טײַגע! ס'לויפן שוין אַוואַדע מענטשלעכע שטימען דורך די דראָטן דער זעלבער שמעליעוו, מיסטאָמע, אײַלט זיך צו טרײַבן פאַר איר רעכילעס אָף אונדז.

— שטילער! — האָט אַלעקסײ אויפגעהויבן די האַנט.

זיי האָבן זיך אײַנגעהערט. אין דער וואַכיקער שטילקייט פונעם וואַלד האָבן געברומט די דראָטן — דאָס איז געווען אַ קלאַנג, וואָס וועקט אומרו:קייט, אַ באַנגער און שוואַכער.

— ווי ווער וואָלט זיך פאַרקלאָגט פאַר עמעצן. עפּשער גיט מען איבער אַ ניט פריילעכן פּראָנט־באַריכט, אָדער אַ טרויעריקע יעדי:ע.

— שרעק מיך ניט מיט קיין סוידעסדיקן לירזים. דראָט איז דראָט: אַ מעטאַלענער פאָדעם, — האָט בערידזע געזאָגט מיט שפּאַס, נאָר זיך אויך פאַרטראַכט.

אַלץ אָפטערער האָבן זיי אָנגעטראָפן אָף שפורן פון שײַטערס און ערטער, ווו דער שנײ איז געווען אויסגעטראָטן — גאָר ניט לאַנג צוריק האָבן דאָ געאַרבעט טאַניאַ וואַסילטשענקאָס בריגאַדעס. ס'האָט זיך באַ־

וויזן די באַוועגלעכע באַזע פון די פאַרבינדלער — פיר פאַלאַטקעס אָנגעצויגן אַף פּראָסטע סקעלעטן. אין איינער פון זיי האָבן זיך באַ אַ פירקאַנטיקער טשוהון־פּליטע געפּאָרעט אַ באָכער און אַ מיידל מיט טונקעלע אָנגעפּרוירענע באַקן. האָבן עפּעס געקאָכט אין קעסעלעך און געכאַפּט אַ שמועס. אין דער פּאַלאַטקע זײַנען געשטאַנען לײַכטע צונויפלייג־טאַפּטשאַנעס, צווישן זיי און אונטער זיי זײַנען געלעגן רעדלעך דראָט, קריקעס, איזאָלאַטערס.

דערוווסט זיך, ווו עס געפינט זיך טאָניאַ, זײַנען די אינזשעניערן טייקעף אַוועק ווײַטער. אינגיכן האָבן זיי דערהערט מענטשלעכע שטימען, וואָס האָבן מאָדנע געקלונגען אין דער טײַגע, און אָנגעיאָגט אַ בריגאַדע, וועלכע האָט אויפגעהאָנגען דראָטן אַף די ביימער. בערידזע און אַלעקסיי האָבן, ניט שטערנדיק די פאַרבינדלער, זיי באַאָבאַכטעט מינהאַצאַד. אייניקע פון זיי האָבן מיט הויכע דרענגלעך אויפגעהויבן פון דער ערד אַ דראָט, וואָס האָט זיך געצויגן אַ הונדערט מעטער. אַנדערע האָבן אים אויפגעהאָנגען, זיצנדיק אַף די ביימער, ווו אַן אַנדער בריגאַדע האָט שוין געהאַט אינסטאַלירט פונדאַמענט־שטיינער און איזאָלאַטערס.

אין דעם באָכער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די פאַרבינדלער, האָט אַלעקסיי ניט טייקעף דערקענט דעם טעכניקער טשערנאָוו פון פּילימאָנאָווס אָפּטייל. דער קאָמיוגיסט איז געקומען אין פאַרלעגנהייט, דערזעענדיק די אינזשעניערן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אומדערוואַרט. ער האָט אײַליק געענטפערט אַף זייערע פראַגן און ווײַטער אויפמערקזאַם נאָכגעשפּירט ווי די דראָטן ווערן אויפגעהאָנגען. איבערגעריסן די אייגענע רייד, האָט טשערנאָוו אַ פרעג געטאָן: — קיין פרישע קאָמוניקאַטן ווייסט איר ניט? אַף אונדזער ליניע האָבן מיר שוין דרײַ טעג איינס און דאָס זעלבע.

דעם ענטפער האָט ער שוין ניט דערהערט. באַ דער עקסטער פאַר פאַרבינדלער האָט זיך דער דראָט אָפּגעריסן און מיט אַ פײַף אַראָפּגעפאַלן אָפּן שניי. טשערנאָוו האָט זיך אַנטשולדיקט און אַהינגעלאָפן. אַלעקסיי האָט געוואָלט אַף אים צוּוואַרטן, נאָר געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט זיך געאײַלט און מיטגעצויגן דעם כאַווער פאָרויס.

אַ צווייטע בריגאַדע האָט אינסטאַלירט אַף די ביימער פונדאַמענטשטיינער און איזאָלאַטערס. עמעץ פון די קאָמיוגיסטן האָט באַמערקט די אינזשעניערן און אַ געשריי געטאָן איבערן גאַנצן וואַלד:

— זעט, זעט, אָט זײַנען זיי!

מ׳האָט אַף בערידזען און קאָושאָוון, ווײַזט אויס, געוואַרט. די בריגאַדע האָט גלײַך אָפּגעשטעלט די אַרבעט. עס זײַנען זיך צוזאַמענגעלאָפן סײַ די, וואָס האָבן צוגעגרייט און צוגעטראָגן די פונדאַמענט־שטיינער, און סײַ די, וואָס האָבן זיי אינסטאַלירט. זיי האָבן אַ רוישיקע כעוורע

אַרומגערינגלט די געסט, וועלכע האָבן זיך צוגעזעצט אויף אָן אײַנגעפאַלענעם בוים. פון אַלע זײַטן האָבן זיך געשאָטן פראַגעס וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן, וועגן נײַס פון שטאָט און פון דער פאַרוואַלטונג, וועגן באַקענטע.

אַלעקסיי האָט דערזען גענקע פאַנקאָוון. די וואַטענע הויזן און דער שפּענצער, אײַנגעצויגן מיט אַ פּאַסעק, האָבן אים דיק געמאַכט, צוליב וועלכן ער האָט אויסגעזען נאָך קלענער. זײַן נאָז איז געווען אָנגעשוואָלן — קענטיק לײַכט אָפּגעפרוירן. גענקע האָט זיך געהאַלטן פרײַ, און ווען אַלעקסיי האָט אים צוגערופן, איז ער צוגעגאַנגען ניט אײַלנדיק.

— ווי האָסטו זיך, גענקע, צוגעוווינט צום טײַגע־לעבן? — האָט דער אינזשעניער געפרעגט, צוציִענדיק דאָס ייִנגל צו זיך.

— זיך צוגעוווינט, וואָס איז דאָ פאַראַן זיך ניט צוצוגעוווינען, — האָט גענקע געענטפערט מיט אַ געוויסער אָנגעשפּיצטקייט.

— ער איז בײַ אונדז אַ סטאַכאַנאָווער און אַ כוואַט — אינסטאַלירט בעסער און געשווינדער פון אַלעמען די פונדאַמענט־שטיינער. אויף די ביימער קלעטערט ער אַרויף, ווי אַ וועווריק, — האָט דעם יונגן גענקען געלויבט אַ מיידל, אין וועלכער אַלעקסיי האָט דערקענט זינאַן, זאַלקינדס געוועזענע סעקרעטאַרן.

— קיין נאָווינסק, זאָגט מען, איז געקומען צו פאָרן אויטאָסאָוו מיט אַ דזשאַז־באַנד, עמעס? — האָט נײַגעריק געפרעגט איר כאַווערטע, אַ דאַרינק מיידל אין אַן אומגעלומפּערטן וואַטענעם בושלאַק.

— דעם טאַטן האָסטו געזען? — האָט אַלעקסיי ניט אָפּגעלאָזן גענקען.

— געזען, וואָס איז דען?

— ער האָט דיך אַוואַדע געוואָלט נעמען צו זיך?

— וואָס האָט ער מיך געהאַט צו וועלן, אַז איך בין אויף דער אַרבעט, — האָט גענקע דערקלערט מיט כשיוועס. — מ׳האָט אים ערשט באַשטימט אויפן דורכגוס, און מיר גייען אויך אַהין...

— די נאָז האָסטו זיך פונדעסטוועגן אָפּגעפרוירן... מען דאַרף זײַן פאָרזיכטיקער אַ ביסל.

— ווייס איך וואָס בײַ מיר! בײַ אַנדערע איז ערגער. אַפילו קאַליאַ סמירנאָוו גייט אַרום מיט שוואַרצע פלעצלעך אויפן פּנים.

— און ווו איז ער, קאַליאַ? — האָט זיך בערידזע אַרומגעקוקט.

— אָט לויפט ער!

דער לאַנגער סמירנאָוו איז געפלויגן צו זיי אויף נאַרטעס, לאַווירנדיק צווישן די ביימער.

— מיר האָבן נעכטן אָנגעטראָפן אויף אַ בערנהייל, איך האָב זי דערזען, — האָט זיך גענקע אַ באַרים געטאָן און צעהיצט. — מ׳האָט

אים צעוועקט, צעשלאָגן מיט לאַנגע דרענגלעך, איז ער אַרויסגעקראָכן אינדרויסן.

— אַ שרעקלעכער, אָן איימע! די האָר אין קאָלטענעס, די אויגן פאַרגאָסן מיט בלוט, — האָט שנעל אַ זאָג געטאָן זינאַ, זיך צוזאַמענ־קאָרטשענדיק.

— דו האָסט דאָך אים גאָרניט געזען, האָסט בלויז געהערט פון מיר, — האָט גענקע אַ קוק געטאָן אַף איר מיט ביטל.

— און דער בער, וואָס? — האָט זיך אַלעקסיי פאַראינטערעסירט.

— קאָליאַ סמירנאָוו האָט אים דעררעשטעוועט מיט צוויי שאָסן.

— צעגייט זיך! — האָט קאָליאַ אַ געשריי געטאָן, כוואַטסקע צור־פאָרנדיק.

ער האָט פונאַנדערגעשטופּט די כעוורע, און זיך געמאַכט אַ וועג צו בערידזען און אַלעקסייען. ער איז אויך דאָ געווען לײַכט אָנגעטאָן — ניט אַפן טײַגע־שטייגער, נאָר ספּאָרטמעניש. זײַן פּאָנעם מיט ברוינע פלעקן אַף די באַקן האָט געגלאַנצט פונעם פעטס, מיט וועלכן ס׳איז געווען באַשמירט.

— טאַטיאַנאַ איז געקומען צום אויספיר, אַז איר האָט אונדז זײַטיק אויסגעמיטן, דורכן טײַך, — האָט ער געזאָגט, זיך באַגריסנדיק מיט די אינזשעניערן.

אין קאָליאַס בײַזײַן איז דער שמועס אַוועק לעבעדיקער. צוליבן שמועס האָבן זיי ניט באַמערקט, ווי די צײַט איז אַוועק. גענקע איז דורכגעפּרוירן געוואָרן און שוין גענומען אונטערטאַנצן. בערידזע האָט געהאַלטן אין איין אַרומקוקן זיך.

— און טאַטיאַנאַ ווי, גיט זיך אַן אייצע? מען פאָלגט איר? — האָט געאָרגי דאַווידאָוויטש געפרעגט שטילערהייט קאָליאַן.

— איר קענט זײַן רויק! זי וועט באַ יעדן אויספירן, מען זאָל זי פאָלגן! איר ווילט, איך זאָל עס אײַך דעמאָנסטרירן? — קאָליאַ האָט זיך אײַנגעבויגן צו גענקען און אַ שעפּטשע געטאָן: — טאַטיאַנאַ גייט!

— טאַטיאַנאַ! — האָט גענקע גלײַך אונטערגעכאַפּט, נאָר אַזוי אומדערוואַרט און הויך, אַז בערידזע האָט אַ ציטער געטאָן.

אין איין אויגנבליק זײַנען זיך אַלע פונאַנדערגעלאָפן, אײַנזינקענדיק מיט די וויליקעס אין שניי. די אינזשעניערן האָבן זיך צעלאַכט.

— לאָמיר גיין צו איר, — האָט סמירנאָוו פאָרגעלייגט.

אַפן וועג האָט ער דערציילט: ס׳איז געווען באַ זיי צו גאַסט דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג און גענקעס טאַטע. באַטמאַנאָוו האָט גע־שמועסט מיט דער כעוורע, זיך אָנגעבייזערט אַף טאַטיאַנאַן און אַף אים, סמירנאָוון.

טאַטיאַנאַן האָבן זיי געטראָפן אין דער פאָדערשטער בריגאַדע, וועל־כע האָט אויסגעקליבן די ריכטונג פאַרן אויסלייגן די ליניע. די פאָר־

בינדלער האָבן אויסגעהאַקט פאַר זיך אַ וועג אַף אַ פלאַכן שיפּוע, וואָס איז געווען געדיכט באַוואַקסן מיט אַ פאַרפּלאָנטערטן צעוואַלגערטן וואלד. טאַניאַ, אין אַ ווײַס פעלצל, שוואַרצע וווּליקעס און רויטן געשטריקטן היטעלע, איז געשטאַנען אין אַ זײַט לעבן דרײַ בערעזקעס, וועלכע זײַנען ווי אַרויסגעוואַקסן פון איין וואָרצל. לעבן אירע פיס האָט פריילעך גע־קנאַקט אַ שײַטער, די געלע פלאַמענצונגען האָבן זיך געריסן צו דער הייך.

זי האָט זיך אויסגעדרייט דערהערנדיק דעם סקריפּ פון שניי, נאָר אָפן באַווײַזן זיך פון די אינזשעניערן ניט אַרויסגעוויזן ניט קיין פאַר־ווּנדערונג, ניט קיין פרייד. בלויז אירע לאַנגע פאַרפראָסטיקטע ברעמען האָבן אַ ציטער געטאָן.

קאָוושאָוו, וועלכער איז געגאַנגען דער ערשטער, האָט פרײַנטלעך אַ צי געטאָן דאָס מיידל צו זיך. ריכטיק פאַרשטאַנענדיק זײַן באַוועגונג, האָט זי זיך אײַנגעבויגן צו אים און באַרירט מיט די ליפּן זײַנע באַקן. די באַ־רירונג פון אירע קילע ליפּן אָפן פראָסט האָבן גערירט אַלעקסייען.

— גוט מאָרגן, הערשערין פון דער טײַגע... גוט מאָרגן, שיינהייט...

— און וואָס וועט אויספאַלן אַף מײַן כיילעק, רויט היטעלע? — האָט, צוגייענדיק געפרעגט בערידזע.

טאַניע האָט אַף אים אַ קוק געטאָן און זיך צעלאַכט.

— אַן עמעסער „זיידע פראָסט"! אַף זײַן כיילעק פאַלט אויס אַ פּאַ־שעטער „גוט מאָרגן".

בערידזע מיט די פאַרפראָסטיקט־פּוכיקע וואָנסעס און באָרד, מיטן רוקזאַק אַף די פּלייצעס איז בעעמעס ענלעך געווען אָפן „זיידע פראָסט" לעבן דער כאָינקע. טאַניאַ האָט זיך אַ בייג געטאָן צו אים און אויסגע־שטרעקט די האַנט, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פון איר שטענדיקער רויטער הענטשקע. בערידזע האָט אַ וואָרף געטאָן די גאַרטעס־שטעקנס מיט די גרויסע הענטשקעס און דעליקאַט אָנגענומען איר האַנט מיט זײַנעביידע.

— אוי, ער האָט מיך שוין אָפּגעפרוירן! — האָט טאַניאַ געזאָגט, ווען ער האָט איר אַ דריק געטאָן די האַנטפלאַך. — „זיידע פראָסט"!

— עס שאַט ניט, מיר וועלן באַלד אָפּגיין און ווידער ווערן אַ קאַוור־קאַזער מאַנספאַרשוין פון מיטעלע יאָרן, — האָט בערידזע אַ זאָג געטאָן, זיך אײַנבייגנדיק איבערן שײַטער און אָפּווישנדיק די באָרד.

קאָליאַ האָט צוזאַמענגעקליבן צווײַגן און צוגעוואָרפן צום שײַטער. אַלעקסיי און טאַניאַ האָבן זיך צוגערוקט צום פײַער. וואָסילטשענקאַ האָט זיי פונאַנדערגעפרעגט וועגן אַלץ פאַראַמאָל, סײַ וועגן פּראָיעקט, סײַ וועגן דער פאַרוואַלטונג, סײַ וועגן באַקאַנטע, ווי זי וואָלט זיך מיט זיי געזעגנט מיט אַ יאָר צוריק.

— סעראַפימאַ האָט דיר געשיקט קנישעס, — האָט זיך אַלעקסיי דערמאָנט. — מיר האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, אויפגעגעסן און דיך מיט

סעראַפימאַן דערמאָנט צום גוטן. זיי וואָלטן סײַווי ביז הײַנט געוואָרן שטיינער, און כ׳צווייפל, צי זיי וואָלטן דיר געשמעקט. מיר האָבן נאָך געטראָגן פאַר דיר אַ זעקעלע מיט בלינצעס, האָט זיי עפּעס אַ כוצפּעדיקע כאַיע ערגעץ אַף אַן אַפּרו־פּלאַץ אָוועקגעשלעפּט.

— כ׳וואָלט מיט פאַרגעניגן געגעסן הייסע קנישעס אָדער בלינצעס, — האָט טאַניאַ ערנסט אַ זאָג געטאָן. — און דערצו אַ רויטן באָרשטש מיט כאָזער־פלייש. און גוטן ווײַן וואָלט איך געטרונקען.

— איך קען אַרויסנעמען מײַן מאַניערקע, וואָס? און צובײַסעכץ וועט זיך אויך געפינען, קאָנסערוון. איר ווילט? — האָט בערידזע פאַרגעלייגט.

טאַניאַ האָט זיך פאַרקרימט:

— ספּירט מיט קאָנסערוון! מיט אַזעלכע זאַכן איז מען מעכאַבעד מיידלעך?

זי האָט זיי דערציילט, וואַרעמענדיק די הענט פאַרן שײַטער, וועגן אירע איניאַנים. אין אירע ווערטער איז ניט געווען ניט קיין פּאָזע, ניט קיין קלאָגן זיך, אָבער בערידזע האָט זיך אָנגעכמורעט, ווײַל ער האָט זיך קלאָר פאָרגעשטעלט, וויפל לײַדן די פאַרגאַנגענע דרײַ וואָכן האָבן פאַרשאַפט דעם מיידל.

לעכאָטכילע איז שווער געווען זיך צוצוגעוווינען צום טײַגע־לעבן. ניט אַלע קאָמיוגיסטן האָבן אויסגעהאַלטן. צוויי יינגלעך זײַנען אַנטלאָפן גלײַך די ערשטע וואָך — אַף דער ערשטער פאַרזאַמלונג זײַנען זיי גע־שטעמפלט געוואָרן ווי דעזערטירן. די מיידלעך האָבן געוויינט, און איינע האָט געבעטן מען זאָל זי אָפּשיקן צוריק אין שטאָט.

— די ערשטע צײַט איז אויסגעקומען, אַז ס׳איז אוממעגלעך צו זײַן די גאַנצע צײַט אָפן פראָסט, — האָט קאָליאַ סמירנאָוו איבערגעריסן טאַניאַס דערציילן. — אַפילו די דרײַסטערע יאַטן האָבן מוירע געהאַט צו נעכטיקן אין דער טײַגע. מען זעט דאָך ניט אַרום קיין לעבעדיק נעפעש.

אין דער ווינטערדיקער אַרבעט פון די פאַרבינדלער האָבן זיך אַף יעדן טראָט געמאָכט אומאָנגענעמלעכע סיורפּריזן, האָגאָם טאַניאַ האָט זיך, נאָך פאַר איר זײַן אין דער פאַרוואַלטונג, גוט צוגעגרייט צום אַרויס־מאַרש אַף דער טראַסע. אייניקע מאַטעריאַלן האָבן אויסגעפעלט, קיין עמעסע ספּעציאַליסטן זײַנען אין די בריגאַדעס ניט געווען. מ׳האָט גע־מוזט יעדן טאָג אַריבערפירן די באַזע פון איין אָרט אַפן צווייטן, אין אַזעלכע באַדינגונגען איז שווער אײַנצושטעלן אַ דערטרעגלעך לעבן. און דעריקער — ס׳איז שווער, אומבאַקוועם צו אַרבעטן אָפן פראָסט: ניט אַלץ קען מען מאַכן מיט די הענט אין הענטשקעס, און אָן הענטשקעס ווערן באַ די יאַטן גלײַך די הענט געפרוירן. פאַר די ערשטע טעג האָבן זיך אַ סאַך אָפּגעפרוירן — ס׳האָט ניט געהאָלפן, ניט קיין וואַזעלין, ניט

קיין אַנדערע מיטלען. און אויך איצט פֿאַרביטערט זיי די קעלט ניט ווייניק דאָס לעבן.

— איך האַנדל לויטן מעטאָד פֿון פּערזענלעכן בײַשפּיל, — האָט טאַניאַ אַ שמייכל געטאָן. — כ׳בין געוואָרן אַ דערציִערן. אַ קאַלטע דערציִונג — אין פֿאַשעטן און אין איבערגעטראָגענעם זין: דאָס הייסט אַ שטרענגע. זיי האָבן זיך בײַ מיר קימאַט צוגעוווינט צו וואַשן מיט שניי, טרינקען אײַזיק וואַסער, שלאָפֿן אָן שלאָפֿזעק. איך צווינג זיי, זיך צו פֿאַרנעמען מיט ספּאָרט. כניקען און זיך קלאָגן דערלויב איך ניט. איך קלער אויף, אַז אַלע אונדזערע שוועריקייטן זײַנען גאָרניט אין פֿאַרגלײַך מיט די שוועריקייטן פֿון די שלאַכטלײַט אַפֿן פֿראָנט. קאָליאַ איז בײַ מיר אַ כוואַט, אַ גרויסער אויטאָריטעט פֿאַר אַלע יאַטן — אָן אים וואָלט איך שוין לנג פֿון די פֿיס געפֿאַלן, — זי האָט מיט אָנערקענונג אַ קוק געטאָן אַף סמירנאָוון, וועלכער האָט צוגעוואָרפֿן טרוקענע צווײַגן אַפֿן שײַטער.

טאַניאַ האָט אַראָפּגעצויגן אַ הענטשקע, צו פֿאַרריכטן זיך די האָר. בערידזע האָט פֿאָרזיכטיק אָנגענומען איר אויפֿגעשוואָלענע, רויטע האַנט מיט צעקאַליעטשעטע נעגל.

— ס׳נאָך נישקאָשע, ווען קיין ווינט איז ניטאָ, — האָט טאַניאַ ווײַטער גערעדט. — בעייס אַ ווינט, איז אָן עמעסער געגעם: ער רײַסט אָפּט אַראָפּ דעם דראָט, און ס׳קומט אויס עטלעכע מאָל אויפֿצוהענגען דאָס זעלבע שטיקל דראָט. בײַ דעם מוז זיך עמעצער אומבאַדינגט אָפּפֿרירן. איך זע אַמאָל: די יאַטן ווייגען שיר ניט אַף אַ קאָל...

— איר אַרבעט גוט, טאַטיאַנאַ פּעטראָוונאַ, — האָט בערידזע אַ זאָג געטאָן מיט געפֿיל. — העכער אַ העלפֿט האָט איר שוין דורכגעפֿירט. אַזאַ דורכפֿירן אַ טעלעפֿאָן־ליניע דאַרף גערעכנט ווערן פֿאַר אַ רעקאָרד־אַרבעט.

ער האָט געגעבן עטלעכע אייצעס. בערידזעס וואָנסעס און באָרד זײַנען אָפּגעגאַנגען, ווידער געוואָרן שוואַרץ. זײַנע אויגן האָבן ליבלעך און אומעטיקלעך געקוקט אַף טאַניאַן, אַ שלאַנקע און ווײַבלעכע אין איר העלן האַלבפּעלצל, אײַנגעצויגן מיט אַ לעדער־פּאַסעק. זי האָט אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט בערידזען, קוקנדיק אַפֿן פֿײַער.

— איר זײַט צו גוט צו מיר, געאָרגי דאַווידאָוויטש, — האָט טאַניאַ געזאָגט, אויפֿהייבנדיק די אויגן. — באַטמאַנאָוו איז געבליבן אומצופֿרידן מיט מיר, די יאַטן האָט ער געזאָגט: „איר האָט באַקומען אַ גוטינקע נאַטשאַלניצע״. פֿאַרוואָס בייזערט ער זיך טאָמיד, דאָס איז בײַ אים אַזאַ מעטאָד, צי וואָס? איך באַמי זיך אים פֿאַרצושטעלן זיך, ווי ער זעט אויס צווישן זײַן פֿאַמיליע. זײַן ווײַב האָט, זיכער, מוירע פֿאַר אים. צי דען איז דאָס שעדלעך צו זײַן גוט צו מענטשן און זאָגן זיי אַמאָל אַ גוט וואָרט?

— איך זײַט אומגערעכט לעגאַבע באַטמאַנאָוון. זײַן פֿאַמיליע איז פֿאַרבליבן אין קרים, — האָט בערידזע גערזאָגט מיט פֿירהאַלט. ער האָט ניט געוווסט וועגן דער יעדיע, וואָס וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט באַקומען.

טאַניאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אים באַלד צוריק אויפֿגעהויבן:

—דאַרף ער זיך אַדעראַבע נאָך ווייכער באַציִען צו מענטשן.

— ווייכער? ער דאַרף זײַן גערעכט לעגאַבע מענטשן. אויך גוט, אָבער אינגערלעך, ניט אָפֿן וואָרט, — האָט זיך אַלעקסיי אַרײַנגעמישט אינעם שמועס. — לויט מיר נאָך איז באַטמאַנאָוו אַ גוטער. ער האָט ליב די מענטשן, נאָר מאַכט זיי ניט קאַליע מיט אומזיניקער גוטסקייט, גלעט זיי ניט איבער די קעפּ, ווען מע דאַרף און ווען מע דאַרף ניט.

קאַליאַ סמירנאָוו האָט זיך צוגעזעצט אַף אַ הויפֿן צווײַגן און אויפֿמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַף אַלעקסייען.

— איך האָב ניט איינמאָל געטראַכט: וואָס פֿאַר אַ באַציִונג דאַרף זײַן צווישן אַ אָנפֿירער און זײַנע אונטערגעאָרדנטע? דאָס מוז מען אומבאַדינגט זיך אויפֿקלערן. און איך בין געקומען צו דער איבערצײַגונג: מיר לעבן און אַרבעטן אין אַ שווערער צײַט, אין אַ קאָמפּליצירטער סיטואַציע, — מע קען ניט דערציִען די מענטשן אין קלוימערשטער גוטסקייט. איך בין פֿאַר אַ „קאַלטער" דערציִונג. — האָט אַלעקסיי אַ שמייכל געטאָן. — דו, טאַטיאַנאַ פּעטראָוונאַ, האָסט שוין מיסטאָמע טויפֿעס געווען, פֿאַרוואָס באַטמאַנאָוו האָט דיר געזאָגט שאַרפֿע ווערטער.

— מיט זײַן שטרענגקייט האָט ער געוואָלט באַרעכטיקן פֿאַר דער בעוורע איר שטרענגקייט, — האָט אַ זאָג געטאָן קאַליאַ סמירנאָוו.

— פֿולשטענדיק ריכטיק! — האָט אונטערגעכאַפּט אַלעקסיי. — עס זײַנען פֿאַראַן מאַמעס, וואָס ראַק זיי קושן און צערטלען זייערע קינדער און פֿאַטאַקעווען זיי און עס זײַנען פֿאַראַן מאַמעס, וואָס זײַנען שטרענג צו זייערע קינדער, באַשטראָפֿן זיי און קושן זעלטן, איבערהויפּט, ווען די קינדער שלאָפֿן. איך שטים פֿאַר דער שטרענגער מאַמע! זי האָט ניט בלויז ליב, נאָר דערציט. אין איר באַציִונג צו די קינדער איז פֿאַראַן ניט בלויז האַרץ, נאָר אויך פֿאַרשטאַנד. אירע קינדער — זײַנען געטרײַע קינדער. און זיי האָבן גאַרניט ווינציקער ליב זייער שטרענגע מאַמע!...

אוי! — האָט זיך אַלעקסיי געכאַפּט. — ניט ווילנדיק האָב איך אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצע רעדע.

— רייד ווײַטער, אַליאָשע, — האָט טאַניאַ געבעטן. זײַנע רייד האָבן דעם מיידל פֿאַראינטערעסירט.

— ס'איז ניטאָ וואָס מערער צו זאָגן. שטרענגע ליבע. באַטמאַנאָווס באַציִונג צו דיר איז זיכער אַזעלכע, ווי דײַנע צו די יאַטן.

זיי זײַנען לאַנג געזעסן שווײַגנדיק. אין דער שטילקייט האָבן הויך געטראַסקעט די סענקעס אינעם שײַטער.

— איך האָב שטאַרק געוואַרט אַף אײַך, — האָט טאַניאַ אָנגעהויבן שטיל צו ריידן. — גוט וואָס איר האָט זיך פּלוצים באַוויזן אין דער טײַגע. מיר האָבן אַ שמועס געטאָן, זיך בעראַטן, אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצן, אָבער בעסער וואָלט געווען, ווען איר וואָלט אונדז געווען אויס־געמיטן... באַלד וועט איר אַוועקגיין — און ס'וועט מיר ווערן ערגער, ווי געווען. כ'וועל טראַכטן וועגן אײַך, דערמאָנען. אויך וועגן באַטמאַ־נאָן וועל איך טראַכטן, אַליאָשע. — זי האָט אַ קוק געטאָן אַף די שטיל געוואָרענע אינזשעניערן און זיך צעלאַכט. — די באַלעבאָסטע האָט קאַליע געמאַכט די שטימונג בײַ די געסט, ווי ניט פײַן!

— מירן בלײַבן בײַ אײַך ביז מאָרגן, איבערנעכטיקן. אין אָוונט וועלן מיר שמועסן אַ ביסל מיט די בריגאַדעס, עפּעס אַן אָוונטברויט צו־נויפשטוקעווען. מאַסקים? — האָט בערידזע געפרעגט.

— וואָס רעדט איר? — בעשום אויפן ניט! — האָט זיך טאַניאַ אָפּגעזאָגט; זי האָט זיך אַזש אויפגעשטעלט. — ס'וועט בעסער זײַן, איר זאָלט וואָס גיכער אַוועקגיין. בעסער סײַ פאַר מיר, סײַ פאַר די יאָטן. מײַן ליבע צו זיי איז, לויט אַליאָשעס פאָרמולירונג, אַ שטרענגע, באַטמאַ־נאָוו האָט נאָך פאַרגרעסערט די שטרענגקייט. און דאָ וועלן מיר דערזען דעם גוטן „זיידן פראָסט” און ווערן צעקראַכן. אַגעווו, באַטמאַנאָוו האָט מיר געהייסן, אײַך גלײַך אַרויסיאָגן, ווי נאָר איר וועט זיך באַווײַזן. פאַרנעמט זיך!...

— ס'איז דיר גאָרניט קיין בעזאָיען אונדז אַרויסצוטרײַבן? מיר וועלן פאַרפרוירן ווערן, — האָט בערידזע געזאָגט ראַכמאָנעסדיק.

— ס'וועט אײַך גאָרניט געשען. נײַן קילאָמעטער פון דאַנען איז פאַראַן אַ יישעוו פון טשאָמעס, ביז נאַכט וועט איר דערגיין אַהינצו.

ווערלנדיק איבערלאָזן בערידזען אַליין מיט טאַניאָן, איז אַלעקסיי באַגאַנגד מיט קאַליאָן געגאַנגען צו די אַרבעטער לעבן די פאַרבינדלער. ס'האָבן זיך צו אים דערטראָגן געאַרגי דאַווידאָוויטשעס ווערטער, אומע־טיקלעך אַרויסגעזאָגטע:

— וועט זיך טאָקע בײַ אײַך, טאַניאַ, ניט געפינען פאַר מיר קיין צערטלעך וואָרט, די גאַנצע צײַט האָב איך געטראַכט וועגן דער מינוט, ווען כ'וועל אײַך דערזען!

— מען דאַרף וועגן דעם ניט ריידן! — האָט דאָס מיידל אַ געשריי געטאָן מיט ערגעריניש און פאַרדרוס. — צי דען פאַרשטייט איר ניט, אַז מען דאַרף ערשט וועגן דעם ניט ריידן?...

— זי איז אַ ביסל בייז געוואָרן, טאַטיאַנאַ, — האָט קאַליאַ באַ־מערקט אַלעקסייען. — זי האָט אַזוי געוואַרט — און פּלוצים הייסט זי־זיך פאַרנעמען...

— זי איז גערעכט, — האָט קאָושאָוו אַ זאָג געטאָן.

ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט צום שײַטער, האָבן בערידזע און טאָניאַ רויק גערעדט וועגן איר אַרבעט. אין די ווינטער־באַדינגונגען איז פּאַר די פאַרבינדלער באַזונדערס שווער געווען דער פּײַנלעכער פּראָצעס פון צוזאַמענשווייסעווען די עקן פון די דראָטן. טאָניאַ האָט זיך לאַנג געמאַטערט אים צו פאַרפולאָקאָמענערן, און צוגעטראַכט אַ מעכאַניזם פאַר אויטאָמאַטישן צוזאַמענשווייסעווען. בערידזע האָט געלויבט די אידעע און צוגעזאָגט וואָס שנעלער אויסצופאַרטיקן דעם מעכאַניזם אין די מע־כאַנישע וואַרשטאַטן פון דער פאַרוואַלטונג. דאָס מיידל האָט געשווינד אָנגעצייכנט אין הויפּט־אינזשעניערס נאָטיץ־ביכל דעם סקיץ פון דעם אויטאָמאַט, האַלטנדיק אין איין אָנגוואַרעמען די פרידנדיקע פינגער באַם פײַער.

מיט אַ האַלבער שאָ שפּעטער זײַנען די אינזשעניערן געווען שוין דרײַ קילאָמעטער פון די פאַרבינדלער. פאַרזונקען אין זייערע געדאַנקען, האָבן זיי דעם גאַנצן וועג קיין וואָרט ניט פאַרטוישט.

אַ ווינט, ווער ווייס פון וואַנען זיך גענומען, האָט אַ שלײַדער געטאָן די נאַרטלער אין פּאַנעם אַ וואָלקן שניי־שטויב. בערידזע האָט אויפגע־הויבן דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט. דער הימל, ערשט ניט לאַנג נאָך אַ לויטערער, איז פאַרצויגן געווען מיט אַ גרויען לײַלעך, אין וואַלד איז געוואָרן פינצטער.

— שמעליעוו איז גערעכט געווען. מ'האָט ניט געדאַרפט פאָלגן טאָטיאַנאַן, געדאַרפט בלײַבן, איבערוואַרטן דאָס שלעכטע וועטער, — האָט בערידזע געזאָגט.

— איך פאַרשטיי פאַרוואָס זי האָט אונדז אונטערגעאײַלט, — האָט אַלעקסיי דערווידערט. — דו באַציסט זיך צו טאָניאַן ניט דעליקאַט, לײַכטזיניק. זי איז אַ גוט מיידל, אַ מענטש פון אַ גרויסער ווערט.

— לײַכטזיניק? וואָס, דו ביסט פון זינען אַראָפּ?

— איך זע דײַן באַציִונג.

— ער זעט מײַן באַציִונג! אַ פּסיכאָלאָג! — האָט בערידזע אַ גע־שריי געטאָן דענערווירט און מיט קאַס אַ קוק געטאָן אַף קאָושאָוון.

— ניט קיין פּסיכאָלאָג, נאָר איך זע. און, ווי אַן אינטימער פרײַנט, דײַנער און אירער, זאָג איך דיר: דו קענסט אין סאַמע אָנהייב אָוועק־פּאַטערן אַלדאָס גוטע, וואָס קען צווישן אײַך זײַן.

— לאָז איבער דײַן מוסער־זאָגן פאַר זיך! — האָט בערידזע אַ וואָרף געטאָן און געשווינד אָוועק אַף די נאַרטן פאָרויס.

אַלעקסיי האָט אויך אָנגעהויבן לויפן שנעלער. דורכן וואַלד האָט

זיך פֿאַרבײַגעטראָגן אַ שטאַרקער רײַסיקער ווינט. אונטער זײַן שטויס האָבן אָנגעהויבן סקריפּען דיביימער, אַ קלונג געטאָן די פֿאַראײַזיקטע קוסטעס, אין דער לופֿטן האָבן זיך אַ דריי געטאָן שניי און נאָדלען.

בערידזע האָט זיך אָפּגעשטעלט, אונטערוואַרטנדיק אַף אַלעקסייען.

— שויטע, איך האָב זי דאָך ליב. דו זעסט עס ניט? איך האָב זי די גאַנצע צײַט דאָ און דאָ — ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער הענטשקע אין ברוסט און אין דעם היטל. — איך האָב זי ליב באַקומען שוין דעם ערשטן טאָג, ווען כ'האָב זי דעמאָלט דערזען: געדענקסט. ווי זי איז געפֿאָרן מיט די נאַרטעס אַפּן אַדון? דו גלייבסט אין אַזאַ ליבע, וואָס טוט אַ פֿאַל אַראָפּ ווי אַ דונער, ווי אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ? ערשט נעכטן האָט אַ נײַער מענטש איבערגעשניטן דײַן לעבנס־וועג, און הײַנט האָסטו שוין דערפֿילט, אַז ביסט אײַנגאַנצן אַן אַנדערער, אַז אַלץ אין דיר יובלט. איך ווייס, איך האָב טויפֿעס געווען, וואָס טאַניאַ איז. דאָס איז אַ מיידל — ווי אַ יאַנטעוו!...

קאָוושאָוו האָט מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן געקוקט אַף בערידזען. ער האָט אים נאָך קיינמאָל אַזעלכן ניט געזען. אַלעקסיי האָט מיט פֿאַר־ווונדערונג אַ טראַכט געטאָן: ווערסט קיינמאָל ניט דערקענען קיין מענטשן ביז אין טאָך אַרײַן. אַפֿילע ווען ביסט שוין מיט אים לאַנג באַקענט און אים נאָענט.

— איך פֿאַרשטיי דיך, אַלעקסיי, — האָט בערידזע גערעדט מיט ברען. — דו ביסט באַזאָרגט וועגן טאַטיאַנאַן און ווינטשסט אויך מיר גוטס. דערפֿאַר צווייפֿלסטו אין דער אויפֿריכטיקייט פֿון מײַנע געפֿילן און ביסט געניגט צוצושרײַבן אַלץ מײַן טעמפּעראַמענט. אָבער מיר זײַנען דאָך שוין באַקענט דרײַ יאָר, גרויסע פֿרײַנט געוואָרן, דערמאָן־זשע זיך: האָב איך דיר אַמאָל געזאָגט, אַז איך האָב ליב? אַראָפּגערעדט זיך פֿאַר דיר פֿונעם האַרצן?

— ניין, — האָט זיך אַלעקסיי מוידע געווען.

— הייסט עס, אַז ערשט איצטער האָב איך ליב באַקומען! און כ'בין מאַסקים אַף אַלץ, אַבי אויך זי זאָל מיך ליב באַקומען. איך קען וואַרטן, כ'קען איבערטראָגן דאָס לעבן צעשיידטערהייט, אויב זי וועט עס פֿאַרלאַנגען. כאָטש איך קען אָן איר ניט לעבן! ס'איז אומ־מעגלעך! איך האָב קוים געפּויעלט באַ זיך אָוועקצוגיין פֿון איר און בין שוין גרייט, ווי אַ יינגל, צו גיין צוריק!...

בערידזע האָט דורכדרינגלעך אַ קוק געטאָן אַף אַלעקסייען.

— דיר איז זיכער, אויך אויסגעקומען צו הערן פֿון ליידיקגייער די מיינונג: „די הײַנטיקע לײַט קענען ניט ליב האָבן מענטשלעך". ניט עמעס, מיר קענען ליב האָבן! מיר קענען בלויז ניט שטאַרבן צוליב ליבע!

מיר קענען בערג צוליב איר איבערקערן! מיר זײַנען שטאַרקער, און בע־סער, מיר ווערן לויטערער צוליב דער ליבע! צי איז דען דײַן ליבע צו זינאַן ניט אַזעלכע?

אַלעקסיי גופּע האָט אַ טראַכט געטאָן: די ליבע צו זינאַן איז אויך געקומען צו אים ווי אַ דונער. אין דעם מאָמענט האָט ער געגלויבט, אַז בערידזע האָט ליב באַקומען טאַניאַן אָף אַן עמעסן, איבערגעגעבן, אַז אַנדערש קען ער גאָרניט ליב האָבן.

— געאָרגי, מײַן טײַערער... איך ווינטש דיר גרויס גליק, — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

אַ גרויער נעפּל האָט פול געמאַכט דעם הימל, ס׳האָט אַ שאָט גע־טאָן אַ געדיכטער שניי. די אַנשטויסן פונעם ווינט האָבן זיך אַלץ פאַר־שטאַרקט. די אינזשעניערן האָבן ניט באַוויזן דורכצומאַכן קיין האַלבן קילאָמעטער, ווי ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ ווילדער שניי־שטורעם.

בערידזע און אַלעקסיי זײַנען מעוו־לבעלע געבליבן שטיין. אַרום האָט געקראַכעט, געפּײַפּט, געוויִעט. דער ווינט האָט אָפּגעבראָכן דיקע צווײַגן און זיי געוואָרפן אין דער לופטן. ריזיקע ביימער־בלעטער האָבן זיך געטרייסלט פון איין זײַט אָף דער צווייטער. דורך דעם ווײַסן שניי־וואָל האָבן זיך זעלטן באַוויזן קאָנטורן פון נאָענטע דערפער, אָבער מיט אַ נײַעם ווינט־אַנשטויס זײַנען זיי פאַרפאַלן געוואָרן. די טײַגע האָט געקרעכצט און געאויקעט, ווי זי וואָלט זיך קלאָגן פאַר עמעצן.

בערידזע האָט צוגעצויגן קאָוושאָוון אונטער אַ דיקן בוים און אים אַרײַנגעשריגן אין אויער:

— מיר זײַנען אַרײַנגעפאַלן, אַלעקסיי! מיר וועלן זיך האַלטן מיט אַלע קויכעס. איך זאָג: מען דאַרף זיך האַלטן! שטיי ניט אָפּ פון מיר אָף קיין טראָט שטיי ניט אָפּ, זאָג איך, אַניט וועסטו אומקומען.

גיין פאָרויס איז מעגלעך געווען נאָר בעייס די קורצע האַפּסאָקעס צווישן איין ווינט־אַנשטויס און אַ צווייטן. אַלעקסיי איז אָף בלינד נאָכ־געגאַנגען בערידזען, וועלכער האָט עפּעס ווי בעדערעך־נעס נאָך אַנגע־טאַפּט דעם וועג. באַ אַ קומענדיקן ווינט־אַנשטויס האָבן זיך די נאָרטלער צוזאַמענגעקאַרטשעט און פאַרגליווערט געוואָרן. ערגעץ דערלעבן איז מיט אַ שרעקלעכן קראַך אײַנגעפאַלן אַ בוים. בערידזע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ זײַט, מיטציִענדיק מיט זיך אַלעקסייען.

— מען דאַרף זיך פון דאַנען אַרויסבאַקומען צום אַדון! מיר וועלן אַרויסגיין, זאָג איך, אָף אַ פרײַען פּלאַץ. אַניט וועט עס אונדז צום טײַוול צעקוועטשן! — האָט בערידזע געשריגן.

די שניי־זאַווערוכע האָט זיך אַלץ פאַרשטאַרקט, באַ יעדן אַנגריף פונעם ווינט זײַנען אײַנגעפאַלן ביימער. די אינזשעניערן האָבן זיך אָק־

שאָנעסדיק גערוקט פאָרויס, אָט צופאַלנדיק אין שניי, אָט זיך אויפהייבנדיק...

ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען צום טייך. דאָ, אַפן פרייען פלאַץ, איז נאָך שווערער געווען זיך צו באַוועגן. אַן אייזיקער שטראָם, וואָס האָט געטראָגן אַ געדיכטע קאַשע פון שניי מיט ערד, האָט געזעצט אין דער ברוסט, אין פּאָנעם. די דינע נאַרטן־שטעקנס האָבן זיך געריסן פון די הענט, ווי זיי וואָלטן געווען זעגלען. אַ בריענדיקער ווינט האָט דורכגענומען די ביינער. בערידזע האָט זיך, קוים איבערדרוקנדיק די נאַרטעס, דאָך ניט אָפּגעשטעלט, און אַלעקסיי האָט זיך, איינגעבויגענערהייט, קעדיי צו באַשיצן דאָס אויסגעשמיסענע פּאָנעם, באַמיט ניט אָפּצושטיין פון אים.

אַ באַזונדערס מעכטיקער הוראַגאַן־אָנשטויס האָט זיי אומגעוואָרפן. אַלעקסיי האָט דערפילט, ווי ס'האָט אים אַ הייב געטאָן פון דער ערד און אַ שליידער געטאָן אין אַ שניי־אָנשיט. דערלעבן האָט זיך געראַנגלט בערידזע; ער האָט זיך איינגעקלאַמערט אין אַלעקסייען און, סאָפּענדיק אומרעגלמעסיק אים אין פּאָנעם אַריין, געשריגן:

— מע טאָר ניט אָפּשטיין! — דער ווינט האָט אַוועקגעטראָגן זיינע ווערטער, און ער האָט זיי געמוזט איבערכאַזערן. — מען טאָר ניט אָפּשטיין, זאָג איך! פלאַץ, אָבער גיי! איך זאָג — גיי, שטעל זיך בעשום אויפן ניט אָפּ! האָב קיין מוירע ניט, מיר וועלן זיך אַרויסקריגן! דעריקער — מונטער! זיי מונטער, זאָג איך, זיי זיך ניט מעיאַעש! באַהאַלט זיך הינטער מיינע פּלייצעס! באַהאַלט זיך, זאָג איך, הינטער מיינע פּלייצעס!

— הער מיך אויף צו באַרויקן, כ'בין ניט קיין פרייליין! — האָט אים קאָוושאָוו געענטפערט מיט אַ געשריי.

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און אַ רעגע זיך געטאָפּטשעט אַפן אָרט. בערידזע האָט מיט מי אַרויסגעצויגן דעם פּיסטאָלעט און, מער קעדיי אויפצומונטערן דעם כאַווער, איידער אין דערוואַרטונג פון הילף, צוויי מאָל אויסגעשאָסן אין דער הייך.

צו גיין איז שוין ניט מעגלעך געווען — די אינזשעניערן האָבן גענומען קריכן, זיך אָפּשטעלנדיק, קעדיי בלויז איבערצוכאַפּן דעם אָטעם. דער הוראַגאַן איז אָנגעפלויגן פון אַלע זייטן, דאָ זיי פאַרהאַלטן, דאָ זיי אָפּגעוואָרפן אַף צוריק, דאָ זיי האַסטיק אונטערגעשטופּט אין די פּלייצעס אַ מינוט, דאָ זיך אָנגעוואַלגערט אַף זיי פון אויבן און צוגעבויגן צו דער ערד, דאָ זיך אונטערגעקייקלט פון אונטן און אַרויפגעהויבן.

בערידזע האָט באַנומען די גאַנצע פאַרצווייפלטקייט פון דער לאַגע און, פאַרגעסנדיק וועגן זיך, געטראַכט בלויז וועגן אַלעקסייען.

— נישקאָשע, אַליאָשע, מירן זיך אַרויסבאַקומען! — האָט ער גע־שריגן.

געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט אַרויסגעצויגן אַ געפרוירענע האַנט פון דער הענטשקע, אַרײַנגעשטופּט די האַנט הינטער דער וואַטענער קורטקע און, דערוואַרעמענדיק די פינגער אין דער פּאַזעכע, געכאַפּט דעם רע־וואָלווער. דער שטילער טראַסק פונעם שאָס איז אויגנבליקלעך פאַרזונ־קען אינעם רעוועץ און פּײַפן פונעם ווינט.

זיי זײַנען געקראָכן זייער לאַנג — עפּשער אַ שאָ, און עפּשער אויך דרײַ. בערידזע האָט שוין צו אַלעקסייען מער ניט גערעדט און זיך אָפּ־געשטעלט בלויז, קעדיי צו געבן אַ ווײַטערן שאָס. לעסאָף איז געקומען אַ מינוט, ווען ער האָט אַ ציִ געטאָן פאַרן צינגל און קיין שאָס ניט דערהערט...

קאַפּיטל פינף

אַ שטרענגע אָפּרעכענונג

אין נאָווינסק האָט זיך דער שניי־שטורעם ניט אײַנגעשטילט שוין דעם דריטן מעסלעס. ער האָט אײַנגעלייגט פאַרקאַנעס און טעלעגראַף־סלופעס, אַרויפגעוואָרפן אין דער הייך און אַראָפגעוואָרפן אַף דר'ערד שוואַכע הילצערנע קליינע שאָפעס. באַנאַכט האָט דער ווינט אַראָפגעריסן דעם דאַך פונעם פירשטאָקיקן געבײַ פון דער פאַרוואַלטונג. ער איז מיט זײַן גאַנצער פלאַך געפאַלן אַפן ווייכן שניי־אַנשיט און איצט פון ווײַטן ענלעך געווען אַף אַ הויז, וואָס איז פאַרטראָגן געוואָרן מיט שניי ביזן סאַמע דאַך.

קוזמאַ קוזמיטש טאָפאָליעוו איז פונדעסטוועגן ניט אײַנגעזעסן אין שטוב, דרײַסט אַרויסגעגאַנגען אין גאַס און האָט מער פון אַ שאָ זיך געשלעפט, ביז דער קני אין שניי, צו דער פאַרוואַלטונג. ער האָט זיך אין קאַבינעט לאַנג אָפגעטרייסלט, געדולדיק אַרויסגעצויגן די שטיקעלעך אײַז פון די וואָנסעס און שווער געסאָפעט. קוזמאַ קוזמיטש האָט, ניט אויסטועענדיק דעם שווערן פעלץ, זיך געזעצט אַף דער שטול, אַרויסגענומען פון טיש אַ טעקע פאַפירן און זיך גענומען שרײַבן. ער האָט אָבער ניט געקענט: דער טינט איז געווען געפרוירן און האָט אַרויסגעשטאַרצט פונעם טינטער ווי אַ וויאָלעט שטיקל אײַז.

טאָפאָליעוו האָט זיך פלוצים דערמאָנט מיט וואָס פאַר אַ קינדישער פאַרווונדערונג קאָוושאָוו האָט באַטראַכט אַף זײַן טיש דעם טינט, וואָס איז אויך געווען אַזוי פאַרפרוירן. ס'האָט זיך דעם אַלטן פאַרגעשטעלט אַפילע קאָוושאָווס פריילעך געלעכטער, און ער האָט ניט ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן. דאָ האָט ער דערפילט, אַז ער וועט ניט קענען אָנשרײַבן אַפילע קיין שורע, און, אַוועקרוקנדיק די פאַפירן, זיך פאַרקוקט אַפן פענצטער. ער האָט זיך אַליין געמוזט מוידע זײַן: עס פעלט אים אַלעקסיי, וועלכער רינגלט אים אַרום מיט אַן אַטמאָספער פון לעבעדיקן אומרו און טעטיקייט.

אין די דאָזיקע אַלע טעג, אַ קראַנקער צוליבן וועטער און די איבער־

לעבונגען, איז קוזמאַ קוזמיטש געקומען אַהער אומבאַוווּסט צוליב וואָס. ערשט ניט לאַנג האָט זיך אים דאָ אַלץ אויסגעוויזן ניט אָנגענעם: דער קאַבינעט, אַ קאַלטער, ווי אַ קיווער, דאָס קלינגען פֿונעם טעלעפֿאָן יעדע ווײַלע, דער אומאויפֿהערלעכער שטראָם פֿון באַזוכער, די טומלדיקע באַראַטונגען איבערן פּראָיעקט, די זעלבסטזיכערע און ביז פֿאַרוווּנדערונג אומדערמידלעכע פֿלײַסיקייט פֿון קאָוושאָוון — „דעם ייִנגל אַליאָשקע", ווי גרובסקי האָט אים גערופֿן.

טאַפּאַליעוו האָט, נאַטירלעך, באַלד פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס די נאַטשאַלסטווע האָט אים אָוועקגעזעצט אַפֿן דאָזיקן אומרויִקן אָרט: ס'האָט אים געוואָלט אַרײַנציִען אין די אינטערעסן פֿון דער בויונג. און דאָס, אָפּגערעדט פֿון אַ סאַך אַנדערע זאַכן, האָט אַרויסגערופֿן אין אים אַ קעגנווירקונג, וואָס ער האָט אויסגעדריקט מיט דער אַזוי גערופֿענער פֿאָרמעלער באַציִונג צו די אַמטלעכע פֿליכטן. גלײַך ווי גרובסקי, האָט אויך טאַפּאַליעוו ניט געגלויבט אין בערידזעס און קאָוושאָווס פֿעיִקייט צו ענדערן דאָס, וואָס איז פֿעסט געלעגן אין יעסאָד פֿון די צען בענד פֿונעם אַלטן פּראָיעקט. די צוגעפֿאָרענע, האָט זיך אים געדוכט, האָבן בלויז אַרונטערגעריסן אַלץ און קריטיקירט און, אַנשטאָט באַשיידן, שווײַגעוודיק צו שאַפֿן, געמאַכט אַ טומל. גרובסקי האָט זיך אַרײַנגעלאָזט מיט זיי אין אַ דיסקוסיע, זיי עפּעס דערוויזן; טאַפּאַליעוו האָט זיך באַגרענעצט מיט צוקוקן זיך איראָניש מינהאַצאַד.

אַצינד האָט ער געטראַכט וועגן דעם מיט פֿאַרדרוס און פֿאַרוווּנדערונג. ער האָט שוין מער ניט געשפּירט קיין פֿײַנטלעכקייט ניט צו אַלעקסייען, און אַפֿילע ניט צו בערידזען. אין דער פֿאַרוואַלטונג זײַנען אַלע באַזאָרגט געווען וועגן דעם גורל פֿון די אינזשעניערן, וועלכע עס האָט ערגעץ אין וועג געטראָפֿן אַ שניי־שטורעם. וואָס ווײַטער, אַלץ אומרויִקער האָט טאַפּאַליעוו אַליין אויסגעקוקט אַ ידיעה וועגן זיי. מיט אַ שווער שולד־געפֿיל האָט ער זיך דערמאָנט, ווי אומפֿרײַנטלעך ער האָט אויפֿגענומען אַלעקסייס ווענדונג צו אים: „ווינטשט דערפֿאָלג, קוזמאַ קוזמיטש. מיר לאָזן זיך אין וועג וועגן אַ גרויסער זאַך, מירן ברענגען אין זאַק אַ נײַעם פּראָיעקט". און ווי האָט זיך עס באַ אים די צונג איבערגעדרייט צו ענטפֿערן: „איך זע ניט קיין שום גרויסע זאַך, אַ געוויינלעכער נאַרטעס־שפּאַציר. כ'ווינטש אײַך, ער זאָל אײַך אַדורך אָנגענעם. און אַ פּראָיעקט איז ניט קיין קאַץ, מען זאָל אים ברענגען אין זאַק".

שטוסים, פּוסטע שטוסים! וועמען זײַנען זיי נייטיק — די באַליידיקונגען, די אויפֿרעגונג, דאָס זקײנישע וואָרטשען? ער האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין קליינלעכקייטן און זיך דערווײַטערט פֿון אַ גרויסער זאַך, האַגאַם זײַן גאַנץ לעבן האָט ער געגלויבט נאָר אין גרויסער אַרבעט. אַרבעט! מער ווי אין לופֿט, האָט ער זיך גענייטיקט אין אַרבעט. נאָר אַלעקסיי איז ניט געווען, און דער אַלטער האָט ניט געוווּסט, ווי ער זאָל

זיך אין איר אײַנשליסן. אַליין זיך פריִער באַזײַטיקט, האָט זיך קיינער ניט גענייטיקט אין אים. דער טעלעפאָן האָט געשוויגן, קיין מענטשן זײַנען ניט געקומען, דער זייגער אַף דער וואַנט האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַט — אַפילע דער טינט איז פאַרפרוירן געוואָרן אין טינטער.

ניט אויסגעהאַלטן די אויסמאַטערנדיקע איינזאַמקייט, האָט זיך טאָפּאָליעוו געלאָזט אָן אַ ציל אַרומשלײַכן איבער די צימערן. די מיטאַרבעטער האָבן אים אויפגענומען מיט שמייכלען. ער האָט זיך אין יעדן אײַנגעקוקט, געענטפערט אַף די באַגריסונגען און פאַרבײַגעגאַנגען — קיינער פון זיי האָט ניט צוגעצויגן זײַן אויפמערקזאַמקייט. ס'האָט אים, קוזמאַ קוזמיטשן, אָפּגעשטעלט ליבערמאַן אין אַ קורטקע פון לאַשעקלפעל און אַ פוכיקער היטל פון אומבאַקאַנטן פוטער. אָפּווישנדיק די רויטע נאָז און באַקן, האָט ער ענערגיש געשאָלטן דאָס „הינטישע וועטער”. באַמערקט די טאַבעק־פּושקע באַם אַלטן אין האַנט, האָט ער געבעטן אַ שמעק טאַבעק, אַרײַנגעצויגן אים רוישיק מיט די ברייטע נאָזלעכער, אַנגעשטעלט אַ פאַרוווּנדערט פּאָנעם און נאַכעס־רועכדיק אַ ניס געטאָן.

— איר שפּאַצירט יזך דורך, קוזמאַ קוזמיטש? — האָט ער גינציק אַ פרעג געטאָן. — איך וואָלט בעסער אינדערהיים געזעסן. מאַמינקע טײַערע, וואָס פאַר אַ פרעטענזיעס קען מען האָבן צו אַן עלטערן מענטשן!

— איך שפּאַציר זיך דורך, — האָט טאָפּאָליעוו אַ בורטשע געטאָן און, פאַרלירנדיק דעם אינטערעס צום מיטשמועסער, אַוועקגעגאַנגען, ניט געפרעגט אַפילע, צי ס'איז פאַראַן נײַס וועגן בערידזען און קאָוושאָוון.

זיך אומגעקערט צוריק צו זיך אין קאַבינעט, איז טאָפּאָליעוו אָפּגעזעסן אומבאַוועגלעך אַ דרײַ שאָ נאָכאַנאַנד, וואַרטנדיק אַף עפּעס, נאָר האָט זיך אַף גאָרנישט ניט דערוואַרט. עמעס, ס'איז אַרײַנגעקומען גרובסקי — אַן אומגעלומפּערטער, אין גרויסע גרויע ווויליקעס און אַ פעלץ פון טכוירענעם פוטער, מיט אַן אויפגעשטעלטן ביבערנעם קאָלנער.

— אונדזערע אַנטדעקער פון אַמעריקע זײַנען, דוכט זיך, פאַרפרוירן געוואָרן אַפן אַדון צוזאַמען מיט זייערע הייסע אידעען, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ דין קעלעכל, הויכנדיק אין פויסט אַרײַן.

דער אַלטער האָט דורכדרינגלעך, און, ווי צום ערשטן מאָל, מיט פאַרוווּנדערונג אַף אים אַ קוק געטאָן, און ניט געפונען קיין פאַסיקע ווערטער אים צו ענטפערן. קוזמאַ קוזמיטש האָט זיך דערפילט ניט הענטיק מאַכמעס דעם פלוצימדיקן געדאַנק, אַז דער דאָזיקער שויטעוואַטער און, דוכט זיך, שלעכטער מענטש, איז עס דער צענטער פון אַלץ, וואָס האָט אים געשטערט דאָס לעבן פאַר די לעצטע וואָכן. און צי בלויז דען וואָכן, כאַדאָשים! און עפּשער, שוין יאָרן?

ער איז צופרידן געווען, וואָס גרובסקי, דערמאָנענדיק זיך עפּעס, איז אײַנגיכן אַוועק. ערשט איצט איז קוזמאַ קוזמיטשן אײַנגעפאַלן אַ פּאַר־

שפּעטיקטער ענטפער זײַן געװעזענעם פּאַטראָן: „איך קוק אַזוי אױף אײַך, ליבער פּיאָטר יעפימאָװיטש, און פאַרשטײ ניט: מיט װאָס פאַר אַ רעכט רופט איר זיך רוס? װוּ איז אײַער רוסישער שװוּנג, װוּ איז אײַער ליבע צום נײַעם? װאָס רוסישעס איז אין אײַך פאַרבליבן? איר האָט זיך פון די אַלטע צײַטן צוגעװוינט טפילע צו טאָן צו די פרעמדע געטער פון דער װיסנשאַפט און טעכניק, און די גאָלדגרובנס דערלעבן האָט איר אַװעקגעמאַכט מיט אײַער טרוקן הענטל. און איר האָט ניט פאַרמאָגט קײן גלױבן, באַקומט זיך, ניט אין אײַער אײגענער קראַפט, ניט אין דער שעפערישקײט פון אײַערע מיטבירגער, נאָר פּאָשעט די בלױזע זעלבסט־זיכערקײט, װאָס האָט זיך געשטיצט אױף דיקע אינפאָרמאַציע־ביכער. און װאָס זײַט איר הײַנט?... גאָרניט!".

פון אַזעלכע אױסדרוקן, בעערעך, איז באַשטאַנען קוזמאַ קוזמיטשעס דעמאַסקירנדיקע רעדע. נאָר דערנאָך איז געקומען אַ ביטערע פראַזע קעגן זיך אַלײן: „און דו ביסט דען ניט אײנס מיט אים? צי באַמיסטו זיך דען ניט מיט אַלע קױכעס צו דערװײַזן, אַז טאָפּאָליעװ און גרובסקי — דאָס זײַנען צװײ שטיװול פון אײן פּאָר? ס'איז אַזױ אומאָנגענעם געװען צו טראַכטן װעגן דעם, אַז קוזמאַ קוזמיטש האָט דעם דאָזיקן געדאַנק פאַרטריבן מיט אַלע קױכעס.

מער איז צו אים קײנער ניט אַרײַנגעקומען. צװײ אָדער דרײַ מענטשן האָבן געכאַפּט אַ קוק אין קאַבינעט אַרײַן, נאָר זײ האָבן געדאַרפט ניט טאָפּאָליעװן. זשעניע קאָזלאָװ אין אַ מאַנטל און װײַס פוכן טיכל האָט אױפגעעפנט די טיר און פון דער שװעל באַטראַכט דאָס צימער, זיך ניט אומקוקנדיק אױפן אַלטן.

— קומט אַרײַן, פרײַלן, — האָט קוזמאַ קוזמיטש אַ רוף געטאָן מיט אַ כריזלע באַס.

זשעניע האָט זיך געגריסט און איז, זיך קװענקלענדיק אַ רגע, אַרײַנגעגאַנגען. טאָפּאָליעװ האָט זי געקענט װי טאַניאַ װאַסילטשענקאָס אַ כאַװערטע, און אים האָט זיך עפּעס אױסגעדוכט, אַז ער געדענקט בײַדע מײדלעך שױן פון זײער לאַנג, נאָך פון קינדװײַז, האָגאָם ביז זײַן קומען אױף דער בױונג איז ער מיט זײ ניט באַקאַנט געװען. פון אַ געװײ־סער צײַט פלעגט קאָזלאָװ אָפּט אַרײַנקומען צו אַלעקסײען, קעדײ צו גײן מיט אים צוזאַמען אין גאָרקיך, אָדער אין שליכעס פון גרעטשקינען, און טײלמאָל גלאַט אַזױ. און לױט דעם, װי דאָס מײדל פלעגט געװײנלעך זיצן באַשײדן אױפן דיװאַן און קוקן אױף קאָװשאָװן, האָט טאָפּאָליעװ פאַר־שטאַנען: אַלעקסײ איז פאַר זשעניען ניט בלױז אַ מיטאַרבעטער.

— ס'איז דאָ פּוסט, עמעס? — האָט ער, אױפהײבנדיק די ברעמען, מיטפילנדיק אַ פרעג געטאָן. — זיצט זיך אַן אַלטער, אַ שטומער און טױטער, ער װערט ניט גענומען אין כעשבן. און דער, װאָס מען דאַרף אים, איז ניטאָ. װען ס'זאָל זײַן קאַפּױער — װאָס, זשעניע?

— קוזמאַ קוזמיטש, ס'איז דאָך וועגן זיי גאָרניט באַוווּסט. איך שרעק זיך! — איר שטים און די גרויסע העלע אויגן האָבן אויסגעדריקט אומרויִקייט. — כ'בין גרייט אַליין אָנצוטאָן נאַרטעס און זיך לאָזן זיי זוכן. מ'האָט געפּרוּווט אַרויסרופן טאַטיאַנאַנען, איז אַלץ קיין פאַרבינדונג ניטאָ, דער בוראַן האָט, קענטיק, צעשעדיקט די גאַנצע ליניע. וואָס טוט מען, קוזמאַ קוזמיטש?

— עס זײַנען ניטאָ קיין סיבעס זיך צו דענערווירן, זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ערגעץ ווו אָף אַ פּאַסיק אָרט, — האָט טאַפּאַליעוו געזאָגט באַרויִקנדיק, האָגאָם זשעניעס ווערטער האָבן אים שטאַרק באַאומרויִקט. לאָמיר זיצן אַ פינף מינוט, אַ שמועס טאָן. נו, דערציילט אָקערשט, וואָס סע הערט זיך דאָ בּיכלאַל.

זשעניע האָט דערציילט:

דער קאָמוניקאַט איז ווידער ניט קיין פריילעכער — די שלאַכטן קומען פאָר אין דער געגנט פון מאָסקווע, מ'האָט ווידער אָנגעהויבן שמועסן וועגן די יאַפּאַנער, זיי פּראָוואָצירן אָף דער גרענעץ; זאַלקינד האָט אָרגאַניזירט בריגאַדעס פון קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן צו קאָנטראָלירן די אַרבעט פון די אָפּטיילן, איר האָט מען אויך אַרײַנגעצויגן, און זאַלקינד האָט איר געבעטן, זי זאָל זיך פאַרנעמען מיט די אָפּטיילן פון פעדאָסאָוון און ליבערמאַנען; הײַנט איז אַ באַראַטונג באַם פאַרטאָרג, זי דאַרף אַרויסטרעטן און דענערווירט זיך זייער; באַנאַכט האָבן זיי פאַרענדיקט צוזאַמענשטעלן דעם קוואַרטל־פּלאַן, און גרעטשקין, וויפל ער האָט זיך ניט געטשעפּעט, האָט פונדעסטוועגן ניט געקענט געפינען קיין כעסאָרן אין אירע טאַבעלעס, און זי פירט דאָך די אַרבעט־רעשימעס — דאָס איז דיר ניט קיין פונט ראַזשינקעס!

זי האָט ליב געהאַט איבערצוכאַזערן די פראַזע „דאָס איז דיר ניט קיין פונט ראַזשינקעס, נאָר אַ קילאָגראַם פּיר", ווען ס'פלעגט גיין אַ רייד וועגן עפּעס וואָס וויכטיקס. איצט האָט זשעניע, אַרויסזאָגנדיק זי, אַ זיפץ געטאָן און זיך געלאָזט צו דער טיר. דער אַלטער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול.

— קומט, זשעניע, לאָמיר צוזאַמען פרוּוון אויפזוכן טאַטיאַנען.

זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען אין סעלעקטאָר־צימער און אַ גאַנצע שאָ געפּאַטערט באַם אַפּאַראַט, שרײַענדיק לויט דער ריי אין רערל אַרײַן. דער דראָט האָט געטוי איבערגעגעבן, וואָס סע קומט פאָר אין דער נאַטור — ס'האָט זיך געהערט דאָס ווילדע יאָמערן פונעם שניי־שטורעם, דער פײַף און געריש פונעם ווינט. און קימאַט אומגלויבלעך איז פאַרגעקומען טאַטיאַנאַס שטים, וואָס איז פּלוצים אויפגעקומען פון דער ווײַט.

— ווו זײַנען אַלעקסיי און בערידזע? ווו איז אַלעקסיי? וואָס ווייסטו וועגן זיי? — האָט זשעניע געשריגן הויך, אַזש די שטים האָט זיך איר איבערגעריסן.

וואַסילטשענקאָס שטים האָט זיך דאָ דערנענטערט און געקלונגען הויך, דאָ זיך דערווײַטערט, זיך פאַרלירנדיק אין גערויש:

— זיי זײַנען דאָ פאַרבײַגעגאַנגען אייערנעכטן... פאַרבײַגעגאַנגען אייערנעכטן... איך קען זיך ניט שענקען... זיי באַ זיך ניט פאַר־האַלטן... — טאַניאַס ווערטער האָבן זיך איבערגעריסן אַף אַ סעקונדע און זײַנען אויגנבליקלעך פאַרלוירן געגאַנגען — זיי האָבן געוואָלט באַ מיר בלײַבן. כ׳דענערוויר זיך... כ׳בין זייער אומרויק.

זשעניע האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס טיכל, ס׳איז איר גלײַך הייס גע־וואָרן, אירע פּרעכטיקע האָר האָבן זיך צעשאָטן, זי איז שטיל געבליבן און געזעסן מיט אַן אומבאַוועגלעכן בליק. דעם געשפּרעך האָט ווײַטער געפירט טאָפּאָליעוו. ער האָט איבערגעפרעגט טאַניאַן וועגן די אינזשע־ניערן; זי האָט איבערגעכאַזערט, וואָס זי האָט שוין געזאָגט.

— איך ראַנגל זיך מיטן בוראַן, — האָט דאָס מיידל מיטגעטיילט.

— גיט איבער דער נאַטשאַלסטווע... זאָלקינדן גיט איבער... צוזאַ־מענגעשטעלט רעטונגס־בריגאַדעס... פון די סאַמע שטאַרקסטע יאַטן... מיר וועלן אײַנהאַלטן די פאַרבינדונג... באַאומרויקט זיך ניט... מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן...

— שאַנעווע זיך און די מענטשן! — האָט טאָפּאָליעוו געכריפּעט.

— היט זיך אָפּ! זײַנען דאָ אומגליקספאַלן? זײַנען פאַראַן אומגליקן?

— וואָס הערט זיך באַ אײַך? וואָס הערט זיך באַ אײַך? — האָט זיך דערטראָגן דעם מיידלס ענטפער־געשריי. — וואָס הערט זיך באַ אײַך גוטס?

ער האָט געענטפערט אָנגעשטרענגט, איבעררײַסנדיק דאָס קאָל און הוסטנדיק:

— קיין גוטס הערט זיך נים! ניט גוט! ניט גוט! איך זאָג — ניט גוט, טאַטיאַנקאַ!

זי האָט ענדלעך פאַרשטאַנען:

— וואָס איז ניט גוט? מיט וואָלאָדיען? ס׳איז עפּעס געשען מיט וואָלאָדיען?

— קימאַט, — האָט ער געענטפערט ניט קלאָר. — קימאַט מיט וואָלאָדיען! קימאַט!

— וואָס קימאַט? — האָט דאָס מיידל געוואָלט דערגיין. — רעדט זיידע, וואָס באַהאַלט איר דאָרט אויס? וואָס קימאַט? נו, רעדט שוין!

זשעניע איז געקומען צו זיך און אַנטלאָפן אין אָפּטייל. קוזמאַ קוז־מיטש האָט זיך אומגעקערט צו זיך און ווידער זיך געזעצט אַף דער שטול. ער איז אָפּגעזעסן עטלעכע מינוט, דערנאָך האָט ער פּלײַסיק פאַר־שפּיצט צוויי בלײַפעדערס און זיך גענומען שרײַבן. אַליין ניט צו באַ־מערקן, האָט ער זיך דאָך געפונען אַרײַנגעצויגן אין ערדיזעס און קאָוו־שאָווס קלאָפּאָטן. דער אַלטער האָט זיך ניט איינמאָל געכאַפּט, אַז ער

טראַכט וועגן דעם, וואָס עס האָט זיי באַזונדערס פאַרשאַפט זאָרגן, — וועגן דעם איבערגאַנג איבערן דורכגוס. ער וואָלט געדאַרפט זײַן אַ פולשטענדיק בלינדער, ניט צו דערזען די דרײַסטקייט און די ריכטיקייט פון די באַשלוסן, וואָס בערידזע האָט אָנגענומען בענויגייע די אַרבעטן אין ווינטער־באַדינגונגען. זיי האָבן זיך נאָך ניט דערטראַכט, ווי דורכצוגראָבן אום ווינטער אַ טראַנשיי איבערן דורכגוס. קאָוושאָוו האָט זיך געוואָנדן צו אים מיט דעם דאָזיקן פראָבלעם, ווען ער, דער אַלטער, האָט שוין אַליין איבער דעם געטראַכט. אין זײַן קאָפ האָט אויפגעבליצט אַן אינטערעסאַנטער געדאַנק, ער האָט זיך צו אים אָפט ווידערגעקערט און איז שוין געווען איבערצײַגט, אַז דאָס לייזן די דאָזיקע קאָמפליצירטע אויפגאַבע געהערט צו אים, טאָפאָליעוון.

דער גרויסער קעשענע־זייגער — קוזמאַ קוזמיטשעס לאַנגיעריקער לעבנסבאַגלייטער, האָט געוויזן דעם סאָף פון אַרבעטס־טאָג. קוקנדיק אָפן פאַרטונקלטן ציפערבלאַט, האָט זיך דער אַלטער פאַרטראַכט — זאָל ער גיין אַהיים אָדער איבערבלײַבן דאָ. אַרבעטן איבער די נאָטיצן און אויסרעכענונגען קען מען אויך אין דער היים, דאָרט איז וואַרעמער, דערפאַר אָבער וועט ער דאָ גיכער זיך דערוויסן יעדיִעס וועגן אַלעקסייען. ער האָט געשפרײַזט איבערן קאַבינעט, די הענט פאַרשטעקט אין די קעשענעס פון פעלץ, — אַ הויכער, גרויער, אָנגעכמורעטער און וואָנסיקער, ענלעך צו מאַקסים גאָרקין. אומדערוואַרט איז געקומען צו לויפן אַ יונגינק מיידעלע, צו טאָפאָליעווס פאַרוווּנדערונג, האָט זי נעמלעך אים באַדאַרפט צו האָבן.

— כ׳האָב אײַך קוים אויפגעזוכט! כ׳האָב גאָרניט געוווּסט, אַז בײַ אונדז איז פאַראַן אַן אינזשעניער טאָפאָליעוו, — האָט דאָס מיידל טמימעסדיק אַ זאָג געטאָן, ניט פאַרשטייענדיק, אַז זי טרעפט דערמיט דעם אַלטן אין סאַמע האַרץ. — דאָ איז טאָמיד געזעסן אַליאָשע קאָוושאָוו, אים קען איך גוט. איר זײַט, הייסט עס, זײַן פאַרטרעטער? פײַן, — אַן אַלטער איז אונטערגעוואָרפן אַ יונגן! איצט וועל איך אײַך שוין קענען. קומט שנעלער, דער פאַרטאָרג רופט אײַך אַף אַ באַראַטונג פון די אָפטייל־נאַטשאַלניקעס.

און זי איז אַרויסגעלאָפן. קוזמאַ קוזמיטש האָט ניט באַוויזן קיין וואָרט צו זאָגן. אַף דער שוועל האָט ער זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט קאָבזעוון, ווי געווײנלעך אַ צעשויבערטן. אויך אים האָט זאַלקינד אַרויסגערופן — מאַשמאָעס, זייביידע האָבן געזאָלט פאַרטרעטן קאָוושאָוון.

די באַראַטונג איז שוין געווען אין גאַנג. זאַלקינד האָט זיך העפלעך באַגריסט מיט טאָפאָליעוון און קאָבזעוון, פאַרבעטן זיי זיצן.

— איך האָב צוזאַמענגערופן די אָפטייל־נאַטשאַלניקעס באַנאַנד מיט די פאַרטאָרגן און קאָמיוגאָרגן, זיך דורכצורײדן וועגן דיסציפלין און

אונדזערע בלויזן. רעדט ווײַטער, — האָט ער אַ מאַך געטאָן צו גרעטשקינען, וועלכער איז אָפּוואַרטנדיק געשטאַנען בײַם טיש.

— די אינספּעקציע, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט, האָט אַרויפגעבראַכט אַף דער אויבערפלאַך די כעסרוינעס, וואָס שטעקן טיף אינעווייניק אין די אָפּטיילן. — גרעטשקין האָט מיט אַ זשעסט אויסגעמאָשלט, וויאַזוי עס זײַנען אַרויפגעבראַכט געוואָרן פון דער טיף די דאָזיקע כעסרוינעס. — און מיר קענען הײַנט ניט, צום באַדויערן, אַרויסשטעלן קיין איין אָפּטייל פאַר אַ מוסטער — אַט נעמט, הייסט עס, פון דעם אַ בײַשפּיל. אין אַלע זײַנען פאַראַן נאָכלאָזיקע מענטשן. עס געפינען זיך נאָך דערצו באַלאָנים צו פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט און פריצײַטיק פון איר אַוועקצוגיין. אַנדערע פאַרענטפערן זייער צעקראָכנקייט מיט די בוראַנען און אַלערליי שווערע באַדינגונגען. — גרעטשקין האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פון די פענצטער, באַלייגטע מיט שניי. — אַ סאַך שאַנעווען ניט די מעלוכישע צײַט, קריכן אַרום אַן אַ טאָלק איבער די קאָרידאָרן, שמועסן אין דער אַרבעטס־צײַט וועגן זײַטיקע איניאָנים, שטייען צו לאַנג בײַ די מאַפּעס, אַרומשמועסנדיק די לאַגע אַפן פראָנט. זיי פאַרגעסן, אַז דעם פראָנט דאַרף מען העלפן ניט מיט קיין זיפצן און ניט מיט אונטעראויוונדיקער סטראַטעגיע. ס'איז ניט אָנגענעם צו ריידן און גלײַכצײַטיק טאָר מען ניט אויסבאַהאַלטן: אין אייניקע אונדזערע אָפּטיילן איז נאָך ביז הײַנט ניט פאַרוואָרצלט געוואָרן אַן ערלעכע, ענטוזיאַסטישע באַציִונג צו די נויטן פון דער טראַסע; ניט אַלע אינעם אַפּאַראַט פאַרשטייען, אַז מיר זײַנען דאָ — דינער פון דער טראַסע און עקזיסטירן פאַר איר, בעשום אויפן ניט פאַרקערט.

גרעטשקין האָט גערעדט מיט ברען און שנײַדיק, באַגלייטנדיק די ווערטער מיט ענערגישער זשעסטיקולאַציע. מ'האָט אים אויסגעהערט מיט צוגעשמידטער אויפמערקזאַמקייט. אַן עקאָנאָמיסט־פּראַקטיקאַנט, לויט זײַנע אייגענע רייד, באַשאַנקען פון דער נאַטור מיט אַ טפּיסע און מיט דער פעיִקייט צו אַרבעטן פיר און צוואַנציק שאָ אַ מעסלעס, — האָט ער נאָכן בײַטן זיך פון דער בויונג־אָנפירערשאַפט אָנגעהויבן שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָל אינעם לעבן פון דער פאַרוואַלטונג. באַטמאַנאָוו האָט געמאַכט זײַן אָפּטייל פאַר אַ קאָנטראָל־ און פּלאַניר־אָפּטייל, און גרעטשקין איז געווען דער שטענדיקער באַריכטגעבער אַף די קאָנטראָליאָרן־באַראַטונגען בײַם נאַטשאַלניק פון דער בויונג. די פּאַרטיי־אַרבעט האָט גרעטשקין געפירט אַקטיוו, און דער קאָלעקטיוו האָט עס אָפּגעפילט. אויך איצט איז לויט זײַן אַרויסטריט געווען צו זען, אַז ער האָט זיך צו דער אויפגאַבע פון אַ פאַרטאָרג באַצויגן געוויסנהאַפטיק און באַדענקט, האָט אינספּעקציאָנירט די אָפּטיילן שטרענג, איבערגעגעבן.

— זאָל מײַן רעדע זײַן ווי אַ מין אַרײַנפיר־וואָרט, — האָט גרעטשקין פאַרענדיקט, וואָרפנדיק אַף די פאַרזאַמלטע אַ שנעלן בליק פון זײַנע

קײַלעכיקע און שאַרפֿע אויגן. — די כאַווײרים, וואָס האָבן באַזוכט די אָפּטיילן, וועלן אַליין דערציילן, וואָס זיי האָבן דאָרט געטראָפֿן.

זאַלקינד האָט געעפֿנט די דיסקוסיע מיט אַ קורץ וואָרט:

— זאָגט אַרויס פּראָסט און אָפֿן וועגן אַלע צאָרעס. קריטיקירט, זיך ניט רעכענענדיק און ניט מוירע האָבנדיק צו באַליידיקן אַ סימפּאַטישן נאַטשאַלניק אָדער אַ גוטן פֿרײַנט. אַלע צוזאַמען זײַנען מיר גענוג שטאַרק, און קיין קריטיק וועט אונדז ניט פֿאַרשאַטן, זי וועט אונדז ברענגען בלויז נוצן. איך גיב יעדן צען מינוט — איך טו עס, קעדיי ניט צו דער־לאָזן קיין הוילע גערייעדערײַען. מיר האָבן ניט קיין רעכט אָפּצוזיצן צו צען שאָ. באַמיט זיך, ניט צו פֿאַרנעמען זיך מיט קיין פּלוידערײַען, רע־כילעסן און קליינלעכקייטן.

און אַלע האָבן גערעדט — קורץ, ניט זייער גלאַטיק און בינדיק, נאָר צעוואָרעמט און מיט בעפּײרעשער איבערצײַגונג אין דער אייגענער גערעכטיקייט. דאָס האָט עפּעס אויפֿגערעגט טאָפּאָליעוון. ער האָט געזען, אַז די אַלע, וואָס טרעטן אַרויס, זײַנען יונגע מענטשן, לאַכלוטן יונגע. איינע פֿון די ערשטע האָט באַקומען דאָס וואָרט זשעניע קאָזלאָוו.

צוגעקומען צום טיש, האָט דאָס מיידל אָנגעהויבן ריידן. אין אָנ־הייב אומזיכער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און זיך רויטלענדיק. איר איז נאָך ניט אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן אַף אַזעלכע באַראַטונגען, און זי האָט מיט שרעק געטראַכט, אַז זי דאַרף זאָגן אומאָנגענעמע און שטרענגע ווערטער וועגן נאַטשאַלניקעס פֿון צוויי גרויסע אָפּטיילן. אַן אויגנבליק האָט זיך זשעניע אַ קווענקל געטאָן און ניט מיט קיין קליינער אָנשטרענ־גונג דערשטיקט דעם פֿאַרלאַנג איבערצורײַסן די רעדע און אַנטלויפֿן, ווי דאָס איז אַמאָל געשען מיט איר אַף אַ קאָנצערט פֿון זעלבסטטעטיקייט.

גרעטשקין האָט זיך מאַכמעס פֿאַרדרוס פֿאַרקרימט און אַפֿילע אַוועק־געקערט. ער האָט מיט האָפֿענונג דערוואַרט קאָזלאָווס אַרויסטרעטונג און איז איצט געווען אַנטוישט. אויסערלעך אַ מרוק און פּעדאַנט, האָט ער זיך צו איר באַצויגן מיט סימפּאַטיע און זיך טאָמיד באַמיט אַרײַנצוציִען זי אין די איניאַנים פֿונעם אָפּטייל. ער האָט איינמאָל געזאָגט אַלעקסייען מיט שטאָלץ, אַז ער האַלט קאָזלאָוון פֿאַר זײַן בעסטער אַרבעטערן. עס איז גרעטשקינען געפֿעלן אַלעקסייס פֿאַרשלאָג — דרײַסטער אַרײַנציִען זשעניען אין דער טעטיקייט פֿון דער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט טאַקע דעמאָלט, ניט אָפּצולייגן, אַרויסגערופֿן דאָס מיידל און לאַנג מיט איר געשמועסט וועגן דעם.

זשעניע האָט באַמערקט — גרעטשקין איז אומצופֿרידן, און אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וועט אומבאַדינגט דערציילן אַלעקסייען וועגן איר דורכ־פֿאַל. דאָס האָט איר געהאָלפֿן גוווער זײַן די אומזיכערקייט און פֿאַר־לעגנהייט. זי האָט אָנגעהויבן ריידן אַנטשלאָסענער און, נאָכאַמאָל אַ קוק געבנדיק אַף גרעטשקינען, דערזען זײַן גוטזאָגנדיקן שמייכל.

זשעניעס בריגאַדע האָט אויפגעדעקט אין די באַזאָרגונגס־אָפּטיילן אַ סאַך אומאָרדענונג. באַ פעדאָסאָווס מיטאַרבעטער זײַנען געפונען געוואָרן אַף די טישן פּאָדערונג־מעלדונגען פון דער טראַסע, אַף וועלכע עס איז קיין ענטפער ניט געגעבן געוואָרן, ניט אָפּגעשיקט דרינגענדיקע טעלעגראַמעס, פאַרגעסענע פּאַפּירן. פעדאָסאָוו האָט זיך צו דער קאָנטראָל אין דעם אָפּטייל באַצויגן ניט ערנסט, מיט פאַרריסנקייט. ער האָט אויך דאָ געפּרוּווט זיך מיט רעפּליקעס פונעם אָרט מאַכן דערפון אַ שפּאַס און אַלץ פאַרענטפערן דערמיט, וואָס ס׳איז פאַראַן אָן אַ שיר אַרבעט, צוליב וועלכער מען באַווײַזט זיך ניט אַרומצוקוקן אַף באַזונדערע נאָכלאָזיקייטן און בלויזן.

— דאָס איז אָבער אַ פאַלשער און שעדלעכער שטאַנדפּונקט! — האָט זשעניע אַ געשרײַ געטאָן. — דאָס שאַפט אַ הינטערוועגלע פאַר אַלערליי געמיינקייטן.

דערנאָך איז זי אַריבער צו ריידן וועגן ליבערמאַנען און אים באַשולדיקט, אַז שטרעבנדיק אַלץ צו באַפּוצן און פאַרמאַסקירן, דערקײַקלט ער זיך ביז אָפּנאַרערײַ.

די באַשולדיקונגען האָבן זיך באַקומען שווערע — ביידע נאַטשאַלניקעס פון די אָפּטיילן האָבן זיך דערויף ניט געריכט, האַגאַם זאַלקינד האָט וועגן דעם געוואָרנט.

און זשעניע האָט נאָך אַלץ ניט געהאַט אַרויסגעזאָגט. איר צײַט איז אַריבער און זי האָט, אַ קוק געבנדיק אָפן האַנט־זייגער, זיך איבערגעריסן אַף אַ האַלבן וואָרט. זאַלקינד האָט איר דערמוטיקנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— צווישן אונדז קורסירן שוין לאַנג לעכערלעכע אַנעקדאָטן וועגן דער פײַנטשאַפט צווישן ליבערמאַנען און פעדאָסאָוון, — האָט זשעניע אײַלנדיק ווײַטער גערעדט. — איך האָב זיי אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס, ניט געגלויבט, אַז דערוואַקסענע און סאָלידע מענטשן קענען זיך קוויקן מיט אַזאַ שפּיל. ערשט האָב איך זיך איבערצײַגט: צווישן די צוויי אָפּטיילן גייט שיר ניט אַן עמעסע מילכאָמע... מײַן פאַרשטאָרבענער טאַטע האָט לאַנג געלעבט אָפן אַדון און פלעגט דערציילן וועגן דער פײַנטשאַפט צווישן די נאַנײַישע שוואָטים. הײַנט, נאַטירלעך, איז קיין שום פײַנטשאַפט ניט פאַראַן, זי ווײַזט זיך אַרויס אין איינצלנע פאַלן — דער טאַטע פלעגט עס אָנרופן איבערבלײַבעכצן פון דער שוואָטים־אָרדענונג. און ווען כ׳האָב געהערט ווי ליבערמאַן באַרעדט פעדאָסאָוון און פעדאָסאָוו ליבערמאַנען, האָב איך זיך דערמאָנט דעם טאַטנס ווערטער און אַ טראַכט געטאָן: די סיכסוכים צווישן אונדזערע צוויי נאַטשאַלניקעס זײַנען אויך איבערבלײַבעכצן פון די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער.

— נו, דאָס מיידל האָט זיך צעלאָזט! — האָט פעדאָסאָוו אַ זאָג געטאָן אַף אַ קאָל.

— ניין, ניט זיך צעלאָזט, — האָט זשעניע געשמייכלדיק געטאָן אַ דריי אויס צו אים און צעשפּרייט די הענט. — זאָגט מיר, כאָווירים: צי דאַרף מען ניט האַלטן פאַר אַן איבערבלייבעכץ פון דער פאַרגאַנגענהייט דעם ווילדן פאַל, ווען צוויי סאָוועטישע מענטשן, געשטעלט אַף קרויווישע אַרבעטס־פּונקטן, הייבן זיך אָן צו שטערן איינער דעם אַנדערן? עפּשער איז באַ זיי אַ פאַרמעסט — דעמאָלט רופט מיך צו אָרדענונג.

עטלעכע מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו אַפּלאָדירן. זאַלקינד האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום טיש, אויסבאַהאַלטנדיק אַ שמייכל.

— מען קען ניט גלאָט אין דער וועלט אַריין פאַרשוואַרצן דאָס פּאָנעם פון מענטשן, — האָט ליבערמאַן אַ זאָג געטאָן, איבערוואַרטנדיק ביז אַלע וועלן שטיל ווערן.

— אָך, אירווילט פאַקטן? גוט, כ׳וועל ברענגען פאַקטן.

די פאַקטן זיינען געווען אומגעלומפּערטע און לעכערלעכע. זשעניע האָט זיך ראַפּטעם איבערגעריסן אינמיטן וואָרט, איז שנעל צוגעגאַנגען צו ליבערמאַנען און מיט אַ שטיל קאָל פון אויפרעגונג זיך געווענדעט צו אים אַליין, ווי זי וואָלט פאַרגעסן וועגן די איבעריקע:

— פאַרוואָס האָט איר ניט ליב קיין מענטשן? פאַרוואָס פאַרמאָגט איר ניט קיין גוטסקייט? איך ווייס — איר זייט אַן אָרגטלעכער מענטש, קיין פרעמדס נעמט איר ניט. אָבער צי איז דאָס עכטע אָרנטלעכקייט, אויב אַלע אַנדערע זיינען באַ אייך אומאָרנטלעך? איר באַרימט זיך אָפט: „איך באַקום אַלץ, וואָס מיר דאַרפן האָבן... כוץ מיר וועט עס קיינער ניט באַקומען”. זיכער איז עס טאַקע אַזוי. נאָר וואָס פאַר אַ זין האָט עס? לאָמיר אָננעמען, איר האָט באַקומען טויזנט וואַטענע קורטקעס, און זיי ליגן אין סקלאַד. אין דער זעלבער צייט פעלן אויס קורטקעס אַפן זיבעטן באַצירק, מענטשן פרירן און פאַרשעלטן אייער געביין. אייך באַאומרויקט עס ניט — די נאַטשאַלסטווע האָט דאָך אייך געזאָגט אַ דאַנק פאַר די קורטקעס. איך האָב געטראָפן אין אייער אָפּטייל פיר טעלעגראַמעס פון דריטן באַצירק: דאָרט פעלן אויס גרויפּן. איר האָט ניט געגעבן אין אַכט די טעלעגראַמעס דערפאַר, וואָס פאַר אייך איז דעריקער — באַקומען גרויפּן. איר האָט באַקומען, דאָס איבעריקע איז שוין ניט וויכטיק.

ליבערמאַן איז געזעסן, האָט געהויבן די פּלייצעס און אָפט געפינגלט מיט די העלע ברעמען. ער האָט זיך געפּרווט דערווידערן, נאָר זשעניע האָט אים ניט דערלאָזט קיין וואָרט אַרויסרייידן.

— איר ענטפערט מיר, — האָט דאָס מיידל גערעדט אַלץ אַזוי דערנערווירט און פעסט. — צוליב וואָס באַמיט איר זיך צו באַקומען די דאָזיקע קורטקעס, גרויפּן און אַ סאַך אַנדערע זאַכן? ניט שוין־זשע בלויז צוליב דעם, מע זאָל זאָגן — „סאַראַ גוטער אינטענדאַנט ליבערמאַן איז

— ער קען אַלץ באַקומען !". דאָס אַלץ איז דאָך אַ שטוס ! איר דאַרפֿט זאָרגן בלויז פֿאַר איין זאַך : די מענטשן זאָלן זײַן זאַט און באַקליידט, ס'זאָל זיי וואַרעם זײַן אַפֿן פֿראָסט. איר האָט קיין האַרץ ניט, אַנשטאָט אַ האַרץ האָט איר אַמביציע — אָט וואָס איך וועל אײַך זאָגן !

קאָזלאָוו האָט זיך אַרומגעקוקט און אַ ביסל אין פֿאַרלעגנהייט זיך אומגעקערט אַפֿן אָרט.

— מאַמינקע טײַערע, וועמען אינטערעסירן עס די דאָזיקע ווײַבער־רישע פֿײַערדיקע רעדעס ! — האָט ליבערמאַן אַ מאַך געטאָן, וואַרפֿנדיק ביגנייווע אַ בליק אַפֿן פֿאַרטאָרג.

— מיר זײַנען זיי אינטערעסאַנט. און אַלע כאַווײרים זײַנען זיי אינ־טערעסאַנט. און דעריקער — פֿאַר אײַך זײַנען זיי נוצלעך צו הערן, — האָט זאַלקינד אַ זאָג געטאָן האַרב, קוקנדיק ליבערמאַנען גלײַך אין פּאָ־נעם. אויסגעדרייט זיך צו זשעניען, האָט ער ליבלעך צו איר אַ שמייכל געטאָן : — רעדט ווײַטער...

גרעטשקין האָט זיך געפֿילט גליקלעך און ניט אָוועקגענומען די אויגן פֿון זשעניען. „וואָר־וואָר, אָבער איך ווייס דאָך : דער גרעסטער אינטערעס פֿאַר איר איז געווען טענץ און דער כאָר־קרײַז. נאָר אָט האָבן מיר, איך מיט אַלעקסייען, זי אַרײַנגעצויגן אין דער קאָמיוגישער אַרבעט — און אָט זעט", — האָט גרעטשקין געטראַכט מיט צופֿרידנקייט. אין איר ווײַטערדיקן ריידן האָט זשעניע פּלוצים דערמאָנט אויך זײַן נאָמען. ס'איז אים ניט אײַנגעפֿאַלן, אַז זי וועט זיך צו אים דערקלײַבן, פֿונ־דעסטוועגן האָט ער זיך ניט באַליידיקט און אַ שאָקל געטאָן צו איר מיטן קאָפּ, אויפֿכאַפּנדיק איר בליק.

— אַפֿילע קאָוושאָוו און גרעטשקין, קאָמוניסטן און מיטגלידער פֿון פּאַרטיי־קאָמיטעט, — האָט זשעניע גערעדט, — אַפֿילע זיי האָבן צו אונדז ווייניק צוטרוי, באַמיִען זיך צו טאָן אַלץ אַלייך. און מיר ווייסן דאָך : קיין יאַכיד וועט ניט אויפֿטאָן דאָס, וואָס סע קען אויפֿטאָן אַ קאָ־לעקטיוו... איך האָב פֿאַרענדיקט, מיכאַיל באַריסאָוויטש. צום שלוס וויל איך זאָגן : אונדזער באַראַטונג איז אַ גוטע און זי געפֿעלט מיר, ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס עס זײַנען דאָ ניט פֿאַראַן די כאַווײרים קאָוושאָוו, בערידזע און דער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג. עס באַקומט זיך, אַז בלויז ווען זיי זײַנען ניטאָ, זײַנען מיר דרײַסטע און בראַווע.

— זאָל דאָס דאָזיקע קיינעם ניט אַרן, — האָט זיך זאַלקינד אָפּ־גערופֿן. — ס'איז גלײַך, ווי באַטמאַנאָוו, בערידזע און קאָוושאָוו וואָלטן דאָ בײַגעווען. איך נעם זיך אונטער צו ענטפֿערן אין זייער אַלעמענס נאָמען.

זשעניע איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אויסגעגלײַכט דעם בלויען סוועטער, וואָס האָט פֿעסט אײַנגעצויגן איר קרעפּטיקע פֿיגור, און זיך

געזעצט אַף איר שטול לעבן גרעטשקינען. זי האָט זיך אַרומגעקוקט: צי לאַכט מען ניט פון איר?

— אַ כוואַט, — האָט גרעטשקין אַ שעפּטשע געטאָן. — אינגיכן וועסטו טאַטיאַנאַן הינטערן פּאַסעק פאַרשטעקן. אַפילו אַליאָשען האָסטו אַטאַקירט, דעם גאָט דײַנעם. ס׳געפעלט מיר!

זשעניע האָט אַף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ צעטראָגענעם בליק און גאָרניט געענטפערט. איר אויפרעגונג האָט זיך נאָך ניט אָפּגעזעצט.

ווייטיקלעכער פון אַלע האָט דאָס אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען, אויפ־גענומען טאַפּאַליעוו. אַלץ, וואָס זשעניע און אַנדערע האָבן געזאָגט איז געווען אַדרעסירט צו אים. „אַן איבערבלײַבעכץ פון דער פאַרגאַנגענ־הייט“, — האָט ער איבערגעכאַזערט פאַר זיך, און אַ געפּיל פון בעזאָיען האָט אַלץ שאַרפער אויפגעטויכט אין אים. „מען קען זיצן לעבן זיי, טאָן די זעלבע זאַך — און פונדעסטוועגן זײַן אומענדלעך ווײַט פון זיי“, — האָט קוזמאַ קוזמיטש געטראַכט מיט גרויס ערגערניש. דער אַלטער איז צוליב עפּעס זיכער געווען, אַז מען וועט אַף דער באַראַטונג אויך אים דערמאָנען. ער האָט זיך געשראָקן דערפאַר און, ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זײַן, עס פאַרלאַנגט.

דאָס וואָרט האָט באַקומען פּעטיאַ הודקין. נעמלעך ער האָט גע־רעדט וועגן טאַפּאַליעוון. אויסגעשריגן אײַליק די ערשטע פראַזן, האָט פּעטיאַ, אַ קוק טוענדיק אַפן אַלטן אינזשעניער, ווי זיך אָפּגעהאַקט, — ס׳האָט דעם באַכער אָפּגעשטעלט קוזמאַ קוזמיטשעס שווערער בליק, זײַן גאַנצער אַנבליק, אַ דערדריקטער און נעבעכדיקער.

— רייד ווײַטער, פּעטיאַ, — האָט זאַלקינד אַ זאָג געטאָן, אויפ־כאַפּנדיק טאַפּאַליעווס בליק און דעם יונגן טעכניקערס קווענקלעניש. — כאַווער טאַפּאַליעוו וועט ניט האָבן אַף דיר קיין פאַריבל פאַרן עמעס. דו נעמסט זיך דאָך צום האַרצן אונדזער אַלגעמיינע זאַך.

— רעדט, פּעטיאַ, איך וועל קיין פאַריבל ניט האָבן, — האָט דער אַלטער אַ כריפּע געטאָן קוים צו דערהערן.

— ס׳איז ניט אין אָרדענונג באַ אײַך אין אָפּטייל — האָט פּעטיאַ ווײַטער גערעדט מיט אַן אַנגעשטרענגטער שטימע, וואָס רײַסט זיך אַלע־מאָל איבער. — דער קאָלעקטיוו, באַטירלעך, אַרבעט, די מענטשן פאַר־שטייען די אויפגאַבע און באַמיִען זיך מיט אַלע קויכעס. אָבער מיר זײַ־נען ניט צופרידן מיטן כאַווער טאַפּאַליעוו. ער איז אַ גרויסער אינזשע־ניער, האָט אַ סאַך וויסן, נאָר אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש קאָוושאָוון העלפט ער שוואַך. און אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטשן איז, פאַרשטייט זיך, שווער. איך האָב זיך צוגעקוקט, און כ׳פאַרשטיי ניט אַפילו — ווען שלאָפט ער, אויב פיר פאַרטאָג איז ליכטיק באַ אים אין קאַבינעט און אַכט אינדער־פרי איז ווידער ליכטיק... מיר באַמערקן אַלץ, און מיינט ניט, כאַווער טאַפּאַליעוו, אַז מיר ווייסן ניט, וואָס באַ אײַך אין קאַבינעט טוט זיך.

מאַכמעס אויפֿרעגונג האָט פּעטיאַ קעסיידער געמאַכט מיט די הענט. ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ טיכעלע, אָנגעהויבן עס קנייטשן, דערנאָך עס אַרײַנגעלייגט צוריק.

— איז אָט וואָס עס האָט זיך באַקומען — אַלעקסיי ניקאָלאַיעװיטש איז אויף דער טראַסע, און דער אָפּטייל איז געבליבן אָן אַנפֿירער־שאַפֿט. פֿאַרן פֿאַרטרעטער רעכנט זיך כאַווער טאַפּאַליעוו, נאָר ער אינטערעסירט זיך ניט מיטן אָפּטייל. מיר ווענדן זיך אין אַלע פֿראַגן צום כאַווער קאַבזעוו, אָבער ער איז דאָך ניט דער פֿאַרטרעטער און ניט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן גאַנצן אָפּטייל. ער אַליין געפֿינט זיך אין אַ פֿאַלשער לאַגע: ער דאַרף לייזן פּראָבלעמען, בעת איבער אים שטייט אַ לעבעדיקער פֿאַרטרעטער פֿונעם נאַטשאַלניק. דערצו איז ער נאָך בײַ אונדז אַ צעטראָגענער, און ס׳איז אים שווער אַלץ אַרומצונעמען.

— ער האָט מיך אָפּגעקװיקלט! — האָט קאַבזעוו אַ קרעכץ געטאָן און פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט.

אַרום האָט מען זיך צעלאַכט.

— ס׳איז ניטאָ וואָס צו לאַכן, איך זאָג דעם עמעס. — האָט פּעטיאַ זיך בײַז צעשריגן. אויב איר וועט לאַכן — וועל איך אויפֿהערן ריידן.

— רייד, פּעטיאַ, בייזער זיך ניט — מיר הערן דיר, — האָט זאַלקינד געזאָגט.

— מיר דאַרפֿן וויסן, — האָט דער באַכער ווײַטער גערעדט, — פֿאַרוואָס כאַווער טאַפּאַליעוו האָט זיך פֿון אַלץ אָפּגערוקט. ער אינטערעסירט זיך ניט מיט קיינעם ניט און מיט גאָרניט. אָט בין איך דער קאָמסאָרג אין דעם אָפּטייל און אַ געווייגלעכער טעכניקער, — צי האָט ער כאָטש איין מאָל געשמועסט מיט מיר, פֿאַראינטערעסירט זיך, ווי איך אַרבעט? ניין. פֿאַרוואָס? ניט שווידזשע האָט ער בײַ מיר גאָרניט צו פֿרעגן און מיר צו זאָגן?... מיר האָבן זיך איינמאָל געוואָנדן צו אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטשן, געפֿרעגט וועגן טאַפּאַליעוון. איז ער אויף אונדז אין כּעס געוואָרן: „וואָס גייט ער אײַך אָן, ער שטערט אײַך? עס וועלן קלעקן פֿאַר אײַך מײַנע אויפֿגאַבן. עפּעס איז אײַך ווייניק — קומט, וועל איך אײַך דערלייגן". נו, מיר פֿאַרשטייען: אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש האָט, זיכער, אַנדערש ניט געקענט ענטפֿערן...

פּעטיאַ האָט ווידעראַמאָל אַרויסגענומען דאָס טיכל, צוגעטראָגן עס צום פּנים, עס צוזאַמענגעקנייטשט און צוריק אַרײַנגעשטופּט אין קעשענע פֿון פּידזשאַק.

— הײַנט האָב איך באַשלאָסן צו שטעלן די פֿראַגע אײַך, כאַווער פּאַרטאָרג, און דעם כאַווער טאַפּאַליעוו. עס וועט מיסטאָמע ווידער אויסקומען לעכערלעך... אָט האַלט איך אין איין טראַכטן: צי האָט קוזמאַ קוזמיטש געהערט כאַווער סטאַלינס אַרויסטריט דעם זעקסטן און זיבעטן נאָוועמבער, אָדער ניט געהערט? אויב ווידער ער האָט געהערט און גע־

בליבן גלײַכגילטיק, ווייס איך שוין ניט דעמאָלט, ווי מיר דאַרפֿן זיך ווײַטער באַציִען צום כאַווער טאַפּאַליעוו. זײַט מיר מויכל, קוזמאַ קוזמיטש, וואָס איך בין צו אײַך אַזוי צוגעשטאַנען. עס קרענקט דאָך אונדז סײַ פֿאַר אײַך, סײַ פֿאַר אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש. ביפֿראַט נאָך... עפּשער איז ער אומגעקומען דאָרט... אַף דער טראַסע, מיטן הויפּט־אינזשעניער. און אײַך איז אַלץ איינס...

דעם באַכערלס שטים האָט אַ ציטער געטאָן און זיך איבערגעריסן. פּעטיאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן, נאָכאַמאָל אַ שטעק געטאָן די האַנט נאָכן טיכל, אַ מאַך געטאָן מיט איר און אַרויסגעלאָפֿן פֿון קאַבינעט — צום גליק איז ער געשטאַנען בײַ דער סאַמע טיר. זאַלקינד האָט אַ קוק געטאָן אַף זשעניען, און זי איז אויך אַרויסגעגאַנגען נאָך פּעטיאַן, קוים אײַנהאַלטנדיק די טרערן.

ס'האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ שווער שטילשווײַגן, ווי ס'טרעפֿט אין געריכט־זאַל פֿאַרן אַרויסטראָגן דעם אורטייל. אַלע האָבן געקוקט אַף טאַפּאַליעוון, וועלכער איז געזעסן מיט אַ טיף אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— מיר האָבן קיין גרונט ניט צו באַקלאָגן אונדזערע כאַווירים, — האָט זיך זאַלקינד אויפֿגעשטעלט. — זיי זײַנען מענטשן פֿיזיש קרעפֿטיקע, און איך בין איבערצײַגט, אַז ס'איז מיט זיי גאָרנישט ניט געשען. זשעניע קאָזלאָוו און כאַווער טאַפּאַליעוון האָט זיך אײַנגעגעבן צו פֿאַרבינדן זיך דורכן סעלעקטאָר מיט טאַניאַ וואָסילטשענקאָ — זי האָט געזען די אינזשעניערן פֿאַרן בוראַן פֿריש און געזונט. עמעס, קוזמאַ קוזמיטש? כאָטש דעם האָב איך הײַנט דערהאַלטן דורך מיליטערישע פּילאָטן אַ בריוועלע פֿונעם נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג: ער קלײַבט זיך שוין אָפּן צוריקוועגס. זיי וועלן וואָרשײַנלעך אָט־אָט קומען אַלע דרײַ.

ס'האָבן זיך אומגעקערט אין קאַבינעט פּעטיאַ הודקין און זשעניע. דער טעכניקער איז שטיין געבליבן לעבן דער טיר אַן אָנגעכמורעטער.

— דו האָסט פֿאַרענדיקט דײַן אַרויסטריט, כאַווער הודקין, אָדער וועסט ווײַטער ריידן? — האָט זאַלקינד געפֿרעגט, זיך באַמיִענדיק ניט צו קוקן אַף די אונטערשמייכלענדיקע מענטשן. — מיר האָבן דיך ניט אינגאַנצן פֿאַרשטאַנען. האָסט אַף אונדז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַנטלאָפֿן.

— איך האָב אַלץ געזאָגט, — האָט פּעטיאַ געענטפֿערט מיט אַ באַס.

— זעסטו, ביסט אַליין מיט זיך ניט צופֿרידן. האָסט גערעדט ווי עס דאַרף צו זײַן, און פּלוצים ביסטו אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ היסטעריקע. איך וועל דערציילן בערידזען און קאָושאָווון, ווי דו האָסט זיי דאָ פֿרײַצײַטיק באַוויינט.

די באַראַטונג איז ווײַטער געגאַנגען, נאָר ערשט איז שוין קוזמאַ קוזמיטש ניט אימשטאַנד געווען נאָכצופֿאָלגן די אַרויסטרעטונגען. פּע־

טיאַ האָט אים דערלאַנגט אַ צו שטאַרקן קלאַפּ — אין דאָזיקן קלאַפּ האָבן זיך ווי פאַראייניקט אַלע קלעפּ פאַר דער לעצטער צײַט.

דער ווייטיק, וואָס האָט פאַרבאָרגן געגאָגט אין אַלטנס האַרץ, האָט זיך פאַרשאַרפט און זיך צעוואַקסן מיט יעדער מינוט. דער קאָפּ איז אים שווער געוואָרן, די געדאַנקען האָבן זיך באַוויגן אומגעלומפּערט און פּאַמעלעך. פּעטיאַ, זשעניע, זאַלקינד און די איבעריקע ווערטן, זיכער, אַף זײַן אַרויסטריט. ער דאַרף ענטפערן... אָבער ער וועט ניט ענט־פערן. אין איצטיקן מאָמענט האָט ער ניט וואָס צו ענטפערן.

זאַלקינד האָט פאַרשטאַנען דעם אַלטנס צושטאַנד, אויך אַנדערע האָבן פאַרשטאַנען. טאָפּאָליעוו, וואָס האָט שטענדיק אַזאַ קרעפטיקן און אומצוטריטלעכן אויסזען, האָט זיך געענדערט פאַר זייערע אויגן. און באַלד איז געוואָרן קלאָר: דער מענטש איז קראַנק — די אויגן זײַנען בײַ אים אַנטצונדן, די באַקן היציק־רויט, ער אָטעמט מיט עפּעס אַ כריפּ. מאַשמאָעס, אַז ס׳איז אים אַפילע שווער דעם קאָפּ אויפצוהייבן.

ער האָט זיך ניט גלײַך געכאַפּט, וואָס מען וויל פון אים, ווען ער האָט דערזען פאַר זיך אין זשעניעס האַנט אַ צעטעלע פון זאַלקינדן. ער האָט אויפגעוויקלט דאָס פּאַפּירל און עס לאַנג געלייענט: „קוזמאַ קוז־מיטש, איר דאַרפט ריכטיק פאַרשטיין סײַ דאָס דאָזיקע באַכערל, סײַ אונדז אַלע. מיר ווילן האָבן צו אײַך עכטע אַכטונג. איר פילט זיך ערשט שלעכט — איר לעבט עפּעס וואָס איבער און זײַט בעפּיירעש קראַנק. גייט אַהיים, שפּעטער וועלן מיר אַלץ אַרומשמועסן און, כ׳מיין, מיר וועלן געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. איך זאָג אײַך צו, אַז ווי נאָר בערידזע מיט קאָוושאָוון וועלן צוריקקומען, וועל איך אײַך באַזוכן". טאָפּאָליעוו האָט אָנגעכמורעט אַ קוק געטאָן אַפן פאַרטאָרג און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף ניין, וועלנדיק דערמיט אויסדריקן, אַז ער איז פולשטענדיק גע־זונט. „פון וואַנען זײַנען אים באַוווסט מײַנע איבערלעבונגען און אַז איך קוק אויס אַלעקסייען?" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

זאַלקינד האָט פאַרענדיקט די באַראַטונג. זײַן רעדע איז געווען אַ קורצע, אָן אַלגעמיינע פראַזן און מוסער. ער האָט ניט איבערגעכאַ־זערט, וואָס ס׳איז שוין געזאָגט געוואָרן וועגן די בלויזן, נאָר גערעדט, וויאַזוי זיי פאַרריכטן. אין דער דאָזיקער רעדע איז געווען איין פראַזע — קלוימערשט האָט זי זיך באַצויגן צו אַלע, אָבער טאָפּאָליעוו האָט פאַרשטאַנען: זאַלקינד אַדרעסירט זי דאַווקע צו אים:

— איך דערמאָן אײַך די קלוגע ווערטער פון לענינען: „ס׳איז ניט אַזוי געפערלעך די מאַפּאָלע, ווי ס׳איז געפערלעך די מוירע צו אָנערקע־נען די מאַפּאָלע, די מוירע צו מאַכן דערפון אַלע אויספירן".

איידער דער פאַרטאָרג איז אין זײַן רעדע דערגאַנגען צו די באַזאָר־גונגס־אָפּטיילן, האָט פעדאָסאָוו איבערגעגעבן ליבערמאַנען אַ צעטעלע: „איך מיין, מיר דאַרפן זיך ערנסט אַדורכשמועסן. אויב איר האָט ניט

דערקעגן, װעל איך זיך אַרײַנכאַפּן צו אײַך צען אַזײגער אין אָװנט". ליבערמאַן האָט אָנגעשריבן אַפֿן צעטעלע: „כ'בין מאַסקים". און װען זאַלקינד האָט פֿעסט, האַגאַם רוּיק, אַ זאָג געטאָן: „ס'איז אַ כאַרפּע און אומאָנגענעם צו רײדן עו־שט װעגן דעם, װאָס זשעניע האָט דאָ אָנגערופֿן איבערבלײַבעכץ, און איך זאָג צו ניט צו דערמאָנען עס, אויב ליבערמאַן און פּעדאָסאָװ װעלן מער ניט געבן קײן גרונט דערצו", — האָבן בײדע אינטענדענטן, אונטערן פֿאַרטאָרגס בליק, צושטימענדיק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

געשלאָסן די באַראַטונג, איז זאַלקינד אײַליק אַרויס פֿונעם קאַבינעט. ער האָט אונטן, באַם אַרויסגאַנג אַף דער גאַס, װוּ ס'האָט געבושעװעט דער שניי־שטורעם, דעריאָגט טאָפּאָליעװן.

— איך װעל אײַך באַגלײטן, — האָט ער געזאָגט. — פֿאַרבײַגײענדיק װעלן מיר זיך אַרײַנכאַפּן אין שפּיטאָל צו ראָדיאָנאָװאַן — מיר דאַרפֿן זי בײדע האָבן. — און ער האָט, ניט הערנדיק דעם אַלטנס דערװידערונג, אים צוגעפֿירט צום שליטן.

אָלגאַ ראָדיאָנאָװאַ האָט צוזאַמען מיט צװײ פֿעלדשערס װיזיטירט די קראַנקע איבער די שפּיטאָל־פּאַלאַטעס. מיט אַ װאָך צוריק האָט אין נאָװינסק אויסגעבראָכן אַ גריפּע־עפּידעמיע. די פּאַלאַטעס זײַנען געװען איבערפֿולט, ס'זײַנען געשטאַנען בעטלעך אַפֿילע אין די קאָרידאָרן. פֿון אַלע זײַטן אַ הוסטן, אַ ניסן און שװערע זיפֿצן. דער בוראַן האָט זיך אויך אַהער אַרײַנגעקריגן דורך די שפּאַלטן אין די װענט און די ראַמען פֿון די פֿענצטער, אין די פּאַלאַטעס איז געװען קאַלט.

אָלגאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט באַ יעדן בעטל, אויסגעהערט אַף װאָס מע קלאָגט זיך, באַטראַכט די קראַנקע, געגעבן פֿאַראָרדענונגען די פֿעלדשערס.

— דאָקטער, איר זײַט דאָך אַלײן ניט געזונט, — האָבן איר די קראַנקע געזאָגט, קוקנדיק אַף אירע פֿאַרבאַנדאַזשירטע הענט, אײַנגעפֿאַלן בלאַס פּאָנעם און פֿיבערדיק גלאַנצנדיקע אויגן.

— אַ דאָקטער האָט קײן רעכט ניט קראַנק צו זײַן, — האָט זי צוגעשמײכלט, אויסהערנדיק אײַליק דעם קראַנקן. — אַניט, װאָס פֿאַר אַ דאָקטער איז ער?

מ'האָט איר געזאָגט, אַז זאַלקינד איז געקומען צו פֿאָרן. זי האָט געבעטן צוװאַרטן און איז אַרויסגעגאַנגען צו אים ערשט נאָכן פֿאַרענדיקן די װיזיטאַציע. זאַלקינד איז געװאָרן אומרויִק, באַמערקנדיק, אַז זי זעט בעעמעס אויס שלעכט. אָלגאַ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער פֿאַרבאַנדאַזשירטער האַנט.

— איר װײסט דאָך, אַז באַ מיר איז אַ פֿאַרעלטערטער רעװמאַטיזם. מיר קען העלפֿן נאָר אַ װאַרעמער קלימאַט. װעגן דעם איז ערשט

ניטאָ וואָס צו טראַכטן, און דערפאַר איז בעסער אָפּצולייגן דעם שמועס וועגן מיר ביז נאָך דער מילכאָמע.

זאַלקינד איז באַזאָרגט געווען צוליבן אויסברוך פון דער גריפּע, ער האָט געפרעגט וועגן דעם איצטיקן צושטאַנד, אָלגאַ האָט דערציילט: אין משך פון צוויי טעג איז זי אויסגעווען אין אַלע הײַזער פונעם יישעוו — די צאָל קראַנקע האַלט זיך אין איין פאַרגרעסערן. דער שפּי־טאָל איז איבערפולט, ס׳איז דאָ איין אויסוועג — מען דאַרף איזאָלירן די קראַנקע פון די געזונטע, אויסטיילנדיק פאַר זיי ספּעציעלע צימערן אין די צוזאַמענוווינונגען און אין די הײַזער. אין איצטיקן מאָמענט איז דאָס וויכטיקער פון קאָלעקס און אַלערליי אַנדערע מעדיקאַמענטן.

— מיט וואָס דאַרף איך העלפן? — האָט זאַלקינד, ווערנדיק אָנ־געכמורעט, אַ פרעג געטאָן.

— מען דאַרף ווידקן אָפּן באַוווסטזײַן פון די מענטשן: זיי דאַרפן אָן טײַנעס־אומבײַנעס מאַסקים זײַן זיך ענגער צו מאַכן און איזאָלירן די קראַנקע. נעמט אין אַכט, אַז צווישן דער באַפעלקערונג קורסירן קלאַנ־גען, די קראַנקייט זאָל קלוימערשט זײַן אונטערגעוואָרפן דורך די יאַפּאַ־נער — אַ מין באַקטעריאָלאָגישע מילכאָמע. די דאָזיקע קלאַנגען שטערן אונדז צו באַקעמפן די גריפּע. כוץ דעם דאַרף איך האָבן האָלץ, וואָס מער. שטעלט צו פערד, ווײַזט אָן פון וואַנען צו נעמען האָלץ, און מיר וועלן אַליין ברענגען. בײַ אונדז איז קאַלט, ווי איר זעט. איך מוז הייצן אַ גאַנצן מעסלעס, איבער אַלע נאָרמעס... איך דאַרף האָבן געהילפן. איך בעט ניט קיין דאָקטוירים און מעדשוועסטער, מע ווייס זיי אַהער פון דער אַרמיי צוריק ניט ברענגען. זאָלן שטוב־באַלעבאַסטעס קומען צו העלפן. פאַרוואָס איז בײַ אונדז ניטאָ קיין פרויען־קאָמיטעט, כאָטש פאַרטאָרג? ער איז זייער נייטיק, און ניט בלויז מיר. אין די קינדער־אַנשטאַלטן, אין די צוזאַמענוווינונגען און גאָרקיכן פעלט אויס דאָס אויג און די האַשגאָכע פון אַ פרוי. אין יעדער אָרגאַניזאַציע איז פאַראַן אַ פרויען־קאָמיטעט, ווו די פאָרזיצערין איז דעם נאַטשאַלניקס פרוי. אונ־דזער נאַטשאַלניק איז אָן אַ פרוי, און דערפאַר, מיסטאָמע, איז ניטאָ קיין פרויען־קאָמיטעט. פאַרוואָס, כאָטש פאַרטאָרג, זאָל אײַער פרוי ניט זײַן די פאָרזיצערין פון אונדזער פרויען־קאָמיטעט? זי האָט אַ סאַך אַרבעט אָן דעם אויך? ווענדט אָן לעגאַבע איר אײַער באַליבט ווערטל: „וואָס מער אַרבעט, אַלץ בעסער פאַרן מענטשן". זאָלן די פרויען, וואָס גיבן זיך ניט קיין אייצע מיט דער שטוביקער האַלעבאַטישקייט, אַ טראַכט טאָן, ווי ליזעטשקע גרעטשקין טוט זיך אָן אייצע. זי האָט פיר קינדער, און דרײַ טאָג שוין ווי זי קומט אַהער אָף אַ צוויי שאָ דעזשורירן. — אָלגאַ האָט אַ שמייכל געטאָן. — וואָרשײַנלעך, גענוג פראַגן אָף הײַנט? אויב מען זאָל מיך ניט אָפּשטעלן, קען איך אָפּקלאָגן ביז מאָרגן.

— דערווײַל איז גענוג, — האָט דער פאַרטאָרג אײַנגעשטימט און

גענומען איבעררעכענען: — הייסט עס, איזאָלירן די קראַנקע אין די צוזאַמענוווינונגען, באַקעמפן די שעדלעכע קלאַגנען, האָלץ, שטוב־באַלעבאַסטעס. וועגן אַ פּרויען־קאָמיטעט האָב איך געטראַכט אוז, דוכט זיך, שוין דערוויזן דעם ווײַב מײַן געליבטן טעזיס. דעם פּרויען־קאָמיטעט וועט אויסקומען זיך צו פאַרנעמען מיט די לעבנס־באַדינגונגען, דעריקער מיט די לעבנס־באַדינגונגען פון די איינזאַמע. באַ אונדז וווינען אין קעלט אַפילע אַ סאַך ספּעציאַליסטן. מאָרגן וועל איך ווידער קומען צו אײַך, מיר וועלן ווײַטער שמועסן און פאָרן אין שטאָט אַרײַן — עפּשער וועלן זיי אונדז צוהעלפן? אַצינד, אָלגאַ פּיאָדאָראָווגאַ, טוט אַ קוק אַף אונדזער קראַנקן. כ׳האָב אים אַף קויעך געבראַכט אַהער.

— קוזמאַ קוזמיטש אַ פּאַציענט? מאָדנע! — זי האָט זיך גענומען אייסעקן אַרום דעם אַלטן, ניט בעמענדיק אין אַכט זײַן ווידערשטאַנד. — איר זײַט אַרײַנגעפאַלן! איצט וועט איר זיך שוין ניט באַרימען, אַז פאַר אײַער גאַנצן לעבן האָט איר ניט צו טאָן געהאַט מיט קיין עסקולאַפּן.

אָנגענומען מיט די הענט דעם אַלטנס קאָפּ, האָט זי מיט אַ לאַנגן בליק באַטראַכט זײַן פּאָנעם.

— מען דאַרף אים לייגן אין בעט אַרײַן, ער האָט אַ גריפּע, געהעריקע טעמפּעראַטור, — האָט זי אַ זאָג געטאָן זאַלקינדן, און טאָפּאָליעוון שטילינקערהייט אַ פרעג געטאָן: — וואָס איז געשען, קוזמאַ קוזמיטש?

דער אַלטער האָט געשוויגן. זאַלקינד האָט זיך גענומען אײַלן, אָבגעטאָן דאָס פוטערנע היטל מיט די לאַפּן און אָוועקגעגאַנגען, אַרויסבאַגלייטנדיק אויך טאָפּאָליעוון. באַ דער שוועל האָט ער זיך צוריקגעקערט.

— כ׳האָב ניט דאָס רעכט אויסצובאַהאַלטן... ס׳איז בעסער איר זאָלט זיך דערוויסן... אויב איר זײַט גרייט אויסצוהערן אַ שווערע ידיע... — זאַלקינד האָט זיך פאַרקרעקט און פאַרשנדיק געקוקט אַף אָלגאָן.

— נו, רעדט שוין! איך בין גרייט אַף אַלץ, — האָט אָלגאַ נערוועז אַ געשריי געטאָן, אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון לײַדן.

— מ׳האָט מיר מיטגעטיילט, אַז קאָנסטאַנטין ראָדיאָנאָוו האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דער מאָביליזאַציע. האָט זיך אַף אַ שווינדלערישן אויפן אײַנגעאָרדנט ווי אַ דאָקטער אַף אַ סאַניטאַרן צוג. אין דער מוירע, אַז מען וועט אים פאָרט שיקן אַפן פראָנט, האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן זיך פאַר אַן אינוואַליד אַף אַ צײַט. האָט אָנגעהויבן צו טרינקען עפּעס אַ מין פּאַסקודסטווע און דורך אַ טאָעס זיך אָפּגעסאַמט.

פון אָלגאַס האַלדז האָט זיך אַרויסבאַקומען עפּעס אַ מאָדנער קלאַנג — ווי זי וואָלט וועלן אַ געשריי טאָן, נאָר דעם געשריי דערשטיקט.

— אויב איר וועט זיך נייטיקן אין הילף, — האָט זאַלקינד געזאָגט, — איך רייד ניט וועגן שפּיטאָל, דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך... כאַווערישע הילף... אײַך פּערזענלעך... זאָגט... צו יעדער צײַט...

— אַ דאַנק אײַך. איך פּערזענלעך... נייטיק זיך ניט אין גאָרניט, — האָט אָלגאַ אַ שעפּטשע געטאָן.

טאָפּאָליעוו, וועלכער איז געשטאַנען בײַ דער טיר, האָט פאַרשטאַנען, אַז אָלגאַן האָט געטראָפן אַן אומגליק און ס'איז איר שווער. מיט אַכטונג און געפיל האָט ער געקוקט אויף איר פון אונטער די אָנגעכמורעטע ברעמען. אַלץ אַרום האָט גערעדט וועגן דעם שווערן קאַמף; אַפילו אונטערוואַקסנדיקע און פרויען זײַנען אין אים אַרויסגעטראָטן ווי העלדישע זעלנער. ווי־זשע האָט עס געקענט געשען, אַז ער, אינזשעניער טאָפּאָליעוו, זאָל זיך אַרויסדרייען פונעם קאַמף? „באַפרײַט זיך פון פאַרלאַנגען, ווייסן מיר מער ניט פון האָפענונג און שרעק", — האָבן זיך אים דערמאָנט די באַליבטע פערזן. ערשט האָט ער די דאָזיקע פערזן איבערגעכאַזערט און זיי אינערלעך אָפּגעוואָרפן.

קאַפּיטל זעקס

מיט זיך אַליין

אין שטוב האָט דעם אַלטן אַרומגענומען אַ מעכאַיעדיקע וואַרעמקייט. ער אַליין האָט באַוואָרנט זײַן וווינונג אַפֿן ווינטער, און קיין שום ווינטן האָבן פֿון דאַנען ניט געקענט אַרויסבלאָזן די ווערטפֿולע קאַלאָריעס. מאַריאַ איוואַנאָוונאַ — די באַלעבאָסטע, באַ וועלכער טאָפּאָליעוו האָט געוווינט אַף פֿולע קעסט, האָט מיט אומרו אַ קוק געטאָן אַף אים. זאַלקינד האָט איר מוידיע געווען וועגן איר קוואַרטיראַנטס קראַנקייט.

— באַומרויִקט זיך ניט, כ׳בין געזונט, — האָט איר קוזמאַ קוזמיטש געזאָגט. — דאָ איז שטיל און וואַרעם, ווײַטער דאַרף איך גאָרניט האָבן.

ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע דאָס פּאַקעטל פּראָשקעס, וואָס ראָדיאָנאָוואַ האָט אים געגעבן, אַרײַנגעשטופּט זי אין שופֿלאָד פֿון שרײַבטיש, אַראָפּגענומען דעם פּידזשאַק, זיך געלייגט אַפֿן דיוואַן, אַרונטערגעלייגט די האַרטע פּויסט אונטערן קאָפּ און פֿאַרמאַכט די אויגן. אַף דער פֿאַרזאַמלונג, בעיס פּעטיאַ הודקינס רעדע, האָט זיך דעם אַלטן געגלוסט זײַן וואָס פֿריִער אין דער היים, נאָר לעגאַמרע ניט צוליב רויִקייט. איצט איז ער ענדלעך געווען מיט זיך אַליין.

סײַ פּעטיאַ, סײַ זשעניע, סײַ זאַלקינד, סײַ אָלגאַ, סײַ אַלעקסיי, סײַ טאַניאַ — אַלע האָבן אויפֿגעטויכט פֿאַר זײַנע אויגן, און אַלע זײַנען פֿלוצים צוריקגעטרעטן, זיך אַוועקגערוקט, אַרײַנלאָזנדיק צו אים עמעצן, וואָס איז הונדערט מאָל שטרענגער, פֿאָדערנדיקער און בייזער. דער דאָזיקער שטרענגער און בייזער האָט אַ געשריי געטאָן: „לאָמיר אַ שמועס טאָן״, — און אָנגעהויבן ריידן אָט מיט פּעטקעס שטים, אָט מיט אָלגאַס, אָט מיט זאַלקינדס, אָט מיט אַלעקסייס. נאָר די אַלע שטימען האָט איבערגעשריגן וואָלאָדיעס שטים, זײַן פּלימעניקס — זײַן פֿאַרצווייפֿלטער אויסגעשריי:

„זיידע, נו פֿאַרשטיי — ס׳איז שוין מער ניטאָ צווישן די לעבע־

דיקע סעמיאָן מיראָנאָוו, אונדזער גענעראַל. מיר זײַנען געווען אַף איין שלאַכט הינטער מאָסקווע, נאָר איך לעב, און ער איז טויט. בעסער וואָלט געווען, ס׳זאָל זײַן קאַפּויער, פאַרשטייסט מיך, זיידע? מיר, זײַנע זעלנער און אָפיצירן האָבן דאָ געשוווירן: נעקאָמע נעמען פאַר אים אַן ראַכמאָנעס. דערהאַרגעטע היטלעריסטן — דערמיט באַערן מיר אונדזער גענעראַל".

וואַניאַ, איוואַן מיראָנאָוו און טויט — דאָס האָט זיך עפּעס ניט געלאָזט לעבנאַנאַנדערשטעלן, ס׳איז געווען אַן אומזין דעריך צו גלייבן! איבערכאַזערנדיק פאַר זיך צום הונדערטסטן מאָל די ווערטער פון זײַן פּלימעניקס קורצינקן בריוועלע, ווערטער, וואָס האָבן געשמיסן אין האַרצן, האָט קוזמאַ קוזמיטש אַ קרעכץ געטאָן.

„שאָלעם־אַלייכעם, קוזמאַ, — האָט זיך פּלוצים דערהערט וואַניאַ מיראָנאָווס באַקאַנטע איראָנישע שטים, און ער איז, אין דער באַגלייטונג פון עטלעכע האַרציקע כאַווײרים, וואָס זײַנען זיך לאַנג צעשוווּמען געוואָרן אין דער צײַט, אַרײַנגעקומען אין צימער. אַרטיק און כשיוועסדיק האָבן זיי געשפּרײַזט, זיך אײַנגעבויגן איבער אים, וואָס איבערלעבענישן און קראַנקייט האָט אים אַנידערגעוואַלגערט, און טרייבערנדיק זײַן נעשאָמע, גערעדט צו אים מיט יונגע שטימען: — נו,קוזמאַ, לאָמיר אונטערפירן אַ סאַכאַקל. ס׳איז פאַר יעדן געוווּנטשן דאָס צו טאָן באַצײַטנס, באַזונדערס פאַר אַזעלכן, וואָס הינטער די פּלייצעס איז אים שוין נאָענט דער קייווער. זאָג אונדז, כאַווער, מיט וואָס קענסטו זיך לויבן, וואָס פאַר אַ גוטס האָסטו אויפגעטאָן אין דײַן לעבן? ס׳איז צו אונדז דערגאַנגען, אַז דו ביסט אָפּגעקילט געוואָרן און ביסט שיר ניט צוגעשטאַנען צו יענע מענטשן, וואָס האַלטן, אַז ס׳איז בעסער צו זײַן אַ לעבעדיקער הונט, איידער אַ טויטער לייב. איז דאָס עמעס, קוזמאַ? ס׳איז שווער צו גלייבן, אַז דו האָסט פאַרגעסן דײַנע פײַערדיקע רעדעס, וואָס האָבן געדראָט זאונטערצוצינדן אונדזער אויבערשטיבל אַפן בוידעם, אין דער הילצערנער הײַזקע באַם דניעפּער, ווו מיר פלעגן זיך פאַרזאַמלען. ס׳איז שווער צו גלייבן, אַז דו האָסט פאַרגעסן אונדזער שווע נאָך פופצן יאָר פאַר דער רעוואָלוציע, אינעם טאָג פון טאַטיאַנען אַפן אומפאַרגעסלעכן יוגנט־אָוונט: „ביזן סאַמע טויט, קאַלזמאַן עס קלאַפּט דאָס האַרץ, קיין איין מינוט ניט שטיין אַפן אָרט, טאָמיד באַוועגן זיך פאָרויס אין דער הייליקער זאַך פאַר דינען דעם פאָלק...".

„מען זאָגט, קוזמאַ, אַז דו ביסט פאַרפעטסט געוואָרן, האַגאַם ביסט דאַר אַפן אויגנבליק. דײַנע פאַרלאַנגען זאָלן האָבן פאַרוועלקט געוואָרן, די געהירן פאַרוואַסערט און פאַרנעפּלט. ביסט געוואָרן זעלבסטצופרידן און מיינסט, אַז דו האָסט אויסגעפילט דײַן פּלאַן מיט אַן אוידעף. און שוין דערפילט אַלץ אין לעבן. מען שמועסט, אַז עפּעס איינער אַ גרובסקי — אַ קליינלעך קליין מענטשל איז אויסגעוואַקסן אין דײַנע אויגן צו אַזאַ

הייך, אַז ער פֿאַרשטעלט פֿאַר דיר די עמעסע מענטשן. גרובסקי האָט דיך באַווירקט צו זײַן פּיליסטעריש רויִק; אונטערגערוקט דיר טעטשקעס מיט פּאַפּירלעך, און דו האָסט אין זיי אַרײַנגעלייגט דײַנע אַמאָליקע מײַלעס און דעם אינזשעניערישן טאַלאַנט. דו האָסט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ קאָנצעלאַריסט, וואָס זײַן וועלט האָט זיך אײַנגעשרומפּן צו דער מאָס פֿון זײַן שרײַבטיש מיט די צוויי שאַפֿעס, אָנגעשטאָפּטע מיט פּאַפּירן. דאָס דאָזיקע ביסל אָרעמקייט פֿאַרטרעט דיר די העלדישע סאָפּיאָרן־פּאָלקן פֿון אונדזער אַלגעמיינעם פֿרײַנט פֿון דער קינדהייט און יוגנט, איוואַן סעמיאָנאָוויטש מיראָנאָוו. ענטפֿער, קוזמאַ, מיר דאַרפֿן וויסן, וואָס מיט דיר איז געשען".

און קוזמאַ קוזמיטש האָט געענטפֿערט, פּרוּווּנדיק זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַרן שטרענגן געריכט:

„ניין, איך האָב ניט פֿאַרגעסן די שוווּע פֿון מײַן יוגנט, בעשום אופֿן ניט. זי איז הייליק און אײַנגעהיט אין זיקאָרן. נאָר עפּעס איז פֿאָרגעקומען, און מען דאַרף זיך דערין פֿונאַנדערקלײַבן, קאָלזמאַן ס'איז ניט שפּעט. שוין אַ סך יאָרן זײַנען אַוועק פֿון זינט מיר האָבן די שוווּע געגעבן. דעמאָלט זײַנען מיר אַלע, פֿרײַנט, געשטאַנען אַף דער שוועל פֿונעם לעבן. און בעיס מען שטייט בײַ דער הויף־טיר, ווייס מען דען, ווי דאָס לעבן וועט אויסזען אַף דער ברייטער גאַס? אַף וויפֿל איך געדענק זיך, האָב איך טאָמיד געאַרבעט ערלעך, מיט דער פֿולער דענק־באַרסטער קראַפֿט. און איך בין ניט, נאַטירלעך, פֿאַר דער איבער־כאָכמע פֿון זײַן אַ לעבעדיקער הונט, ניט פֿאַר פּערזענלעכע נוצן. צום טײַוול דאַרף איך דאָס דאָזיקע קלייִנגעלט, איך — וועלכער האָב געגלויבט אין הויכע אידעאַלן, אַ מענטש, וואָס האָט אָפּגעלעבט זעכציק יאָר און אויסגעפּראָבירט אין לעבן אַלע ווערטפֿולע זאַכן פֿון די טאַמע גרעסטע ביז די סאַמע קלענסטע. מאַשמאָעס, ניט דערין איז דער טאָך פֿון דער זאַך".

„אויב אַזוי טײַערער, זאָג־זשע אין וואָס דען?" — פֿרעגט אים עמע־צער. נאָר דאָס איז ניט וואַניאַ מיראָנאָוו וואַניאַ שווײַגט און קוקט בלויז גלײַך אין די אויגן אַרײַן זײַן כאַווער, וואָס ליגט אומבאַהאָלפֿן.

„דער טאָך פֿון דער זאַך איז, מאַשמאָעס, דערין, וואָס איך, קוזמאַ טאָפּאָליעוו, בין אַנומלט אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ געוויסן שנעלן שטראָם. ער האָט מיך מיטגעריסן, און ס'איז אויסגעקומען טאָמיד זיך צו אײַלן, ס'איז אַפֿילע קיין צײַט ניט געווען זיך אַרומצוקוקן און אַ טראַכט טאָן וועגן זיך..."

„איז דען דער דאָזיקער לעבנס־שטראָם ניט געווען אַלגעמיין סײַ פֿאַר דיר, סײַ פֿאַר איוואַן סעמיאָנאָוויטש, סײַ פֿאַר אונדז אַלע? אָדער צי האָסטו אַמאָל באַשלאָסן אַרויסצושפּרינגען פֿון אים און באַאָבאַכטן

מינהאַצאַד, וואָס סע קומט פאָר ? און נאָכדעם האָסטו פּאַשעט אײַנגע־דרימלט אונטערן זיסן געשעפּטש פון גרובסקין. ניט אַזוי ?".

„וואָרט אונטער, פּרײַנט, יאָגט מיך ניט אונטער. דאָס לעבן האָט זיך אַנטוויקלט מיט אַן אומדערהערטן טעמפּ. דאָס לאַנד האָט גאַנצע יאָר־הונדערטער מעצאַמצעם געווען אין עטלעכע 5יאָר־פּלענער. ס'איז געוואָקסן און געגרייט זיך צו ווײַטערע נעסיוינעס. דער לעבנס־שטראָם האָט אויך מיך מיטגעריסן, כ'האָב זיך געהאַלטן אַף זײַן אויבערפלאַך — מיט מײַן אַרבעט. צי האָב איך דען ניט אָפּגעגעבן אַלץ, אַף וואָס איך בין פעיִק געווען ?".

„דו ווילסט זאָגן: אײַנגאַנצן זיך אויסגענוצט ? צי געשעט עס דען אַזוי מיט אַ לעבעדיקן מענטשן ?".

„איך האָב זיך קײנמאָל ניט געשטעלט די פראַגע: צי גיב איך אָפּ אַלץ ? איך האָב זיך אָפּגעגעבן אָן אַ רעשט. אונדז האָט די רעוואָלוציע געטראָפן דערוואַקסענע, פינפאונדרײַסיקיעריקע. מיר זײַנען אַלע געגאַנ־גען נאָך איר אַפן ערשטן רוף. קײן אײנער פון אונדז איז ניט געווען צווישן די, וואָס דאָס פאָלק האָט געמישפּעט אַפן שאַכטינער פּראָצעס. קײנער האָט מיר נאָך ניט גערופן „אַלטער ספּעציאַליסט" אינעם שלעכטן זין פון דעם באַגריף. איך האָב געוווּסט פאַר וועלכן ציל ס'ווערט אויסגע־נוצט מײַן לעבן, און כ'האָב מיט פרייד אַנגענומען אַלץ, וואָס מ'האָט מיר פאַרגעשלאָגן. פאַרוואָס־זשע פאַראורטײלט איר מיר הײַנט, און איך אַלײן גיב זיך איבער דעם אומבעראָכמאַנעסדיקן געריכט פונעם געוויסן ?".

„נו, וואָס ביסטו אַנטשוויגן געוואָרן, קוזמאַ ? רייד", — פאָדערן די פרײַנט.

„אויך פריִער פלעגט מיר אין געוויסע מאָמענטן קלאָר ווערן, אַז די רעאַלע רעזולטאַטן פאַלן ניט צוזאַמען מיט די פלענער, מיט דער שוווּע פון דער יוגנט. קימאַט אומבאַוווּסטזיניק האָב איך געוואָרט כאָטש אַף אַ קלײנעם אַטעם־איבערכאַפּ, קעדיי צו קאָנצענטרירן די געדאַנקען, איבער־צובויען זיך ביזן יעסאָד. אָבער דאָס לעבן האָט קײן אָטעם־איבערכאַפּ ניט געגעבן. כ'בין געקומען צו פאָרן אַף אַ נײַ אָרט און געבויט, געבויט. מ'האָט מיך אונטערגעיאָגט, און איך האָב געיאָגט, דערנאָך האָב איך איבערגעגעבן דאָס אויפגעבויטע און שנעל אַוועק אַף אַ צווייט אָרט, צו בויען עפּעס נײַס. דאָס לעבן האָט אַלץ פאַרשנעלערט און פאַרשנעלערט דעם טעמפּ. די מילכאָמע האָט דערפירט דעם דאָזיקן טעמפּ ביז דער העכסטער גרענעץ. און דעמאָלט איז גלײַך געקומען די צײַט פון נעסיוינעס — פאַר מיר, פאַר וואַניאַ מיראָנאָוו, פאַר אַלע. וואַניאַ מיראָנאָוו, דער גענעראָל, האָט אויסגעהאַלטן די נעסיוינעס, רום אים דערפאַר. און איך...".

„ווי־זשע איז דער אויסוועג, קוזמאַ ? ס'איז אונדז ניט פאַרשטענד־לעך", — אײַלן צו די פרײַנט.

די פראַגע איז אַ שאַרפע, זי פאַרוווּנדעט, שטעכט, און קוזמאַ קוז־מיטש שרײַט שוין:

„ס׳איז קיין שום אויסוועג ניטאָ. איך האָב קאַפּיטולירט! איך האָב זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ שוואַכן. איך האָב ניט אָנגעיאָגט דאָס לעבן. ערשט באַוועג איך זיך לויט אינערץ, און אויך זי וועט אַט באַלד אויס־גיין. איך בין ניט מעסוגל פאַר אַזאַ טעמפּ: „דרינגענדיק, זייער דרינגענ־דיק. גלײַך. שוין״. איך טויג צו אומאַקטיווער דינסט. ריכטיקער, איך טויג שוין צו גאָרנישט־ניט. ס׳איז געקומען די עלטער, איר פאַרשטייט צי ניט? די עלטער. איך טרעט אָפּ דאָס אָרט דעם יינגל אַליאָשקע, דעם פאַרשטייער פונעם יונגן דאָר״.

„שטיי נאָר, קוזמאַ, ניט שוין־זשע ווילסטו אויפפרישן די לאַנג־פאַר־עלטערטע שמועסן וועגן אַלטע און יונגע ספּעציאַליסטן? צי איז דען ניט געגעראַל מיראָנאָוו פונעם זעלבן דאָר, וואָס דו פאַרוואָס האָט ער זיך ניט געשטעלט אין קעגנזאַץ צום יונגן דאָר פאַרוואָס האָט ער גע־טויגט, און דו ניט?״.

„אַט דאָס איז עס טאַקע, מײַנע פרײַנט. צווישן מיר און וואַניאַ מי־ראָנאָוו איז אַזאַ קאָלאָסאַלער אונטערשייד, אַז איך קען זיך צו אים ניט פאַרגלײַכן. שוין גלײַכער אים ניט אָרײַנצופּלאָנטערן אין דאָזיקן שמועס. לאָמיר בעסער מיט אַכפּערונג בייגן די קעפּ פאַר דעם פאַנצער, אַף וועלכן ער ליגט, אונדזער העלד...״.

אין צימער האָט זיך אַ רודער געטאָן. קוזמאַ קוזמיטש האָט געעפנט די אויגן. אײַנגעבויגן איבער אים איז געשטאַנען מאַריאַ איוואַנאָוונאַ. אין איין האַנט האָט די באַלעבאָסטע געהאַלטן אַ פּראָשעק — זי האָט אים פאַרט אויפגעזוכט, אין דער צווייטער — אַ גלאָז וואַסער.

— קוזמאַ קוזמיטש, נעמט אײַן, טײַערינקער. איר האָט היץ, איר קרעכצט, — האָט זי אַ זאָג געטאָן. — דער פּראָשעק וועט אײַך פאַר־לײַכטערן.

דער אַלטער האָט פאָלגעוודיק אײַנגענומען דעם פּראָשעק. „מײַנע כוילאָסן איז טאַקע נאָר מיט פּראָשקעס צו היילן״, — האָט ער, שמייכ־לענדיק, אַ טראַכט געטאָן. מאַריאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך גלײַך באַרויִקט און אַוועקגעגאַנגען — זי האָט געגלייבט אין רעפואס.

טאָפּאָליעוו האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגן. נאָר די פרײַנט זײַנען מער ניט געקומען. אַ רעגע האָט פאַרבײַגעשווינדלט פּעטיאַ הודקינס פּאַ־נעם אין גרויסע זומערפלעקן, דער שויבער פון זײַנע לײַכט רויטלעכע האָרע האָר. אַפּסנײַ האָט אַ קלונג געטאָן זײַן אויפגערעגטע פראַגע: „צי האָט קוזמאַ קוזמיטש געהערט כּאַוועד סטאַלינס אַרויסטרעטונגען דעם זעקסטן און זיבעטן נאָוועמבער אָדער ניט געהערט?״

ליבער באַכער, אויב ריידן אינגאַנצן אויפריכטיק, האָט זיך אַלץ אָנ־געהויבן נעמלעך באַנאַכט פונעם זעקסטן אַפן זיבעטן נאָוועמבער. ער

האָט, נאַטירלעך, געהערט דעם פּירערס אַרויסטרעטונגען און איז ניט פאַרבליבן גלײַכגילטיק. פון סטאַלינס קלוגער רעדע ביז דער יעדיע וועגן דעם טויט פונעם גענעראַל מיראָנאָוו און ביז דער באַשולדיקונגס־אַרויס־טרעטונג פונעם קאָמיוגיסט פעטיאַ הודקין האָט זיך געצויגן דער פאָדעם פון זײַנע איבערלעבונגען. ערשט מוז מען וועגן אַלץ זיך דורכשמועסן און באַראַטן מיט אַלעקסייען. דער אַלטער איז גרייט געווען אויפצודעקן פאַר אים דאָס גאַנצע האַרץ, מיט אים צוזאַמען לייזן אַלע לעבנס־פּראָ־בלעמען.

אָט שטייט ער פאַר אים, אַליאָשע קאָוושאָוו, ווי אַ לעבעדיקער! עטוואָס העכער פון מיטעלער וווקס, אַ ברייטפּלייציקער און שטאַלטנער, אַ גליטשער, נאַרטלער און גימנאַסטיקער. אַ ליב רוסיש פּאָנעם. באַזונ־דערע שטריכן זײַנע זײַנען ניט זייער גלײַכמעסיק און שיין — דער שטערן, וואָס צעגייט זיך אין דער ברייט, די אַ ביסל פאַרריסענע נאָז, די העלע האָר, וואָס פאַלגן ניט דאָס קעמל, די גרויע אויגן, און פונדעסטוועגן איז זײַן פּאָנעם שיין, ווײַל ס'איז טאָמיד באַלויכטן פון אינעווייניק מיט גע־דאַנק און געפיל. ער איז רויק, אָפטער פאַרקלערט, ניט זעלטן אומעטיק. נאָר גלײַך איז ער גרייט אויפצופלאַמען, זיך אָנצוצינדן. דער איבערגאַנג פון קאָנצענטרירטקייט און אומעט צו באַוועגונג און פריילעכקייט — איז אויגנבליקלעך. ער האָט ליב אַ שפּאַס, אַ שאַרפזיניק ווערטל, איז גרייט אַ לאַך צו טאָן און לאַכט הויך, אָנשטעקנדיק, פאַרשטעלט ניט דאָס מויל מיט דער האַנטפלאַך און באַווײַזט אַ ריי פעסטע ציין. אַלע געווינען זיך שנעל צו צו אים, און אַ סאַך בינדן זיך צו. בעריאָזע האָט אים ליב, ווי אַ יינגערן ברודער. גרעטשקין און פּילימאָנאָוו זײַנען אים אין מעשעך פון אַ וועלכן כוידעש געוואָרן נאָענטע כאַווײרים. זשעניע — זי איז אין אים פּאָשעט פאַרליבט. אַפילע דער ציניקער ליבערמאַן איז פרײַנטלעך אויפגעלייגט, ציט זיך צו אים אומבאַוווסטזיניק. פאַרוואָס־זשע האָט ער, טאָפּאָליעוו, אָפּגעשטויסן פון זיך אַליאָשען? וואָס האָט זיי פונאַנדער־געשיידט?

אַצינד, ווען ער האָט זיך געשמיסן פאַר דער אומפרײַנטשאַפט מיט אַלעקסייען, איז שווער געווען צו געפינען די סיבע פון דער דאָזיקער אומפרײַנטשאַפט. מען האָט זיך גענאַרפט צוריקקערן צו דער צײַט פון זייער ערשטער באַגעגעניש. אַלעקסיי קאָוושאָוו איז דעמאָלט געקומען צו אים אין דער ראָל פון אַ נאַטשאַלניק, וועלכער דאַרף רעווידירן די אַרבעטן פונעם אינזשעניער טאָפּאָליעוו, וואָס זײַן נאָמען ווערט דערמאָנט אין שול־ביכער. און ער, אינזשעניער טאָפּאָליעוו, האָט גלײַך, אין פולער פאַר־שטענדעניש מיטן אינזשעניער גרובסקי, אַוועקגעמאַכט דעם אינזשעניער קאָוושאָוו, ניט קענענדיק אייגנטלעך לאַכלוטן זײַן ווערט. דער אינזשע־ניער קאָוושאָוו איז געווען אומאָנשטענדיק יונג, האָט זיך אים געפּאַסט, טאָפּאָליעוון, פאַר אַ זון. ער איז ניט געווען ענלעך צו דעם סטאַנדאַרט,

וואָס איז אים באַקענט געווען, צום געוויינלעכן מוסטער, — און דאָס איז פֿאַר אים געגוג געווען, ער זאָל אים ניט אָנערקענען. טאַפּאַליעוו האָט זיך געדוכט, אַז אַן אינזשעניער, ווי אַזעלכער, קען ניט זײַן פּראָפּעסיאָנעל אומקאָרעקט און ניט אַכטן קיין אויטאָריטעט. אינזשעניער קאָוושאָוו האָט זיך דערלויבט אומקאָרעקטקייט און אומאַכטונג בענויגייע אַן אויטאָריטעט. אינזשעניער קאָוושאָוו האָט אים אָנידערגעזעצט פֿאַר זיך און אומהעפלעך גענומען נישטערן אין זײַן סאָלידער אַרבעט, קריטיקירנדיק זי יעדע רעגע אויף קאָל, ווי זי וואָלט געשאַפֿן געוואָרן ניט פֿון אַ מײַסטער פֿון אינזשעניערישן געדאַנק, נאָר פֿון אַ שילער.

די צײַט איז געגאַנגען, — און ער, טאַפּאַליעוו, האָט זיך ניט ווילנדיק צוגעקוקט מיט נײַגיר צו דעם מענטשן, וואָס איז געזעסן אים אַנטקעגן. און ער האָט דערזען עפּעס אַזעלכעס, וואָס גרובסקי האָט נאָך ביז הײַנט ניט באַנומען. פֿאַר אים איז געזעסן אַן אינזשעניער פֿון אַ נײַעם טיפּ, אַן אינזשעניער אַ באַלעבאָס. ער האָט אַנטשלאָסן געבאַלעבאָטעוועט מיט דער גאַנצער טעטיקייט. ניט בלויז מיט דער טעכניק. די טעכניק איז געווען זײַן פּראָפּעסיע, זײַן באַרוף, אָבער ער האָט זיך מיט איר ניט באַגרענעצט. אַלץ איז אים אָנגעגאַנגען אינזשעניער קאָוושאָוו האָט געהאַלטן פֿאַר וויכטיק דאָס, וואָס דעם אינזשעניער טאַפּאַליעוו האָט עס אויסגעזען ווייניק גיכטיק: ער האָט זיך, צום בײַשפּיל, געקענט פֿאַרנעמען גאַנצע שאָען מיט פּעטיאַ הודקין אַנשטאָט פֿאַשעט צו פֿאַרבראַקירן זײַן אַרבעט. און, לעהייפּעך, האָט ער פּראָבלעמען, וואָס זײַנען פֿאַר טאַפּאַליעוון געווען קאָמפּליצירט, געהאַלטן פֿאַר פֿאַשעטע. אַזוי איז פֿאַשעט און קלאָר געווען פֿאַר קאָוושאָוון די פֿראַגע פֿון באַציִונג צו אַן אויטאָריטעט. אויב ער האָט מיט עמעצן ניט מאַסקים געווען, האָט ער דערווידערט, געקעמפֿט, אָפּגעוואָרפֿן. קאָוושאָוו האָט זיכער געהערט אין אינסטיטוט וועגן קוזמאַ טאַפּאַליעוון, נאָר האָט זיך מיט אים באַגעגנט און, ניט פֿאַרטראַכטנדיק זיך, גענומען אים אָפּפֿרעגן. גרובסקיס באַגרענעצטקייט איז קאָוושאָוון פֿאַשעט פֿרעמד, אַנטיפּאַטיש. ער איז אונטערגעוואָרפֿן בערידזען און היט אָפּ די דיסציפּלין, נאָר אויב ער איז ניט איינשטימיק מיטן הויפּט־אינזשעניער, דערווײַזט ער אויך אים זײַן עמעס. און אויב צווישן זיי וועלן אויפקומען מייַנונגס־פֿאַרשיידנקייטן, וועט ער קעמפֿן מיט אים, ניט געקוקט אָף זייער פּערזענלעכער פֿרײַנטשאַפֿט און דינסטלעכע פֿאַרהעלטענישן.

די דאָזיקע שטריכן פֿון עפּעס נײַס, וואָס האָבן לעכאַטכילע אויסגעזען טאַפּאַליעוון אומפֿאַרשטענדלעך און אים דענערווירט, זײַנען אים געוואָרן אַלץ קלאָרער, האָבן אַלץ דײַטלעכער אַרויסגעטראָטן אינעם כאַראַקטער פֿונעם יונגן אינזשעניער. דער אַלטער האָט געדענקט, ווי קאָוושאָוו האָט זיך אַ געוויסע צײַט געוואָרפֿן, געריסן זיך אויפֿן פֿראָנט — אַהין, וווּ ס׳איז שווערער און געפֿערלעכער. פֿונדעסטוועגן האָט ער שנעל

פארשטאנען, אז אויך דער קאמף דא פאר א נייעם פראיעקט פון דער באפטלייטונג — איז דער זעלבער פראנט. זיין כאראקטער האט זיך ווי גלייך אויסקריסטאליזירט, קוים האט ער נאר געפונען זיין ארט אין דער שלאכט. דערפאר נעמלעך איז אלעקסיי קאוושאוו אזוי אומגעזעטיקט אין דער ארבעט און אין א ליאדע צייכענונג זעט ער א מעלוכישן איניען. דערפאר נעמלעך איז ער אזוי אן ראכמאנעס פאדערנדיק בענויגייע זיך און אנדערע, שטרענג און פינקטלעך ביז שארפקייט, ביז אומטאקטישקייט. ווען ער מאכט א פארוואורף אן אונטערגעארדנטן, איז מיט איראניע, עס זאל שטארקער ארייננטרעפן. דער דאזיקער יונגערמאן, קען מען זאגן, האט ליב קריטיק: ער איז קימאט צופרידן, ווען באטמאנאוו אדער בערידזע מאכן אים די עמעטע באד, בארימט זיך אפילע, ווי פעסט מ׳האט אים ארייננגעזאגט. אנומלטן האט ער א זאג געטאן פולשטענדיק איבערצייגט: „א זאכלעכער ארייננזאג פון דער נאטשאלסטווע — דאס איז די סאמע ווירקעוודיקסטע און נוצלעכע לערע אין לעבן".

ער ארבעט, — ווי פארשיקערט. האט אן א שיר פליכטן, און פירט זיי אויס אומדערמידלעך לויט דער ריי. פעטיא הודקין איז גערעכט: אינזשעניער קאוושאוו האט זיך ווירקלעך קימאט אפגעוווינט פון שלאפן. אף עסן גיט ער אוועק בוכשטעבלעך מינוטן, אין פערזענלעכע באדערפענישן איז ער אסקעטיש. זשעניע האט אים געהאט פירגעהאלטן, וואס ער וווינט אן טיינעס אין א צימער, ווו ס׳איז קאלט, ווי אף דער גאס.

יא, אזעלכער איז ער, אלעקסיי קאוושאוו. נאטירלעך, קוזמא קוזמיטש האט אויך געזען די כעסרוינעס פון זיין וויזאווי — די דאזיקע כעסרוינעס, דארף מען אננעמען, האבן זיך געלאזט דערקלערן מיט זיין יונגקייט. אלעקסיי קאוושאוון האט נאך געפעלט די דערפארונג, וואס האט זיך בא טאפאליעוון אנגעזאמלט אין מעשעך פון לאנגע יארן לעבנספראקטיק. וואס שייעך זיינע פעלערן אין הינזיכט פון מאניערן — דאס קען מען לייכט און שנעל פארבעסערן. מער וויכטיק זיינען די בלויזן אין זיין פאד־קענטעניש. קאוושאוו האט צייטנווייז ווי אנגעטאפט אף בלינד דאס, וואס דער אלטער האט דערזען אפן ערשטן בליק, ער האט נאך ניט פארמאגט אין לייזן טעכנישע אויפגאבן יענע לייכטקייט, וועלכע קומט צוזאמען מיט אויסגעצייטיקטער מייסטערשאפט.

אין דער איינליקער ארבעט איבערן נייעם פראיעקט האבן זיך אומפארמיידלעך געטראפן טאעסן און בלויזן. די טעכנישע שעפערישקייט שטעלט זיך צוזאמען פון א סאך דעטאלן, ווי א הויז פון ציגל, זיי זיינען ווי פערל, אויפגעקליבן געווארן אין מעשעך פון יארצענדליקער אף די בויונגס־פלעצער. קאוושאוו אבער האט זיך געאיילט אויפצוזוכן זיי אין מעשעך פון טעג. ער, אינזשעניער טאפאליעוו, וואלט אין געוויסע זאכן געקענט פאררירכטן קאוושאוון — און האט אים ניט פארריכט. קוזמא קוזמיטש האט זיך מוידע געווען, שאקלענדיק אומעטיק מיטן קאפ, אז

אים האָבן ווי האַנאָע געטאָן אַלעקסייס טאָעסן. ער האָט ווי ביין אָפּגעשפּעט: „קוקט נאָר אָן דעם כאָכעם! דו ווילסט איך זאָל דיר מיטאָמאָל אָוועקגעבן מײַן רײַכקייט, וואָס איך האָב קאָפּעקעסווײַז אָנגעזאָמלט? ביין, ליבענקער, זאַמל אַליין אָן".

„צו וואָס דו ביסט דערגאַנגען, נעבעכדיקער סאַליערי פון דעם אַזון", — האָט טאָפּאָליעוו אָפּגעשפּעט פון זיך אַליין.

איינמאָל, ווען ער איז באַזונדערס דערצערנט געוואָרן אַף אַלעקסייען, האָט טאָפּאָליעוו זיך אויסגעמאָלט אין זײַן דימיען דאָס בילד פון קאָוושאָווס קלוימערשט אומפּאַרמײַדלעכער דעגראַדירונג. אָט וועט אים אויך פאַרפלייצן די בעהאָלע פונעם לעבן, און ער וועט ניט באַווײַזן זיך אַרומצוקוקן, ווי ער וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ צווייטער אויפלאַגע פונעם אינזשעניער טאָפּאָליעוו. טאָג־אײַן, טאָג־אויס, וועלן זיך שיטן אַף אים אַלץ נײַע פליכטן, אַלערליי פּאָדערונג־צעטלעך, באַריכט־רעשימעס, צייכענונגען, פּרײַזקוראַנטן. אַף קיין מינוט וועט ער ניט אימשטאַנד זײַן אַרויסצולאָזן פון האַנט דאָס טעלעפאָן־רערל. וועט מוזן אָן אויפהער גיין צו נאַטשאַלסטווע זיך פאַרשטענדיקן וועגן געוויסע פראַגן, שאָענווײַז אָפּזיצן אַף באַראַטונגען, פאָרן אַף קאָמאַנדירונגען, וועט זיך טאָמיד פילן, ווי ער וואָלט געלאָפן אַף אַ סרייפע און פאַרשפּעטיקט אומעטום.

אַזוי וועט זיך אין אַלעקסיי קאָוושאָוון אָנזאַמלען מידקייט, און ביסלעכווײַז וועט ער זיך אָפּקילן. וועט באַקומען אַ גלײַכגילטיקע באַציִונג צו דער וואָכעדיקער אַרבעט. וועט מוזן וווינען ערגעץ אין אַ העק — אינזשעניערן בויען איבערהויפּט אין פאַרוואָרפענע מעקוימעס, ווײַט פון שטעט, — ער וועט זיך צוגעוווינען צו ווײַן, פּרעפעראַנס און לײַכטזיניקע פאַרווײַלונגען. דער אומגליק באַשטייט ניט, פאַרשטייט זיך, אין די דאָזיקע פאַרווײַלונגען, נאָר דערין, וואָס זיי וועלן אים פאַרשאַפן מער פאַרגעניגן, ווי די אַרבעט. און ער וועט גערנער אָפּגעבן זײַן צײַט פאַר פליאָטקעס, איידער פאַר הייסע און דערהויבענע דיסקוסיעס. און עפּשער וועט ער כאַסענע האָבן, און אָנהייבן צוזאַמען מיטן ווײַב גיריק אײַנשאַפן זיך פאַרשיידענע קלייניקייטן: קאָמאָדעס, פאַטעפאָנען, קליידער און פוטערנע זאַכן. וועט זיך קויפן אַ מאָטאָציקל, קעדיי צו פליִען מעשוגענערווײַז איבער שטויביקע וועגן צוליב שטאַרקע עמאָציעס. אָדער וועט זיך אײַנשאַפן אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט, צו פאָטאָגראַפירן די פאָטאָגענישע פּענעמער פון באַקאַנטע, אָדער אַ ביקס צו דערהאַרגענען קאַטשקעס און די צײַט. מיט איין וואָרט, ער וועט שוין עפּעס צוטראַכטן, אַבי זיך צו פאַרווײַלן אין פרײַע שאָען.

דאַקעגן וועט ער אין אַ געוויסן באַשערטן טאָג אָנהייבן אָוועקצולייגן אומאויפגעשגיטענע טעכנישע זשורנאַלן היגטערן אויוון און, סאָפּקאָלסאָף פאַרגעסן זיי איבעראַנײַס צו אַבאָנירן. ער וועט אָנווערן די שאַרפקייט פון עמפינדן דאָס לעבן, פאַרלירן דאָס געפיל פאַרן נײַעם, ס׳וועט זיך

אין אים אַנטפּלעקן אַ שרעקלעכע קראַנקייט — זעלבסטצופרידנקייט און באַרויִקונג. דאָס איז גרובסקיס כוילאָס, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אים, טאַפּאַליעוון. און אַלעקסיי קאַוושאַווס טאַלאַנט וועט אָנהייבן צו קרענקען, ווי אַן אָרגאַניזם, אָנגעגריפן פון אַ ראַק, די פעיִקייט צו שעפעריִשקייט וועט פאַרשווינדן. ער וועט ווערן אומעמפינדלעך צו דעם, וואָס מען קען אָנרופן ווײַטע פערספּעקטיוו. אים וועט לאַקן בלויז די נאָענטע — ריכטיקער, די דאָזיקע נאָענטע וועט פאַר אים פאַרשטעלן די ווײַטע.

ער וועט פאַרגעסן די יוגנט־שוווּע — אויב ער האָט אַזעלכע געגעבן — צו גיין טאָמיד פאָרויס, ניט באַרויִקן זיך, וואַקסן, וויסן און טאָן הײַנט מער און בעסער, ווי נעכטן. בעקיצער געזאָגט, מיט אַלעקסייען וועט פאַרקומען דאָס אייגענע, וואָס מיט אים אַליין.

ניין! דער אַלטער האָט זיך אויסגעצויגן אַפן דיוואַן און ענערגיש אָנגעהויבן שאָקלען מיטן קאָפּ. ניין, מיט אַלעקסייען קען ניט, טאָר ניט געשען דאָס דאָזיקע! ער, קוזמאַ טאַפּאַליעוו, דער היימיש־דערצויגענער סאַליערי, איז מעכויִעוו אים אָפּצוהיטן, וואָרענען. ער דאַרף וואָס שנעלער, שוין, די רגע שמועסן מיט קאַוושאַוון...

אין צימער האָבן זיך דערהערט עמעצנס טריט: דער אַלטער האָט אויפגעהויבן דעם שווער־געוואָרענעם קאָפּ, וועלנדיק מיטן גאַנצן האַרצן דערזען אַלעקסייען, נאָר דערזען האָט ער גרובסקין. גרובסקיס פּאָנעם איז רויט געווען פון פראָסט, ער האָט געשווינד געריבן די הענט און געכאַפּט אַ קוק אַפן אַלטן, וואָס האָט בײַז אַרויפגעצויגן אַף זיך דעם פּידזשאַק.

— כ׳האָב באַשלאָסן צו באַזוכן אַ קראַנקן — האָט גרובסקי אַ זאָג געטאָן מיט געמאַכטער העפלעכקייט.

— אַ קראַנקן באַזוכן דאָקטוירים און פרײַנט, — האָט טאַפּאַליעוו אַ זאָג געטאָן ניט זייער פרײַנטלעך און פעסט, צוגייענדיק צום טיש, הינטער וועלכן דער געוועזענער הויפּט־אינזשעניר איז שוין געזעסן.

דער אַלטער איז געשטאַנען, אָנהאַלטנדיק זיך פאַרן שטול־אָנלען.

— אונדזער פרײַנטשאַפט, קוזמאַ קוזמיטש, איז שוין, אַ דאַנק גאָט, אַלט פינף און צוואַנציק יאָר, מען קען זי שוין אָנרופן זילבערנע, — האָט גרובסקי אַ זאָג געטאָן לעבעדיק. — איך בין שטענדיק צופרידן, ווען עס מאַכט זיך מיר די געלעגנהייט צו באַשטעטיקן מײַן טרײַקייט דער אַלטער פרײַנטשאַפט.

„סאַראַ מעליצעדיק לאַשן", — האָט דער אַלטער אַ טראַכט געטאָן און דורכגעזייעט צווישן די ציין.

— אויב אַזוי, דאַנק איך פאַר דער אויפמערקזאַמקייט. כ׳ווייס ניט מיט וואָס איך מעכאַבעד צו זײַן.

אין צימער איז באַלד אויסגעוואַקסן מאַריִאַ איוואַנאָוונאַ:

—האָט קיין אַגמעס־נעפּעש ניט, קוזמאַ קוזמיטש, איך וועל צו־גרייטן טיי.

— איך האָב מיט זיך מיטגענומען אַ רעפּוע אויך, — האָט גרובסקי פריילעך אַ זאָג געטאָן, אַרויסציִענדיק פון אונטערן טיש אַ גרויסע, פאַר־שוויצטע פלאַש ווײַן.

— די דאָזיקע רעפּוע איז מיר פאַרווערט. איר וועט מוזן היילן זיך אַליין, — האָט זיך טאָפּאַליעוו אָפּגערופן

גרובסקי האָט אַ שמייכל געטאָן אין זיך אַרײַן: „דער אַלטער איז הײַנט גאָסטפרײַנטלעך, ניטאָ וואָס צו ריידן". ער האָט פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער שטאַרקער פאַרשפּרייטקייט פון דער גריפּע און די שווערע קאָמפּליקאַציעס נאָך דער דאָזיקער קראַנקייט; וועגן דעם בוראָן, וואָס האָט פאַרשאַפן צאָרעס און אַלעמען דערעסן, נאָר צום גליק שטילט ער זיך אײַן; וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן.

מאַריאַ איוואַנאָוונאַ האָט אַרײַנגעבראַכט טיי און באַשיידן צובײַ־סעכץ. ווען אַלע באַמיִונגען מעכאַבעד צו זײַן דעם באַלעבאָס מיט ווײַן האָבן זיך גרובסקין ניט אײַנגעגעבן, האָט ער אָוועקגעשטעלט דאָס פלעשל און זיך גענומען צו דער הייסער טיי.

קוזמאַ קוזמיטש האָט קימאַט ניט אונטערגעהאַלטן דעם שמועס, איז געזעסן האַלב אָוועקגעדרייט. ער האָט זיך באַמיט טויפעס צו זײַן צוליב וואָס גרובסקי האָט באַוויליקט צו קומען. ס'האָט זיך ניט געגלייבט, אַז דער דאָזיקער פאַרעץ איז געקומען צו אים, ניט געקוקט אויפן שניי־שטור־רעם, גלאַט אַזוי אים מעוואַקער־כוילע זײַן. זיי זײַנען ביכלאַל זעלטן גע־קומען איינער צום צווייטן אין וויזיט, און פאַר דער לעצטער צײַט האָבן זיי זיך געהאַלטן אָפּגעפרעמדט.

וואָס פרײַער ס'האָט זיך געהאַלטן גרובסקי, אַלץ מער איז אָנגעוואַקסן די אויפגערעגטקייט בײַ טאָפּאַליעוון. קוזמאַ קוזמיטש האָט זיך אײַנגעהאַלטן, ניט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט קיין גראָב וואָרט, און גלײַכ־צײַטיק געפילט, אַז דער דאָזיקער אומדערוואַרטעטער וויזיט וועט זיך פאַרענדיקן ניט גוט, ער וועט, דוכט זיך, דאָס ערשטע מאָל פאַר זײַנע זעכציק יאָר לעבן אַרויסטרײַבן דעם אומגעבעטענעם גאַסט פון זײַן שטוב.

גרובסקי האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דער בויונג. באַטמאַנאָוו און בערידזע, האָט ער געטײַנעט, באַגייען אַ פאַרברעכן: נאָך ניט פאַרענדיקט זייער אומזיניקן פּראָיעקט, נאָך ניט באַשטעטיקט אים, האָבן זיי שוין אַ ווענד געטאָן די בויונג אין אַ נײַער ריכטונג. אַ סאַך באַצירקן האָבן געלאָזן אויף העפקער אַלץ, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אויפן רעכטן ברעג, און פאַקטיש זיך שוין אַריבערגעצויגן אויפן לינקן. וועגן דעם האָט גרובסקי ניט געקענט ריידן רויק, ער האָט זיך אויפגעהויבן, געדרייט זיך אַרום טיש, צוריק זיך געזעצט.

— איך צווייפל ניט אינעם קלאָגעדיקן סאָף פון אונדזערע „גע־

ניאַלע״ דערפינדער — האָט ער אויסגעשריגן.— נאָר קאַלזמאַן די מאַכט איז אין זייערע הענט, ברענגען זיי אַ שאָדן, וואָס עס וועט שווער זײַן אים צו פאַרריכטן. אין פּאָלקאָם שאַפט זיך דער פאַלשער אײַנדרוק, אַז ס'איז דאָ אַלץ אין אָרדענונג. די רעגירונג ווערט אַרײַנגעפירט אין אַ טאָעס, די צײַט און מיטלען ווען צעפּאַטערט אומזיסט. ביכלאַל איז דאָס אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר, אַ באַשײַנפערלעכער בײַשפּיל פון אונדזער שלעכטער אָרגאַניזאַציע. מען מעג פאַרשעלטן די דײַטשן, ס'וואָלט אָבער ניט געשאַט צו לערנען זיך בא זיי אַרבעטן. זיי וואָלטן זיך ניט געשטעלט אַצינדער בויען אַ נאַפּטלייטונג.

דער אַלטער האָט געהערט, זיך ניט אָפּרופנדיק מיט קיין איינציק וואָרט אַף גרובסקיס רייד. אינערלעך האָט קוזמאַ קוזמיטש זיך אָנגעשפּיצט. ביסלעכווײַז האָט ער זיך אָנגעשטויסן וועגן דעם צוועק פונעם אומדערוואַרטן וויזיט.

— איר, קוזמאַ קוזמיטש, האָט זיך שוין אונטערגעגעבן אַפן כעסעד פונעם קעגנער, אַוועקגעלייגט, אַזוי צו זאָגן, דאָס געווער. און מיר האָט מען דערציילט, אַז אין רובעזשאַנסק האַלטן אַלע קלאָרע מענטשן באַטמאַנאָווס און בערידזעס האַמצאָע פאַר אַבסורדאַל און שעדלעך. — גרובסקי האָט גערעדט, אַראָפּלאָזנדיק די שטים און צונייגנדיק דעם קאָפּ צו טאָפּאָליעוון. — מען טאָר ניט אַוועקלייגן דאָס געווער, מען דאַרף מיט דער גאַנצער ענערגיע דערווײַזן אונדזער גערעכטיקייט. אין מעשעך פון אַ יאָר וועט מען די נאַפּטלייטונג ניט אויפבויען, און ביכלאַל וועט איר אויפבוי, בא אַלע באַדינגונגען, פאַר דער מילכאָמע קיין ראָל ניט שפּילן. איך באַדויער, וואָס איך האָב פאַרטיידיקט מײַנע פּאָזיציעס זייער שרעקעוודיק און פּאָרמעל. מיר דאַרפן האַנדלען אַנטשלאָסענער. מען דאַרף זוכן פאַרבינדונגען אין רובעזשאַנסק און אין מאָסקווע. מען קען רעכענען, אַז דער אָנהייב איז געמאַכט געוואָרן: איך האָב אַוועקגעשיקט אין דער הויפּטשטאָט פונעם קאַנט יענעם מעמאָריאַל. איר האָט זיך אָפּגעזאָגט אים אונטערצושרײַבן. וואָרשײַנלעך, צוליב אַ מאָמענטאַלער שטימונג. איך באַליידיק זיך ניט אַף אײַך, נאָר איך בעט גלײַך נאָכשיקן אַ בריוול, אַז איר פאַראייניקט זיך צו מיר. און גאָר אויסגעצייכנט וואָלט געווען, אויב איר וואָלט באַשלאָסן אָנצושרײַבן וועגן אַלע אונדזערע איניאָנים קיין מאָסקווע צו פּעטראָוון. ער איז דאָך אין אַ געוויסן זין אונדזער אַ שילער, און הײַנט אַן אײַנפלוסרײַכע פּערזענלעכקייט: פאַרטרעטער פון פאָלקס־קאָמיסאַר.

טאָפּאָליעווס אַראָפּגעלאָזט פּאָנעם איז געווען פּורפּור־רויט, זײַנע גרוי־געלע וואָנסעס האָבן זיך באַוועגט, ער האָט אַרײַנגעדרוקט צווישן די קני זײַנע שווערע הענט מיט די אויפגעלאָפענע אָדערן, אויסצובאַהאַלטן זייער ציטערן. עטלעכע מינוט האָט ער מיט דער גאַנצער אָנשטרענגונג פונעם ווילן אײַנגעהאַלטן דעם צאָרן, וואָס האָט אין אים אויפגעבריזט,

דערנאָך זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער טיר און מיט אַ מאַך זי צעעפנט.

— גייט אַוועק! — האָט דער אַלטער אַ געשריי געטאָן מיט אַ פאַרשטיקט קאָל. אַ הויכער, אויסגעצויגענער און צאַרנדיקער, האָט ער אויסגעזען שרעקלעך. — אַז קיין זייכער זאָל דאָ פון אײַך ניט פאַרבלײַבן!

גרובסקי איז אויפגעשפרונגען.

— וואָס טוט זיך מיט אײַך, קוזמאַ קוזמיטש? ווי קען מען אַזוי!

— האָט ער מיט שרעק אַ געשריי געטאָן.

— אַרויס! — האָט דער אַלטער אויסגעשאָסן מיט אַ דונערדיק געשריי. — דערפירט מיך ניט צו דער לעצטער מאַדרייגע. אַניט וועט אויסקומען איירוימוויז אײַך פון דאַנען אַרויסטראָגן.

דער געוועזענער הויפּט־אינזשעניער האָט זיך אײַנגעשרומפּן, אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די פּלייצעס און פאַרבײַגעגאַנגען דעם אַלטן, ניט געבנדיק אַפילע קיין קוק אַף אים.

— איר, געוועזענער פרײַנט, קריצט זיך עס אײַך אַפן שטערן: אײַער זילבערנע פרײַנטשאַפט מיטן אינזשעניער טאָפּאָליעוו האָט זיך פאַרענדיקט, אַ סאָף! — האָט קוזמאַ קוזמיטש מעטורעף נאָכגעשריגן גרובסקיס פּלייצע. — איך וויל ניט זײַן קיין שוטעף צו אײַערע עקלהאַפטע אינטריגעס און היימישע פאַרשווערונגען. פאַרגעסט מײַן אַדרעס!

ער האָט מיט אַ טראַסק פאַרהאַקט די טיר הינטערן גאַסט און אָנגעהויבן שווער צו גיין אויף און אָפּ איבערן צימער.

— אַ ליידאַק! פאַר אַן אידעען־כאַוועד האָט ער מיך אויסגעזוכט. קוקט אים נאָר אָן, ער רופט צו אַקטיווער האַנדלונג!

פון הינטער דער טיר האָט זיך געהערט אַ רויש, שטילע ווערטער. קוזמאַ קוזמיטש איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— ער איז קראַנק און צערודערט צוליב עפּעס, — האָט זיך מאַריאַ איוואַנאָווגאַ שולדיק פאַרענטפערט.

— ער איז אויוועק־באָטל און פאַרשימלט געוואָרן, טויג בלויז אַף קליי און זייף, — האָט גרובסקי צערייצט געציישעט.

— מיר וועלן נאָך זען, צו וואָס טאָפּאָליעוו טויג! — האָט דער אַלטער אַ געשריי געטאָן, נאָר דער גאַסט האָט אים שוין ניט געהערט: ס'האָבן אַ גרילץ געטאָן די ריגלען פון דער טיר, וואָס מאַריאַ איוואַנאָווגאַ האָט פאַרמאַכט, און דאָס הויז, אויפגערודערט צוליבן אומדערוואַרטן וויזיט, איז אַפּסנײַ פאַרזונקען געוואָרן אין שטילקייט.

טאָפּאָליעוו האָט אַלץ געשפרײַזט אויף און אָפּ מיט פאַרלייגטע הענט אַפן רוקן און געברומט עפּעס אונטער דער נאָז. ביסלעכווײַז האָט זיך דער אַלטער אײַנגעשטילט, זײַן פּאָנעם האָט זיך אויסגעלײַטערט. עס איז אים געפאַלן אין די אויגן אַרײַן די פלאַש ווײַן, וואָס גרובסקי האָט געבראַכט. קוזמאַ קוזמיטש האָט זי גענומען און זיך צעלאַכט. זײַן צאָרן

האָט זיך אויסגעדעמפּט, ער האָט זיך דערפילט אַזוי, ווי ער וואָלט אָפּגעטאָן אַ שווערע, אָבער גוטע זאַך.

— בעעמעס, פאַר דעם מעג מען אויסטרינקען, — האָט קוזמאַ קודמיטש אַ שמייכל געטאָן, אָנגעגאָסן אין אַ גלעזל דעם טונקל־רויטן געדיכטן ווײַן, אַ זופּ געטאָן און זאָרגעוודיק אָפּגעווישט די ליפּן. — ניט קיין שלעכטער רעצעפּט, ער וועט זײַן דעם קראַנקן צו רעפוע.

נאָך דעם איז ער לאַנג געשטאַנען און געקוקט אַפן פאַרשנייטן, טונקעלן פענצטער. דערנאָך האָט ער זיך געזעצט לעבן שרײַבטיש און ביז באַגינען זיך ניט אָוועקגעריסן פון די אויסרעכענונגען און דעם ראַפּאָרט וועגן זײַן פּראָיעקט — גראָבן די טראַנשיי אינעם דורכגוס לויטן מעטאָד פון עקספּלאָזיעס.

קאַפּיטל זיבן

אין דעם הייזל אונטער שניי

...ס'איז שוין מער קיין קויעך ניט געווען צו קעמפן מיטן בוראַן, און בערידזע האָט אויפגעהערט צו גלייבן, עס זאָל זיך זיי איינגעבן זיך צו ראַטעווען. בלויז דער געדאַנק וועגן אַלעקסייען און עפּעס אַן אַקשאָ־נעסדיקע פאַרביטערטקייט האָבן אים באַוויגן און ניט דערלאָזט אָפּשוואַכן דעם קאַמף. ער איז געקראָכן, האָט זיך געוואַקלט און געפאַלן, און קאָור־שאָוו איז אים, ווי אַ שאָטן, נאָכגעקראָכן.

די רעטונג איז געקומען אומדערוואַרט — אין געשטאַלט פון אַ מענטשן, וואָס איז ווי אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך אַ ווינט־שטויס פון דעם אומדורכדרינגלעכן שניי־פאַרהאַנג. זיי האָבן אים דערזען, ווען ער — אַ הויכער, איימעדיקער און כריפּעדיקער — האָט זיך אָנגעשלאָגן פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט בערידזען. אַלעקסיי, אין כשאַד וועגן עפּעס ניט גוטס, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו פאַרטיידיקן דעם כאַווער. אָבער דער אומבאַקאַנטער איז ניט אָנגעפאַלן, ער האָט עפּעס געשריגן צו געאָרגי דאַווידאָוויטשן, און אַלעקסיי האָט פאַרשטאַנען: דער מענטש ווינטשט זיי גוטס.

ערשט זיינען זיי וויטער געגאַנגען אין געגנדזן־שורע — פאַרויס דער אומבאַקאַנטער, הינטער אים בערידזע און אַלעקסיי. מיטאַמאָל האָט זיך דער אומבאַקאַנטער אָפּגעשטעלט, אָנגעהויבן וועגן עפּעס צו ריידן מיט געאָרגי דאַווידאָוויטשן, אַ קער געטאָן די נאַרטעס אויף לינקס און געלעם געוואָרן. בערידזע, אַ שטאָך טוענדיק אַלעקסייען אין פּאָנעם מיט דער באָרד, וואָס איז פאַרפרוירן געוואָרן אין אַ שטיק אייז, האָט אַ געשריי געטאָן:

— ס'האָט אונדז צוגעשפּילט, אַלעקסיי! מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ דערפאַרענעם מענטשן, אַ פישער, אַ הערשער איבערן שניי־שטורעם. ער האָט דערהערט די שאָסן. דערהערט די שאָסן, זאָג איך! ער פאַרזיכערט, אַז ער האָט זיי דערהערט אין דעם דאָזיקן געגנעם. זאָגט צו אַרויסצופירן.

— ער איז דאָך נעלעם געוואָרן, דײַן הערשער איבערן שניי־שטורעם!

— ער איז ניט נעלעם געוואָרן, נאָר זוכט אַ שטילערן וועג. זוכט, זאָג איך, אַ שטילערן וועג. דער ווינט בלאָזט פאַכנווײַז. אַ פעכער פון ווינטן. איך זאָג, אַ פעכער פון ווינטן!...

אַלעקסיי האָט געפּרוווט אַ פרעג טאָן, צי ס'איז ווײַט צו אַ פישער־יישעוו, נאָר, אויפגעעפנט דאָס מויל, האָט ער זיך פאַרכלינעט מיטן ווינט.

דער פישער איז אויסגעוואַקסן לעבן זיי פונקט אַזוי פלוצים, ווי דאָס ערשטע מאָל. זיך ניט פאַרהאַלטנדיק, איז ער פאַרבײַ די אינזשעניערן אין אַ צווייטער זײַט.

— ער וועט ניט געפינען זײַן ווונדערלעכן וועג! — האָט קאָווּשאָוו געצווייפלט.

— ער וועט געפינען! ער שנײַדט ערשט דורך, ווײַזט אויס, די ריכטונג פונעם ווינט.

דער פישער האָט ווירקלעך אויפגעזוכט אַ וועג. גייענדיק נאָך אים, האָבן זיך די אינזשעניערן אַראָפגעגליטשט אין עפעס אַ טיפן ראָוו. אַף רעכטס און לינקס האָבן געשטאַרצט שניי־אָנשיטן פון צוויי מענטשן די הייך. אויבן האָט געבושעוועט דער שניי־שטורעם, דאָ אָבער איז דער שניי געפאַלן שטיל, און דער ווינט האָט געבלאָזן פאַרהעלטניסמעסיק רויק. די טראַנשיי, געשאַפן דורך דער באַוועגונג פונעם בוראַן, איז געגאַנגען ניט גלײַך, נאָר מיט אַ קאָמפּליצירטן זיגזאַג. דער פישער האָט זיי געפירט אַזוי זיכער, ווי אַף אַן אויסגעטראָטענער סטעזשקע.

אַ ביסל שפּעטער האָבן די נאַרטלער אָנגעטראָפן אַ שײַטער. ער האָט העל געברענט אַפן דנאָ פון דער שניי־קאַנאַווע. עטלעכע מענטשן האָבן זיך שווײַגנדיק צוזאַמענגעדריקט און אָפּגעטראָטן אַן אָרט פאַר די צוגעקומענע. דערוואַרעמט די הענט, האָבן בערידזע און קאָווּשאָוו אויפגעבונדן די שלאָפזעק, זײַנען אַרײַנגעקראָכן אין זיי און צוגערוקט זיך האַרט צום שײַטער.

— איר האָט אונדז אַרויסגעראַטעוועט פון אַן אומגליק, טײַערער כאַווער. אַ גרויסן דאַנק, מירן עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן! — האָט בערידזע געדאַנקט דעם פישער.

אַלעקסיי האָט זיך בײַגעריק אײַנגעקוקט אין די מענטשן. שטרענגע און שווײַגנדיקע, זײַנען זיי ענלעך געווען אַף פורמאַנעס אין זייערע רייזיקע טולופּעס. דער, וועלכער האָט די אינזשעניערן אַרויסגעפירט פונעם בוראַן, האָט געבאַלעבאַטעוועט אַרום דעם שײַטער — ער איז, ווײַזט אויס, געווען דער עלטסטער. אײַנגעוויקלט זיך אינעם טולעפּ, האָט ער זיך צוגעזעצט און איבערן פלאַם אַ קוק געטאָן אַף בערידזען. דעם אומבאַקאַנטנס פּאָנעם אין די רויטלעכע אָפּגלאַנצן פונעם שײַטער האָט איבערראַשט אַלעקסייען מיט זײַן מענלעכער שיינקייט. דער פישער האָט געהאַט אַ דרײַסטן בליק, אַ גלײַכע און דינע נאָז, אַן אַרויסשטאַרצנדיקע גאָמבע.

ער האָט ברייט געשמייכלט, ווי זיי וואָלטן געזעסן ניט אַפֿן פּראָסט, נאָר אין אַ וואַרעם צימער.

— ער ראַטעוועט טאָמיד וועמען עס איז. מ׳האָט אים איינמאָל אַפּילע אַ פּרעמיע געגעבן, — האָט אייגער אַ זאָג געטאָן מיט אַ געלעכטערל, און די איבעריקע האָבן זיך אינאיינעם צעלאַכט.

— עמעס, ס׳איז געשען בײַ מיר אַזאַ צופֿאַל, ברודער. מיט אַ יאָר פֿינף צוריק, אויך אום ווינטער, האָב איך געפֿונען צוויי געפֿרוירענע מענטשן אַפֿן אַדון. איינעם אַ בוכהאַלטער, דער צווייטער אַ קאַסירער, דוכט זיך. איך האָב זיי געטראָגן אַף זיך לויט דער ריי אַכט קילאָמעטער. נו, האָט מען מיר געגעבן אַ פּרעמיע: מ׳האָט מיך כּוישעד געווען, צי ניט איך האָב זיי דערמאָרדעט. כ׳בין געזעסן צוויי וואָכן אין אַרעסט, ביז וואַנען מ׳האָט ניט אויסגעפֿאָרשט דעם איניען מיט די טויטע. פֿון דעמאָלט אָן לאַכן אויס מיר מײַנע פֿרײַנט.

דער פֿישער האָט וועגן דעם דערציילט רויִק, אַליין פֿון זיך אַ ביסל כּויזעק געמאַכט. זײַן שטים איז אַלעקסייען געפֿעלן מיט דער ווייכקייט פֿון איר טעמבר און קימאַט באַסאָווער געדיכטקייט. „ער מוז, זיכער, שיין זינגען”, — האָט אַלעקסיי אַ טראַכט געטאָן. בערידזע האָט, הערנדיק דעם פֿישערס געשיכטע, אַזוי געלאַכט, אַז זײַן באָרד, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פֿונעם שלאָפֿזאַק, איז אונטערגעשפּרונגען.

— גוט וואָס איר האָט אונדז דערווישט לעבעדיקע. ס׳וואָלט זיך אומבאַדינגט איבערגעכאַזערט יענע געשיכטע מיט דער פּרעמיע, — האָט ער געזאָגט.

— און פֿונדעסטוועגן איז פֿון זינט יענער צײַט אין מיר ווי אַ כּויר לאָס אַרײַן. — דער פֿישער האָט איבערגעפֿירט דעם בליק איבער זיי אַלע, זײַן פּאָנעם איז שטרענגער געוואָרן. — אין אַ שלעכט וועטער קען איך אין שטוב ניט אײַנזיצן. ס׳האַלט מיר אין איין אויסדוכטן, ברודער: ס׳קומט אום אַ מענטשלעכער נעפֿעש אַפֿן אַדון. ס׳איז דאָך שווער אָן דערפֿאַרונג אַרויסצובאַקומען זיך פֿון אַזאַ תוהו־ובוהו!... און זעט, סאַראַ גליק איך האָב: יעדעס יאָר מוז איך אומבאַדינגט אַף עמעצן אָנטרעפֿן!

— און פֿריִער אויך אַזוי, — האָט מען אָנגעהויבן שמועסן לעבן שײַטער. — ער האָט זיך אײַנגעהערט, געטאָן אַ שפּרונג אויף: „מען שיסט!...” מיר שטילן אים אײַן, ער ביי׳זערט זיך: „מענטשן קומען אום, און מיר זיצן!...” און ניט אומזיסט, זעט איר דאָך, האָט ער זיך באַאומרויִקט.

בערידזע, באַוויזן שוין צו קומען צו די קויכעס, האָט פֿאַרפֿירט מיט די פֿישער אַ לעבעדיקן שמועס. די פֿישער האָבן אים גערן דערציילט וועגן זייערע זאָרגן. זייער פֿאַנג אין ביזשנע סאַזאַנקע איז די גאַנצע צײַט געווען אַ שלעכטער, ווייניק פֿיש — צו הויך דאָס וואַסער. און ערשט איז פֿאַראַן פֿיש. זיי גייען אַף אַ באַראַטונג אין ראַיאָן, דער בוראַן האָט זיי

פאַרהאַלטן, און זיי ווען, וואַרשײַנלעך, פּאַרשפּעטיקן. בערידזע, וועלכער נוצט אַלץ אויס, האָט זיי אויסגעפרעגט, צי זײַנען גרויס די פּאַרפּלייצונ־גען פונעם אַדון אין די היגע מעקומעס. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן דער־ציילן וועגן דער בויונג פון דער נאַפּטלייטונג, וועגן דעם, אַז די טראַסע איז איבערגעטראָגן געוואָרן פונעם רעכטן ברעג אַפן לינקן.

אַלעקסיי, אויסגעוואַרעמט אינעם זאַק, האָט אומבאַמערקט אײַנגע־דרימלט אינמיטן שמועס. אַ געוויסע צײַט האָבן די שטימען זיך נאָך דער־טראָגן צו אים, נאָכער זײַנען זיי ווי צעגאַנגען אין דעם אַנפּלייצנדיקן דרימל. ער האָט ניט געוווּסט, צי איז שוין אַריבער אַ שאָ אָדער בלויז עטלעכע מינוט, ווי בערידזעס אַ געשריי האָט אים צעוועקט. אַלעקסיי האָט געקענט שלאָפן באַ יעדן טומל, נאָר אויב מ׳האָט זיך צו אים גע־ווענדט, האָט ער זיך גלײַך אויפגעכאַפּט.

— זע נאָר אַלעקסיי, ווער ס׳איז אונדזער רעטער! — האָט בע־רידזע גערעדט הויך און צערודערט, זיך אויפהייבנדיק. — דאָס איז דאָך קאַרפּאָוו. מײַן מיטאויטאָר, אַזוי צו זאָגן, פונעם פּראָיעקט וועגן דעם לינקן ברעג. מיר האָבן געשמועסט, געשמועסט — און ס׳איז קלאָר גע־וואָרן, עפּעס פיל איך לויטן שמועס, אַז פאַר מיר זיצט אַ מאָדנער פּי־שער, אַ בויער און ניט קיין פישער! מיר האָבן, טײַערער כאַווער, אַ סאַך גוטס געהערט וועגן אײַך. זאַלקינד האָט אײַך אַרומגעזוכט און אַ בריוו אײַך געשיקט. איר דאַרפט, זײַט פאַשעט מעכויעוו זיך אומצוקערן אַף דער בויונג.

— דעם בריוו האָב איך באַקומען, אַ דאַנק פאַר אַ גוט וואָרט. אויך אײַער נאַטשאַלניק באַטמאַנאָוו איז אייערנעכטן אַראָפּגעפאָרן קיין ניזשנע סאַזאַנקע — ער האָט אויך געהאַט מיט מיר אַ שמועס. כ׳בין דאַנקבאַר פאַר דער אויפמערקזאַמקייט. נאָר כ׳קען ניט, ברודער, גיין אַף דער בויונג. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן קאָלווירט, מיר פאַנגען פיש.

קאַרפּאָוו האָט דאָס געזאָגט, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, מיט עפּעס אַ געפּאַלענער שטים. אַלעקסיי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז צערודערט צוליב דער באַגעגעניש מיט זיי, אַרויסגעפירט פון גלײַכגעוויכט דורך זאַלקינדס בריוו און באַטמאַנאָוס פאַרשלאָג. קאַרפּאָוס באַגלייטער איז ניט געווען צום האַרצן די ווענדונג, וואָס דער שמועס האָט אָנגענומען, זיי האָבן גענומען טומלען.

— רעדט אים ניט אײַן, כאַווער אינזשעניער, רעדט אים ניט אײַן!

— ער גייט אַזוי אויך אַרום ווי אַ נעכטיקער, פון זינט ער האָט זיך דערוווּסט, אַז די בויונג איז אַוועק אַף אַ נײַעם שטייגער.

— מיר אין קאָלווירט שפּילן אויך ניט אין קיין ציג־און־וואָלף. די פיש זײַנען נייטיק פאַרן פראָנט. קאַרפּאָוו איז אונדזער פאַרזיצער און די נעשאָמע פון אַלץ. דער אוילעם האָט פאַר אים דערעכערעץ. מיר קענען

זיך אָן אים ניט באַגיין, אויב ער וועט אָוועקגיין, וועלן מיר עס קיינמאָל ניט מוחל זײַן.

די פישערס זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן, אַפּוואַרטנדיק. בערידזע האָט זיך אײַנגעהערט צום גערויש פון ווינט, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך אײַנשטילן. אַרויסגעשטרעקט די הענט אינדרויסן, האָט ער גענומען אַרויסקריכן פונעם זאַק.

— קריך אַרויס, אַליאָשע, אַף דער ליכטיקער שײַן, מירן זיך לאָזן אין וועג. דער בוראַן האָט זיך אײַנגעשטילט. ביז אַ ישעוו איז זיבן קילאָמעטער, שמועסט מען, מיר וועלן שנעל דערלויפן.

— איך וועל אײַך ניט לאָזן, בעשום אויפן ניט, — האָט קאַרפּאָוו אַנטשיידן זיך קעגנגעשטעלט. — אינגיכן וועט זיך דער ווינט ווײַטער אַ ריס טאָן און איצט שוין אַף לאַנג. איר וועט אומקומען, און די זינד וועט פאַלן אַף אונדזערע קעפּ.

— איר קלײַבט זיך דאָך אַליין, זע איך, אין וועג אַרײַן, — האָט בערידזע אַ זאָג געטאָן.

צונויפגעדרייט דעם זאַק, האָט ער אים גענומען צופּעסטיקן צו די פּלייצעס. אויך אַלעקסיי האָט זיך גענומען צוזאַמענפּאַקן.

— מיר ? מיר זײַנען עפּעס אַנדערש, פאַר אונדז איז דער אָדון — די היים.

— איז וואָס־זשע אייצעט איר אונדז, מיר זאָלן אַ גאַנצע וואָך זיצן באַם שײַטער ? אונדזער צײַט איז טײַער.

— זיצן באַם שײַטער, ברודער, איז איבעריק. איך וועל אײַך אָוועקפירן אַף אַ בעסער אָרט. ניט ווײַט פונדאַנען שטייט אײַערער אַ טראַקטאָר מיט אַ הײַזל אַף שליטנבויגנס. דאָרטן וועט איר איבערוואַרטן דאָס שלעכטע וועטער.

זיך געזעגנט מיט די פישערס, האָבן זיך די אינזשעניערן געלאָזט צום טײַך נאָך קאַרפּאָוון, וועלכער איז שנעל געפאָרן אַף די נאַרטעס.

קאַרפּאָוו האָט צוגעפירט די אינזשעניערן צום „שנעק". ס'איז שווער צו פאַרשטיין, וויאַזוי ער האָט אַפּגעזוכט דאָס דאָזיקע הײַזל — אַ קליין זעמדל אינעם שניי־אָקעאַן. דער טראַקטאָר און דאָס צוגעטשעפּעטע הײַזל זײַנען געווען אינגאַנצן פאַרדעקט מיט שניי. עמעץ, מיסטאָם דער טראַקטאָריסט, האָט זיך געפּאָרעט דערלעבן, פרווונדיק צעשאַרן מיט דער לאָפּאַטע דעם שניי.

— שטיי ! ווער איז ? — האָט זיך דערהערט אַ הויכע און אַלעקסייען בעפּיירעש באַקאַנטע שטימע.

— אייגענע, — האָט קאַרפּאָוו געענטפערט פרידלעך. — נעם אויף געסט.

דורך אַ שנײ־טראַנשײ זײַנען זײ אַרײַנגעגאַנגען, ווי אין אַ הײל, אינעווײניק אין דעם „שנעק“. אין דאָזיקן שטײַגל זײַנען געווען צווײ שלאָף־פּלעצער לויטן וואַגאָן־סיסטעם, איז געשטאַנען אַ וואַרשטאַט, אַ טישל, צווײ טאַבורעטקעס, אַ קעסטל מיט אינסטרומענטן. אומעטום אָנגעוואָרפן, האָבן זיך געוואַלגערט קוילן און האָלץ. דאָ איז ענג געווען פֿאַר צווײ מענטשן, און אַרײַן זײַנען פּאַראַמאָל פֿיר.

איבערן וואַרשטאַט איז געהאַנגען אַ קעראָסין־לאָמפּ. זײַן ריסנדיק צינגעלע האָט זיך נאָך דער פֿינצטערניש אויסגעוויזן בלענדנדיק העל. אינמיטן שטיבל האָט געהודזשעט אַן אָנגעגליט קײַלעכיק אײַזערן אײוועלע. בערידזע האָט, דערזעענדיק די שײַן און דאָס אײוועלע, פֿרײדיק אַ געשרײ געטאָן, זיך דורכגעשטופּט צו די נאַרעס און געשווינד גענומען אַראָפּציִען פֿון זיך דעם רוקזאַק, דאָס האַלבע פּעלצל, דאָס היטל און די וווּליקעס.

— טו נאָך מײַן בײַשפּיל, — האָט ער געראָטן אַלעקסײען.

דער טראַקטאָריסט, אין אָנהײב פֿאַרלוירן זיך צוליבן אומדערוואַרטן קומען פֿון די געסט, האָט זײ איצט דערקענט און זיך אַ לאָז געטאָן העלפֿן זײ זיך אויסטאָן און אײַנאָרדענען.

— איר האָט מיך ניט דערקענט, כאַווער קאָושאָוו? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן אַלעקסײען. — איך בין סילין, איר געדענקט, איר מיט פּילימאָנאָוון האָבן מיך אויסגעריכט אין וועג אַרײַן פֿונעם „סטאַרט“? כ׳בין דאָ שטעקן געבליבן, ניט דערגרייכט דעם דורכגוס. ס׳האָט זיך עפּעס צעבראָכן, דערנאָך טײקעף דער דאָזיקער בוראַן! קאָלזמאַן ער איז ניט געווען, איז געגאַנגען גוט. די צוטשעפּן מיט די לאָדונגען האָב איך בעשאָלעם דערפֿירט, אין וועג אַרויסגעהאָלפֿן אַנדערע מאַשינען אין אַן אײס־צאָרע, דעם וועג גערייניקט. איך האָב געהאָפּט אײַנגיכן צו דערשלעפּן זיך צום דורכגוס. און אָט האָסטו דיר — ניט אַהין און ניט צוריק, זיץ זיך און רײכער!

— ס׳איז שווערלעך אין אײַך צו דערקענען סילינען. כ׳האָב זיך געזעגנט מיט אַ יונגן באָכער, און באַגעגנט אַ רויטבערדיקן זיידן, — האָט אַלעקסײ געשפּאַסט. — בלויז די שטים איז פֿאַרבליבן די זעלבע. גיכער פֿון אַלץ כאַפּט איר דעם אָנבליק פֿון אַ יאַם־רויבער.

סילינען זײַנעןווירקלעך אָנגעוואַקסן געדיכטע רויטע באַקנבערד, ער איז ענלעך געווען אַף אַ סקאַנדינאַווישן מאַטראָס. ווי סמאָרטשקאָוו, האָט אויך סילין גענומען אַף זיך אַ זײער שווערע אויפֿגאַבע, האָט איצט אַלעקסײ געקוקט מיט אַכטונג אַפֿן טראַקטאָריסט, וועלכער האָט באַוויזן אַזוי ווײַט זיך אַרויסצורוקן אַפֿן וועג צום דורכגוס.

— מײַן געהילף האָב איך געשיקט אַף דער באַזע צו שמעליִאָוון. דער אַלטער זאָל אַרויסהעלפֿן אַרויסצובאַקומען זיך פֿון די שנייען. איך אים האָב דאָך געהאָלפֿן, צווײ טעג דעם וועג צו דער באַזע אין אָרדענונג

געבראַכט. ערשט איז געקומען זײַן רײ צו העלפן... איך באַמרויק זיך בלויז, צי איז מיר מײַן מענטש ניט פאַרפאַלן געוואָרן, — האָט זיך סילין באַקלאָגט, צופרידן פון דער געלעגנהייט זיך אַראָפּצורײדן.

— איכ׳ל דיר זאָגן, ברודער, האָסט ניט געווען באַדאַרפט שיקן דײַן געהילף. דער בוראַן וועט זיך ווידער צעלאָזן, און דײַן געהילף קען זייער פײַן אומקומען, — האָט קאַרפּאָוו אַ זאָג געטאָן מענטאָריש. ער איז געשטאַנען, פאַרשטעלנדיק מיט זיך די טיר, און מיט כײישעק, מיט אינטערעס באַטראַכט די וווינונג פונעם טראַקטאָריסט. — און נאָך וועל איך דיר זאָגן: ס׳איז אַרויסגעוואָרפן ערשט דאָס גראַבלען דעם שניי מיט דער לאָפּעטע. אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט! האָב געדולד, רו זיך אָפּ, ביז ס׳וועט אויפהערן צו בלאָזן, דעמאָלט וועסטו זיך אַרויסגראָבן. גיב נאָר אַף איין זאַך ערשט אַכטונג — ס׳זאָל דעם אַרויסגאַנג ניט פאַרשטאָפּן.

סילין האָט זיך ניט אָפּגערופן אַפן פּישערס אײיצע, בלויז אַ קוק געטאָן אַף אים אומפרײַנטלעך. בערידזע איז שוין געזעסן אַן אויסגעטאָ־בענער אַף אַ טאַבורעטקע באַם אייוועלע און אַרויסגענומען פון רוקזאַק עפּעס צום עסן.

— קוקט ניט אַף אים מיט אַזויפיל כשאַד, — האָט ער אַ זאָג גע־טאָן סילינען. — ווען ניט דער דאָזיקער כאַוועך, וואָלטן מיר זיך ערשט, איך מיט קאָוושאָוון, געמאַטערט אין גאַניידן. זעצט אים בעסער אַנידער אַף אַ כאָשעווון פּלאַץ און זײַט אים מעכאַבעד. איר ווילט עפּעס וואַרעמס, קאַרפּאָוו? מירן באַלד מאַכן!

— איך בין ניט קיין גרויסער ליבהאָבער פון טיי. און ס׳איז קיין צײַט ניטאָ, צו פאַרנעמען זיך מיט טיי: די כעוורע וואַרט אַף מיר. עפּ־שער, כאַוועך אינזשעניער, וועט זיך געפינען באַ דיר עפּעס קאַלטס? — האָט קאַרפּאָוו געפרעגט.

— עפּעס הייסערס! — האָט בערידזע אויסגעבעסערט. — ס׳איז דאָ, טײַערער. איך האָב טאַקע געמיינט דעם דאָזיקן סאָרט טיי.

ער האָט אַרויסגענומען פון רוקזאַק אַ גרויסע מאַניערקע מיט ספּירט. דערזען זי, האָבן זיך אַלע צעשמייכלט, אַפילע אַלעקסיי, וועלכער האָט זיך אין אַ ווינקל אײַנגעריבן דאָס פּאָנעם מיט די הענט.

קאַרפּאָוו האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, צוגעגלעט די שוואַרצע גלאַ־טע האָר און פאַרזיכטיק גענומען פון בערידזען אַ זילבערן גלעזל. איבער־געקערט דעם ספּירט אין מויל אַרײַן, האָט ער שטאַרק אײַנגעאָטעמט און זיך אָפּגעזאָגט פון צובײַסעכץ:

— איך וועל צובײַסן מיט דער הענטשקע, — און אָפּווישנדיק די ליפּן מיט אַ הענטשקע, האָט ער צוגעגעבן: — אַזוי וועט ער זיך שנעלער צעגיין איבער די אָדערן!...

ער האָט צוריק אָנגעטאָן דאָס היטל, נאָר ניט אַוועקגעגאַנגען: עס

האָט זיך ניט געגלוסט, קענטיק, פאַרטוישן די וואַרעמע היימישקייט אָפּן וואָגלען דורכן בוראַן.

— ווי־זשע באַשליסן מיר, קאַרפּאָוו? ווען דאַרפן מיר זיך ריכטן אַף אײַך? — האָט בערידזע אַ פרעג געטאָן פאַרשנדיק און ערנסט, ניט צונעמענדיק די אויגן פונעם פישערס ענערגיש פּאָנעם.

קאַרפּאָוו האָט זיך אָוועקגעדרייט און ניט טייקעף געענטפערט:

— דאָס איז ניט אַזוי פּאָשעט פאַר מיר, ברודער, דאָס אָוועקגיין. גלאָט זיך אויפגעהויבן און אָוועקגעגאַנגען — דאָס לאָזט זיך ניט אַזוי: ווען אַזוי, וואָלט איך שוין לאַנג געקעמפט אָפּן פראָנט.

— מירן אַלץ אײַנאָרדענען, איר באַומרויקט זיך אומזיסט, אין עכסטן פאַל, וועלן מיר דעם קאָלווירט געבן אַ צווייטן מענטשן. זאָלקינד וועט עס דערליידיקן, — האָט בערידזע געוועקט אין אים כיישעק. קאַרפּאָוו איז אים ליב געוואָרן.

— דאָס איז ניט אַזאַ פּאָשעטע זאַך, זאָג איך נאָך אַמאָל. — קאַרפּאָוו האָט זיך אומגעדרייט צו בערידזען, אין זײַן טאָן האָט זיך דערהערט אַ נאָטקע פון פּירהאַלט. — מײַן גורל איז שטאַרק פאַרבונדן מיטן קאָלווירט, כ׳בין אין אים פאַרוואָרצלט. אַ פאַמיליע — אַ ווײַב, צוויי מיידעלעך, אַן אַלטער טאַטע. מענער זײַנען אין קאָלווירט פאַראַן ווייניק, דער פּלאַן איז אַ גרויסער. נו, און די מענטשן זײַנען צו מיר צוגעבונדן מיט דער גאַנצער נעשאָמע, קיינער וועט ניט מויכל זײַן, אויב כ׳וועל פון זיי אָוועקגיין, ניט דער יישעוו, ניט די פאַמיליע. האָסט געזען ווי מײַנע פרײַנט האָבן זיך פאַראַמאָל אַ הייב געטאָן, ווען דו האָסט באַם שײַטער פאַרפירט דעם שמועס וועגן מיר.

ער איז אַ שאָד געוואָרן אַלעקסייען, און ער האָט באַשלאָסן אָפּצוזען געאָרגי דאַווידאָוויטשעס אויפמערקזאַמקייט אַף עפּעס אַנדערש. נאָר יענער האָט שוין אַליין דערפילט, אַז דעם פישער איז ניט אָנגענעם צו פירן דעם דאָזיקן שמועס, און איז אַנטשוויגן געוואָרן. קאַרפּאָוו האָט זיך געזעגנט, זיך פאַרנייגט קימאַט ביז אין פּאַסעק און איז אַוועקגעגאַנגען.

סילין האָט צוגעלייגט היפּש קוילן אין אייוועלע אַרײַן. ס׳האָט אָנגענעם פאַרשמעקט מיט געבראָטן פלייש — ס׳האָבן זיך דערוואַרעמט די קאָנסערוון־באַנקעס, וואָס זײַנען אויסגעשטעלט געוואָרן אָפּן אייוועלע.

— נו, זעצט זיך אַרום! — האָט בערידזע פריילעך פאַרבעטן.

ער האָט ווי פאַרגעסן אין קאַרפּאָוון און פריילעך מעכאַבעד געווען קאָוושאָוון און סילינען מיט דעם שנעל צוגעגרייטן אָוונטברויט. זיי האָבן אַלע דרײַ אויסגעטרונקען צו אַ גלעזל ספּירט, נאָר אַלעקסיי האָט געמאַכט לאַנגע האַכאַנעס, איידער ער האָט זיך אײַנגעשטעלט אַראָפּצושלינגען די פליסיקייט, וואָס בריט ווי פײַער. זיי האָבן צוגעביסן מיט די דערוואַרעמטע קאָנסערוון און געבראָטענע פיש, וואָס סילין מיט זײַן געהילף האָבן פאַרן בוראַן געפאַנגען אין אַן אײַז־לאָך.

— וואָס קוקסטו עפּעס, אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש, אַלע ווײַלע אַף דער טיר ? — האָט בערידזע אַ פרעג געטאָן, באַמערקנדיק, ווי קאָוושאָוו האַלט זיך אין איין אָוועקרײַסן פונעם עסן.

— קאַרפּאָוו גייט מיר פון זינען ניט אַרויס, — האָט אַלעקסיי געזאָגט ניט גערן. — עס באַקומט זיך אויסטערליש : מיר האָבן באַגעגנט אַ גוטן מענטשן, ער האָט אונדז געטאָן אַ גרויסע טויווע — די סאַמע גרעסטע זיכער, וואָס איין כאַווער קען טאָן דעם צווייטן אין אַן אומגליק. ער האָט דאָך אונדז קימאַט צוריק פון יענער וועלט געבראַכט. און אָט איז ער אַוועקגעגאַנגען, אַזוי לײַכט און פּאָשעט ! אַוועקגעגאַנגען אומבאַוווסט וווהין, קען זײַן, מער וועט ניט אויסקומען מיט אים זיך צו טרעפן. און מיר האָבן אים שוין אין דער מינוט פאַרגעסן.

— פאַרוואָס פאַרגעסן ? איך גאַראַנטיר דיר : ער וועט קומען צו אונדז אַף דער בויונג, — האָט זיך אָפּגערופן בערידזע, אויסטײַטשנדיק אַלעקסייס ווערטער אַף זײַן שטייגער.

סילין ווידער האָט פאַרשטאַנען קאָוושאָוון אַף זײַן שטייגער.

— דער היגער אוילעם קומט גערן צו הילף. ס׳קען אַנדערש ניט זײַן : אַן כאַווערישקייט וועט די אַרבעט ניט גיין און יועסט אַליין אומקומען ! די מענטשן דאָ ווינען שיטערלעך, און די נאַטור פאָדערט ערנסטקייט. דער פישער האָט זיך אָפּגעטאָן זײַנס און אַוועקגעגאַנגען. אַ געווייגלעכער צופאַל. ער ווייס, אַז ווען ער גופע פאַלט אַרײַן אין אַ צאָרע — וועלן אים די כאַווײרים אַליין ניט לאָזן. און איך, לעמאָשל, ווייס אויך : שמעליעוו וועט מיר באַ קיין פאַל ניט אָפּזאָגן אין הילף. — דער טראַקטאָריסט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו דענערווירן. — אין נאָווינסק האָט איר מיר דעמאָלט געזאָגט, כאַווער קאָוושאָוו : „אַז דו וועסט דערגרייכן דעם דורכגוס, הייסט עס, אַז דו האָסט געשלאָגן אַ רעקאָרד. ס׳איז נאָך ניט געוועזן דער פאַל, אַז אַ טראַקטאָר זאָל אין באַדינגונגען פון ווינטער און שלעכטן וועג דורכמאַכן אַזאַ מעהאַלעך”. און איך בין מאַמעש שיר ניט קראַנק געוואָרן, ווען דער פעלער אין דער מאַשין און דער בוראַן האָבן מיך פאַרהאַלטן. אָט האָסטו דיר, טראַכט איך, אַ רעקאָרד ! נאָר איר דאַרפט ניט צווייפלען, איך וועל זיך צום דורכגוס דערשלאָגן !

— איך צווייפל גאָרניט, — האָט אַלעקסיי געזאָגט.

— עסט אַ ביסל פעסטער, מײַנע פרײַנט, — האָט בערידזע מעכאַבעד געווען, האַלטנדיק אַפן שפּיץ מעסער אַ שטיק פלייש און אַרבעטנדיק ענערגיש מיט די קינביינער.

נאָכן אָוונטברויט האָבן זיך די אינזשעניערן געלייגט אָפּרוען : בערידזע אַף דער אונטערשטער נאַרע, אַלעקסיי איבער אים. סילין האָט עפּעס צוגעשאַרפט און צוגעפּאַסט אַפן וואַרשטאַט און אויסגעפרעגט דעם הויפּט־אינזשעניער נײַס פונעם פראָנט. מיט וואָס אים צו דערפרייען איז

ניט געווען, און סילין האָט, זיך ניט שטערנדיק, שווער געאָטעמט, ווי ער וואָלט זיך פאַרבלינעט.

— קאַלזמאַן מען אַרבעט מיט אַלע קויכעס, איז גאָרניט, — האָט ער געזאָגט. — ווי אַבער מען בלײַבט שטיין, מען כאַפּט איבער דעם אָטעם — ווערט ניט פרײַלעך אַף דער נעשאָמע, דאָס געוויסן נעמט פּײַניקן: „דו זיצסט. קעלעווישעבעקלאָווים. און דער דײַטש ריסט זיך דורך צו מאָסקווע”. אַלע מײַנע אייגענע זײַנען אַוועק אַפן פראָנט. ביז דער בויונג האָב איך געאַרבעט אין אַ וואַלד־ווירטשאַפט, געפירט געהילץ מיטן טראַקטאָר. איינמאָל האָט מען מיך אַרויסגערופן, האָב איך זיך דערפרייט: מײַן ביטע, טראַכט איך זיך, האָט זיך אַ ריר געטאָן, ערשט וועט מען מיך שיקן אַפן פראָנט. כ'וועל פאַרטוישן דעם טראַקטאָר אַף אַ טאַנק. נאָר שלאָסן האָט מען אַבער אַנדערש — מ'האָט מיך געשיקט אַהער. מײַן ווײַב איז אויך אַ טראַקטאָריסט. זי איז פאַרבליבן אין דער וואַלד־ווירטשאַפט. איך וויל זיך מיט אײַך, כאַווער בערידזע באַראַטן. אַלעקסיי ניקאַלייעווימשן האָב איך שוין געזאָגט. איך טראָג זיך אַרום מיט אַ געדאַנק, וואָס גיט מיר ניט קיין רו.

קאָוושאָוו, פאַרשמאַכט פון היץ, איז געלעגן אַף דער אייבערשטער נאַרע. זײַן פּאָנעם, אויסגעפּאַטשט פון ווינט און שניי, האָט געברענט. די אויגן האָבן ווי געטאָן, נאָר שלאָפן האָט זיך ניט געגלוסט. איבערן שוואַכן הײַזל האָט מאָמעש איבערן קאָפּ געוויעט אַף פאַרשיידענע קוילעס דער שניי־שטורעם, ווי ערגעץ דערלעבן וואָלטן זיך געראַנגלט צוויי ריזיקע כאַיעס, צערײַסנדיק איינע די צווייטע. סילין האָט גערעדט אויפגערעגט: ער מיטן ווײַב האָבן אָפּשפּאָרונגען, זיי זײַנען יונגע מענטשן אָן קינדער, — האָט ער באַקלערט צו קויפן פאַר אייגן געלט אַ טאַנק און אַוועק מיט אים אַפן פראָנט באַנאַנד מיטן ווײַב. דאָ אַפן אָרט וועט מען, זיכער, די זאַך ניט דערלויבן. עפּשער שרײַבן צום כאַווער סטאַלין?

— מײַן אייצע איז אַזעלכע, — האָט זיך אָפּגערופן בערידזע, און אַלעקסיי האָט לויטן קאָל, לויט זײַן באַהאַרצטקייט און ווייכקייט פאַרשטאַנען, אַז סילין האָט געאַרגי דאַווידאָוויטשן פאַרוווּנדערט און גערירט. — די בויונג דאַרף מען ניט וואַרפן. נאָר אַ טאַנק קויפט דאָס איז אַן איידעלער געדאַנק, אַלע וועלן דאָס אָנערקענען.

בערידזע איז אַנטשוויגן געוואָרן, פאַרדרייכערט דאָס ליולקעלע, — ס'האָט דערין עפּעס געשאַרעכט.

— איך ווייס שוין ניט, ווי ס'איז בעסער, — האָט סילין אַ זיפץ געטאָן.

— איך זאָג עס אײַך ווי אַ כאַווער, ניט ווי דער הויפּט־אינזשעניער, וואָס איז פאַראינטערעסירט אײַנצוהאַלטן אַ גוטן טראַקטאָריסט. און וואָס, אַז כאַווער סטאַלין וועט ענטפערן: איר האָט ניט ריכטיק באַקלערט, מיר

דאַרפן איר זאָלט בויען די נאַפטלייטונג. איר צווייפלט דאָך ניט, אַז די בויונג איז אויך אַ מילכאָמע־איניען, און יעדער בוי־אַרבעטער — אַ זעלנער...

אַלעקסיי האָט געהערט דעם שמועס און זיך געטראַכט זײַנס. שוין פון לאַנג, נאָך פון קינדווײַז, האָט ער ליב געהאַט צו דערקענען נײַע מעקוימעס און נײַע מענטשן. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן פון די געאָגראַפיע־לעקציעס אין שול, פון ביכער וועגן רײַזעס. דער באַגריף וועגן אומבאַקאַנטע מעקוימעס איז נאָך דעמאָלט געווען אַן אַבסטראַקטער, און דערפאַר אומרעאַלער. און ס'איז אים טאָמיד געווען אַ ביסל מאָדנע צו טראַכטן, אַז ערגעץ־ווו, לאָמיר זאָגן, אַפן טײַך וואָלגע אָדער אַפן טײַך אַדון, אומאָפּהענגיק פון אים, אַלעקסיי קאַווּשאָוון, עקזיסטירט עמעצער באַשעפטיקט זיך מיט עפעס. שפעטער איז אים אויסגעקומען צו זײַן אַף דער וואָלגע, און איצט אַפן אַדון, — און ער האָט דערזען מיט זײַנע אייגענע אויגן די דאָזיקע נײַע מעקוימעס, זיך איבערצײַגט, אַז אויך דאָ לעבן מענטשן. באַטירלעך, ער האָט ניט דערוואַרט צו טרעפן דאָ אַ וויסטע. עס האָט זיך נעמלעך באַשטעטיקט דאָס, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען מיטן סייכל, און דאָס האָט אים פאַרשאַפט האַנאָע. פון הײַנט אָן איז דאָס בילד געשטאַנען לעבעדיק אין זיקאָרן, פול מיט פאַרבן און קלאַנגען, פון הײַנט אָן האָט ער געוווּסט — דאָרטן און וווינען אַזעלכע און אַזעלכע מענטשן, זיי באַשעפטיקן זיך מיט דעם און מיט דעם. אָט האָט דער אַוועקגעגאַנגענער פישער איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ טיפן שפור אין דער נעשאָמע, אַ וואַרעמען געפיל פון כאַווערישקייט. ערשט האָט אַלעקסיי געוווּסט: אַפן אַדון לעבט און אַרבעט אַ שטאַרקער, דרײַסטער מענטש — קאַרפאָוו איוואַן לוקיטש... און דער קאָמיוגיסט מאַכאָוו... און דער דאָזיקער טראַקטאָריסט מיט זײַן באַוועגלעך הײַזל...

פאַרמאַכנדיק די אָנגעצונדענע אויגן, האָט אַלעקסיי דורכגעלאָזט אין געדאַנק די אײַנדרוקן פון די לעצטע טעג דער אַדון — אַ ריזיקער טײַך — האָט זיך אים ערשט פאַרגעשטעלט אין לעבעדיקע, אָנטאַפעוודיקע בילדער. אַ סאַך מענטשן — יעדער מיט זײַן פּאָנעם, פיגור, שטים און קענטעניש — האָט געלעבט אַרום אים. ערשט איז לײַכט געווען זיך פאָרצושטעלן סײַ די פאַרגאַנגענהייט פונעם אַדון, סײַ זײַן נאָענטע צוקונפט, ווייניקסטנס אין אוממיטלבאַרער שײַכעס מיט דער נאַפטלייטונג. נאָכן פאַרווײַלן אַף ראַגאָווס באַצירק האָט ער זיך פאַרגעשטעלט באַשײַפערלעך דאָס, וועגן וועלכן בערידזע האָט גערעדט, — אָן אַ שיר עלעקטרישע לעמפלעך פון דער בויונג אַף ביידע ברעגעס פון טײַך.

סילין, וועלכן ס'האָט געפײַניקט דאָס ליידיק זיצן, האָט גענומען אַ לאָפעטע און געגאַנגען צעשאַרן דעם שניי פאַרן אַרײַנגאַנג. בערידזע

איז געלעגן אָפֿן רוקן, די הענט פֿאַרלייגט אונטערן קאָפּ און דאָס פּאָנעם אויפֿגעהויבן אַזוי, אַז זײַן באָרד איז געשטאַנען שטאַרצעם. ער האָט מיט האַנאַע געשמועסט:

— מיר זײַנען איצט שטאַרק, אַליאָשע. די באַפֿעלקערונג איז פֿאַר אונדז; פֿאַרן לינקן ברעג. סײַ די אַרבעטער אָף די באַצירקן, סײַ דער פֿישער קאָרפּאָוו, סײַ די נאָנצעס — אַלע זײַנען פֿאַר אונדז. האָסט געהערט, ווי סילין האָט מיר געזאָגט: „איצט וועט מען שוין די טראַסע בעשום אויפֿן צוריק ניט איבערטראָגן, זי איז צוגעוואַקסן געוואָרן צום דאָזיקן ברעג...“ מיר ביידע האָבן זיך ענדגילטיק איבערצײַגט, אַז די סאַמע איקערדיקסטע טײַנע פֿון אונדזערע קעגנער וועגן אַ מעגלעכקייט פֿון אַ פֿאַרפּלייצונג אָפֿן לינקן ברעג — איז אַ גוזמע. צוליב דער מוירע פֿאַר אַ פֿאַרפּלייצונג האָבן זיי דערלאָזט אַ פֿאַלשע פֿאַרהאַנאַכע אין די אויספֿאָרשונגען און אינעם פּראָיעקט, נאָכער זיך צום דאָזיקן פֿעלער צו־געוווינט און אים דערפֿירט צו אַ געזעץ ניט אָפּצופֿרעגן. עס ווערן פֿאַר־פּלייצט איין מאָל אין מעשעך פֿון צען יאָר, לאָמיר זאָגן, בלויז דער זיבע־טער און אַכטער באַצירק, נאָר דאָס שרעקט אונדז ניט אָפּ.

ער האָט אויספֿירלעך אַנטוויקלט זײַנע געדאַנקען וועגן די כעסרוינעס פֿונעם אַלטן פּראָיעקט און די מײַלעס פֿונעם נײַעם.

— איך זע, אַז דו האָסט שוין גרייט אַ רעדע אַרויסצוטרעטן אין רובעזשאַנסק, — האָט זיך קאָווּשאָוו צעלאַכט.

— יאָ, שוין גרייט! זאָל זיך דאָרט ניט נאַטשאַלסטווע בייזערן אָף אונדז פֿאַר האַנדלען אָף אייגענער האַנט, אָבער זי וועט ניט אימ־שטאַנד זײַן ניט צו אָנערקענען, אַז מיר זײַנען גערעכט!... אונדז, סאָ־וועטישע אינזשעניערן, האָט מען געלערנט ניט צו שרעקן זיך פֿאַר קיין ריזיקע. מיר האָבן געריזיקירט און זײַנען גרייט צו זײַן פֿאַראַנטוואָרטלעך דערפֿאַר. דענק איך ריכטיק, אַליאָשע?

— ריכטיק, — האָט ניט טייקעף געענטפֿערט אַליאָשע. — ס'איז שוין צײַט וואָס שנעלער זיך אומקערן קיין נאָווינסק, ענדיקן דעם פּראָ־יעקט. מיר דאַרפֿן זיך אינגאַנצן אַריבערקלײַבן פֿון שטאָט אָף די באַ־צירקן... ווייסט, געאָרגי, עפּעס הייבט מיר אָן צו נאָגן פֿאַר דער נע־שאָמע, ווען איך טראַכט וועגן דורכגוס און וועגן דעם אינדזל. מיר האָבן זיך דאָך אַהינצו נאָך ניט דערשלאָגן!

— טשיקאָווע, צי איז באַטמאַנאָוו געווען באַם דורכגוס? ווי גוט דאָס וואָלט געווען! — האָט בערידזע אַ זיפֿץ געטאָן. — וואָרשײַנלעך, שיקט ער דערווײַל אַהין בלויז פּאַנקאָווּן.

זיי האָבן געפּרוווט זיך מעשאַער זײַן, ווו ס'געפֿינט זיך איצט דער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג. די לעצטע יעדיִעס וועגן אים האָט איבער־געגעבן טאַניאַ וואַסילטשענקאָ — באַטמאַנאָוו האָט זיי איבערגעיאָגט אָף צוויי טעג.

— אַך, איז איצטער טאַטיאַנאַן שווער! — האָט פּלוצים בערידזע אַ זאָג געטאָן און זיך אַזוי איבערגעדרייט, אַז דער הילצערנער געשטעל מיט די נאַרעס האָט אַ סקריפּע געטאָן. — מיר האָבן ניט געדאַרפט אַוועקגיין פון איר, אונדזער הילף וואָלט איר זייער צונוץ געקומען.

— זי איז ניט קיין צעפּיעשטשעטע פרײַלן און ניט אַליין — מיט אַ קאָלעקטיוו, — האָט אַלעקסיי דערווידערט. — אַ בוראַן איז דאָ ניט קיין זעלטנהייט, זי קען דאָך ניט טאָמיד אויסשטעלן אַף עמעצנס האַש־גאָכע.

— כ׳בין זיכער, טאַטיאַנאַ זיצט ניט און וואַרט, נאָר האַלט אָן די פאַרבינדונג מיט אַלע קויכעס. און אָט שטעל זיך פאָר די פײַנע לאַגע: דער בוראַן רײַסט אַראָפּ די דראָטן — זי הענגט זיי צוריק אויף, דער בוראַן וואַלגערט אײַן ביימער — זי טרעט ניט אָפּ... עס זאָל נאָר אַלץ אַריבער אָן קאָרבאָנעס!

בערידזע האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן: פון דרויסן האָט זיך דערהערט אַ גערויש, דאָס גאַנצע הײַזל האָט אַ ציטער געטאָן. ס׳האָבן זיך דערהערט סילינס הויכע אויסגעשרייען:

— ס׳איז עפּעס געשען! — געאָרגי דאַווידאָוויטש האָט געשווינד גענומען אַרויפציִען די וואַליקעס.

די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט, און סילין מיט קאַרפּאָוון האָבן דורך אַ וואָלקן פראָסט־פּאַרע מיט מי אַרײַנגעטראָגן אַן אומבאַוועגלעכן מענטשן.

— ווען האָסטו געבראַכט צו שלעפּן? — האָט זיך דער טראַק־טאָריסט אויפגערעגט, און אַליין פאַרזיכטיק געהאַלטן דעם נײַעם גאַסט, זוכנדיק מיט די אויגן אַ פּלאַץ, וווּ אים אַנידערצולייגן. — איך האָב דאָ ניט קיין שפּילקע אַפילע וווּ צו פאַרשטעקן. זאַלבעדריט האָבן מיר דאָ קוים פּלאַץ. האָט זיך אויסגעזוכט אַ האָטעל! ווער האָט דיך פאַרבעטן מיט אַזאַ פּאַק?...

— ווו־זשע קען מען זיך ערשט אַהינטאָן, ברודער? דו ביסט דער איינציקער באַפעלקערטער פונקט אַף עטלעכע קילאָמעטער אַרום, — האָט זיך קאַרפּאָוו פאַרענטפערט. — צו אײַער באַצירק איז ווײַט, קיין סאָזאַב־קע נאָך ווײַטער. און לאָזן אים ליגן, ברודער, קען מען ניט. ס׳איז דאָך אַ מענטש. כ׳האָב דערהערט אַ געשריי. און ווען כ׳האָב אים אויפגעהויבן און גענומען טראָגן, האָט ער שוין שרײַען אויך אויפגעהערט, דער אומ־גליקלעכער.

געשווינד זיך דורכשמועסנדיק, האָבן זיי פאָרזיכטיק אַנידערגעלייגט דעם מענטשן אַף דעם האַלב־פּעלצל און מאַנטל, וואָס קאָװשאָוו האָט פאַרשפּרייט אַף דער פּאָדלאָגע.

— זע נאָר, ווי ער האָט זיך מיט די הענט אַרומגעכאַפּט דעם קאָפּ!

און אַזוי איז ער פאַרשטיפּט געוואָרן! — האָט בערידזע אַ שעפּטשע געטאָן.

סילין האָט זיך איבנגעבויגן, צענומען די הענט פונעם פאַרפרוירענעם און זיך אַ וואָרף געטאָן אָף צוריק:

— גאָט מײַנער, פיאָדאָר!

ער האָט אין דעם פאַרפרוירענעם דערקענט זײַן געהילף, וועלכן ער האָט געשיקט צו שמעליעוון. אין צעמישטקייט האָט סילין אים אָנגעהויבן צו טרייסלען אָן אַ זין, מיט אַ וויינענדיק קאָל:

— פיאָדאָר! פעדיאַ! וואָס איז מיט דיר? וואָס הייסט עס? פאַר־שין, פעדיאַ?...

— לאָזט נאָר אָקערשט! — האָט אים קאַוושאָוו אָוועקגערוקט און זיך איבנגעבויגן צום געפרוירענעמס פּאָנעם.

בערידזע, קאַרפּאָוו און סילין זײַנען קימאַט אַרומגענומען געשטאַנען אַרום אים, געקוקט צערודערט אָף פאַרשינס ווײַסן פּאָנעם.

— ער לעבט! — האָט זיך אַלעקסיי אויפגעהויבן מיט פאַרלײַכ־טערונג און אַ געשריי געטאָן: — קאַרפּאָוו, שניי! סילין, העלפט אים אויסטאָן! געאַרגי, עפן דאָס טירל פונעם אייוועלע און, זײַ אַזוי גוט, הייץ אײַן אַ ביסל שטאַרקער!

אין אַ האַלבער שאָ אַרום, אײַנגעריבן מיט שניי און ספּירט, אײַנ־געגבצן אַ צעגליטער, איז פאַרשין געקומען צו זיך. מ׳האָט אים אײַנגע־וויקלט אין דרײַ טולופּעס און צוגערוקט צום סאַמע אייוועלע. סילין, וואָס איז דערפרייט געווען ביז טרערן, האָט זיך געפּאָרעט אַרום אים, ווי אַרום אַ קליין קינד — אומגעשיקט און אָפגעהיט אים געגעבן צו טרינקען הייסע טיי פון אַ בלעכן טעפּעלע, געפּרוווט אים געבן צו עסן און הארציק גערעדט, אַז אַלץ וועט גוט זײַן...

— סעמיאָן איליטש, — האָט אים פאַרשין געזאָגט מיט אַ שוואַך קאָל, — שמעליעוו האָט צוגעזאָגט אויפצוזוכן רעזערוו־טיילן און צו־שיקן... כ׳וועל העלפן אין אַלץ, זאָגט ער...

אינגיכן איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן. די באַוווינער פונעם „שנעק" האָבן זיך באַרויקט. קאַרפּאָוו האָט זיך געקליבן אָוועקצוגיין, סילין האָט אים פאַרהאַלטן:

— אײַל זיך ניט, וואַרט איבער דעם בוראַן. ס׳וועט דאָ באַ אונדז קלעקן פּלאַץ פאַר אַלעמען. אין ענגשאַפט, אַבי אין פרײַנטשאַפט. איך דאַרף דיר נאָך אָפּדאַנקען. און אייביק וועל איך דיר דאַנקען. האָסט מיר אָפּגעראַטעוועט אַ כאַוער... און אַלעקסיי ניקאַלאַיעוויטשן וועל איך דאַנקבאַר זײַן ביז אין קייוואַר אַרײַן — ער האָט אים אָפּגעמינטערט, צום לעבן געבראַכט...

— רעדסט שטוסים, ברודער, — האָט קאַרפּאָוו געזאָגט. — דײַן־

כאָוועך, ער איז אויך אונדז ניט קיין פרעמדער גו, זײַט געזונט, אַ גוטע נאַכט. מער וועל איך אײַך שוין ניט באַומרויקן.

ער האָט זיך אײַנגעטוליעט אינעם טולעפּ, זיך פאַרצייגט און אַוועק אין בוראַן. סיליך איז נאָך געזעסן אַ ביסל לעבן דעם שלאָפנדיקן געהילף און זיך געלייגט לעבן אים. אינעם הײַזל אונטערן שניי איז אַלץ שטיל געוואָרן, ס׳האָט זיך בלויז געהערט דאָס ניט גלײַכמעסיקע אָטעמען פון דעם געראַטעוועטן טראַקטאָריסט, דאָס שטילע כראָפּען פון סיליגען און דער ווי און דאָס מאַרוויגן פונעם שניי־שטורעם איבערן דאַך.

בערידזען איז זיך ניט געשלאָפן. ווען ער האָט זיך שפּעטער אַ ביסל אויפגעהויבן צו פאַרריכטן דאָס ריסנדיקע פײַער אין לאָמפּ און צוואַרפן קוילן אין אייוועלע, האָט ער דערזען: קאָוושאָוו שלאָפט אויך ניט. ער האָט געהאַלטן פאַר זיך, ליגנדיק אָפן רוקן, אַ בריוו, און זײַנע אויגן זײַנען געווען פאַרקוקט איבער די פּאַפּיר־בייגעלעך און אַזויפיל אומעט איז געווען אין אַלעקסייס בליק און פאַרקלעמטע ליפּן אַז בערידזע האָט זיך איבערגעשראָקן.

— ס׳איז עפּעס געשען, אַליאָשע. זאָג מיר, כ׳בין דאָך דײַנער אַ פרײַנט.

אַלעקסיי האָט אַף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ לאַנגן בליק און שווײַגנדיק דערלאַנגט דעם בריוו פון מאָסקווע, פון זינעס מאַמע. אומגעקערט זיך אַף זײַן אָרט, האָט אים געאַרגי דאַווידאָוויטש גענומען לייענען. אין איר זאָרג פאַר דער טאָכטער האָט די אַלטע פרוי ווי געשמועסט וועגן איר מיט אַ מענטשן, וואָס זי האָט געוווּסט, אַז ער האָט אַזוי הייס ליב זינאַן, ווי זי אַליין.

„...ס׳קומען אַרײַן צו מיר אירע כאַווערטעס, וואָס זײַנען פאַרבליבן אין מאָסקווע. איך באַקום בריוו פון אירע מיידלעך, וועלכע געפינען זיך אַף עוואַקואַציע. צײַטנווײַז קומט אויף אין מיר אַף אַן אויגנבליק אַ שלעכט געפיל: אויך מײַן זינאַ וואָלט געקענט זײַן דאָ אָדער אַרויספאָרן טיף אין הינטערלאַנד. אָבער איגדערעמעסן ווינטש איך זיך גאָרניט פאַר זינאַן קיין אַנדער גורל. זי האָט זיך אַליין דעם גורל אויסגעקליבן. דיר דאַרף איך ניט זאָגן, סאַראַ שטאָלצע און דרײַסטע זי איז. קיין אַנדערע קען זי ניט זײַן און דאַרף ניט זײַן. זי זאָל מיר נאָר, מײַן שײַן, באַם לעבן בלײַבן!

„איך וויל דיר דערציילן, ווי מיר האָבן זיך צעקריגט פאַר איר אַרויספאָרן אַהין. דאָס איז געשען נאָך איינער אַ באַזונדער שווערער נאַכט. דו ביסט שוין אַ וואָך צײַט ניט געווען מיט אונדז. זי איז געקומען פון אַ דיזשור מיטן טאָג גלײַך, דער אַלאַרעם האָט זיך נאַרוואָס געענדיקט. איך בין די גאַנצע נאַכט געווען צערודערט, די נערוון האָבן זיך מיר צעלאָזט, און איך האָב צו איר אויסגעלאָזט. געשריגן, אַז זי קריכט אין סאַמע גענעם אַרײַן און באַהאַלט זיך ניט אין קיין שוצקעלער, אַפילע

ווען זי נעכטיקט אין דער היים. זי ענטפערט: „איך וויל זיך ניט באַ־האַלטן איך קיין שוצקעלער און דאָרט ציטערן ווי אַ קרעציק הינטל. עס וועט זײַן צופיל קאָוועד פאַר די פריצן, אויב איך וועל צוליב זיי אַרונ־טערקריכן אונטער אַ פּאַדוואַל".

„איך האָב זיך ניט אײַנגעשטילט און געגומען זי מוסערן: „ווען דו וואָלסט געווען ווען, וואָלסטו געווען אַוועקגעפאָרן מיטן אינסטיטוט אין הינטערלאַנד, ווו עס זײַנען ניטאָ קיין באָמבאַרדירונגען און קיין געפאַר. און ס'איז נאָך איצט אויך ניט שפּעט. מען קען זיך מאַכן קראַנק, אָדער עפּעס אַנדערש צוטראַכטן". אַז זי האָט זיך עס אַף מיר ניט צעקאַסט, אונדזער קראַסאַוויצע! „שווײַג! — שרײַט זי — ס'איז מיר אַ בעזאָיען פאַר דיר, דו לערנסט מיר פּאַכדאָנעס. אַליאָשע איז אַפן פראָנט, און איך דאַרף, לויט דיר נאָך, ראַטעווען די אייגענע פעל?". און, קווענקלענ־דיק זיך האָט זי מיר אַ זאָג געטאָן: „ס'איז געמאָלדן געוואָרן אַ באַפעל, איך האָב זיך אונטערגעשריבן און מאָרגן גיי איך אויך אַוועק אַפן פראָנט. איך זאָג דיר אויפריכטיק: איך האָב עס אַליין אויסגעפּויעלט דורכן ראַיקאָם". דעמאָלט האָב איך זי שוין אינגאַנצן פאַרשטאַנען און גע־בענטשט...

„אַלעקסיי, טײַערער מײַנער, ס'ווילט זיך מיר אַ סאַך דיר דערציילן. עס ווילט זיך דיר איבערגעבן עפּעס פריידיקס, נאָר ווו נעמט מען עס איצטער — פריידיקס און פריילעכס?... עפּשער האָב איך דיר דאָס, וואָס איך האָב דיר געשריבן וועגן זינאָן, שוין דערציילט? זײַ מויכל, איך לעב דאָס אַלץ אָפּסנײַ אַלע מאָל איבער. זי האָט געבעטן דיר איבער־געבן, אַז דו זאָלסט טראַכטן וועגן איר, דעמאָלט וועט איר זײַן בעסער און לײַכטער. אויך זי וועט טאָמיד טראַכטן וועגן דיר, טאָמיד! זי האָט געזאָגט: „גיב אים איבער, אַז איך גלייב — די צײַט פון אונדזער ליבע איז נאָך פאָרויס...".

דער בריוו האָט בערידזען אויפגערודערט. ער האָט צוגעדריקט די צעקנייטשטע בייגעלעך צום פּאָנעם און געשעפּטשעט דורך פאַרקלעמטע ציין:

— טײַערינקע אונדזערע... פאַר אַלע לײַדן... פאַר די טרערן אײַערע און די קריוודעס... וועט זיי באַצאָלט ווערן מיט דער פולער מאָס.

ער איז לאַנג געלעגן, טראַכטנדיק וועגן זינאָן און אַלעקסייען, וועגן זייער ליבע, וואָס איז פול מיט זונשײַן און האָט פלוצים אויפגעטויכט פאַר אים דאָ, אינמיטן נאַכט און שניי. פון די געדאַנקען וועגן זינאָן, וועלכער ער האָט געזען בלויז אַף אַ פאָטאָגראַפיע, איז ער איבערגעגאַנגען צו טראַכטן וועגן טאַניאַן און האָט דערפילט, ווי ס'איז אויפגעקומען אין אים אַ געפיל פון שטאָלץ פאַר דעם מיידל, וועלכע האָט אויך אַנטפּלעקט

אין זיך, ווי זינאַ, גרויסע קראַפט און העלדישקייט. ער האָט זיך אויפ־געהויבן, קעדיי צו זאָגן דאָס אַלעקסייען, נאָר יענער איז שוין פעסט גע־שלאָפן מיט אַן אַראָפּהענגענדיקער האַנט, — די מידקייט האָט אים ענד־לעך גוּיוּוער געווען. בערידזע האָט אויפגעהויבן אַלעקסייס האַנט, אַראָפּ־געשאַרט אים די האָר פון פּאָנעם, פאַרריכט אים דעם שפּענצער, וואָס האָט זיך אַראָפּגערוקט, און עטלעכע מינוט שווײַגנדיק געקוקט אַפן שלאָפנ־דיקן כאַווער.

קאַפּיטל אַכט

וועגן דעם לעבנס־ריטם

זיך אויפגעכאַפּט לויטן שטייגער פון אַלטע מענטשן גאַנץ פרי, קוקט זיך קוזמאַ קוזמיטש טאָפּאָליעוו צו, ווי עס דערוואַכט דאָס לעבן אַרום אים. ערגעץ האָט אַ קריי געטאָן אַ האָן. אין שטוב היגטער דער וואַנט פּלוידערט אָף אַ קאָל אַ פּיריעריק קינד, דער באַלעבאָסטעס פּאַריאָסעמט אייניקל, וואָס מ׳האָט עס ערשט ניט לאַנג אַרויסגעפירט פון דער ווײַטער פּיל־לײַדנדיקער אוקראַינע. אין שטאָט האָבן אָנגעהויבן פײַפן די זאַוואָדישע סירענעס, זייערע שטימען גיסן זיך פּאַמעלעך צוזאַמען אין איין מעכטיקן קלאַנג, וואָס מאַכט ציטערן די שויבן. די פענצטער־קוואַדראַטן, פאַרפּוצטע מיט טוי־פראָסט, ווערן העלער. פון געדיכט־בלוי ווערן זיי וויאָלעט, נאַכער בלוי, לעסאָף ראָזעווע. אין דער פרימאָרגנדיקער האַלב־טונקלקייט ווערן בוילעטער די קאָנטורן פון די באַקאַנטע קעגנשטאַנדן אין צימער.

דער נײַ־געבוירענער טאָג איז טאָמיד גוט: איז דאָ אַ זון — שײַנט אַלץ אַרום, גייט אַ רעגן — איז באַזונדערס פריש און זויבער. אום זומער — שמעקט מיט בלומען, האָניק, היי, מילך; אום ווינטער — צופּט דער פראָסט פריילעך פאַר די באַקן און דער נאָז. דעם געזונטן מענטשן פרייט טאָמיד דאָס העלע דערוואַכן זיך פון דער נאַטור אין פרי׳ען באַגין.

קוזמאַ קוזמיטש האָט שטענדיק ליב געהאַט די דאָזיקע מילדע מינוטן אין פרי׳ען מאָרגן. זיי זײַנען אים געפעלן נאָך אויך דערמיט, וואָס זיי זײַנען ניט ענלעך געווען צו דער איבעריקער צײַט פונעם מעסלעט מיט זײַן גרויסן אוילעם, געדודער, זאָרגן און קלאָפּאָטן. אין די דאָזיקע מינוטן האָט זיך וועגן גאָרניט געגלוסט טראַכטן, קיין זאַך האָט ניט באַאומרויקט, און ער האָט יעדן טאָג מיט אַ געפיל, ענלעך אָף באַוואונדערונג, דורכגעמאַכט דעם איבערגאַנג פון דאָזיקן מענוכעדיקן צושטאַנד צו די רוישיקע שאָען פון אַרבעט.

אַנומלט האָט קוזמאַ קוזמיטש, לויטן בײַשפּיל פון זײַן פּלימעניק

וואָלאָדיאַ און בעסאָד פֿאַר אים, געמאַכט גימנאַסטיק אַף די פֿרימאָרגנס, „קעדיי דער קערפּער און דער גײַסט זאָלן יונג זײַן”. זיך צוגעקוקט צו וואָלאָדיאַס געניטקייט, פֿלעגט ער זיי גענוג לײַכט נאָכמאַכן: זיך אַראָפּגעזעצט און אַרויפֿגעהויבן, געמאַכט מיט די הענט דאָ שאַרפֿע, דאָ גלאָטע באַוועגונגען, „געלאָפֿן” שווער אַפֿן אָרט און באַקסירט מיט אַן אומגעזעענעם קעגנער, קרעכצנדיק פֿון יעדן מאַך מיט די אייגענע הענט. פּילנדיק, ווי עס צעגיסט זיך איבער די אָדערן דאָס צעהיצטע בלוט, פֿלעגט קוזמאַ קוזמיטש שפּרײַזן איבערן צימער און אונטערברומען וואָלאָדיאַס באַליבטע פֿערזן: „איך גיי, דער שיינער צווייאונצוואַנציקיעריקער”.

הײַנט פֿאַרנעמט ער זיך שוין ניט מיט קיין גימנאַסטיק — דוכט זיך, פֿון זינט ער האָט זיך צעשיידט מיט וואָלאָדיאַן. דער פּלימעניק איז נאָכן פֿאַרענדיקן די מיליטערישע אַוועקגעפֿאָרן דינען אַף דער מײַרעוו־גרענעץ, און ער — ערשט שוין פֿולשטענדיק איינזאַם — האָט זיך אומדערוואַרט געפֿונען אַפֿן ווײַטן מיזרעך. פֿון זינט דעמאָלט האָט זיך עפּעס אין אים, טאָפּאָליעוון, אײַנגעבראָכן. מאַשמאָעס, אַז דער פּלימעניק איז פֿאַר אים געווען יענער מאָטאָר פֿון ענערגיע, וועלכער איז גוטווענדיק דעם מענטשן, וואָס טרעט אַרײַן אין דער אומעטיקער צײַט פֿון אַלטקייט. וואָלאָדיאַ איז אַוועקגעפֿאָרן, און אַנשטאָט אים האָט זיך דערלעבן באַוויזן גרובסקי, אַ נעפֿעש, וואָס איז שרעקלעך מיט זײַן זעלבסטצופֿרידנקייט, אַ טרוקענער, מיט אַ מעטאַפֿיזישן שטייגער דענקען.

הײַנט איז קוזמאַ קוזמיטש גלײַכגילטיק צו אַלץ. דער פֿרימאָרגן אינדרויסן איז אַן אויסגעצייכנטער, נאָר דעם אַלטן גלוסט זיך ניט קיין קוק טאָן אין פֿענצטער, זיך איבערצוצײַגן דערין. די שטילקייט פֿון צימער און די אומטעטיקייט איבלען אים שוין, די היימישע מעבעלע נודיעט אים אַף דער נעשאָמע. ער איז שוין אויך זאַט מיט די מילדע שאַלוועדיקע פֿרימאָרגן־מינוטן. ער נייטיקט זיך איצט אין אַרבעט מיט איר רויש, טומל, מיט אַזעלכע אומרויִקע מענטשן, ווי אַלעקסיי קאָוושאָוו, בערידזע, באַטמאַנאָוו. און ער לאָזט זיך אַלץ ווילגיין אין היימישער וואַרעמקייט און היילט זיך מיט פֿראָשקעס.

קוזמאַ קוזמיטש הייבט זיך אויף קרעכצנדיק, פֿון בעט. זײַן בליק פֿאַלט אַף דער טעטשקע, אין וועלכער ס'ליגט אַ געשריפֿטס: אַ פּראָיעקט צו גראָבן די טראַנשיי אינעם דורכגוס מיט אַן עקספּלאָזיע־מעטאָד. ער האָט אים פֿאַרענדיקט אייערנעכטן און דערנאָך צוויי מאָל גענוי איבערגעשריבן, ווי אַ שילער, וואָס איז פֿאַרליבט אין זײַן לערער. ערשט, אָנטוענדיק זיך, קערט ער זיך אָפּ פֿון דער טעטשקע. ס'איז, מאַשמאָעס, קיין וויכטיקס אין זײַן געשריפֿטס ניט פֿאַראַן, און ס'איז ריכטיק, וואָס דער לערער אײַלט זיך ניט אַרײַנקוקן דערין און שטעלן אַ מיינונג.

מען דאַרף זיך אַרומוואַשן און אָפּראַזירן, נאָר ס'איז קיין כיישעק ניטאָ. קוזמאַ קוזמיטש באַטראַכט זיך אין שפּיגל, זיך פֿאַרקרימענדיק:

עס געפעלט אים ניט זײַן אייגן פּאָנעם, ווי עס וואָלט געווען — אַ ניט געראָטן געקויפטע זאַך, און וועלכער ער האָט זיך אַנטוישט, ווען ער האָט זי אַהיימגעבראַכט. אויפן שטערן טיפע קנייטשן — שפּורן פון די נעגל פונעם לעבן. די אויגן אָפּגעבליאַקעוועט, שיר ניט וואַסעריק. די געל־גרינלעכע וואָנסעס — מע קען זיי שוין ניט אָפּוואַשן, זײַנען דורכגעזאַפּט מיט שמעקטאַבעק. דאָס פּאָנעם מאָגער און בײַזאַמען דערמיט אָנגעבלאָזן, דעפּאָרמירט, ווערט שוין ניט ייִנגער אַפילו נאָכן שלאָף אָדער אָפּראַזירן.

„ווי זאָגט מען דאָס? — זיפצט טאָפּאָליעוו. — מען זאָגט — אַל־טערהייט ניטאָ קיין פרייד".

ער באַמערקט מאַריִאַ איוואַנאָוונאַן: די פרוי קוקט אויף אים נײַגעריק דורך דער אָפּגעלענטער טיר. קוזמאַ קוזמיטש באַגריסט זיך מיט איר קאַלטלעך און דרייט זיך אַוועק; ס׳איז אים איצט ניט צום האַרצן איר געטרײַע זאָרג פאַר אים.

— איר וועט זיך ראַזירן? — פרעגט די באַלעבאָסטע; זי ווייסט, אַז ער דאַרף זיך ראַזירן. — כ׳וועל באַלד אַרײַנברענגען הייס וואַסער, און דערנאָך פרישטיק. כ׳האָב אָפּגעפרעגלט פרישע פיש, און דערצו איז דאָ נאָך עפּעס אויך. עפּעס אַ גוטער מענטש האָט צוגעשיקט אַ פּעקעלע.

דער אַלטער רופט זיך ניט אָפּ, הגם ער איז פאַרוווּנדערט צוליבן פּעקעלע. מאַריִאַ איוואַנאָוונאַ דערנענטערט זיך, באַטראַכט אים און שאָקלט מיטן קאָפּ:

— אָך, איר האָט אַ שלעכט פּאָנעם, קוזמאַ קוזמיטש! איר דאַרפט ליגן און ליגן, ביז איר וועט ניט געזונט ווערן... און פון דער פאַרוואַל־טונג האָט מען מיטן טאָג גלײַך צוגעשיקט אַ ספּעציעלן שעליעך מיט אַ בריוו. ער טאַקע האָט געבראַכט דאָס פּעקעלע. פונעם פּעקעלע בין איך געווען צופרידן, און דעם בריוו האָב איך אַפילו נעמען ניט געוואָלט: „לאָזט אַ מענטשן, זאָג איך, ליגן רויִק קראַנקערהייט".

זי האָט בעשום אויפן ניט דערוואַרט, אַז אירע ווערטער וועלן האָבן אַזאַ ווירקונג אויפן קוואַרטיראַנט. ער איז גלײַך לעבעדיק געוואָרן, אויפ־געשפּרונגען, צוגעלאָפן צו איר:

— וואָס־זשע האָט איר געשוויגן? ווו איז דער בריוו? פון וועמען?

מאַריִאַ איוואַנאָוונאַ האָט אַ נישטער געטאָן אין די קעשענעס פונעם קאָפּטל און אַרויסבאַקומען אַ קאָנווערט אין צווייען צוזאַמענגעלייגט. אין קאָנווערט אַ בריוול פון זאַלקינדן:

„אַ גרוס, קוזמאַ קוזמיטש. ווי איך האָב זיך מיט אײַך אָפּגערעדט, טייל איך מיט: אַלעקסיי און בערידזע האָבן זיך אומגעקערט, ביידע גע־זונט און אומבאַשעדיקט. באַטמאַנאָוו איז אויך אין דער היים, ער איז געקומען צו פליִען אַ מעסלעס פריִער. ווי פילט איר זיך? אויב ניט איב־

גאַנצן געזונט, גייט דערווײַל בעסער ניט אַרויס, איך וועל אײַך אין אָוונט שיקן אַלעקסייען אַהיים. ווערט געזונט, קוזמאַ קוזמיטש. עפּשער פעלט אײַך עפּעס? זײַט מוידיִע, שעמט אײַך ניט. מיט אַכטונג, זאַלקינד״.

— איר הערט אַ מעשׂה, זי איז פונעם בריוו ניט צופרידן! און צו וועמען איז דער בריוו אַדרעסירט? — האָט ער געוואָרטשעט. — גיט מיר הייס וואַסער און געשווינדער, מאַריִאַ איוואַנאָוונאַ!

די באַלעבאָסטע האָט אין אָנהייב מיט אומרו, דערנאָך שוין מיט אַ שמייכל געקוקט אַף דער דאָזיקער פּלוצימדיקער און ליבער זקנישער צעטומלעניש.

— וואַסער וועל איך ברענגען. נאָר צי קלײַבט איר זיך ניט אַמאָל אין דער פאַרוואַלטונג? כ׳וועל אײַך ניט לאָזן! אָלגאַ פּיאָדאָראָוונאַ האָט אײַך באַפוילן צו ליגן.

— הייס וואַסער! און געשווינד! — האָט טאָפּאָליעוו פריילעך געשריגן. — וואָס גייט מיר אָן אָלגאַ פּיאָדאָראָוונאַ, ווען ס׳זײַנען פאַראַן וויכטיקערע דאָקטוירים...

ער האָט זיך אָפּגעראַזירט אין מעשעך פון דרײַ מינוט, זיך אַרומגעוואַשן אָן די געוויינלעכע צערעמאָניעס, אָפּגעווישט דאָס פּאָנעם מיט אָדעקאָלאָן. אַ שמייכל געטאָן, באַמערקנדיק, אַז דאָס פּאָנעם איז פּאָרט ייִנגער געוואָרן. אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט דעם רײַכן פרישטיק — געפּרעגלטע פיש, פּוטער און קאַווע — און ייִנגלעריש אַראָפּגעלאָפן פונעם גאַנעק, איבערלאָזנדיק מאַריִאַ איוואַנאָוונאַ אַ מעוווּלוועלע. און דאָ האָט ער דערזען: ס׳איז ווירקלעך געבוירן געוואָרן אַ פּראַכטפולער פרימאָרגן! נאָכן מעטורעפן בוראַן איז אַלץ אין דער נאַטור שטיל געוואָרן. אַ גלײַכער ניט אײַנגעטראָטענער שניי האָט אויסגעבעט די גאַס. די טוי־פּאַרפּראָסטיקטע צווײַגן פון דיביימער זײַנען אונטער די זונשטראַלן ענלעך געווען צו וווּנדערבאַרע פײַנע אויסאַרבעטונגען פון פּאַרפּאָר. גלײַכע זײַלן ווײַסער רויך זײַנען געשטאַנען איבער די הײַזער און ווי זיך ניט באַוועגט.

דער אַלטער האָט מונטער געשפּרײַזט ביז איבער די קני אינעם אָנגעטראָגענעם שניי אַף דער גאַס און זשעדנע געשלונגען די פרישע לופט, וואָס האָט געשמעקט מיט אויפגעשניטענער קאַווענע.

קאָושאָוו און בערידזע זײַנען געקומען באַנאַכט. דעם צוריקוועגס האָבן זיי דורכגעמאַכט אַף אַן עראָפּלאַן און דורכגעפרוירן געוואָרן ביז אין די ביינער. די אינזשעניערן זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין דער פאַרוואַלטונג, און ס׳האָט זיך דאָ באַלד אָנגעהויבן אַ בעהאָלע. די מענטשן זײַנען זיך צונויפגעלאָפן. מ׳האָט געקענט מיינען, אַז זיי האָבן געלויערט אַף זיי. דער דיזשורנע האָט, ניט הערנדיק בערידזעס שוואַכע פּראָטעסטן, אָנגעקלונגען צו באַטמאַנאָוון אַף דער קוואַרטיר: דער נאַטשאַלניק פון

דער בוינג האָט באַפוילן גלײַך אים אָנקלינגען, ווען בערידזע מיט קאָוושאָוון וועלן צוריקקומען.

— נו, שאָלעם־אַליכעם, פאַרלוירענע! — האָט זיך דערהערט אַ פאַרשלאָפן־הייזעריקלעך קאָל, אַ בעפּיירעש צופרידנס, וואָס האָט געצוווּנגען געאָרגי דאַווידאָוויטשן אַ שמייכל צו טאָן. — איך האָב זיך שוין געקליבן אויסצוריכטן אַן עקספּעדיציע אײַך צו זוכן, געקלונגען און טעלעגראַמעס צעשיקט אומעטום. איז גאָרניט געשען, איך זײַט געזונט?

— פולשטעדיק, וואַסילי מאַקסימאָוויטש.

— גייט, רוט אײַך אויס. באַר זעט, ניט צו לאַנג. כ׳וועל אײַך לאַנג ניט לאָזן זיך אָפּרוען: פאַר דער צײַט האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ באַרג אַרבעט.

— לאַנג רוען וועלן מיר ניט. מיר זײַנען ניט באַזונדערס אויסגעמאַטערט, — האָט בערידזע געזאָגט, האַגאַם די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט, און דער קאָפּ האָט זיך אים געבויגן אָף אַ זײַט.

ער האָט פאַרבעטן אַלעקסייען צו זיך אָף איבערנעכטיקן:

— בײַ סעראַפימאַן איז וואַרעם, און אַלץ איז אונטער דער האַנט. מיר וועלן געשווינד זיך אַרומוואַשן און אָפּעסן אָוונטברויט. מירן אויך באַווײַזן צו כאַפּן אַ שלאָף אַ דרײַ־פיר שאָ. ווייסט דאָך, ווי וויכטיק עס איז צו זײַן אין דער וואַרעם. אַפילע די נעשאָמע מײַנע ציטערט, אַזוי איז זי דורכגעפרוירן. אָפּגערוט זיך, וועלן מיר זיך אַנידערזעצן צונויפשטעלן אַ באַריכט — און צו באַטמאַנאָוון אין פולער באַוואָפענונג.

אַלעקסיי האָט זיך אַרויסגעדרייט, ער איז געווען אומגעדולדיק אַרײַנצוכאַפּן זיך צו זיך אין צימער, דערוויסן זיך, עפּשער זײַנען דאָ בריוו אָדער טעלעגראַמעס פון מאָסקווע. זיי האָבן זיך צעשיידט, אָפּשמועסנדיק זיך צו טרעפן פינקטלעך נײַן אינדערפרי.

פאַרבײַגייענדיק אין קאָרידאָר דורך זײַן אָפּטייל, האָט קאָוושאָוו באַמערקט אַ העלע שיין בײַ די פּראָיעקט־צייכענער. קאָבזעוו, פּעטיאַ הודקין און נאָך עטלעכע מענטשן האָבן אין פולשטענדיקער שטילקייט געאַרבעט אין פאַרשיידענע ווינקלען פונעם ריזיקן צימער. פּעטיאַ האָט עפּעס אויסגערעכנט, באַוועגנדיק מיט די ליפּן. ער האָט צעטראָגן אויפגעהויבן די אויגן און דערזען קאָוושאָוון, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער טיר. דער יונגער טעכניקער האָט אויפגעציטערט פון אומדערוואַרטקייט און אין אַן אויגנבליק אַרום אויפגעשפּרונגען מיט אַ פריידיק געשריי. די דערפרייטע מיטאַרבעטער האָבן זיך צונויפגעדרענגט אַרום אַלעקסייען. קאָבזעוו האָט גלײַך אָפּן אָרט גענומען אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן די איניאָנים, און קאָוושאָוו, געפרעגט פון דעם האַרציקן קאַבאָלעס־פּאָנעם און דערפון, וואָס ער האָט זיי אַלע געטראָפן בײַ דער אַרבעט, האָט געװירט באַטראַכט יעדן באַזונדער.

— איך וועל אײַך ערשט זאָגן, פרײַנט, איין זאַך: גייט שלאָפן, —

האָט ער אַ זאָג געטאָן, אײַנשטילנדיק אין זיך די אויפרעגונג. — און מאָרגן וועלן מיר שמועסן. און דו, באָכער, ווי האָסטו אַרומגעקאָמאַנדע־וועט אָן מיר ? — האָט קאָוושאָוו געפרעגט פעטיאַן, וועלכער האָט ניט אַראָפּגענומען פונעם נאַטשאַלניק די איבערגעגעבענע אויגן.

— אַ, וועגן אים וועט זײַן אַ ספּעציעלער שמועס, אַלעקסיי ניקאָ־לאַיעוויטש ! — האָט זיך קאָבזעוו אָפּגערופן.

אויך אין שטוב האָט אַלעקסייען דערוואַרט אַ סיורפּריז. ער האָט מיט ערגערניש דערזען, אַז ער האָט ניט ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן: פאַר דער צײַט, וואָס ער האָט געוואַנדערט, האָט מען פון זײַן צימער גע־מאַכט אַ קיך. זי איז פול געווען מיט אַ פּליטע און פאַרשיידן קיך־גע־שיר. דער אומבאַקאַנטער הייצער, וועלכער איז אַפן רויש אַרויס פון זײַן קעמערל, האָט געטראָפן שטיין קאָוושאָוון אין קאָרידאָר אַ צעמישטן.

— וואָס דאַרפט איר דאָ, בירגער ? — האָט דער הייצער אַ פרעג געטאָן אומפרײַנטלעך.

— און ווער זײַט איר ? דער דיזשורנע ?

— זײַן פאַרטרעטער.

— וואָס־זשע הייסט דאָס, כאַווער פאַרטרעטער ? ווען איך בין אַוועק־געפאָרן, האָב איך געהאַט אַ צימער, כ׳בין געקומען צופאָרן — ניטאָ דאָס צימער, ס׳איז דערין אַ קיך.

— זײַט איר עס דער באַלעבאָס פונעם צימער. באַדויערט ניט, ס׳איז ניט געווען קיין מעציע ! מ׳האָט פאַר אײַך צוגעגרייט אַ צווייטע קוואַרטיר. טאַקע הײַנט האָט די נאַטשאַלסטווע זי באַטראַכט — כאַווער זאַלקינד און נאָך ווער. זיי זײַנען געווען צופרידן... נאָט אײַך דעם שליסל און קלײַבט זיך אַרײַן. ווײַזט מיר בלויז אַ דאָקומענט — כ׳דאַרף זײַן זיכער, צי איר זײַט עס דער, וועמען איך דאַרף אַרײַנלאָזן.

— און קיין פּאָסט איז ניט געווען, בריוו אָדער טעלעגראַמעס ?

— ניט געזען. מ׳האָט מיר ניט געגעבן. הייסט עס, ס׳איז ניט געווען.

אַלעקסיי האָט אויפגעעפנט די טיר, אָנגעטאַפּט דעם קאָנטאַקט און אײַנגעשלאָסן דאָס ליכט, איז ער געבליבן שטיין פאַרגליווערט אַף דער שוועל, איבערפירנדיק דעם בליק פון איין זאַך אַף דער צווייטער. דאָס צימער איז געווען אַ גרויס, אַ נאָר וואָס אויסגערעמאָנטירטס און שוין זיכער אַ וואַרעמס. אַף דער פּאָדלאָגע איז געלעגן אַן אויסגעריבענער, נאָר נאָך אַ גוטער דיקער טעפּיך. דער קײַלעכיקער טיש אינמיטן איז געווען פאַרשפּרייט מיט אַ יאָנטעוודיקן געל־גאָלדיקן טישטעך, איבערן טיש איז געהאנגען אַ זשיראַנדאָל. דאָס הילצערנע בעט, וואָס האָט גע־שימערירט מיט פרישן לאַק, איז געווען צוגעדעקט מיט אַ גוטער האַריקער קאָלדרע. באַם פענצטער אַ קליינער טיש און אַ פאָטעל. אַף אַן עטאַזשער־קע רייען ביכער, — זײַנע ביכער, וואָס עמעצער האָט אַרויסגענומען פון קעסטל, ווו זיי זײַנען געלעגן פון זינט ער איז געקומען צו פאָרן. אַף די

ווענט זײַנען געהאנגען קלײנע בילדלעך פון סטאַלינען און גאָרקין — אַלעקסײ האָט ערגעץ װו געהאַט געזען די דאָזיקע בילדלעך. אַפּילו בלו־מען זײַנען דאָ געװען — אַף פּאָסטאַמענטן אין בײדע זײַטן פונעם שרײַב־טיש.

בלויז די ביכער דאָ זײַנען געװען זײַנע. פונװאַנען האָט זיך גענומען אַלדאָס איבעריקע ? נאָר, באַטראַכטנדיק װײַטער, האָט ער באַמערקט נאָך עפּעס װאָס זײַנס : זינאַס פּאָרטרעט אַפּן טיש, און דערלעבן די גרויסע פּאָטאָגאַפיע פון זײַן פאַמיליע. דער אומבאַקאַנטער מענטש, װעלכער האָט אײַנגעאָרדנט דאָס צימער, האָט ניט מוירע געהאַט צו באַלעבאַטע־װען מיט זײַנע זאַכן. איבעריקנס, װי נאָר ער איז אַהער אַרײַנגעקומען, האָט ער זיך גלײַך אָנגעשטויסן : די נײַע װױנונג מיט די אַלע סימאָנים פון מענטשלעכער אויפמערקזאַמקײט און זאָרג איז געװען אַ מאַטאָנע פון זאַלקינדן און זשעניען, קוידעמקאָל פון זשעניען. ער האָט זיך צוריקגע־קערט צו דער טיר, און אין דער סעקונדע איז זשעניע אַרײַנגעלאָפן אין צימער. אײַנגעהילט אין אַ פוכעװע שאַל, אַ ראָזע פון שלאָף.

— ענדלעך ! װי איך האָב זיך דענערװירט און געװאַרט ! און מיר אַלע, — האָט זשעניע אָפּגעזיפצט.

— אַ דאַנק, זשעניע... אַ דאַנק... — האָט אַלעקסײ אַ מורמל געטאָן, פילנדיק, װי עפּעס האָט זיך אים צוגעקײַקלט צו דער קעל. מיט זײַנע פון פראָסט אויפגעלאָפענע הענט האָט ער געהאַלטן אירע.

— איך הער, איך הער ! ער איז געקומען צו פאָרן, טומלט, לאָזט ניט שלאָפן ! — האָט זיך דערהערט איבערן קאָרידאָר גרעטשקינס שטים, און דער פלאַנירער איז אַרײַנגעפלויגן אין צימער האַלב אויסגעטאָן און פאַרשלאָפן. — סאָראַ אַפּאַרטאַמענטן מ׳האָט דיר צוגעגרייט, דו זעסט ! דאָס האָט זיך אַלץ זשעניע באַמיט, זאַלקינדס װײַב אויך, און אויך לי־זעטשקע האָט זיך אַרײַנגעמישט... קום אַרײַן צו אונדז, ניטאָ זיך װאָס צו קרימען, — האָט גרעטשקין געזאָגט.

אַרומגענומען אַלעקסײען, האָט ער אים אַרײַנגעשלעפּט צו זיך. קאַװ־שאָװ איז געהאַרכזאַם אַרײַנגעגאַנגען צום פלאַנירער אַף דער קװאַרטיר, װאָס האָט געפעכלט מיט דער זויבערקײט פון די פּאַדלאָגעס, פאַרהענגלעך און טישטעכער. אויך זשעניע איז, קװענקלענדיק זיך, אַרײַנגעגאַנגען.

— ליזעטשקע, פאַרנעם זיך מיט אַלעקסײ ניקאָלאַיעװיטשן ! — האָט גרעטשקין געזאָגט בעטנדיק. — הײס װאַסער און עפּעס אַ בעסערן אָונטבערויט.

— דו קאָמאַנדעװע ניט, ביסט ניט אין פלאַניר־אָפּטײל. מע װײס דאָ אַלײן, װאָס מע האָט צו טאָן, — האָט זיך אָפּגערופן די קלײנע, דאַ־רינקע ליזעטשקע װאָס האָט זיך געפּאָרעט באַ אַן עלעקטרישער פּליטקע.

זײ האָבן זיך געזעצט צום טיש, װי נאָר אַלעקסײ האָט באַװיזן זיך שנעל אַרומצװאַשן הינטערן װענטל. די באַלעבאַסטע האָט בעדײַע געהאַט

זיך אַנצובלאָזן, ווען זשעניע איז אַרײַנגעקומען, נאָר באַמערקנדיק איר בליק אַף אַלעקסייען, איז זי ווייכער געוואָרן. גרעטשקין, דערפרייט מיטן כאַווערס קומען און דערמיט וואָס ליזעטשקע האָט אים אַזוי גוט אויפגענומען, האָט זיך געאײַלט צו טיילן זיך מיט די נײַעסן אין דער פּאַרוואַלטונג. ער האָט דערציילט מיט הומאָר, ווי פּעטיאַ הודקין איז אַנגעפאַלן אַף קוזמאַ קוזמיטשן, ווי ליבערמאַן האָט זיך איבערגעבעטן מיט פּעדאָסאָוון, וועגן דער „ווײַבערישער רעוואָלוציע", וואָס איר פּויעל־יוצא איז געווען דאָס שאַפן אַ „ווײַבערישע רעגירונג" אין וועלכער פּאַרזיצער איז זאַלקינדס ווײַב, און ליזעטשקע — איינע פון די מיניסטאָרן. אָבער די הויפּט־ראָל אין גרעטשקינס דערציילונג האָט געשפּילט זשעניע.

— איך ווייס ניט, פון וואַנען דאָס אַלץ האָט זיך פּלוצים צו איר גענומען? — האָט דער פּלאַנירער געזאָגט. — ענערגיע, וואָס אַן עמעס, האָט זי פריִער אויך געהאַט, אָבער בלויז צו טאַנצן ביז פאַלן פון די פיס און צו זינגען ביז הייזעריק ווערן. און הײַנט איז זי באַ אונדז אַ פיגור, אַ געזעלשאַפטלעכע טוערן! ווי קומט טאַטיאַנאַ צו איר!... אַט ערשט וואָלט זי נאָך דאַרפן כאַסענע האָבן, — האָט גרעטשקין געמאַכט אַ פולשטענדיק אומגעריכטן אויספיר. — האָסטו ניט אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש, אַפן אויג עפּעס אַ לײַטישן כאָסן? — ער האָט מיט ביטרער טמימעס אַ קוק געטאָן דאָ אַף אַלעקסייען, דאָ אַפן מיידל.

— אײַל זיך ניט, ניט אַלץ פּאַראַמאַל, — האָט זיך אַלעקסיי צעלאַכט, פײַנלעך זיך ראַנגלענדיק מיטן דרימל וואָס איז אים באַפאַלן.

זשעניע וועלכע האָט ביז איצט פאַרשוויגן גרעטשקינס לויבערײַען, איז אין קאַס געוואָרן:

— הערט שוין אויף! ווען איך וועל דאַרפן, וועל איך זיך אַן אײַנאַפּזוכן אַ מאַן!

— אַז איך באַמי זיך גאָרניט פאַר דיר, נאָר פאַר זיך, — האָט גרעטשקין געזאָגט. — אויב דו וועסט שוין ענדלעך כאַסענע האָבן, וועט מיר ליזעטשקע ווייניקער דאָס האַרץ אָפּעסן.

ערשט איז ליזעטשקע אין קאַס געוואָרן:

— דו קענסט בעשום אויפן ניט פאַרבײַפאָרן מײַן הויף און ניט פאַרטשעפּען מיט די האַלאַבליעס פאַרן טויער!

ווען זיי האָבן זיך ענדלעך געכאַפּט, אַז פאַר אַלעקסייען איז צײַט אָפּצורוען, איז שוין געווען אַרום פינף אינדערפרי.

אַרויסגעגאַנגען פון גרעטשקינען, זײַנען אַלעקסיי און זשעניע שטיין געבליבן אין קאָרידאָר. ס'איז זיי ביידן שווער געווען גלײַך זיך צו צעשיידן. אַלעקסייען האָט זיך געוואָלט זאָגן זשעניען עפּעס וואָס זייער גוטס, פון סאַמע האַרצן. און ער האָט געפילט: זי וואַרט אַף זײַנע ווערטער.

— מיר קענען זיך ניט זאָגן קיין גוטס אין די אויגן. אויך איך קען ניט, ווי אַלע...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, מיטאַמאָל באַנעמענדיק: זשעניע האָט אים ליב. אין מעשעך פון די פופצן טעג, וואָס ער איז דאָ ניט געווען, איז איר פאַראינטערעסירונג מיט אים אויסגעוואַקסן צו אַן עכט געפיל, וואָס זי האָט נאָך אַזעלכעס ניט געקענט. אין איצטיקן מאָמענט האָט זי זיך איינגעזען געצויגן צו אים, געוואָרט, ער זאָל זי אַרומנעמען און זאָל שווײַגנדיק צודריקן זײַן פּנים צו אירן. ער איז מעוווּלוול געוואָרן, ווען ער האָט זיך קלאָר געמאַכט: אויך אים גלוסט זיך אַרומנעמען זשעניען.

דעם מיידל איז אַפילו ניט אײַנגעפאַלן, וואָס איז פאַרגעקומען אין אַלעקסייס נעשאָמע אין מעשעך פון עטלעכע סעקונדעס, ווי ער האָט שוין באַוויזן זיך צו באַהערשן. ער האָט ניט געקענט ענטפערן אָף איר געפיל מיטן זעלבן. ער האָט זיך פאַשעט געפילט איינזאַם, פאַריאַסעמט, ס׳האָט זיך פאַרגלוסט אַ ביסל וואַרעמקייט, ס׳האָט אים גערירט זשעניעס זאָרגעוודיקייט און גוטסקייט.

„גיין איך וויל ניט, מען טאָר ניט! — האָט ער זיך פעסט באַצוווּנגען. — נאָכער וועל איך זיך עס קיינמאָל ניט מויכל זײַן״.

און דערפאַר, וואָס ער האָט געבענקט נאָך וואַרעמקייט, און ס׳האָט אים געצויגן צום מיידל, האָט ער אַ ביסל טרוקן אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז גוט, וואָס מען רעדט אַזוי וועגן דיר. ביסט אַ כוואַט! איך בין צופרידן, זייער צופרידן...

— אַ דאַנק אַליאָשע.. איך האָב דיר אַ סאַך צו פאַרדאַנקען, — האָט זשעניע געזאָגט, ווי זיך אויסלעשנדיק.

ווען קאַוושאָוו איז געבליבן אַליין, האָט ער לאַנג געשפּרײַזט אויף און אָפּ איבערן גײַעם צימער. ער האָט געטראַכט וועגן זײַן באַציִונג צו זשעניען און באַשלאָסן, אַז ער האָט געהאַנדלט אַזוי, ווי ער האָט געדאַרפט האַנדלען. נאָר איינצײַטיק איז אים דאָס מיידל אַ שאָד געווען, — איר אומעטיק פּאָנעם איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן. זיך פאַרטשעפּעט איינעם טעפיך האָט אַלעקסיי דערפילט אַ שרעקלעכע אײַנגעמידקייט, ס׳האָבן זיך אים אַראָפּגעזעצט די פיס, ס׳האָט זיך פײַנלעך געגלוסט שלאָפן. אין אַ שאָ אַרום דאַרף מען זיך זעצן צו דער אַרבעט — עס לוינט זיך שוין ניט צו לייגן. נאָר דאָס בעט האָט אים אַזוי געלאָקט צו זיך, אַז ער האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן און, ניט אויסטועענדיק זיך, זיך צוגעלייגט אָף דער באַרוועגער קאָלדרע — כאָטש אַ ביסל ליגן. און אײַנעם זעלבן אויגנבליק האָט אים דער שלאָף אַרומגעכאַפּט און ס׳האָבן זיך אים דערמאָנט אין שלאָף שוין אַוואָדע, זײַן טאַטנס ווערטער אַנומלט:

„אָף דער וועלט, אַלעקסיי, זײַנען פאַראַן אַ סאַך גוטע מענטשן זייער אַ סאַך. ס׳איז אַ שאָד וואָס ניט טאָמיד באַמערקן מיר זיי און ניט טאָמיד גלייבן מיר זיי. און מען וואָלט זיי דאַרפן זען, און מערער גלייבן...״

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שטויס און מיט שרעק זיך גע־

באַפּט פֿאַרן זייגער. ווײַזט זיך אַרויס, ער איז געשלאָפֿן, אַלעקסיי, בעד־סאַכאַקל איין שאָ. אין צען מינוט אַרום שפּעטער איז ער שוין געזעסן אין קאַבינעט און אונטערפּײַפֿנדיק עפּעס, אַרומגעטראַכט זײַן טייל באַריכט. אין אים האָט געדאַרפֿט אָפּגעגעבן ווערן אַ דין־וחשבון פֿון דעם אַלץ, וואָס מ'האָט געזען און ס'איז אָפּגעטאָן געוואָרן אויף דער טראַסע. די צווייטע העלפֿט פֿון באַריכט מיט די ענדגילטיקע אויספֿירן וועגן דעם לינקברעגיקן וואַריאַנט פֿון דער נאָפּטלייטונג האָט געשריבן בערידזע.

באַ אַ שטויס געדיכט־באַשריבענע פּאַפּיר־בויגנס האָט טאַקע אַלעקסייען דערווישט קוזמאַ קוזמיטש. נאָך פֿון דער שוועל האָט דער אַלטער דערזען דאָס אָפּגעצערטע, פֿאַרשוואַרצט געוואָרענע פּאָנעם פֿונעם נאַטשאַלניק, וועלכער איז געזעסן אין אַ האַלבפּעלצל. קאָוושאָוו איז שנעל געלאָפֿן מיט דער פּען איבערן פּאַפּיר, פֿאַרזאָרגט זיך קרימענדיק, און אומגעלומפּערט געהאַלטן אין מויל אַ פּאַפּיראָס. זײַנע האָר האָבן זיך באַכלאָזיק צעשאָטן פֿון ביידע זײַטן שטערן.

טאָפּאָליעווס אָרײַנקומען איז געוועזן ניט אויף דער צײַט. „אַזוי פֿרי איז ער געקומען, בעסער וואָלט ער אין דער היים געזעסן!" — האָט אַלעקסיי אַ טראַכט געטאָן פֿאַרדריסלעך. נאָר באַלד האָט ער באַמערקט דעם אַלטן אינזשעניערס אומגעווײנלעכן צושטאַנד. טאָפּאָליעוו איז בעד־פּיירעש געווען פֿון עפּעס וואָס צערודערט און האָט זיך אַ לאָז געטאָן גלײַך צו אים. שנעל אָוועקגעלייגט די פּען, האָט אַלעקסיי געדריקט די האַנט, וואָס דער אַלטער האָט אויסגעשטרעקט.

— אַליאָשאַ, — האָט קוזמאַ קוזמיטש אַ זאָג געטאָן, און קאָוושאָוון האָט איבערראַשט די דאָזיקע קורצע ווענדונג; ער האָט זי קיינמאָל ניט געהערט און ניט דערוואַרט צו הערן פֿון טאָפּאָליעוון. — איך דאַרף האָבן מיט אײַך אַ שמועס. איך זאָג אײַך פֿריער: ניט קיין געשעפּטלעכן, ניט קיין אַמטלעכן, נאָר איך מוז אים האָבן, און עפּשער איר אויך. אויב איר קענט, באַצייט זיך צו אים אָן כּויזעק און אומפֿרײַנטלעכקייט. אין אַ שאָ אַרום וועט זיך אָנהייבן דער אַרבעטס־טאָג. עס וועט אָנהייבן קלינגען דער טעלעפֿאָן, עס וועלן זיך אַרײַנרײַסן מענטשן מיט זייערע דרינגענדיקע פֿראַגן און דעמאָלט וועל איך אײַך שוין, זיכער, ניט וועלן זאָגן קיין אומאָפֿיציעל וואָרט, און איר ווידער וועט מיך ניט וועלן אויסהערן. און דער שמועס דאַרף צושטאַנדקומען. איך בין שולדיק דערין, וואָס צווישן אונדז האָט זיך אײַנגעשטעלט אַזאַ אײַזיקע באַציִונג, און איך וויל דער ערשטער דאָס אײַנברעכן...

דער אַלטער איז אויף אַ סעקונדע אַנטשוויגן געוואָרן און האָט פֿרעגנדיק אַ קוק געטאָן אויף קאָוושאָוון. יענער האָט פֿאַרזאָרגט זײַטיק אַ בליק געטאָן אָפּן ניט דערשריבענעם באַריכט, אַ זאָג געטאָן ערנסט און מיט־פֿילנדיק:

— איך הער אײַך, קוזמאַ קוזמיטש. זעצט זיך.

— אַליאָשע.. אײנער אַ קלוגער מענטש האָט מיר די טעג דערמאָנט די ווערטער פון וולאַדימיר איליטש לענין: „...ס׳איז ניט אַזוי געפערלעך די מאַפאָלע, ווי ס׳איז די מוירע זיך מוידע צו זײַן אין דער מאַפאָלע, די מוירע צו מאַכן דערפון אַלע אויספירן". ער האָט זיי מיר דערמאָנט ניט גלאַט אַזוי, נאָר זייער צו דער צײַט. איך האָב אין לעבן געליטן אַ שרעקלעכע מאַפאָלע און ניט פאַרשטאַנען זי, ניט אָנערקענט. ערשט האָב איך דערקענט מײַן מאַפאָלע און געמאַכט אויספירן. דערפון ווילט זיך מיר אָנהייבן אונדזער שמועס. נאָר איך באַשווער אײַך, וווּנדערט זיך ניט אַף דער אויסטערלישקייט פונעם שמועס, אַף מײַן אומדערוואַרטער עקסצענטרישקייט און דער אומאָרדענונג פון דעם, וואָס איך וועל דאָ אָנריידן...

אַלעקסיי איז ווירקלעך געווען פאַרווּנדערט. ער האָט זיך אַפילע דערשראָקן אין אָנהייב פאַר די כאַאָטישע און לײַדנשאַפטלעכע רייד פון דעם טאָמיד שווײַגנדיקן אַלטן, וואָס זײַטיקט זיך פון מענטשן. אײַלנדיק און איבערשפרינגענדיק פון איין טעמע אַף דער צווייטער, האָט קוזמאַ קוזמיטש גערעדט וועגן דעם, אַז פון אַ געוויסער צײַט איז ער, אומבאַמערקט פון זיך אַליין, אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט פון פאַלשע, קנעכטישע פאָרשטעלונגען וועגן דעם לעבן, און ערשט האָט זיך, מאַכמעס אַ מעכטיקן שטויס פון דרויסן, אַלץ אין אים אויפגעבונטעוועט און איבערגעדרייט מיטן קאָפ אַראָפ. ער האָט גערעדט וועגן כאַווער סטאַלינס אַרויסטרעטן דעם זעקסטן און זיבעטן נאָוועמבער, וועגן זאַלקינדס באַראַטונג און פעטיאַ הודקינס דעמאַסקירנדיקער רעדע, וועגן דעם טויט פונעם גענעראַל מיראָנאָוו און זײַן פלימעניק וואָלאָדיאַ, וועגן די פרײַנט פון דער קינדהייט און וועגן אַ יוגנט־שוווע אין אַ הײַזל באַם דניעפער, וועגן דעם אומבאַגרײַפלעכן לויף פון דער צײַט און וועגן זײַן פאַרלירן דעם געפיל פונעם לעבנס־ריטם, וועגן מאָצאַרטן און סאַליערין, וועגן זײַן פאַטראָן גרובסקין — דעם טרעגער פון דער עקלהאַפטער טעאָריע פון דעם זעלבסטצופרידענעם קליינבירגערטום, וואָס צוריקגעשטאַנענע איבערזשעניען פון זײַן עלטער רופן אָן „לאָיאַליטעט". „טשעפע דו מיך ניט, און איך וועל דיך ניט טשעפען — אָט וואָס דאָס דאָזיקע קליגלדיקע וואָרט באַדײַט!" — האָט דער אַלטער געצערנט. און דער קאָנקרעטער פויעל־יויצע: זײַן, טאָפאָליעווס, גלײַכגילטיקייט, קימאַט שאָדנפריידיקע באַציִונג צום פרווו, אָפצוּוואַרפן דעם אַלטן פראָיעקט פון דער נאָפטלייטונג און שאַפן אַ נײַעם. „יאָ, יאָ — כ׳בין זיך מוידע דערין, דער סאַליערי פונעם אַדון; דער טײַוול זאָל מיך נעמען!".

טאָפאָליעוו האָט איבערגעכאַפט דעם אָטעם און איבערגעשפרונגען אַף אַ נײַער טעמע.

— אַליאָשע, — האָט ער ווײַטער גערעדט, קנייטשנדיק אַ רויט טיכל אין די הענט, — געדענקט: אַ מענטש דאַרף טאָמיד זײַן אומצו־

פרידן מיט זיך. באַשולדיקט קיינמאָל ניט די אומשטענדן, ווען איר האָט ניט קיין דערפאָלג, בלויז זיך גופא. בלײַבט ניט שטיין אַף קיין אָרט. באַרוּיקט זיך ניט, ווערט ניט אָפּגעקילט, ווערט ניט אַלט אין גײַסט. זאָלן אײַך ניט לאָקן די לײַכטע צום דערגרייכן לעבנס־פריידן אַפן כעשבן פון די שווערע צו דערגרייכן גרויסע פריידן. אין לעבן איז פֿאַראַן אַ נענטערע און ווײַטערע פּערספּעקטיוו. באַגנוגנט זיך קיינמאָל ניט מיט דער נענטערער.

אין קאַבינעט האָט געטאָן אַ קוק אַרײַן די אויפרוימערן — אַן אַנגעכמורעטע זקיינע מיט אַן עמער און אַ שמאַטע אין די הענט. דערזען אַלעקסייען, האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געוואָלט אַרײַנגיין אויפראַמען. קאָוושאָוו האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און זי איז, שטייענדיק אַ רעגע צעמישט, נעלעם געוואָרן. דערנאָך האָט זיך באַוויזן פּילימאַנאָוו, אויך אים האָט אַלעקסיי אָפּגעשטעלט אַף דער שוועל. סאַפּאַליעוו האָט ווײַטער גערעדט, שטייענדיק אין דעם אויפגעשפּיליעטן פּאַלטן מיטן אויפגעשטעלטן קאָלנער, אין דעם היטל און גרויסן וואַרעמען שאַליק, אַרומגעוויקלט אַרום האַלדז. ער האָט גאָרניט און קיינעם ניט געזען, אויסער אַלעקסייען, און פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגענומען.

— דאָס לעבן איז קורץ, ס׳איז לאַנג בלויז פאַר מענטשן ליידיקגייער. שאַנעוועט די צײַט! טראַכט אָבער ניט, אַז איך פאַרלאַנג פון אײַך, צו שאַנעווען זיך אַליין. גאָט באַהיט, פאַרקערט! מען דאַרף זיך ניט שאַנעווען פאַרן לעבן. ס׳איז פאַראַן אַזאַ שפּריכוואָרט: דער האָט גוט געלעבט, ווער ס׳האָט זיך גוט אויסבאַהאַלטן. דאָס איז אַ שרעקלעך שפּריכוואָרט, פאַר אונדז טויג עס ניט — ניט פאַר מיר, ניט פאַר אײַך. לאָמיר עס איבערלאָזן פאַר גרובסקין און ענלעכע צו אים! שענקט זיך איינגאַנצן אַוועק דעם לעבן, אָבער ענטפערט זיך ניט איבער אַן ווילן זײַן שטראָם. זײַט טאָמיד צילבאַוווסט. וועגט יעדע מינוט פון שטאַנדפּונקט פון אַרבעט לעטוויוועס מענטשן.

ער האָט זיך אַף אַ רעגע פאַרקלערט. דערנאָך נאָך שנעלער ווײַטער גערעדט:

— דערלאָזט נאָר ניט, אַז די אַזוי געראָפענע לויפנדיקע אַרבעט זאָל אײַך אונטערזיאָכן. ביין, אונטעריאָכט איר זי. איר זאָלט מיך ניט פאַרשטיין, אַז קלוימערשט לערן איך אײַך, איר זאָלט זיך באַציִען פאַרריסן צו שוואַרצער אַרבעט און צו קלייניקייטן. טויזנט מאָל ביין! איך וויל זאָגן אַז אַרבעט דאַרף שטענדיק זײַן באַרוף. ניט נאָר איך נעגיר ניט שוואַרצע אַרבעט, פאַרקערט, איך פאַרלאַנג פון אײַך, איר זאָלט ליב האָבן קלייניקייטן. דורך זיי באַקומען מיר די ווערטפולע דערפאַרונג. איך האָב אײַך באַאָבאַכטעט און ווייס — איר ווילט צײַטנווײַז אַלץ אָפּטאָן שנעל אין מעשעך פון פינף מינוט, איר זײַט גרייט אַ סאַך זאַכן גרינגצושעצן. פאַרשטייט, דאָס איז אומדערלאָזלעך!

דער אַלטער האָט ווידער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און דעם רויטן טיכל, וואָס איז אין איר פאַרקוועטשט געווען, און דער דאָזיקער זשעסט איז ענלעך געווען אַף אַן אַלאַרעם־סיגנאַל.

— טראַכט זיך אַרײַן, אַליאָשע, אין דעם, וואָס כ׳האָב געזאָגט. איך האָב דאָס רעכט פון אַ מענטשן אַ לעבנס־דערפאַרענעם אײַך צו וואָרענען, און וואָרן אײַך. גאָט באַהיט, אַז מיט אײַך זאָל אַמאָל געשען דאָס זעלבע, וואָס מיט מיר: פּלוצים, נאָך אַ צײַטווײַליק פאַרלירן דעם לעבנס־ריטם, צו דערוואַכן זיך מאַכמעס אַ וועלכן עס איז שטויס און זיך איבערצײַגן, אַז אײַער צײַט, אײַער קראַפט, סייכל, טאַלאַנט זײַנען אויסגעטרישט געוואָרן אַף קופער־מאַטבייעס... אַך, ווי פײַנלעך און שרעקלעך דאָס איז, מײַן טײַערער, זיך צו איבערצײַגן נאָכן אונטערפירן אַ סאַכאַקל פונעם דורכגעלעבטן, אַז אַ סאַך איז אומפאַרגעבלעך געגאַנגען פאַרלוירן אַן נוץ, אַן זין, אומזיסט און אומנישט...

טאַפּאַליעוו האָט האַסטיק און ביטער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. זײַן אויפגערעגטקייט האָט זיך איבערגעגעבן אַלעקסייען. קאָוושאָוס פּאַנעם, וואָס איז געווען באַזאָרגט און פאַרטונקלט מאַכמעס דער פּראָסט־אָפּגעברווינטקייט, האָט אויפגעהעלט. טאַפּאַליעוו ווידער איז פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן און שווער זיך אַראָפּגעלאָזט אין פאָטעל. אַראָפּגערעדט זיך, איז ער ווי צו זיך געקומען. ער האָט דערזען דאָס טיכל באַ זיך אין האַנט און עס געשווינד באַהאַלטן. האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, אויפגעווילקלט דעם שאַליק, אַראָפּגעלייגט דעם אויפגעשטעלטן קאַלנער פונעם פּאַלטן — ס׳איז אים הייס געווען.

אַלעקסיי האָט געשוויגן. דער אַלטער האָט אויפגעהויבן די אויגן און, נאָכשפּירנדיק אַלעקסייס בליק, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער טיר. דאָרט זײַנען געשטאַנען גרעטשקין, זשעניע, פּעטיאַ הודקין, קאָבזעוו און פּילימאָנאָוו, הינטער זייערע פּלייצעס האָט זיך אַרויסגעזען ליבערמאַנס גרויס פּאַנעם. זיי האָבן געזען, אַז צווישן קאָוושאָוון און טאַפּאַליעוון קומט פאָר עפּעס אַ דערקלערונג, גאָר ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מען קען אים ניט איבעררײַסן און פאַרוואָס אַלעקסיי וויל ניט, זיי זאָלן אַרײַנגיין.

קאָוושאָוו האָט געזען, ווי פאַרדריסלעך דעם אַלטנס ברעמען האָבן זיך אויפגעהויבן, ווי ער האָט זיך פאַרקרימט, שוין האַבנדיק, מאַשמאָעס, כאַראַטע אַף דעם, וואָס ער האָט זיך פונאַנדערגערעדט.

— נו, וואָס, מירן דערויף ענדיקן, דער שמועס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, — האָט ער אַ מורמל געטאָן.

— אַנטשולדיקט מיר, כאַווײרים, — האָט זיך אַלעקסיי געוואַנדן צו די, וואָס שטייען באַ דער טיר. — איך בין זייער באַשעפטיקט מיט קוזמאַ קוזמיטשן, און כ׳קען זיך בעשום אויפן ניט אָפּרײַסן. אין אַ האַלבער שאָ אַרום וועל איך אײַך אַלע אויפזוכן.

זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען פֿאַרכידעשט. טאָפּאָליעוו איז געזעסן מיט אַ ביטערן שמייכל פֿאַרגליווערט אויפֿן פּאָנעם.

— קוזמאַ קוזמיטש, מײַן טײַערער, — האָט אַלעקסיי געזאָגט שטילערהייט. און דער אַלטער האָט זיך טייקעף באַרויִקט. דער יונגער איגזשעניער איז געשטאַנען פֿאַר אים מיט אַן אויפֿגעלעבט פּאָנעם, און לויטן בלויזן אויסדרוק פֿון זײַנע אויגן האָט מען געקענט פֿאַרשטיין: אַלץ, וואָס טאָפּאָליעוו האָט גערעדט, האָט ער גענומען ערנסט. — גלייבט מיר, אַז סײַ גופֿא אײַער ווענדן זיך צו מיר, סײַ אַלץ, וואָס איר האָט מיר געזאָגט, האָבן מיך גערירט ביז אין דער טיף פֿון מײַן געמיט. אָף אײַער אָפֿנהאַרציקייט וועל איך ענטפֿערן מיט אָפֿנהאַרציקייט. — אַלעקסיי האָט געפּרוּווט זיך פֿאַרציִען, נאָר זײַן פּאַפּיראָס איז שוין לאַנג געווען אויסגעלאָשן, און ער האָט אים אומזיסט גענאָגט מיט די ליפּן. — הײַנטיקע צײַט איז שווער צו געפֿינען אַ מענטשן, וואָס איז רויִק און צופֿרידן מיט זיך. נאָך מער, איך וועל אויפֿהערן האָבן צוטרוי צו אַ מענטשן, אויב איך וועל אים הײַנט זען אַ זעלבסטצופֿרידענעם און רויִקן. בײַ מיר אַליין זײַנען די דאָזיקע כאַדאָשים איבערגעפֿולט מיט איבערלעבענישן, וואָס אַזעלכע האָב איך פֿריִער ניט געקענט. איך בין דאָך געווען אויפֿן פֿראָנט, אַרײַנגעאָטעמט דעם רויך פֿון פּולווער, און ווי איך האָב זיך פּלוצים געפֿונען! איך האָב געוואָלט צוריק אין מיליטער, און ס'איז אַזוי שווער געווען אײַנצושטילן דעם דאָזיקן ברען און ריכטיק אַלץ באַנעמען.

אַלעקסיי האָט ענדלעך אַוועקגעוואָרפֿן דעם פֿאַרלאָשענעם פּאַפּיראָס. זײַן בליק איז געפֿאַלן אויף דער ערשטיקער שריפֿט פֿונעם ניט פֿאַרענדיקטן באַריכט. ער האָט אַנטשלאָסן אַ שאַר אַוועק געטאָן די בייגעלעך פּאַפּיר.

— איך צווייפֿל, צי כ'וועל קענען אײַך דערפֿרייען מיט אַ וועלכע ס'איז אַנטפּלעקונגען, — האָט ער זיך צעלאַכט, אין פֿאַרלעגנהייט צוליב טאָפּאָליעווס געשפּאַנטער בײַגעריקער דערוואַרטונג. — איך מיין אַזוי: מיר דאַרפֿן זיך פּאָשעט פֿון האַרץ אַראָפּריידן, נאָך דעם ווי מיר האָבן אַזוי לאַנג געשוויגן. נאָכער וועט אונדז לײַכטער זײַן צו אַרבעטן. — אַלעקסיי האָט געמאַכט אַ פּויזע, און דער אַלטער האָט האַסקאָמעדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. — מיר גלוסט זיך נאָר זאָגן אַ וואָרט אין אײַער פֿאַרטיידיקונג קעגן אײַערע אייגענע אָנפֿאַלן. איך ווייס ניט, וואָס ס'איז אַמאָל פֿאָרגעקומען אין אײַער לעבן, צוליב וועלכן איר האָט זיך פֿון אַ געוויסער צײַט אײַנגעשלאָסן אין זיך. נאָר סײַ איך, סײַ בערידזע, סײַ זאַלקינד, סײַ אַנדערע כאַווײרים האָבן פֿאַרשטאַנען: מיר האָבן ערשט פֿאַר זיך ניט דעם עמעסן טאָפּאָליעוו, נאָר עפּעס אַן אונטערגעשטעלטן מענטשן, אַ מענטשן עפּעס ניט אין זײַן עמעסער גרייס. אויב איר ווילט, האָט דאָס אויך פּעטיאַ הודקין פֿאַרשטאַנען אַזוי, אַניט וואָלט ער אײַך ניט פֿאַרטשעפּעט. און מיר האָבן קיין טאָעס ניט געהאַט: ס'איז אַן אונטערשייד צווישן טאָפּאָליעוון און גרובסקין!...

אַלעקסיי האָט זיך אויסגעריבן די אויגן — די אומגעשלאָפענע נעכט האָבן זיך געלאָזט פילן, ס'איז אים שווער געווען צו קוקן, ווי זײַנע אויגן וואָלטן זײַן פאַרשטויבט.

— זאָגט־זשע מיר דאָך, טײַערער קוזמאַ קוזמיטש, וואָס פאַר אַ פּראַקטישע אויספירן האָט איר געמאַכט פאַר זיך? ווײַל אויב מען זאָל ניט פאַרשטיין אײַער היינטיקן געמיט־צושטאַנד, וואָלט מען געקענט אָנ־נעמען, אַז איר האָט זיך אַנטוישט אין אײַער אינזשעניריש־בויערישער ספּעציאַליטעט, אין אײַער באַרוף, נאָך דעם ווי איר האָט אים אָוועקגע־געבן קנאַפּע פערציק יאָר. פאַרוואָס?

טאָפּאַליעוו האָט זיך האַסטיק אַ באַוועג געטאָן אין פאָטעל:

— מען דאַרף ניט ריידן וועגן מיר, פון אַזאַ הונדערטיעריקן זיידן וועסטו שוין עפּעס לײַטישעס ניט אַרויסבאַקומען. איך וויל נאָר, אַז מײַן טרויעריקע דערפאַרונג זאָל זײַן אַ לעקציע פאַר אײַך, דעם מענטשן, וואָס הייבט ערשט אָן צו לעבן.

אַלעקסיי האָט אײַנגעשפּאַרט אַ שאַקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַ פּאַסמע האָר איז אים אַראָפּגעפאַלן אָפן שטערן.

— דערווידערט ניט, קוזמאַ קוזמיטש, און האָט ניט קיין פּאַראַיבל, אויב איך וועל ריידן דאַווקע וועגן אײַך. אַניט וועט אונדזער שמועס צו קיין טאַלק ניט דערפירן.

עמעצער האָט ווידער געכאַפּט אַ קוק צו זיי און גלײַך פאַרשוווּנדן. קאָוושאָוו איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי פאַרמאַכט. קוזמאַ קוזמיטש האָט מיט אומגעדולד אים נאָכגעשפּירט.

— מיר האָבן פּעסטגעשטעלט דעם איקערדיקסטן עמעס: עס זײַנען ניטאָ באַ אונדז קיין וויכטיקערס פון אונדזערע פליכטן לעגאַבע דעם פאָטערלאַנד. לויט דער אַרבעט פאַר דעם דאַרף מען מעסטן יעדן. גוט. איר האָט געזאָגט: די צײַט פליט האַסטיק, אונדזער לעבן איז ענלעך צו אַ רוישיקן שטראָם. ריכטיק. און צי איז נייטיק אַ דערקלערונג, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי? נאָר אויב דאָס איז ריכטיק, מוז מען דעם שנעלן טעמפּ פון אונדזער עפּאָכע אָנגעמען אָן טײַנעס־אומײַנעס. מען מוז די אייגענע פערזאָן אונטערטעניקן דעם דאָזיקן שנעלן טעמפּ, אויפנעמען אים ווי אַ נאָרמאַלן לעבנס־צושטאַנד.

איבערן קאָרידאָר איז אַריבער אַ געררויש פון שטימען — די מיט־אַרבעטער זײַנען געקומען אָף דער אַרבעט.

אין קאַבינעט איז אַרײַנגעקומען מוזאַ פיליפּאָוונאַ, האָט פאַרריכט די פענסטער אָף דער נאַז און זיך באַגריסט אײַנגעהאַלטענער, ווי זי וואָלט עס געטאָן, ווען טאָפּאַליעוו וואָלט דאָ ניט געווען, — זי האָט זיך אַ בי־סעלע דערשראָקן פאַרן אַלטן און אים אַ ביסעלע ניט ליב געהאָט.

— דער הויפּט־אינזשעניער האָט מיר געהייסן אַ קוק טאָן, צי איר

זײַט זאָ, אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש. פּונקט נײַן אַזייגער דערוואַרט ער אײַך בײַ זיך.

קאָוושאָוו האָט אַ צעשויבער געטאָן די האָר און צוגערוקט צו זיך דאָס געשריפטס. קוזמאַ קוזמיטש האָט זיך אויפגעהויבן:

— מען וועט מוזן דעם שמועס אָפּלייגן.

— ניין, מירן ניט אָפּלייגן, — האָט אַלעקסיי ניט מאַסקים געווען.

— איר האָט אין אָנהייב געשטעלט אַ ריכטיקן באַדינג: דער דאָזיקער שמועס איז דער ערשטער און דער לעצטער, און מען מוז אים ביזן אָנהייב אַרבעטס־טאָג פאַרענדיקן.

קוזמאַ קוזמיטש האָט זיך געהאָרכזאַם אַנידערגעזעצט.

— איר זאָגט: „איך שטיק זיך. כ׳באַווײַז ניט נאָכלויפן דער צײַט, כ׳האָב אויסגעטרישט דעם טאַלאַנט אַף קופּערנע מאַטבייעס. כ׳האָב ניט דערפילט די שווע פון מײַן יוגנט — זיך אָפּגעקילט, ס׳איז אָפּגעטעמפּט געוואָרן די אינערץ פון באַוועגונג...“. איז דאָס ריכטיק, קוזמאַ קוזמיטש? ס׳איז זייער שיין, וואָס איר גופא מישפּעט זיך אַזוי שטרענג — דאָס הייסט, אַז איר זײַט לאַכלוטן ניט גענייגט צו רוען אַף די לאָרבער־בלעטער און שעפּן פון זיך נאָכעס... נאָר צי האָט איר ניט אין גרויסער היך אויסגערעדט אַף זיך בילבולים? מיר, יונגע אינזשעניערן, האָבן שטענדיק געקענט טאָפּאָליעוון ווי אַ גרויסן סאָוועטישן בויער און געזען אין אים אַ מוסטער אַף נאָכצומאַכן. איז דער דאָזיקער טאָפּאָליעוו געשטאָרבן, וואָס? וואָס איז מיט אים געשען? — אַלעקסיי האָט זיך געכאַפּט, אַז זײַנע האַסטיקע זשעסטן גיבן אויס זײַן אויפרעגונג, און ער האָט טייקעף אַרײַנגערוקט די הענט אין די קעשענעס פון פּעלצל. — אויך איך האָב אַף מײַן שטייגער אָפּגעגעבן אַ יוגנט־שווע — עפּשער אויך אַזוי ריינדיק און לעכערלעך. איר ווייסט, איך האָב אַפילע צוזאַמענגעשטעלט אַן אייגענעם פּינפּיאָרפּלאַן — פון דער לערע, אַרבעט, פאַרשייענע דערגרייכונגען. פון זינט דעמאָלט איז אַוועק צען יאָר. פאַר דער דאָזיקער צײַט האָב איך פאַרשטאַנען: אַ סאַך זאַכן געשעען אַנדערש, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט... דאָס, וואָס איר האָט אָנגערופן יוגנט־שווע, איז דאָך אַ געוויסער ווונדערשיינער טעזיס. דאָס לעבן פירט אַרײַן אויסבעסערונגען אין אונדזערע סכעמעס און טעזיסן. און דאָס איז גוט! מען קען זי דאָך ניט אַרײַנקוועטשן, ווי אַ שילערישן שאָען־פּלאַן, אין אַ הילצערן רעמל. ס׳איז נאָר וויכטיק ניט צו פאַרגעסן די דאָזיקע אייגענע שווע, דעם דאָזיקן אייגענעם פּינפּיאָרפּלאַן — צווישן די קאָמפּליקאַציעס און לעבנס־נעסיוינעס!...

אַלעקסיי האָט גערעדט אויפגערעגט. טאָפּאָליעוו האָט וואַרעם און ניט אָן כידעש געקוקט אַף זײַן שענער געוואָרענעם פּאָנעם.

— לאָמיר זיך פונאַנדערקלײַבן, אין וואָס באַשטייט דער אונטערשייד צווישן אונדז ביידע. איר האָט עפּעס גערעדט וועגן דעם נײַעם און

אַלטן מענטשן, וועגן מאַצאַרטן און סאַליערין און וועגן נאָך אַ סאַך זאַכן. מען דאַרף אָבער ניט, קוזמאַ קוזמיטש, פאַרקריכן אַף דעם באַנאַלן און פאַרעלטערטן שמועס וועגן אַלטע און נײַע ספּעציאַליסטן. לויט מיר איז דער אונטערשייד בלויז אין דער עלטער און אין די געוווינהייטן, אין דעם איבעריקן זײַנען מיר די זעלבע באַלעבאַטים. געוווינהייטן, דאַרף מען טראַכטן, איז אַ צווייטראַנגיקער איניען. זעט איר מיט דער עלטער איז שוין ערנסטער, איר זײַט ניט אין קיין באַקוועמער לאַגע. דאָס האַרץ, די מוסקולן, דער מאָגן — זיי האָבן זיך אָפּגענוצט. אין דעם פּראַט קען איך אײַך בלויז אויסדריקן מיטגעפיל. — אַלעקסיי האָט אַ שמייכל געטאָן גוט און פריילעך. טאָפּאָליעוו האָט אַ פיר געטאָן די האַנט איבער די וואָנסעס און אויך אַ שמייכל געטאָן — דאָס ערשטע מאָל אין קאָוושאָווס בײַזײַן. — טיפע עלטער! נו, וואָס, סאָפּקאָלסאָף דערוואַרט דאָך אויך מיר עפּעס ענלעכס. מיר זײַנען אינזשעניערן, און ווער־ווער, נאָר איך מיט אײַך ווייסן אַף געוויס: קיין זאַך דינט ניט אייביק. צי דאַרף מען אַרויסשטאַרצן די אויגן, אויב אין האַרץ באַווײַזט זיך עפּעס אַ רויש, און דער דאָקטער קאָנסטאַטירט אַרטעריאָסקלעראָז?... ס'איז נאַטירלעך, ניט אָנגענעם צו טראַכטן וועגן דער עלטער. נאָר צי דען איז אײַער טיפע עלטער אַ שטער? ניין! ניט דער איז אַלט, ווער ס'איז שוין אַ זעכציקער, נאָר דער, וואָס האָט אָנגעהויבן צו שימלען צו דרײַסיק. און איר זײַט דאָך ניט אַזעלכער! איך שטעל זיך זייער גוט פאָר, ווי איר זעט אויס אין די מינוטן, ווען איר אַרבעט מיט באַגײַסטערונג. באַגײַסטערונג און דערפאַרונג, אײַער דערפאַרונג — דאָס זײַנען די סאַמע ווערטפולסטע מיליאָנען קלייניקייטן, וועגן וועלכע איר האָט גערעדט...

— דערלויבט מיר, אַליאָשע, — האָט זיך דער אַלטער אויפגעהויבן, קוקנדיק אומרויִק אַף דער טיר, הינטער וועלכער ס'האָבן געטומלט שטימען.

— איך דערלויב ניט! איך האָב נאָך איין פראַגע צו אײַך... דאָס אַלץ, וואָס איר האָט געזאָגט וועגן אונדזער קנאַפּער דערפאַרונג, וועגן די גרויסע פאָדערונגען בענעגייע זיך — איז ריכטיק. רעדט וועגן דעם אָפטער און שאַרפער. יעדער פון אונדז, יונגע, וועט פאַרשטיין אײַערע טײַנעס און פאַר זיי קיין פאַראיבל ניט האָבן. נאָר איר האָט הײַנט אָוואַדע אַ יעסאָד אַזוי צו ריידן מיט אונדז — און דערפון מײַן פראַגע צו אײַך...

דער טעלעפאָן האָט פונדעסטוועגן אַ קלונג געטאָן. אַלעקסיי האָט, ניט בעמענדיק עס אין אַכט, געקוקט אַף טאָפּאָליעוון שוין אָן אַ שמייכל, שטרענג און פאָדערנדיק.

— וואָס פאַר אַ פראַגע ווילט איר מיר שטעלן, אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש? — האָט דער אַלטער אַ פרעג געטאָן, זיך רעגנדיק, און זיך אַפילע אויפגעהויבן פון דער שטול.

— יאָ, כ'האָב געוואָלט און כ'וויל, — האָט אַלעקסיי אָקעצנירט.

— איך דאַרף וויסן: וואָס־זשע פאַר אַ פּראַקטישן אויספיר פאַר זיך האָט איר געמאַכט אין לעצטן סאַכאַקל? וואָס קען מען פון אײַך דערוואַרטן?

טאָפּאָליעוו איז אַרומגעגאַנגען דעם טיש און, דערנענטערנדיק זיך האַרט צו אַלעקסייען, אַרויפגעלייגט אים הענט אַף די אַקסלען.

— טײַערינקער, איך בענק נאָך עכטער אַרבעט און וויל אָניאָגן דאָס דורכגעלאָזטע. דוכט זיך, אַז איך בין ערשט אַרויס פונעם טעמפּן ווינקל, אין וועלכן איך בין שטעקן געבליבן. לייגט אַרויף אַף מיר אַזויפיל אַר־בעט, אַז איך זאָל זיך אײַנבייגן אונטער איר מאַסע. העלפט מיר ענדלעך אַרײַנצופּאַסן זיך אינעם לעבנס־ריטם.

אַלעקסיי האָט זיך דערפרייט, האָגאָם ער האָט די דאָזיקע ווערטער דערוואַרט. ער האָט פעסט אַ דריק געטאָן דעם אַלטנס האַנט.

ס׳האָט ווידער אַ קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. אין קאַבינעט איז אַרײַנגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטע מוזאַ פּיליפּאָווגאַ.

— אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש, דער הויפּט־אינזשעניער איז אין קאַס. ער זאָגט, אַז ס׳איז שוין צײַט צו גיין צום כאַווער באַטמאַנאָוו.

אַלעקסיי האָט אָנגעהויבן אײַליק צונויפקלײַבן די פּאַפּירן אַפן טיש.

— אָך, וועל איך אַרײַנכאַפּן פון בערידזען: דער באַריכט איז ניט פאַרטיק. נאָר איך בין צופרידן, זייער צופרידן!

ער האָט זיך אײַליק געלאָזט נאָך דער אַרויסגעלאָפענער סעקרע־טאַרן. טאָפּאָליעוו האָט אים פאַרהאַלטן. דער אַלטער האָט אַרויסגענומען פון דער טעטשקע אַ פּינקטלעך צונויפגענייטן שטויס פּאַפּיר, באַשריבן מיט אַ דײַטלעכער קײַלעכיקער האַנטשריפט.

— אין דער איינזאַמקייט האָב איך אַ סאַך געטראַכט וועגן אַ מעג־לעכן אויפן אויסצוגראָבן די טראַנשייַ אינעם דורכגוס. לויט מיר האָבן מיר אַ פּאַסיקן אויסוועג: מאַכן די טראַנשיי דורך עקספּלאָזיעס. איך האָב אַמאָל געהאָט אַן ענלעכן פאַל, עמעס, אין אַ קלענערן מאַסשטאַב. נעמט מיט מיט זיך דעם פּראָיעקט, ווי אַ צוגאָב צו אײַער באַריכט. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, מײַן כיילעק אינעם שוטפעס.

אַלעקסיי האָט אַף דער שוועל אַ בלעטער געטאָן דעם פּראָיעקט. נאָך נים אַרײַנגעדרונגען אין די אייַנצלהייטן, האָט ער מיט דער אינטוי־ציע פון אַן אינזשעניער באַנומען, אַז ער האַלט אין די הענט, דוכט זיך, נעמלעך דאָס, וואָס עס האָט אין פּראָיעקט געפעלט.

אין קאָרידאָר האָט זיך דערהערט דאָס דריבנע קלאַפּן פון מוזאַ פּי־ליפּאָווגאָס אָפּצאָסן, זי איז ווידער געלאָפן. אַלעקסיי האָט אַ קוק געטאָן קוזמאַ קוזמיטשן אין די אויגן, אים צוגעצויגן צו זיך, הויך אַ קוש געטאָן אין די אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס, וואָס שמעקן היימישלעך מיט טאַבאַקע, און אַרויסגעלאָפן אינדרויסן.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען אָן איבעררײַס. טאָפּאָליעוו האָט דאָס ערשטע מאָל אין דאָזיקן צימער געגומען דאָס הער־רערל. איבער זײַנע באַקן זײַנען גערונען טרערן, ער האָט זיך פאַרקרימט, ווי פון ווייטיק און געשמייכלט. ער האָט פאַרגעסן צו זאָגן „כ׳הער“ אָדער „האַללאָ“, האָט פּאַשעט צוגעטראָגן דאָס רערל צום אויער — און דערהערט בערידזעס לײַדנשאַפטלעך זידלערײַ. דער הויפּט־אינזשעניער איז געווען אויסער זיך צוליב דער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פון קאָוושאָוו, וועלכער איז נאָך אַלץ צו אים ניט געקומען. טאָפּאָליעוו איז געשווינד אַרויס אין קאָרידאָר, אָנצוזאָגן אַלעקסייען — ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט ווי ס׳איז באַשיצן דעם יונגנמאַן פאַר בערידזעס צאָרן, נעמענדיק דעם דאָזיקן צאָרן אַף זיך. נאָר דאָ האָט ער דערזען אַ גרופּע מענטשן, וואָס שטופּן זיך בײַ דער טיר. צווישן זיי איז געווען פּעטיאַ הודקין און זשעניע קאָזלאָוו. טאָפּאָליעוו האָט זיי ניט געקענט פאַרבײַגיין.

— אַף וועמען וואַרט איר? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— אַף אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטשן, — האָט הודקין געענטפערט און צוגעגעבן מיט בעפּיירעשער פאַרוווּנדערונג: — ער האָט אונדז געזאָגט, מיר זאָלן זיך מיט אַלע אונדזערע פראַגעס ווענדן צו אײַך

— איז וואָס שטעקט איר דאָ, ס׳איז אײַך ניט אַ שאָד די צײַט? — האָט דער אַלטער אַ זאָג געטאָן הויך, באַמיִענדיק זיך ניט אַרויסצווײַזן זײַן רעגונג מאַכמעס דעם געדאַנק, אַז זײַן אָפּמאַך מיט אַלעקסייען איז שוין אַרײַן אין קראַפט. — קומט אַרײַן אַלע צוזאַמען, וועלן מיר זיך פונאַנדערקלײַבן!

ער האָט זיך געזעצט הינטערן טיש, אַרויסגענומען פון שופלאָד בלײַפעדערס, פונאַנדערגעלייגט פּאַפּירן, זײַטיק באַאָבאַכטנדיק בעיס־מײַסע זײַנע באַזוכער. זיי האָבן ניט געקענט אויסבאַהאַלטן זייער נײַגעריקייט — סײַ די רויִקע זשעניע, סײַ דער צעמישטער הודקין, סײַ דער אַנדערער טעכניקער פון קאָבזעווס גרופּע, סײַ די נאָך פּאַר אים אומבאַקאַנטע מיטאַרבעטער.

— ווער איז דער ערשטער? פאַרהאַנט האָט די פרוי, ניט אַזוי?

— האָט קוזמאַ קוזמיטש פריילעך אַ פרעג געטאָן און זיך געוואָנדן צו זשעניען: — ביטע, כאַווער עקאַנאָמיסט.

— איך קען צוואַרטן אַף קאָוושאָוון, — האָט זשעניע אַ זאָג געטאָן זיך קווענקלענדיק.

— צו וואָס וואַרטן? דערצו נאָך איז ער פאַרנומען, כ׳צווייפל צי איר וועט זיך אַף אים דערוואַרטן, — האָט טאָפּאָליעוו דערווידערט פעסט מיט אַ געוויסער איראָניע. — ווײַזט, וואָס האָט איר דאָ?

זשעניע האָט פונאַנדערגעלייגט אָפן טיש טאַבעלעס.

— ערשטנס, אַן אָפּעראַטיווע מעלדונג וועגן גאַנג פון דער אַרבעט, — האָט זי דערקלערט — צווייטנס, דער לויך־פּרעלימינאַר לויטן קוואַרטל־

פלאַן. כאָווער גרעטשקין בעט אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטשן נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן, צי האָט ער ניט צו מאַכן קיין באַמערקונגען.

— און דריטנס? — האָט דער אַלטער אַ פרעג געטאָן.

— פּאַרן אַרויספאָרן אַף דער טראַסע האָט מיך אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש געהייסן ענדערן די נאָרמעס און אויסרעכענען וויפל אַרבעטס־קראַפט ס'וועט נייטיק זײַן פאַר די ווינטערדיקע וועגן־אַרבעטן.

— נו, דאָס איז טשיקאַווע! — טאָפּאָליעוו האָט גענומען פון איר האַנט די אויסרעכענונגען און אַ קוק געטאָן אַף די קאָלומנעס דײַטלעך געשריבענע ציפערן. — אַף וואָס פאַר אַ קאַנט רעכנט אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש אויס אַזוי שטאַרק צו העכערן די נאָרמעס פון דער פּראָדוקציע?

— איך ווייס ניט.

— און ס'טויג ניט, וואָס איר ווייסט ניט, איר דאַרפט יאָ וויסן. — דער אַלטער האָט אָוועקגעלייגט די אויסרעכענונגען און זיך גענומען פאַר דער מעלדונג. — אַהאַ, ווי ס'האָט זיך פאַרויסגערוקט דאָס פונאַנדערפירן די רערן! צי האָט איר דאָ ניט קיין פעלער אין די ציפערן פונעם פינפטן באַצירק? ס'באַקומט זיך אַ ביסל צופיל!

— קיין פעלער איז ניטאָ, — האָט זשעניע געזאָגט זיכער. — בײַ ראַגאָזין גייען די אינזשענירן בעסער ווי בײַ אַלע, מיר קריגן פון אים מעלדונגען יעדן טאָג.

— אַזוי—וי, — האָט קוזמאַ קוזמיטש אויסגעצויגן. — כ'וועל אײַך בעטן: כאָווערטע קאָזלאָוו, ברענגען מיר שפּעטער אַ ביסל אַלע מאַטעריאַלן וועגן פלאַן און אַן אויספירלעכע מעלדונג וועגן דעם פאַרלויף פון דער אַרבעט אַף אַלע באַצירקן. גוט?

— איך הער, — האָט דאָס מיידל געענטפערט און איז אַוועקגעגאַנגען, זיך טוליענדיק אין איר ווײַסן פוכענעם שאַלעכל.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו די אַנדערע באַזוכער. איינער, געשיקט פון פעדאָסאָוון, האָט זיך געפרעגט, צי קען מען ניט פאַרטווישן דעם ביטום נומער דרײַ, וואָס איז נייטיק פאַר איזאָלאַציע צו די רערן, אַף אַ ביטום פון אַן אַנדער מאַרקע קוזמאַ קוזמיטש האָט פאַרשריבן די פראַגע, און צוגעזאָגט דרינגענדיק צו קאָנטראָלירן אין דער לאַבאָראַטאָריע, צי איז מעגלעך אַזאַ טויש צו מאַכן. אַ צווייטער האָט געבראַכט פון פיליםאַנאָוון אַ פּראָיעקט פון אַ פאַראָרדענונג אַרויסצוגעבן אַפּאַראַטן צום שווייסעווען באַזונדערע באַצירקן און געבעטן ענדגילטיק אים צו באַשטעטיקן. נאָך צוויי מענטשן זײַנען געקומען פון דער קעסל־קאַמער. ס'ווײַזט זיך אַרויס, אַז אַלעקסיי האָט נאָך פאַר זײַן אַרויספאָרן אַף דער טראַסע דערקלערט, אַז צוליב דער שולד פון דער קעסל־קאַמער פרירן אַלע מיטאַרבעטער פון דער פאַרוואַלטונג. די קעסלהייצער האָבן אויפגעוויזן, אַז אַלץ נעמט זיך פון דער נידעריקער קוואַליטעט פון די אַרטיקע קוילן און פון דער שלעכטער וואַרעם־איזאָלאַציע פון די בנינים.

— דער כאַווער קאָװשאָװ האָט מיר געהייסן מיט דעם זיך צו פאַר־נעמען, — האָט טאָפּאָליעװ געזאָגט, האָגאָם אַלעקסיי האָט עס אים ניט געהייסן. — כ׳וועל נאָך היינט אַראָפּגיין אין קעסל־קאַמער, און מיר וועלן זיך דאָרט אַרומקוקן, ווו די וואָרעם קומט אַהין.

ס׳האָט דעם אַלטן פאַרשאַפט אַן אויסערגעוויינלעכע האַנאָע דאָס ריידן מיט די מענטשן, דאָס אַריינדרינגען אין די איניאַנים. ער האָט גע־ווּסט, אַז איצט וועלן זיי מיט יעדער שאָ זיין אַלץ מערער.

פּעטקען האָט טאָפּאָליעװ מיט אַ קיוון איבערגעלאָזט אַפּן סאָף. אַ רע־גע האָט ער מיט אַ געמאַכטער שטרענגקייט געקוקט הודקינבן גלייך אין פּאָנעם אַריין. דער באַכער האָט פעסט אויסגעהאַלטן זיין בליק.

— מיט וואָס פאַר אַ פראַגע זייט איר געקומען צו אַלעקסיי ניקאָ־לאַיעוויטשן ? — האָט טאָפּאָליעװ געפרעגט.

— מיקויעך דעם אינזשעניער פורסאָװ. — פּעטקע האָט זיך פאַר־האַקט, אַ טראַכט טוענדיק, אַז ניט טאָפּאָליעװ דאַרף אַנטשיידן די דאָזיקע פראַגע

— וואָס אַזוינס איז דאָרט מיט פורסאָוון ?

— ווי־זשע לאַנג קען מען אים דולדן, קוזמאַ קוזמיטש ? — האָט פּעטקע אויסגעשאָסן. — ער לאַכט עפנטלעך אויס בערידזען און אונדז אַלע. גרובסקי האָט אים געזאָגט: „די טעג וועט פאַרקומען די לעוואַיע פונעם נייגעבוירענעם קינד״. דאָס איז וועגן אונדזער נייעם פּראָיעקט! גרובסקי האָט באַקומען אַ טעלעגראַמע, מען רופט אים אַרויס קיין רובע־זשאַנסק. ער האָט דאָך געשיקט אַהין אַ פּראָטעסט! פורסאָװ זאָגט: „פּיאָטר יעפּימאָוויטש האָט זיינס באַוויזן״...

טאָפּאָליעװן האָט צערודערט די דאָזיקע מיט ברען אַרויסגעזאָגטע מיטטיילונג — ער האָט לעגאַמרע פאַרגעסן, אַז זיין געוועזענער שעף קעמפט ווייטער, שטעלט אַ ווידערשטאַנד. „מירן נאָך זען, וואָס איר האָט דאָרט באַוויזן, פּילגעאַכטעטער פּיאָטר יעפּימאָוויטש״, האָט ער אַ טראַכט געטאָן און אַף אַ קאָל געפרעגט:

— ניט שויך־זשע זייט איר ניט, די גאַנצע קאָמפּאַניע, בעקויעך זיך אַן אײַצע צו געבן מיט איין פורסאָוון, אַרײַנגעמען אים אין די הענט אַרײַן

— ניט בעקויעך ? זאָל מען מיר נאָר דערלויבן, וועל איך אים דורכן פּענצטער אַרויסוואַרפן!

דער אַלטער האָט, פאַרזשמורענדיק די אויגן, באַטראַכט הודקינען, ווי ער וואָלט אים זען דאָס ערשטע מאָל. פון דעם באַכערס מאָגערער, אין אַ סוועטער אַרײַנגעצויגענער פיגור, האָט זיך אַרויסגעפּילט אַ גרויסע קראַפט.

— זאָל מען אים מיט גוטנס פון אונדז אַוועקנעמען! מיר ווילן ניט,

ער זאָל מיט זײַנע שמוציקע הענט זיך צורירן צו אונדזער פּראָיעקט! צי מעג מען אַזוי: טראַכטן איינס, און טאָן עפּעס אַנדערש, ווי פורסאָוו?

— מען טאָר ניט, האָט טאָפּאָליעוו גערן מאַסקים געווען. — איר האָט זיך שוין וועגן דעם געוואָנדן צו קאָווּשאָוון?

— קאָבזעוו האָט געזאָלט מיט אים ריידן, נאָר איר קענט דאָך קאָבזעוון. ער האָט זיך אַ ביסל געקאָכט און שנעל זיך אָפּגעקילט. פורסאָוו האָט אים אָוואַדע מיט עפּעס וואָס ווייכער געמאַכט. אָדער אים געזאָגט, אַז ער האָט געביטן זײַן מיינונג. פאַר אים איז דאָך עס אַ לײַכטע זאַך אַ דריי צו טאָן מיט דער צונג. אין קאָבזעווס בײַזײַן מאַכט ער דעם אָנשטעל פון אַזאַ געהאַרכזאַמען און שטילינקן.

קוזמאַ קוזמיטש האָט שווײַגעוודיק נאָכגעדענקט, און פּעטקע האָט שוין באַדויערט, וואָס ער האָט אים געזאָגט וועגן פורסאָוון. „דער אַלטער איז אויך איינס מיט גרובסקין", — איז אים אַדורך אין קאָפּ.

— זאָגט פורסאָוון, ער זאָל גלײַך אַרײַנקומען, — האָט טאָפּאָליעוו געזאָגט. — און קאָבזעוון זאָגט, אַז איך רוף אים אַרויס מיט די מאַטעריאַלן וועגן דעם פּראָיעקט. און אַליין קומט אויך צוריק, און פאַרבעט אויך אַהער אַלע איבעריקע כאַווײַרים, די, וואָס קאָבזעוו וועט האַלטן פאַר נייטיק...

פורסאָוו איז אַרײַנגעקומען מיט אַ גרייט זיס שמייכעלע, מיט אַכטונג געדריקט קוזמאַ קוזמיטשן די האַנט, זיך געפרעגט וועגן געזונט.

— וואָס פאַר אַ קאָנפליקט איז צווישן אײַך מיט הודקינען און די אַנדערע כאַווײַרים? — האָט טאָפּאָליעוו אַ פרעג געטאָן.

— איר ווייסט דאָך אַליין, קוזמאַ קוזמיטש, ווי זיי באַציִען זיך צו גרובסקין און צו אונדז אַלע, פּיאָטר יעפימאָוויטשעס אָנהענגער. זיי זײַנען פאַרקישעפט פון זייער שוואַרצבאַרדיקן בערידזען, און יעדעס וואָרט עמעס וועגן אים און זײַנע שאַרלאַטאַנישע פּראָיעקטן קאָכט זיי אויף. איך בין אַנטציקט, וואָס פּיאָטר יעפימאָוויטשן האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערווײַזן זײַן עמעס.

— האַלט איר אויך מיך, הייסט עס, פאַר גרובסקין אַן אָנהענגער?

— מען קען דאָך אײַך ניט האַלטן פאַר בערידזעס אַן אָנהענגער, קוזמאַ קוזמיטש! — פורסאָוו האָט זיך אָפּילע צעלאַכט. ער האָט ניט באַמערקט דעם אַלטנס אומפרײַנטלעכן און בייזן בליק.

— ס'וועט מיר פאַרשאַפן פאַרגעניגן אײַך צו אַנטוישן. איך בין דאָווקע בערידזעס אַן אָנהענגער און איך פאַרשטיי דורכויס, פאַרוואָס דער דאָזיקער גוטער הודקין און זײַנע כאַווײַרים קענען אײַך ניט דולדן אין זייער קאָלעקטיוו. — דער אַלטער האָט דאָס געזאָגט מיט אויפרעגונג און זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

— איר פאַרוווּנדערט מיך, קוזמאַ קוזמיטש. איך פאַרשטיי מאַמעש

ניט אַזעלכע רייד! — האָט פּורסאָוו אויסגעשריגן. — איר זײַט דאָך פּיאָטר יעפימאָוויטשעס נאָענטסטער פרײַנט...

— פון מאָרגן אָן באַמיט זיך ניט צו קומען אַהער! — האָט אים קוזמאַ קוזמיטש איבערגעריסן, אויפהייבנדיק די שטים. — גייט אין די קאַדרען־אָפּטיילונג און באַפרײַט זיך. כ׳וועל אַהין אָנקלינגען.

פּורסאָוו האָט ניט געקענט טויפעס זײַן, וואָס פאַר אַן ענדערונג עס איז פאָרגעקומען אינעם אַלטן, אָבער דערפילט דעם גאַנצן ערנסט פון זײַן טאָן און ווערטער.

— זיך באַפרײַען? — האָט ער איבערגעפרעגט. — איר באַפרײַט מיך פון דער אַרבעט? איר, אינזשעניער טאַפּאַליעוו?

— יאָ, איך, אינזשעניער טאַפּאַליעוו, באַפרײַ אײַך, דעם אינזשע־ניער פּורסאָוו.

— איך האָב געוויסנהאַפטיק געאַרבעט... אויסגעפירט קאָבזעווס אַלע אויפגאַבן — פרעגט באַ אים. עפּשער האָב איך עפּעס וואָס ניט פאַרשטאַנען, וועל איך זיך באַמיִען צו פאַרשטיין...

— גענוג. איך זע, איר זײַט גרייט אין איין מינוט צו ענדערן אײַער שטעלונג.

— אָבער איך האָב אַ פאַמיליע, קינדער... ס׳וועט מיר אויסקומען זוכן אַרבעט ערגעץ אַנדערש, און מען וועט מיך פרעגן, פאַרוואָס כ׳בין באַפרײַט געוואָרן פון דער בויונג, ווי מען נייטיקט זיך אַזוי אין ספּע־ציאַליסטן.

— אַוואַדע וועט מען פרעגן. נאָר וועגן דעם וואָלט איר געדאַרפט פריִער אַ טראַכט טאָן. גייט גיט איבער קאָבזעוון די איניאַנים...

פּורסאָוו, אין אַ גרינעם שאַליק אַרומגעוויקלט אַרום האַלדז, האָט אויסגעזען נעבעכדיק און דערשלאָגן. פון זײַן זעלבסטזיכערקייט און כשי־וועסדיקייט איז קיין שפור ניט געבליבן. אַ קוק געטאָן פון אונטערן שטערן אַף טאַפּאַליעוון און, זיך אָפּגעגעבן, קענטיק, אַ כעשבן, אַז אַף זײַן הילף האָט ער שוין ניט וואָס צו שטעלן, איז דער אינזשעניער אַרויסגעגאַנגען. קוזמאַ קוזמיטש האָט אים צוריקגערופן. דעם אַלטן איז פּלוצים אײַנגעפאַלן, אַז ערשט נעכטן האָבן בערידזע און קאָוושאָוו פּונקט אַזוי געקענט אַפּשיקן אין דער קאַדרען־אָפּטיילונג אים אַליין.

— ס׳איז מיר אַ שאָד אײַער פאַמיליע, און כ׳וועל ענדערן מײַן באַ־שלוס, — האָט ער האַרט אַ זאָג געטאָן. — איר וועט פאַרבלײַבן אַף דער בויונג, אָבער ניט אַף פּראָיעקטן־אַרבעט. מע וועט אײַך אַריבערפירן אַף דער טראַסע, און איר וועט דאָרט פאַרוויקלען בערידזעס פּראָיעקט. דאָרט וועט איר אים בעסער אָפּשאַצן.

פורסאָוו האָט געוואָלט דערווידערן. טאָפּאָליעוו האָט אים ניט געלאָזט ריידן.

— גייט! — האָט ער באַפוילן.

געבליבן אַליין, האָט קוזמאַ קוזמיטש געגומען אומגעדולדיק שפּרייזן איבערן קאַבינעט: ס׳איז געווען אַ כּיישעק ווײַטער עפּעס צו באַשליסן, טאָן, אין עפּעס זיך אַרײַנצומישן. ער האָט דערהערט דאָס אונטערפּײַפן פונעם סעלעקטאָר און געשווינד אָנגעטאָן די אויער־דערלעך. נעקראַסאָוו פון דריטן באַציִרק האָט אַרויסגערופן קאָוושאָוון.

— גוטמאָרגן, אַלטער כאָווער! — האָט קוזמאַ קוזמיטש באַגריסט נעקראַסאָוון. די אינזשעניערן האָבן זיך געקענט פון זייער געמיינזאַמער אַרבעט אויף אַנדערע בויונגען. — דאָס דאָס בין איך, קוזמאַ טאָפּאָליעוו. האָסט ניט דערקענט?

— שוין לאַנג ניט געהערט דײַן באַס, האָב איך ניט דערקענט! — נעקראַסאָוו האָט ניט פאַרבאָרגן זײַן פאַרוווּנדערונג.

— דערפאַר וועל איך דיר טייקעף פאַרשאַפן פרייד.

— מיט וואָס עפּעס?

— דו האָסט זיך געקלאָגט, אַז דו האָסט ניט די מעגלעכקייט אויסצונוצן דײַן דערפאַרונג אויפן געביט פון עקספּלאָזיעס.

— דו ווייסט אַליין, אויף דער דאָזיקער בויונג מאַכן מיר קימאַט ניט קיין עקספּלאָזיעס, און דאָס איז מײַן הויפּט־ספּעציאַליטעט.

— און אויב ס׳האָט זיך אָפּגעפונען אַרבעט פאַר דיר? און נאָך אַ וואָסערע!

— עפּעס כאַכמעסטו זיך דאָרט, אַלטער. רייד קלאָרער.

— זעץ זיך אַרײַן, פּרײַנט, אין אַ מאַשין און קום אַהער צו פאָרן...
וועסטו אַלץ פאַרשטיין.

— וואָס הייסט, קום צו פאָרן? דערויף דאַרף זײַן אַ פאַראָרדענונג פון באַטמאַנאָוון אָדער בערידזען.

— און איך בין פאַר דיר ניט נאַטשאַלסטווע?! זעץ זיך אַרײַן אין אַ מאַשין און קום צו פאָרן! פאַרשטאַנען?

די פּראָיעקטירער זײַנען אַרײַנגעקומען אין קאַבינעט אַ גאַנץ געזעמל, אָנגעפירט פון הודקינען. און אָנגעדערגעלייגט פאַר טאָפּאָליעוון אַ שטויס פאַפּירן מיט פּראָיעקטן.

קוזמאַ קוזמיטש האָט זיך אײַנגעבויגן איבערן טיש און אויף עטלעכע מינוט זשעדנע צוגעפאַלן צו די צייכענונגען. באַזונדערס האָט אים פאַראינטערעסירט אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שײַכעס צו די אַרבעטן באַם דורכגוס. דער אַלטער האָט זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן און אָנגעהויבן איבערמאַכן איינע אַ צייכענונג, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דעם פּראָצעס פון שווייסעווען די רערן אויפן אײַז. פעטיאַ הודקין האָט זיך אַ וואָרף

געטאָן צום טיש — ס'איז אים אַ שאָד געווען זײַן אַרבעט, וואָס ער האָט אויסגעפירט מיט דער אויסערסטער פלײַסיקייט. קאָבזעוו האָט פאַר־האַלטן דעם טעכניקער פאַר דער האַנט, אַלע האָבן געקוקט אַף טאָפּאָ־ליעוון. דעם אַלטנס אויגן האָבן געברענט, די האַנט מיטן בלײַפעדער האָט געאַרבעט מײַסים, פון דעם אַלטן אינזשעניערס גאַנצער פיגור האָט ווי אויסגעשטראַלט עלעקטריציטעט. אין איין מינוט האָט זיך אַף דער אויסגעפּאַרטיקטער צייכענונג באַוויזן אַ נעץ פון אויסבעסערונגען, אַ קאָ־לומנע נײַע אויסרעכענונגען.

— מיר וועלן מאַכן אַנדערש! — האָט זיך קוזמאַ קוזמיטש צוריק־געוואָרפן אַפן אָנלען פון פאָטעל. — מ'עט מוזן אַ סאַך איבעראַרבעטן.

קאָבזעוו און נאָך אים די איבעריקע פּראָיעקטירער זײַנען צוגעגאַנ־גען אַ קוק טאָן, וואָס דער אַלטער האָט אָנגעצייכנט אַפן וואַטמאַן־בויגן. אָבער ער האָט אַנידערגעלייגט זײַן גרויסע האַנט מיט בלויע אָדערן אַף דער צייכענונג.

— אַהער איז דערווײַל ניטאָ וואָס צו קוקן, דאָס איז אַ פּראָט. עס רעדט זיך וועגן איבערבויען דאָס אַלץ. וואָס איז געמאַכט געוואָרן וועגן דער אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטן אַפן דורכגוס. זאָגט מיר, וואָס פאַר אַ באַשלוס האָט איר באַקומען וועגן גראָבן די טראַנשיי אַפן דאָזיקן באַצירק?

— קיין באַשלוס איז, אין טאָך ניטאָ. דאָס איז אַ ווײַסער פלעק אַפן פּראָיעקט, — האָט קאָבזעוו געענטפערט. — איך האָף, אַז בערידזע און אַלעקסיי ניקאָלאַיעוויטש האָבן עפּעס געבראַכט פון דער טראַסע.

— אָט דאָס איז עס טאַקע — זיי האָבן געבראַכט! און דער ווײַ־סער פלעק איז שוין ניטאָ! — האָט טאָפּאָליעוו געזאָגט מיט יובל. — די טראַנשיי וועלן מיר מאַכן מיט עקספּלאָזיעס!...

זיך אָנגעקוקט מיטן אַרויסגערופענעם אײַנדרוק, האָט ער אַלע געבעטן זיצן און אָנגעהויבן אויפקלערן דעם טאָך פון זײַן פּראָיעקט, ניט דערמאָנענדיק, אַז ער איז עס דער אויטאָר. אַפן סאַמע אינטערעסאַנטסטן אָרט האָט זײַנע דערקלערונגען איבערגעריסן דער אַרײַנקום פונעם סעק־רעטאַר פון דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג: באַטמאַנאָוו האָט גערופן טאָפּאָליעוון צו זיך.

„אַהאַ, אַלטער, גייסט אַרײַן אין דער מאָדע!" — האָט זיך טאָפּאָ־ליעוו צופרידן אַ טראַכט געטאָן. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, געוואַרט. אַז אָט אָט וועט מען אים רופן. ער איז קימאַט געלאָפן איבערן קאָרידאָר. קאָבזעוו און הודקין האָבן קוים באַוויזן אים נאָכצוגיין.

— קוזמאַ קוזמיטש, איר וואָלט דאַרפן דערקלערן ביזן סאָף, אַזוי

וועלן מיר ערשט ניט קענען אַרבעטן ביז איר וועט צוריקקומען, — האָט הודקין געבעטן.
טאַפּאַליעוו האָט ניט געהערט. ער האָט אַלץ געמאַכט שנעלערע טריט. זײַנע וואָנסעס האָבן זיך באַוועגט, דער אַלטער האָט קוים צו דער־הערן אונטערגעזונגען מיט אַ באַסעלע:

אַז דער גוף און די נשמה
זאָלן יונג זײַן, זאָלן יונג זײַן...
האָב ניט מוירע פאַר קיין היץ און קעלט,
פאַרהאַרטעווע זיך ווי שטאָל!...

ס׳האָט אים באַהערשט אַן אומגעהײַערער ווילן צו זײַן טעטיק, צו קעמפן; ס׳האָט אים פאַרכאַפּט יענע פולקייט פון לעבן, וואָס מען קען אָנרופן גליק.

קאַפּיטל נײַן

דער פּראָיעקט איז אָנגענומען

פֿאַרן אָרויספֿאָרן מיט די אינזשעניערן קיין רובעזשאַנסק אַף דער אָרויספֿאָדערונג פֿונעם באַפֿולמעכטיקטן פֿון דעם מעלוכישן פֿאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט, האָט באַטמאַנאָוו צונויפֿגערופֿן בײַ זיך אַ גרויסע באַראַטונג. מען האָט באַדאַרפֿט ריידן וועגן נײַעם פּראָיעקט. ערשט וואָלט זיך אין דער פֿאַרוואַלטונג, מיסטאָמע, ניט געפֿונען קיין איין אָפֿענער קעגנער פֿונעם נײַעם פּראָיעקט. מיטן אויסנאָם פֿון גרובסקין. פֿונדעסטוועגן וואָלט מען אויך ניט געקענט אַלע האַלטן אין דער פֿולער מאָס פֿאַר אַנהענגער פֿון בערידזעס אידעען. די דאָזיקע אידעען האָבן סײַ־ווי־סײַ געווען די צוגענומענע מיינונגען און אויסגעוויזן צו זײַן אַזעלכע געוואָגטע, אַז אייניקע אינזשעניערן, האָגאָט זיי האָבן זיי ניט אָפּגעפֿרעגט, און אַפֿילע זיך אַנטציקט מיט זיי, זײַנען דערבײַ פֿאָרט ניט זיכער געווען, צי וועט זיך אײַנגעבן זיי צו פֿאַרווירקלעכן. אייניקע האָבן נאָך בערידזען ניט פֿאַרשטאַנען, געהאַלטן אים פֿאַר אַ טאַלאַנטירטן און געניטן אינזשעניער, וועלכער איז אָבער צופֿיל לײַדנשאַפֿטלעך און פֿעיִק צו ריזיקן אַן אַ זין.

באַטמאַנאָוו, וועלכער האָט זיך מיט די אייגענע אויגן איבערצײַגט, אַף וויפֿל די בויער גופֿע פֿון דער טראַסע קעמפֿן פֿאַרן נײַעם פּראָיעקט און פֿירן זיך שוין, אייגנטלעך, לויט זײַנע קלאַלים, האָט געוווּסט, אַז אָפּזאָגן זיך איצט פֿון אים איז ניט מעגלעך. פֿונדעסטוועגן זײַנען די פֿאַרשטייענדיקע רײַזע קיין רובעזשאַנסק און די דאָזיקע פֿאַרבאַראַטונג ניט געווען פֿאַר אים קיין בלויזע פֿאָרמאַליטעטן. סײַ ער, סײַ זאַלקינד, באַשליסנדיק צונויפֿצופֿירן בערידזען מיט גרובסקין אַף אַן אייגנאַרטיקן דועל, האָבן געוואָלט שטעלן דעם נײַעם פּראָיעקט פֿאַר אַ לעצטן עקזאַמען. ביידע האָבן פֿאַרשטאַנען, אַף וואָס פֿאַר אַ ריזיקע זיי זײַנען געגאַנגען, ווען זיי האָבן געגעבן בערידזען די פֿרײַהייט אין זײַן פּראַקטישער טעטיקייט, — דעם נײַעם פּראָיעקט האָט מען דאָך אָנגעהויבן צו רעאַליזירן נאָך איידער ער איז באַשטעטיקט געוואָרן. אויב אין רובעזשאַנסק,

און נאָכער אין מאָסקווע וועלן אָפּגעבירט ווערן בערידזעס מיינונגען, וועט אַלץ זײַן אין אָרדענונג. און וואָס אויב בערידזע האָט אין עפּעס אַ טעות געהאַט, און ס'וועט באַקומען די איבערהאַנט גרובסקיס פּאָריזיכטיקע אַרגומענטאַציע? דעמאָלט איז די בויונג אַרײַן אין אַ טעמפּן ווינקל. און זיי, אירע אָנפירער, וואָלטן באַשטראָפט געוואָרן לויט דער פולער שטרענגקייט פון מילכאָמע־צײַט.

אַלע, וועלכע באַטמאַנאָוו האָט צו זיך אַרויסגערופן, האָבן געפילט דעם ערנסט פונעם מאָמענט. שוין גופע דאָס צוזאַמענרופן די באַראַטונג האָט אָנגעשפּיצט די מענטשן. גרעטשקין האָט, גייענדיק איבערן קאָרידאָר מיט פילימאָנאָוון, גערעדט באַאומרויִקט:

— מיר גלייבן בערידזען, און טאָמער האָט ער גראָד אַ טעות? ניט אומזיסט רופט מען דאָך אַרויס קיין רובעזשאַנסק. און אויך פון מאָסקווע האָט מען, זיכער, סיגנאַליזירט פּיסאַרעוון: קלײַב זיך פונאַנדער, וואָס זיי האָבן דאָרט אָנגעאַרבעט!... וואָס מען זאָל ניט זאָגן, האָבן דאָך די מענטשן יאָרן געהאָרעוועט איבערן פּראָיעקט. און אונדזער גרוזין האָט אַלץ איבערגעדרייט!

גרעטשקין האָט געוואָלט מיטן שמועס פונאַנדערטרײַבן זײַנע ספּייקעס, אָבער פילימאָנאָוו האָט, לויט זײַן געוווינהייט, געשוויגן.

די מענטשן האָבן אויפמערקזאַם באַאָבאַכטעט דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג און זיך באַמיט לויט זײַן אויסזען זיך אָנצושטויסן, וואָס זיי דערוואַרט. באַטמאַנאָוו איז, ווי טאָמיד, געווען רויִק און טיכטיק, זײַן אַרײַנפיר־וואָרט האָט ניט פאַרשטאַרקט די ספּייקעס, און אויך ניט באַרויִקט. ס'האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז ער האָט באַשלאָסן ניט צו באַווירקן דעם פאַרלויף פון די איניאַנים. באַטראַכטנדיק די פאַרזאַמלטע, האָט דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג באַמערקט. וואָס פאַר אַ געפילן ס'האָבן זיי באַהערשט. די דאָזיקע געפילן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט ניט בלויז אויף גרעטשקינס פּנעם, וועלכער האָט גאָרניט געקענט פאַרבאָרגן, נאָר אויך אויף פילימאָנאָווס אומדורכדרינגלעכער פיזיאָנאָמיע. באַטמאַנאָוו האָט ניט ווילנדיק אַ טראַכט געטאָן, אַז קיינמאָל האָט זיך נאָך ניט געטראָפן אין זײַן אַרבעט אַ מער קאָמפּליצירטע לאַגע, ווי איצט. געמלעך איצט, ווען זײַן אַרמיי איז גרייט צום שלאַכט, האָט זיך אַלץ געקענט איבערוואַלגערן.

די „קעגנער" האָבן זיך געזעצט איינער קעגן צווייטן. עפּעס איז אַזוי אַרויסגעקומען, אַז גרובסקי איז געבליבן אַליין — קיינער האָט זיך ניט געזעצט לעבן אים אָדער אַפילע נאָענט צו אים. דער ערשטער האָט באַקומען, אומדערוואַרט, דאָס וואָרט בערידזע. בײַ גרעטשקינען האָבן זיך פאַרכידעשט אויפגעהויבן די ברעמען: באַטמאַנאָוו האָט ווי ספּעציעל געשטעלט דעם הויפּט־אינזשעניער אין אַ ווייניקער באַקוועמער פּאָזיציע.

בערידזע האָט, האַלטנדיק פאַר זיך אַ רעפעראַט, אָפּגעדרוקט אויף

אַ שרײַבמאַשינקע, אָנגעהויבן אים פאַרצולייענען רויִק און גלײַכמעסיק. נאָר איבערגייענדיק צום איקער — צום אַריבערטראָגן די טראַסע אַפן לינקן ברעג, — האָט ער זיך צעהיצט, אַוועקגעלייגט דעם רעפעראַט אין אַ זײַט און אָן איבעררײַס גערעדט מער פון אַ שאָ. אַלעקסיי האָט, אין גאַנג פון זײַן אַרויסברענגען די געדאַנקען, אַפן אָרט דעמאָנסטרירט די וואַטמאַן־בויגנס מיט די צייכענונגען און סכעמעס. מיט זײַן רעדע, אַ לײַדנשאַפטלעכע און לעבעדיקע, האָט בערידזע מיטגעריסן אַלע, און ווען ער האָט זיך געזעצט אַפן אָרט, האָבן די פאַרזאַמלטע ניט געקענט זיך אָפּהאַלטן פון אַפּלאָדיסמענטן.

דערנאָך האָט זיך אויפגעשטעלט גרובסקי. פאַר אים זײַנען געלעגן אָנגעהויפנט די בענד פונעם אַלטן פראָיעקט אין גראַנאַטענע דערמאַטינענע אײַנבונדן. ער האָט אָנגעהויבן רעדן. אַרויפלייגנדיק אַף זיי די האַנט, און די דאָזיקע באַוועגונג האָט ווי באַשטימט דעם כאַראַקטער פון זײַן אַרויסטריט. גרובסקי האָט קימאַט ניט באַרירט דעם אַלטן פראָיעקט — איז דען נייטיק, זאָל עס הייסן, צו רעדן וועגן אים, אָט זײַנען די צען בענד, און וועסט זיי מיט דער האַנט ניט אַוועקמאַכן. ער האָט בלויז קריטיקירט בערידזעס מיינונגען, און די קריטיק איז ניט אָרעם געווען אין קיין אַרגומענטן. ער האָט גערעדט איבערצײַגט און לײַכט, דאָס האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק. בערידזע, וועלכער האָט פון אים ניט אַוועקגענומען די ברענענדיקע אויגן, האָט זיך אויפגעקאָכט:

— איר דאַרפט פאַרטיידיקן דעם אַלטן פראָיעקט, און ניט אָנפאַלן אַפן פרעמדן! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — מען קען מיינען, מ׳האָט אײַך אײַנגעלאַדן אַף אַ קאָנסולטאַציע.

גרובסקי האָט, פאַרקרימענדיק זיך, געבעטן, מען זאָל אים באַפרײַען פון עמאָציאָנעלע אָנפאַלן, וואָס האָבן קיין שײַכעס ניט צום איניען.

— ניט ריכטיק, מײַנע עמאָציעס האָבן אַ שײַכעס צום איניען! און ס׳וואָלט גוט געווען, ווען אויך איר זאָלט האָבן עמאָציעס און טראַכטן וועגן גורל פון דער באַפעלייטונג און וועגן גורל פונעם פאָטערלאַנד!

— איך בין ניט ווייניקער פון אײַך באַזאָרגט וועגן גורל פון דער באַפעלייטונג און גורל פון פאָטערלאַנד, — האָט גרובסקי ערנסט אַ זאָג געטאָן, ניט קוקנדיק אַף בערידזען.

— דעמאָלט הערט זיך אויף צו האַלטן פאַר די דאָזיקע דיקע פאָליאַנטן און זאָגט, ווי אויסצופירן די אויפגאַבע פון דער רעגירונג! — האָט בערידזע אַ געשריי געטאָן. — איינער אַ כאַוועך, אַן אַרטילעריסט, האָט מיר געשריבן פון פראָנט, אַז די מילכאָמע האָט דערוויזן די אומטויגלעכקייט פון געוויסע גענעראַל־מוסטערן; אײַער פראָיעקט איז אַן אַלטער האַרמאַט, וואָס מען מוז אים טייקעף פאַרטוישן. און איר פרוווט זיך אַלץ צו דערשלאָגן מיט אים דעם סוינע. איר קענט זיך שוין באַטראַכטן פאַר אַ דערהאַרגעטן.

— און איר האָט דערפונדן אַ נײַעם האַרמאַט, וועלכער מאַכט אָן בלויז אַ טומל ! — האָט זיך גרובסקי צעבייזערט. — מען קען פון אים שיסן בלויז וואָראָבייטשיקעס. צום באַדויערן, וועט די דאָזיקע שפּיל טײַער קאָסטן דער מעלוכע ! . . .

דער זאַכלעכער גאַנג פון דער באַראַטונג איז צעשטערט געוואָרן. ליבערמאַן האָט שוין, קוקנדיק זײַטיק אַף באַטמאַנאָוון, עפּעס געשעפּטשעט צו פּעדאָסאָוון, און יענער האָט געשמייכלט. גרעטשקין האָט אויפגערעגט זיך דורכגערעדט מיט פילימאָנאָוון. אַלעקסיי האָט מיט כידעש געקוקט אַף באַטמאַנאָוון, ניט פאַרשטייענדיק פאַרוואָס ער מישט זיך ניט אַרײַן. ווירקלעך, דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט ווי ניט געפירט דעם פאָרזיץ אַף דער באַראַטונג ; ער האָט ניט געשטערט בערידזען און גרובסקין אַרײַנזאָגן זיך איינער דעם אַנדערן און. נאָכפאָלגנדיק זייערע רייד, בלויז אויסגעדרייט דעם קאָפּ דאָ צו איינעם, דאָ צום צווייטן.

ווען גרובסקי און בערידזע זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן, האָט באַטמאַנאָוו געבעטן דעם הויפּט־אינזשעניער, ער זאָל אין קורצן איבערכאַזערן די הויפּט־האַנאָכעס פונעם נײַעם פּראָיעקט. בערידזע האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַף באַטמאַנאָוון און, ווי ער וואָלט פון אים געשעפּט באַרויקונג, אין מעשעך פון צען מינוט קאָנספּעקטיוו איבערגעכאַזערט דעם רעפעראַט.

— מיר לייגן פאָר, — האָט ער געזאָגט, — צו פירן די טראַסע ביז דער אַלגאַכטע אַפן לינקן ברעג. וואָס דאָס וועט אונדז געבן ? מיר פאַרקירצן די נאַפטלייטונג אַף אַ האַלבער מייע קילאָמעטערס, אַזוי אַרום וועלן אונדז קלעקן רערן — דאָס איז איינס. מיר פאַרלײַכטערן דאָס אויסלייגן די רערן, ווײַל דער פּראָפיל פונעם לינקן ברעג איז אַ סאַך גראַדער, — האָבן מיר צוויי. האַלטנדיק זיך באַם לינקן ברעג. מײַדן מיר אויס די רעכטברעגיקע שורע סאָפּקעס און פאַרשפּאָרן שוין צו בויען אַ צווייטע פּאָמפּע־סטאַנציע איבערצופּאָמפּעווען דעם נאַפט אַפן קאָנטינענט — האָבן מיר דרײַ. מען וועט ניט דאַרפן צוויי מאָל איבערגיין דעם אַדון און בויען אַף אים דיוקערס, וואָס קאָסטן טײַער און נעמען צו אַ סאַך אַרבעט — האָבן מיר פיר ! לעסאָף האָט דער לינקער ברעג נאָך אַ מײַלע. די בויונג האָט ניט אין אים קיין דירעקטן אינטערעס, דערפאַר אָבער זײַנען אין אים פאַראינטערעסירט דער קאַנט, די שטאָט נאָווינסק און די באַפעלקערונג אַרום דעם אַדון. ווי באַוווסט, פאַרענדיקט זיך די באַנליניע, וואָס ציט זיך פון דער באַן־מאַגיסטראַל, בא נאָווינסק. ווײַטער אַף צאָפן זײַנען קיין וועגן ניט פאַראַן. אונדזער טראַסע אַפן לינקן ברעג וועט שאַפן דעם דאָזיקן וועג אַף צאָפן. די שטאָט וועט זומער און ווינטער האָבן אַ גוטע פאַרבינדונג מיט אַלע יִישווים אַפן אַדון, ווײַל אַפן רעכטן ברעג ליגן בלויז אייניקע פון זיי. אויסער דעם וועט אונדז דער דאָזיקער וועגן צופירן נענטער צום טײַך אַלגאַכטע. וועלכער וועט, לויט מײַן טיפער

איבערצײַגונג, וועגן אין דער צוקונפט דער קוואַל פון עלעקטראָ־ענערגיע פאַר דער גאַנצער אינדוסטריע. נעמלעך אַף דער אַלגאַבטע וועלן די ווינטמיזרעכניקעס אויפבויען די ערשטע מעכטיקע הידראָסטאַנציע.

— אַגעוו, כאַווײַרים, האָט אויך דעם פּראָיעקט פון דער דאָזיקער הידראָסטאַנציע געשאַפן אונדזער הויפּט־אינזשעניער! — האָט אויפגערעגט אַ געשריי געטאָן גרעטשקין, וועלכער איז מיטגעריסן געוואָרן פון בערידזעס כעשבן, אויסערלעך אַ טרוקענער, אָבער לויטן טאָן אַן אויסגעפילטער מיט שעפערישער לײַדנשאַפט.

פילימאָנאָוו האָט אים בישטיקע צוריקגעהאַלטן. גרעטשקין האָט זיך אַרומגעקוקט און, קומענדיק אין פאַרלעגנהייט אַרײַנגעשעפּטשעט דעם שאָכן אין אויער:

— אָט אַ מאַמזערישע באָרד — ער האָט מיך פּאַשעט פאַרהיפּנאָטיזירט! ווי נאָר ער הייבט אָן ריידן, ווי נאָר ער הייבט אָן בליצן מיט די אויגאַנעס, אַזוי טראָגט עס מיך אונטער. איך האָב שוין פאַרגעסן אַלע מײַנע ספּייקעס!...

— מיר לייגן פאָר, — האָט בערידזע אויפגעהויבן די שטים. — צו בויען דעם איבערגאַנג דורכן דורכגוס אום ווינטער און ניט וואַרטן אויף זומער. מיר האָבן בעדייע צו גראָבן די טראַנשיי אָפן גרונט פון דורכגוס ניט מיט קיין ערד־שעפערס, נאָר מיט דער הילף פון עקספּלאָזיעס. מיר לייגן פאָר דורכצופירן דאָס שווייסעווען די רערן אָפן ברעג אין גרויסע טיילן, קעדיי נאָכער זיי אַראָפּפירן אָפן אײַז און פונעם אײַז אַראָפּלאָזן אינעם דורכגוס... ווײַטער לייגט דער נײַער פּראָיעקט פאָר צו פאַרקלענערן דעם פאַרנעם פון די אַרבעטן פון דער ערשטער ריי. אַף צו לאָזן דעם נאַפט דורך די רערן דאַרף מען מאַכן בלויז דאָס, אַז וועלכן מען קען דעם נאַפט ניט לאָזן, אַלדאָס איבעריקע קען מען מאַכן שפּעטער. אַזוי אַרום וועלן מיר אײַנשפּאָרן אַ סאַך צײַט און קענען אויסקומען מיט דעם סכום אַרבעט־קראַפט, וואָס איז בײַ אונדז פאַראַן... וואָס מיר לייגן פאָר דערווײַל צו רעדוצירן? אַף די איבערגאַנג איבערן טײַך און איבערן דורכגוס ניט בויען פאַראַמאָל צוויי רערן־ליניעס, נאָר באַגיין זיך מיט איינער. די צווייטע רעזערוו־ליניעס וועט מען קענען בויען, ווען דער נאַפט וועט שוין גיין אַף די ערשטע ליניעס. מען מעג דרײַסט טאָפּלט פאַרקלענערן די גרייס פון די ציסטערנעס אַף די מיטעלע פונקטן, ווו עס ווערט איבערגעפּאָמפּעוועט דער נאַפט, און ציסטערנעס פון פולן פאַרנעם אויפבויען. ווידער דאָס אייגענע, שפּעטער...

בערידזע האָט איבערגעפירט דעם בליק איבער אַלע און ווײַטער גערעדט:

— ס'איז קלאָר, אַז מיר וועלן דאַרפן אײַנגראָבן די נאַפטערערן אין דער ערד, נעמענדיק אין באַטראַכט דעם כאַראַקטער פונעם ווינטמיזרעכדיקן ווינטער, אַף אַ טיף פון צוויי מעטער און צען סענטימעטער. דערמיט

װערן געשאַפֿן גלײַכמעסיקע טעמפּעראַטור־באַדינגונגען פֿאַר די רערן, פֿאַשטעטער געזאָגט — די רערן װערן באַװאָרנט פֿאַר דורכגעפֿרירן װערן און שאַרפֿע טעמפּעראַטור־ענדערונגען. הײסט עס, אַפֿן גאַנצן שטעטך פֿון דער באַפֿעלייטונג װעט אױסקומען אױסצוגראָבן אַ טיפֿע טראַנשײ און, אױסלײגנדיק אין איר די רערן, צוריק אײַנשיטן די ערד, פֿאַרשיטן די טראַנשײ. דאָס איז ניט קײן אײן מיליאָן קובאַמעטער! אױב מיר װעלן אַפֿילע לאָזן אין גאַנג אַלע ערדגרעבער, װי אַ צוגאָב צו די, װאָס דער קאַנט קען אונדז צושטעלן. װעלן מיר אױך ניט אימשטאַנד זײַן איבער־צװוּאַרפֿן אַזױפֿיל ערד, אױב מיר װעלן ניט פֿאַרטאָפּלען די צאָל פֿון די אַרבעטס־הענט. דערפֿאַר לײגן מיר פֿאָר צו גראָבן די טראַנשײ בלױז אײן מעטער די טיף, און ניט צװײ, קעדײ שפּעטער, װען ס'װעט באַ אונדז פֿרײַ װערן די הױפּט אַרבעטער־מאַסע, צו מאַכן איבער דער טראַנשײ אַן ערד־װאַל פֿון אַ מעטער. נאָר אַף אַזאַ אױפֿן װעט מען קענען זיך אַן אײצע טאָן און ניט דאַרפֿן בעטן באַ דער רעגירונג נאָך עטלעכע טױזנט אַרבעטער... דאָס זײַנען אונדזערע איקערדיקע פֿאָרשלאָגן, קעדײ צו זײַן קורץ. מען קען זײ נאָך באַפֿעסטיקן מיט טעכנישע אױסרעכענונגען... דערלױבט צו מאַכן אַן אױספֿיר: אַלע שריט פֿונעם נײַעם פּראָיעקט, צו־זאַמענגענומען, װעלן אונדז געבן די מעגלעכקײט צו לאָזן דעם נאַפֿט פֿונעם אײנדזל קײן באַװינסק צום טערמין, דאָס הײסט צום קומענדיקן יאָרטאָג פֿון דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע!

די מערהײט אָנטײלנעמער אין דער פֿאַרזאַמלונג האָבן שױן פֿריִער געװוּסט דאָס, װאָס בערידזע האָט נאָכאַמאָל איבערגעזאָגט. אין קורס פֿון אַלע פּראָטים פֿונעם נײַעם פּראָיעקט איז, נאַטירלעך, געװען אױך באַטמאַנאָװ. פֿונדעסטװעגן האָבן סײַ ער, סײַ די איבעריקע אױסגעהערט דעם הױפּט־אינזשעניער מיט אױסערגעװײנלעכער אױפֿמערקזאַמקײט, אָפּ־שאַצנדיק אין ראַיען זײַן יעדע מײנונג. װען באַטמאַנאָװ האָט געבעטן אױך גרובסקין איבערצוזאָגן זײַנע דערװידערונגען, האָבן זיך ערשט אַלע װידער אױסגעדרײט צום קלײנעם מענטשן מיטן פֿײגלשן פּנים.

— װען אַ מענטש פֿאַרטראַכט צו באַשעפֿטיקן זיך פֿאַר יעדער פּרײַז מיט דערפֿינדונגען און שטעלן זיך פֿאַר אַן אױפֿגאַבע צו אַנטדעקן אַפֿסנײַ אַמעריקע, — האָט גרובסקי אַ זאָג געטאָן מיט אַ קרום שמײכעלע, — זעט ער נעמלעך אױס אַזױ, װי אינזשעניער בערידזע. די טראַסע איז פֿאַרפּראָיעקטירט געװאָרן אַפֿן רעכטן ברעג — טויג ניט, מוז ער זי אומ־באַדינגט איבערשלעפֿן אַפֿן לינקן! איך צװײפֿל ניט, אַז װען לױט אונ־דזער פּראָיעקט װאָלט די טראַסע געגאַנגען איבערן לינקן ברעג, װאָלט דער דערפֿינדער פֿאָרגעלײגט אַריבערצושלעפֿן זי אַפֿן רעכטן.

— איך װאָלט פֿאָרגעלײגט, אױב דאָס װאָלט געלײזט די אױפֿגאַבע!
— האָט בערידזע צוגעװאָרפֿן אַן ענטפֿער.
— דאָס איז עס! די גאַנצע דערפֿינדערישקײט פֿונעם אינזשעניער

בערידזע איז געבויט לויט אַזאַ מוסטער. אויב דאַרף מען לייגן איבערן טײַך צוויי ליניעס רערן, לייגט ער פּאָר זיך צו באַגיין מיט איינער. אויב פאַר דער נאָרמאַלער עקספּלאָאַטאַציע זײַנען נייטיק נאַפּט־ציסטערנעס פון גרויסן פאַרנעם. באַשליסט דער דערפינדער זיי צו פאַרקלענערן. אויב עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אײַנצוגראָבן די רערן אין דער ערד צוויי מעטער די טיף, איז שוין באַם דערפינדער גרייט אַ צווייטער וואַריאַנט: איין מעטער!... דאָס איז שוין זייער פּרימיטיוו! אַ שאָד, וואָס די כאַ־ווײרים נעמען דאָס אַלץ ערנסט. איך פאַרשטיי — עס גלוסט זיך העלפן דער זאַך, אָבער בערידזעס העפקערדיק־אומפאַראַנטוואָרטלעכע אידעען וועלן ברענגען בלויז שאָדן.

— איר רעדט עס וועגן פאַראַנטוואָרטלעכקייט? איר פאַרשטיי־ט דאָך אָפילע ניט מיט וואָס מען עסט עס! — האָט בערידזע אויסגעשאָסן. ער האָט מאַמעש ניט געקענט פאַרטראָגן די געמאָסטענע סקריפּענדיקע שטים פון זײַן אָפּאָנענט. — איר וואָלט געמעגט אַ טראַכט טאָן, קאָנסולטאַנט גרובסקי, אַז אײַער טעטיקייט ענדיקט זיך אַף רייד און פּאַפּיר, און מײַן טעטיקייט הייבט זיך פון זיי אָן. בויען דאַרף איך, ניט איר! און ניט גלאַט בויען, נאָר אויך פאַראַנטוואָרטלעך זײַן פאַרן אויפגעבויטן. איך בין דער הויפּט־אינזשעניער פון דער בויונג און פאַרגעס ניט דערין.

— דאָס געדענקען אַפילע די רוימערנס אין דער פאַרוואַלטונג, — האָט גרובסקי אַ זאָג געטאָן געלאַנגווײַליקט.

זאַלקינד האָט אויפגעבראַכט אַ וואָרף געטאָן אַ בלײַפעדער אַפן טיש, זיך אויפגעהויבן און זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער.

— דעם הויפּט־אינזשעניער האָט אַהער באַשטימט דער פאָרזיצער פונעם ראַטפאָלקאָם. — האָט ער טרוקן אַ זאָג געטאָן, בלײַבנדיק שטיין לעבן גרובסקין. — איך וואָלט אויך אײַך געראָטן צו נעמען ערנסט בער־רידזעס אידעען. ס'אַ שאָד, וואָס איר האָט זיי ניט טויפעס געוועזן ביז הײַנט. און ס'איז אַ שאָד, וואָס איר פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס מיר האָבן זיך הײַנט פאַרזאַמלט און פאַרוואָס דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט אײַך צוויי מאָל געגעבן דאָס וואָרט. איר זײַט אונדז מעכאַבעד מיט וויצן, ווי אונדז וואָלט טשיקאַווע געווען זיי צו הערן.

גרובסקי האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם פאַרטאָרגס בליק און זיך אָוועקגערוקט.

— איך בין אויך אַ לעבעדיקער מענטש, און מיר איז שווער ניט צו ענטפערן בערידזען, — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן, ווי ער וואָלט זיך ווענדן צו זאַלקינדן אַליין. — דערפאַר שפּרינג איך אַריבער פון אַ זאַכלעכן טאָן אַף אַ פאָלעמישן. איך בעט גלייבן, אַז איך בין טיף איבער־צײַגט אין דער פעלערהאַפטיקייט פון דעם הויפּט־אינזשעניערס אידעען. — ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און מיט אַ ציטערדיקער האַנט זיך געריבן דעם הויכן, באַ די שלייפן אַרײַנגעקוועטשטן שטערן. — איך וואָלט אים

בלויז געהאַט צו באַגריסן צו זײַן גלענצנדיקן ניצאָכן און זיך פאַרנייגן ביז צו דער ערד, ווען דאָס אַלץ, וואָס ער לייגט פאָר, וואָלט געווען וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט און טעכניש אויספירבאַר. דער אומגליק באַשטייט אָבער דערין, וואָס דער ווילן צו העלפן דער זאַך און בערידזעס טעמפּעראַמענט שטערן אים גופא צו דערזען ניכטער די אײַליקייט און די פּעלערהאַפּטיקייט פון זײַנע אויספירן... איך כאַזער איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל: אונדזער פּראָיעקט איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דער אָנשטרענגונג פון מענטשן, וואָס האָבן פּראַקטיקירט אַ לאַנגע צײַט. אונדזערע באַשלוסן זײַנען געקומען ניט צופעליק: פאַרוואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן דער רעכטער ברעג, בעיס מיר האָבן געפאָרשט די ריכטונג פון דער טראַסע? צי דען האָבן מיר ניט געזען די מײַלעס פונעם לינקן ברעג — יענע מײַלעס, וואָס בערידזע האָט דערזען? מיר האָבן געזען, אָבער דער לינקער ברעג ווערט דאָך אין אַ ריי ערטער פאַרטרונקען דורך געוויסערס. דערבײַ זײַנען אין דער געשיכטע פונעם אַדון באַוווסט יאָרן, ווען דער געוויסער אַפן לינקן ברעג האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ קאַטאַסטראָפע. ס׳איז ניט שווער צו פאַרשטיין: פאַר אַ פאַרטרונקענער נאָפּטלייטונג באַטײַטן די מעגלעכע אויפרײַסן פון די רערן־קאָנטאַקטן אַ לאַנגן איבעררײַס אין דער אַרבעט. דערין איז ניטאָ וואָס צו דיסקוטירן. ס׳איז גענוג צו כאַפּן אַ בליק אַרײַן אין דער טעכנישער ליטעראַטור, קעדיי זיך צו איבערצײַגן: די אויסלענדישע אויטאָריטעטן פאַרווערן אויסצולייגן רערן אין באַדינגונגען, ענלעכע ווי אַפן לינקן ברעג.

גרובסקי האָט אויפגעעפנט איינעם פון די פאָליאַנטן, וואָס זײַנען געלעגן פאַר אים. און איבערגעלייענט פריִער אַף ענגליש דערנאָך אַף רוסיש צוויי אויסצוגן צו באַשטעטיקן זײַנע ווערטער.

— איך האָב מײַן אייגענעם קאָפּ אַף די פּלייצעס, — האָט בערידזע געזאָגט. — איך האָב ניט בעדייע צו פאָלגן אין אַלץ אײַערע דײַטשישע און אַמעריקאַנישע אויטאָריטעטן. זיי זײַנען ניט קיין געטער, זיי מאַכן זייער ניט זעלטן פעלערן, און ווײַט ניט אַלץ איז זיי באַוווסט!

— זייערע מיינונגען קען ניט איגנאָרירן קיין איין געניטער אינזשעניער, — האָט מיט כשיוועס געענטפערט דער שאָקירטער גרובסקי, אויפהייבנדיק אין דער הייך אַ דיקן בוך. — דער לינקער ברעג ווערט אויסגעשלאָסן, און אויב אַזוי — מוז מען זיך אָפּזאָגן פון זײַנע לאָקנדיקע מײַלעס. אַף דער אָלגאָכטע ווער מען פאָרט מוזן בויען אַ צווייטע פּאָמפּן־סטאַנציע, האַגאַם עס וואָלט באַקוועמער געווען, פאַרשטייט זיך, צו באַגיין זיך אָן איר. איך מיין, אַז אַפילע באַם לינק־ברעגיקן וואַריאַנט וואָלט אויך געווען ריזיקאַליש אָפּצוזאָגן זיך פון אַ צווייטער סטאַנציע. שטעלט אײַך פאָר, וואָס פאַר אַ שוועריקייטן עס וועלן זיך שאַפן באַם איבערפּאָמפּעווען, אויב אַפן קאָנטינענט ווערט זײַן בלויז איין סטאַנציע. ווען עס איז קענען מיר זיך געפינען אין אַ פאַסקודנער לאַגע: פּלוצים

קלעקט ניט אין דער דאָזיקער סטאַנציע קיין דרוק, צו דערטרײַבן דעם נאַפט קיין באָוויגסק. וואָס פאַר אַן אייצע וועט איר דעמאָלט באַוויליקן צו געבן ?...

גרובסקי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און אָפּגעווישט דעם נאַסן שטערן מיט אַ שניי־ווײַס טיכל.

— מען וועט אויך מוזן בויען צוויי איבערגענג איבערן אַדון, ער שנײַדט צוויי מאָל איבער די טראַסע אָפן רעכטן ברעג. די באַפעלקערונג אַרום דעם אַדון וועט זיך מוזן דערווײַל באַגיין אָן אַ וועג קיין באָוויגסק, וועלכער איז — כ׳בין מסכים מיטן הויפּט־אינזשעניר — אָן אַ שיר נייטווענדיקער אָפן לינקן ברעג, אייִדער אָפן רעכטן. זײַנע איבעריקע פאָרשלאָגן פירן דערצו, מען זאָל אַף אַלע אופנים אַרומשערן, אַרומשנײַדן און רעדוצירן די טעכנישע אויסשטאַטונג פון דער קומענדיקער נאַפטלייטונג. מען קען, נאַטירלעך, אַרומשערן, אָבער מען דאַרף רייִשיס, אַ טראַכט טאָן וועגן די אומבאַקוועמלעכקייטן און שוועריקייטן, וואָס וועלן זיך באַקומען באַם עקספּלואַטירן די נאַפטלייטונג. איך האָב מורע...

— איר האָט מורע פאַר אַלץ אין דער וועלט! — האָט בערידזע ווידער ניט אויסגעהאַלטן. — ווי אַן אינזשעניר דאַרף איך זײַן באַוווסט: אין דער אַרבעט פון יעדן מעכאַניזם און אינסטאַלאַציע זײַנען פאַראַן גרענעצן און באַגרענעצונגען!

באַטמאַנאָוו האָט לײַכט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אײַנצוהאַלטן בערידזען. מיט אַ ניט שוואַכער ווערנדיקער אויפמערקזאַמקייט האָט ער אויסגעהערט גרובסקין און געזען די צערודערונג אַף די פּענעמער פון די באַטייליקטע אין דער באַראַטונג. זײַן בליק האָט זיך קעסיידער באַגעגנט מיט אַלעקסייס באַאומרויִקטן, קימאַט בעטנדיקן בליק. און וואָס מער באַטמאַנאָוו האָט געהערט גרובסקין, קלאָרער מאַכנדיק זײַן באַציִונג צו זײַנע טײַנעס, אַלץ ליכטיקער און לײַכטער איז אים געוואָרן אַף דער נעשאָמע.

— כ׳וועל אײַך ברענגען צוויי בײַשפּילן, קעדיי אײַך איבערצײַגן אין דער ריזיקאַלישקייט פון רעדוקציעס און אַרומשנײַדונגען, — האָט גרובסקי ווײַטער גערעדט. — מען לייגט אונדז פאָר צו בויען איין ליניע אַף די איבערגענג. ס׳טויג ניט! מען מוז אומבאַדינגט און טייקעף דאָזיקע צוויי ליניעס. שטעלט אײַך פאָר, אין דער איינער רער־ליניע איז פאָרגעקומען אַן אויפרײַס אינעם דורכגוס אָדער אין טײַך אונטער דעם וואַסער. וואָס טוט מען דעמאָלט. אויב קיין רעזערוו־ליניע איז ניטאָ ? דאָס איבערפּאָמפּעווען דעם נאַפט ווערט אָפּגעשטעלט אַף דער גאַנצער צײַט, ביז וואַנען מען וועט ניט פאַרריכטן די איינציקע רער־ליניע. דאָס וועט זײַן אַ פּײַניקע אַרבעט ! מען לייגט אונדז פאָר צו פאַרקלענערן דעם פאַרנעם פון די ציסטערנעס אַף די קנופּ־סטאַנציעס. אָבער אויב די דאָזיקע גרויסע ציסטערנעס וועלן ניט זײַן — ווּהין־זשע וועט מען אַרײַנ־

פֿאַמפֿעוען דעם נאָמט ? ווידעראַמאָל אָפּשטעלן די נאָפּטלייטונג ? ס׳איז שלעכט פֿאַרטראַכט, זייער שלעכט !...

גרובסקי איז אַנטשוויגן געוואָרן, נאָר האָט זיך ניט אַנידערגעזעצט. צוגעוואַרט אַ ביסל, האָט אים באַטמאַנאָוו אַ פֿרעג געטאָן :

— איר האָט פֿאַרענדיקט ?

— פֿאַרענדיקט, — האָט גרובסקי געענטפֿערט און אַ קוק געטאָן אַף טאָפּאָליעוון, וועלכער איז געזעסן אין אַ זײַט אין אַ טיפֿן פֿאָטעל. דער אַלטער האָט די גאַנצע צײַט דאָס מויל ניט געעפֿנט. — די פֿאָרשלאָגן בענויגייע דעם דורכגוס האָב איך ביכלאַל ניט געוואָלט באַרירן, ווײַל, לויט מײַן מיינונג, האַלטן זיי ניט אויס קיין קריטיק. נאָר דער הויפּט־אינזשעניער האָט וועגן זיי גערעדט מיט אַזאַ ברען און ערנסט. אַז מען קען ניט, פֿאַרשטייט זיך, שווײַגנדיק פֿאַרבײַגיין אויך דעם דאָזיקן טייל פֿון פּראָיעקט. איך בין קאַטעגאָריש קעגן שווייסעווען אום ווינטער. בעריהזע קען ניט גישט וויסן, אַז דאָס ווערט אין דער טעכניק באַטראַכט פֿאַר ניט דערלאָזלעך. — גרובסקי האָט קימאַט פֿײַערלעך אויפֿגעהויבן אין דער הייך נאָך איין זיקן בוך. — וואָס שײַעך ווידער דאָס גראָבן די טראַנשיי אינעם דורכגוס לויטן מעטאָד פֿון עקספּלאָזיעס, איז דאָס פּאָשעט אַ קינדערישע אויסטראַכטעניש.

— הינטער דעם דאָזיקן פֿאָרשלאָג שטייט די קלוגשאַפֿט פֿון דעם רוסישן אינזשעניער טאָפּאָליעווס פּערציקיעריקער טעטיקייט ! — האָט מיט צאָרן אַ געשריי געטאָן אַלעקסיי.

אַלע האָבן אַ קוק געטאָן אין דער זײַט פֿון קוזמאַ קוזמיטש און אַ שמייכל געטאָן — ער איז געזעסן גלײַכגילטיק און האָט, דוכט זיך, געכאַפּט אַ דרימל.

— איך שעץ זייער אינזשעניער טאָפּאָליעווס פֿיליעריקע טעטיקייט, נאָר איך זאָג אײַך ערלעך : זײַן פֿאָרשלאָג איז לאַבלוטן ניט קלוג. דאָס איז דאָך לעכערלעך : די וואַסערטויכער וועלן דאַרפֿן, קעדיי אײַנצולייגן דעם אויפֿרײַס־מאַטעריאַל, גראָבן אונטער אײַז און וואַסער דעם גרונט פֿונעם יאַם ! דעמאָלט עפּשער וואָלט עס ביכלאַל אַ זין געהאַט. מען זאָל הייסן די וואַסערטויכער אויסגראָבן די טראַנשיי אינעם דורכגוס מיט די הענט ?

— מ׳האָט אײַך שוין געטאָלקעוועט, אַז מיר קלײַבן זיך ניט צו גראָבן דעם גרונט און אַרײַנלייגן דעם אויפֿרײַס־מאַטעריאַל, — האָט זיך פּלוצים דערהערט טאָפּאָליעווס באַסאָווע, געדיכטע שטים. ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און מיט רוגזע געקוקט אַף זײַן געוועזענעם פּאַטראָן. — איר האָט דאָך גאָרנישט ניט באַנומען, און נעמט זיך אונטער קריטיקירן ! מירן אַראָפּלאָזן די לאַדונגען אַפֿן גרונט, דורכפֿירן די אויפֿרײַסן — און פֿאַטער אַן אייסעק !

— איר וועט אויפֿרײַסן בלויז דאָס וואַסער מיטן אײַז ! — האָט

גרובסקי אַ שמייכל געטאָן, צופרידן, וואָס ער האָט דעם אַלטן אַרויס־גערופן אַף אַ פּאָלעמיק.

— שטוסים! — האָט אים טאָפּאָליעוו צוגעוואָרפן מיט פאַראַכ־טונג. — דער אויפרײַס־מאַטעריאַל וועט אַ זעץ טאָן מיט דער זעלבער קראַפט סײַ אַרויף — אין דער מאַסע וואַסער און אײַז, סײַ אַראָפּ — אין דער ערד. דער זעץ אַראָפּ וועט אויסבילדן די טראַנשיי.

— ס'איז צווייפלהאַפט! — האָט גרובסקי אַ שמייכל געטאָן. — זייער צווייפלהאַפט!

— איך אַליין וועל דורכפירן אין דער פּראַקטיק מײַן פאָרשלאַג, און כ'פאַרבעט דעם דאָזיקן סקעפּטיקער זיך דורכצופאָרן צום דורכגוס. — האָט זיך טאָפּאָליעוו געוואָנדן צו באַטמאַנאָוון. — אויב ער וועט ניט מוירע האָבן פאַר קיין פאַרקילונג, וועט ער האָבן די מעגלעכקייט צו זען אַזעלכעס, וואָס איז נאָך ניט פאַרשריבן אין זײַנע דיקע אויסלענדישע ביכער, וועלכע ליגן באַ אים גרייט פאַר יעדן פאַל אין לעבן!...

אין דער שטילקייט, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט נאָך דעם ווי גרוב־סקי האָט זיך ענדלעך געזעצט אַפן אָרט, האָבן די פאַרזאַמלטע, זאַלקינד און בערידזע אַרײַנגערעכנט, זיך אויסגעדרייט צו באַטמאַנאָוון. ער האָט געשוויגן אויך ערשט, ווי אַפּוואַרטנדיק, און געפירט דעם בליק איבער די פּענעמער פון די מענטשן, וואָס זײַנען געזעסן קעגן אים. קאָוושאָוו האָט אומגעדולדיק אויפגעהויבן די האַנט אַפן סטודענטישן שטייגער און געבעטן אַ וואָרט. דער נאַטשאַלניק האָט אים געענטפערט מיט אַ קוים באַמערקלעכן שמייכל, און אַלעקסיי האָט זיך באַרויקט, פאַרשטייענדיק: ווײַטער ריידן איז איבעריק, ס'וועט זאָגן אַלץ באַטמאַנאָוו אַליין. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט פאַרלאָשן דעם פּאַפּיראָס, אײַנגערוימט עפּעס זאַל־קינדן און זיך אויפגעשטעלט, אויסגלײַכנדיק די גימנאַסטיאָרקע, וואָס איז אַף אים גוט געלעגן.

— איך זע אײַן אַ גרויסן אָביעקטיוון פאַרדינסט אין דעם צוזאַמענ־שטויס, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען פאַר אונדזערע אויגן, — האָט באַט־מאַנאָוו אָנגעהויבן צו ריידן, — די פּאָזיציעס פון אונדזער פּראָיעקט. — ער האָט אַקצענטירט דאָס וואָרט „אונדזער“, — זײַנען איצט קלאָרער און פעסטער. כאָטש גרובסקי נעגירט בלויז, אַליין אָבער וויל ער גאָר־נישט ניט פאַרלייגן. און עס באַקומט זיך, אַז דער נײַער פּראָיעקט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אַ רעקאָרד־קורצער צײַט — איז דער איינציקער אויסוועג פון דער לאַגע. ס'וואָלט שלעכט געווען, ווען מיר וואָלטן זיך בלינד אָנגעכאַפּט פאַר די פאָרשלאָגן פון בערידזען און זײַנע געהילפן, זיך ניט פונאַנדערקלײַבנדיק אין זיי געהעריק. מיר וואָלטן דערמיט אַרויס־געוויזן נאַרישן קינדערישן צוטרוי, און דאָס איז אונדז ניט צום פּאָנעם. אָבער אַלץ אין דעם נײַעם פּראָיעקט איז אין די גרענעצן פון אונדזער פאַרשטאַנד, ס'איז ניט פאַראַן אין אים קיין באַזונדערס קאָמפּליצירטע

זאַכן. און מיר זעען, ווייסן, זײַנען איבערצײַגט, אַז די נײַע טעכנישע באַשלוסן זײַנען סאָליד, באַגרינדעט, שטיצן זיך אַף אויסרעכענונגען און באַאָבאַכטונגען, אַף דער דערפאַרונג פון אַ גאַנצן קאָלעקטיוו אינזשעניערן, און ניט בלויז פון איין בערידזען. די דאָזיקע באַשלוסן זײַנען געוואַגטע? יאָ! נאָר מיר אַליין זײַנען אויך ניט קיין מעלופעם־קינדער. זיי זײַנען ריזיקאַליש, די פאָרשלאָגן פון אונדזערע אינזשעניערן? יאָ, ריזיקאַליש! נאָר מיר שרעקן זיך ניט פאַר קיין ריזיקע. אונדזער ריזיקירן איז ניט באַריש און ניט בלינד. בערידזעס ריזיקירן — איז דאָס ריזיקירן פון אַ נאַוואַטאָר, און מיר האָבן אונדזער גאַנצע טעכנישע רעוואָלוציע אין אונדזער לאַנד דורכגעפירט, מיט עפּעס וואָס ריזיקירנדיק.

באַטמאַנאָוו האָט גענומען פונעם טיש בערידזעס רעפעראַט, אים אויפגעהויבן. ווי ער וואָלט אים אָפּגעוויגן, און אַף אַ רגע זיך פאַר־טראַכט.

— אין לעצטן סאַכאַקל בין איך דער ערשטער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אײַך אַלע און פאַרן גורל פון דער בויונג. און איך האָב ניט קיין מוירע צו נעמען אַף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די פאָלגן פון מײַן באַשלוס. שטעלט זיך פאָר, כאָטש גרובסקי, אַז ערשט, טאַקע אין דער מינוט, נעמט אָן דער קאָמאַנדיר פון דער נ־ער אַרמיי אַ וויכטיקן באַשלוס, אָפּן פראָנט, ריזיקירט ער אָדער ניין? ער ריזיקירט! קיין וויכ־טיקע זאַך אַף דער וועלט קומט ניט צושטאַנד אָן ריזיקע...

באַטמאַנאָווס ווערטער האָבן, ווי געוויינלעך, אַלץ מער באַהערשט די אַרומיקע מיט זייער אײַנגעהאַלטענער אינערלעכער קראַפט. ליבערמאַן, וועלכער האָט קענטיק, ערשט איצט באַנומען, אַז די דיסקוסיע צווישן די אינזשעניערן איז ניט קיין נאַרישקייט און ניט קיין פאַרווײַלונג, איז פאַרשטײַפּט געוואָרן פון פאַראינטערעסירונג. טאָפּאָליעוו האָט אויפגע־הויבן דעם קאָפּ, אַלעקסיי און גרעטשקין האָבן ניט אָפּגעריסן די אויגן פון באַטמאַנאָווס פּאָנעם. ניט באַגרענעצט זיך מיט אַלגעמיינע באַטראַכ־טונגען, האָט ער דורכגעפירט אָן אַנאַליז איבער די צוויי קעגנגעזעצטע אינזשעניערישע קאָנצעפּציעס, און אַלעקסיי האָט זיך דערפילט שטאָלץ, מיטן נאַטשאַלניק פון דער בויונג, וועלכער אָריענטירט זיך אויסגעצייכנט אין ספּעציעלע איניאָנים.

— פאַר מיר איז קלאָר. ווי צוויי מאָל צוויי: די אויטאָרן פונעם פריערדיקן פּראָיעקט זײַנען באַגאַנגען אַ פעלער דערמיט, וואָס זיי זײַנען קנעכטיש אַרונטערגעפאַלן דער האַשפּאָע פון אויטאָריטעטן, אַף וועלכע גרובסקי האָט זיך דאָ מיט גערירטקייט פרום פאַררופן. איך קלײַב זיך ניט אָפּצוואַרפן די דערפאַרונג פון דער אויסלענדישער טעכניק דורכויס — דאָס וואָלט געווען אַמעראַצעס. איך בין אָבער אײַנשטימיק מיט בע־רידזען: מען דאַרף אַליין אויך האָבן אַ קאָפּ אַף די פּלייצעס! מיר זײַ־נען אַ שאָד די מענטשן, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אײַך, כאָטש גרובסקי,

געאַרבעט איבערן פּראָיעקט. איך האָט זיי צעטומלט די קעפּ מיט אַ פּע־לערהאַפטער גרונט־האַנאָכע, זייער גאַנצע מי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומנוצלעך... יאָ, אומנוצלעך און, פאַרשטייט זיך, שעדלעך אַפילע. איך האָב זיך שוין געשטעלט די פראַגע: צי איז דאָס פּראָבלעם פון אויפ־שטעלן די נאַפטלייטונג אין משך פון איין יאָר — בלויז אַ פּראָבלעם מילכאָמע־צײַט? אָדער דער דרײַיעריקער טערמין איז ביכלאַל ניט ריכ־טיק?

לויט מײַן מיינונג איז דאָס בויען די נאַפטלייטונג אַזוי לאַנג ניט דערלאָזלעך בײַ אַלע באַדינגונגען. אויך אין דער פאַרמילכאָמע־צײַט האָט מען ניט געדאַרפט ציִען די טראַסע איבערן רעכטן ברעג, ניט נעמענדיק אין אַכט די אינטערעסן פון דער באַפעלקערונג און די הילף פון איר זײַט. אין דער איבנשטעלונג צו מאַכן אַ וואָס גרעסערע עקאָנאָמיע אין די אויסגאַבן. דאָ איז געמאַכט געוואָרן אַ פעלער, וואָס נעמט זיך פון זאָרגלאָזיקייט און גלײַכגילטיקער באַציִונג צו די טעמפּן. די מילכאָמע האָט געהאָלפן זיך קלאָר מאַכן דעם דאָזיקן פעלער. די מילכאָמע און די ווײַטזיכטיקייט פון אונדזער רעגירונג. נאָר איך בין איבערצײַגט: ווען מען וואָלט געוועזן שיקן אַהער בעריזדען פאַר דער מילכאָמע, וואָלט ער אויך דעמאָלט איבערגעבויט דעם פּראָיעקט אָף מער שנעלערע טערמינען. די גאַנצע פּראַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער בויונג האָט בערידזען גע־לערנט צו שאַנעווען צײַט. אַ שאָד וואָס זי האָט דאָס ניט אויסגעלערנט גרובסקין. און מיר ווילט זיך זאָגן דעם כאַווער גרובסקי... אונדז דוכט זיך ערשט אויס דער טערמין פון אַ יאָר פאַר דער בויונג פאַר אויסערגע־וויינלעך קורץ. און וואָס קען מען וויסן — צי וועט זיך אונדז גופע ניט אויסווײַזן דער דאָזיקער טעמפּ פאַר ניט גענוג שנעל אין דער נאָכמיל־כאָמע־צײַט?...

באַטמאַנאָוו האָט זיך דורכגעשפּאַצירט אויף און אָפּ לענגאויס דעם פענצטער און ווײַטער גערעדט:

— בערידזעס און קאָװשאָװס מאַטעריאַלן דערווײַזן איבערצײַגנדיק, אַז מען דאַרף די טראַסע ציִען איבערן לינקן ברעג. די אינזשעניערן האָבן ריכטיק געטאָן, וואָס זיי האָבן זיך ניט באַגרענעצט מיט קיין איבפּאָר־מאַציע־ביכער, נאָר געוואָנדן זיך צום פאָלק און מיט מענטשן באַהאַנדלט זייערע אידעען. ביכלאַל איז קעדײַ נאָך אַמאָל צו דערמאָנען, אַז די דאָזיקע אידעען זײַנען אויפגעקומען סײַ פון אויבן — בײַם הויפּט־אינזשעניער, סײַ פון אונטן — בײַ פּאָשעטע מענטשן אָף דער טראַסע. אומזיסט האָט זיי גרובסקי שטאָלץ אָפּגעוואָרפן די גאַנצע צײַט, דאָס לעבן אַליין האָט זיי אונטערגעזאָגט!..

באַטמאַנאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן:

— די אָפּשרעקנדיקע וואָרענונגען, אַז דער לינקער ברעג ווערט קאַ־טאַסטראָפאַל פאַרטרונקען, זײַנען אַ גוזמע. עמעס, אַז צוויי באַצירקן פר־

נעם לינקן ברעג ווערן פֿאַרטרונקען אין אַ גרעסערער מאָס, ווי אַפֿן רעכטן. דאָס דאַרף אונדז ניט אָפּשרעקן. כאַווער בערידזע זאָגט ריכטיק: די מעגלעכע אויפֿרײַסן פֿון באַזונדערע קאָנטאַקטן אין די רערן וועלן אויספֿאַלן אין די איבערגאַנג־פּעריאָדן פֿון יאָר צווישן ווינטער און זומער און צווישן האַרבסט און ווינטער, אין מאָמענטן פֿון שאַרפֿע טעמפּעראַטור־ענדערונגען. און דאָס געוויסער אַפֿן אָדון קומט דאָך פֿאַר אום יולי און אויגוסט, ווען אויפֿרײַסן פֿון קאָנטאַקטן זײַנען צום ווייניקסטן וואָרשײַנלעך... נאָר לאָמיר אָננעמען, אַז די נאַפֿטלייטונג וועט פֿאַרט פֿאַרטרונקען ווערן. אונדזערע נאָוואַטאָרן דערווײַזן, קעגן דער מיינונג פֿון אַלערליי אויטאָריטעטן: פֿאַר וואַסער איז ניטאָ וואָס זיך צו שרעקן. אַ גוט איזאָלירטע רער האָט די בעסטע סטאַטישע באַדינגונגען דאַווקע, ווען זי געפֿינט זיך אין וואַסער. דאָס וואַסער אין דער טראַנשיי וועט שאַפֿן אַ ווייך געלעגער פֿאַר די רערן. זי באַפֿרײַט די רערן פֿון דעם דרוק פֿון די גרונטן, מיט וועלכע זי איז אויבן פֿאַרשאָטן... כוץ דעם וועט אויף די דאָזיקע פֿאַרטרונקענע באַצירקן, דעם זיבעטן און אַכטן, דער דרוק אינעווייניק אין די רערן ניט איבערשטײַגן קיין פֿופֿצן אַטמאָספֿערעס. דאָס איז דאָך לעגאַמרע ניט קיין סאַך — אַ ניט באַדײַטנדיקער טייל פֿון דעם דרוק פֿון זיבעציק אַטמאָספֿערעס, אויף וועלכע די רערן זײַנען אויסגערעכנט. דאָס אויפֿרײַסן פֿון קאָנטאַקטן בײַ אַזאַ דרוק איז אין טאָך אויסגעשלאָסן.

באַטמאַנאָוו האָט צעשטרײַט גענומען אַ פּאַפּיראָס, אַרײַנגעשטעקט אין מויל, דערנאָך צוריק געלייגט פֿן טיש.

— די דאָזיקע זאַכן זײַנען אַזויפֿיל קלאָר און איבערצײַגנדיק, אַז עס ברענגט אַרײַן אין פֿאַרוווּנדערונג. וואָס גרובסקי איז אין אַזאַ טיפֿן טאָעס און וויל זיך ביז הײַנט ניט אונטערגעבן!... זײַנע איבעריקע דערווידערונגען זײַנען, צום גליק, אָדער לויטער פּאָלעמישע און אומבאַגרינדעטע, ווי די דערווידערונג קעגן דעם מעטאָד פֿון עקספּלאָזיעס, אָדער פּאָשעט אומגעוויסנהאַפֿטיקע. גרובסקי האָט געזאָגט: בערידזע גרייט צו, קלוימערשט, אַ שרעקלעכע פּערספּעקטיוו פֿאַר דער נאַפֿטלייטונג, ער האָט באַשלאָסן אַרומצושערן איר טעכנישע אויסשטאַטונג! אָבער עס ווערט דאָך פֿאָרגעשלאָגן ניט אַרומצושערן, נאָר צו צעטיילן דעם גאַנצן פֿאַרנעם פֿון דער אַרבעט אויף צוויי רייען: אין אָנהייב מאַכן דאָס סאַמע נויטווענדיקסטע פֿאַרן לאָזן דעם נאַפֿט, דערנאָך, אין דער צווייטער ריי, אויספֿילנדיק שוין די גרונט־אויפֿגאַבע פֿון דער רעגירונג וועגן לאָזן דעם נאַפֿט, מאַכן אַלדאָס איבעריקע. גרובסקי שרעקט אונדז, נאָר אונדז ווערט ניט שרעקלעך! מיר האָבן ניט מוירע אָנצוהייבן דאָס איבערפּאָמפּעווען דעם נאַפֿט דורך איין רער אין די דורכגוסן און טײַכן. אויב מען זאָל פֿאָלגן גרובסקין, דאַרף מען דערקלערן, אַז צוויי רערן זײַנען אויך ווייניק: טאָמער ווערן ביידע פּלוצים קאַליע!... מיר וועלן גלײַך נאָך דער ערשטער דורכפֿירן אויך די צווייטע. און אויב עס וועט עפּעס געשען, איז דאָך די־

גאַנצע בויער־אַרמיי אַפן אָרט — זי וועט טייקעף קומען צו הילף מיט איין וואָרט. מען דאַרף זיך ניט שרעקן, מיר וועלן ריזיקירן, כאַווײרים! איך לייג פאָר אָנצונעמען די דאָזיקע ווערטער פאַרן באַשלוס פון אונדזער באַראַטונג: מיר וועלן ריזיקירן!

באַטמאַנאָוו האָט ברייט פונאַנדערגעשפּרייט די הענט. געשוויגן אַ ביסל און שטיל, צופרידן זיך צעלאַכט. דער קאַבינעט איז פול געוואָרן מיט אַ טומל פון אײַנשטימענדיקע קולעס. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט זיך געזעצט אַף זײַן אָרט, פאַררייכערט און מיט זשעדנעקייט געהאַלטן אין איין פּאַפּיען זיך.

אַלעקסיי האָט אַ קוק געטאָן אַף גרובסקין. אַלע האָבן אין אים פאַרגעסן, ער איז געזעסן לעבן דעם שטויס ביכער און די פּראָיעקט־בענדער. אויסגעצויגן דעם האַלדז, האָט גרובסקי געקוקט אַף באַטמאַנאָוון מיט לײַדנדיקע אויגן, און ס'האָט זיך געדוכט, אַט באַלד וועט זיך זיער געוויינער הויפּט־אינזשעניער צעוויינען.

אין רובעזשאַנסק האָט באַטמאַנאָוו, זאַלקינדן, בערידזען, קאָוושאָוון און גרובסקין, ווען זיי זײַנען אַרויס פון וואַגאָן, באַגעגנט אַ לייטענאַנט, פּיסאַרעווס סעקרעטאַר. ער האָט זיי אַרײַנגעזעצט אין צוויי לײַכטע אויטאָס. אין דעם מאָמענט האָט איבערן גאַנצן פּלאַץ אַרום וואָקזאַל זיך צעוויעט אַ סירענע. איר האָט פאַרטוישט אַ מענלעכע שטים פון אַ הילכער, וועלכע האָט מאָנאָטאָן איבערגעכאַזערט: „בירגער, אַ לופט־אַלאַרעם".

— טרײַב מיטן גאַנצן אימפּעט, מ'דאַרף דורכפאָרן אָן אַן אָפּהאַלט!

— האָט דער לייטענאַנט אַ געשריי געטאָן צום שאָפער און זיך אויסגעדרייט צו באַטמאַנאָוון און זאַלקינדן, וועלכע זײַנען געזעסן הינטער אים:

— מיר זײַנען פון דער גרענעץ צען פלי־מינוטן, דערפאַר מאַכן מיר קעסיידער לופט־אַלאַרמען און איבונגען. און בײַ אײַך אין נאָווינסק איז רויק?

ביידע אויטאָס האָבן זיך הודזשענדיק געטראָגן איבער די גאַסן, וועלכע זײַנען גלײַך פּוסט געוואָרן. נידעריק איבער דער שטאָט זײַנען פאַרבײַגעפלויגן גרופּעס עראָפּלאַנען. אַף די וועג־קרייצן האָבן זעניטלער אײַליק אַראָפּגעצויגן די דעקעס פון די האַרמאַטן. די קאָמאַנדעס פון דער קעגנלופט־פאַרטיידיקונג מיט קעגנגאַז־מאַסקעס און טראָג־בעטלעך זײַנען זיך פונאַנדערגעלאָפן אַף די פּלעצער. זיי אַנטקעגן זײַנען אָנגעלאָפן דרײַ מאַשינען פון דער רעטונגס־דינסט.

— דער פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט... דער צירק... די וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק... דער ערשטער שפּיטאָל... דער דראַמטעאַטער... דער מעדאינסטיטוט, — האָט דער לייטענאַנט אָנגערופן די בינייאָנים, וואָס האָבן פאַרבײַגעשווינדלט אין די זײַטן.

אויסגעמיטן, ניט געקוקט אַף די סיגנאַלן, אַ קלוימערשט צעשעדיקט

אָרט, האָבן די מאַשינען מאַרקערעוועט אויף דער הויפּט־גאַס פון דער שטאָט. אַ ברייטע און אַספאַלטירטע, פאַרבויט מיט הויכע געמויערטע הײַזער, האָט זי אויסגעזען זייער גרויסשטאָטיש. די אויטאָס זײַנען צוגע־פאָרן צום הויז פון קאָנטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, אַ גרויסע פינפשטאָקיקע גרויע געבײַדע.

— דער באַפולמעכטיקטער איז באַם סעקרעטאַר פון קאָנטקאָם און האָט געהייסן אײַך ברענגען גלײַך אַהער, — האָט אויפגעקלערט דער לייטענאַנט.

באַטמאַנאָוו און זאַלקינד זײַנען גלײַך אַרײַן צו דוגינען אין קאַבינעט, די אינזשעניערן זײַנען געבליבן אין וואַרט־צימער. גרובסקי האָט זיך צוגע־זעצט אין אַ זײַט אויף אַ דיוואַן און אויפגעעפנט אַ צײַטונג פון די, וואָס זײַנען געלעגן אויף אַ טישל. בערידזע איז אַפּגעגאַנגען צום ריזיקן פענצ־טער, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער פּאַדלאָגע ביזן סופיט. פון דאַנען, פון דער הייך פונעם פינפטן שטאָק, האָט זיך געזען די גאַנצע שטאָט, וואָס האָט זיך פרײַ צעלייגט איבער די סאָפּקעס. אירע שיפּועדיקע גאַסן זײַנען שעפעדיק באַלויכטן געווען פון דער זון, אויף די דעכער פון די הײַ־זער האָט געגלאַנצט דער שניי. דער ברייטער אַדון האָט מיט אַ האַלב־קרײַז אַרומגענומען די שטאָט, און דער גרויער שטעטך פונעם געפרוירע־נעם טײַך האָט זיך געשפּרייט ביזן האָריזאָנט.

— וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט ? — האָט אַלעקסיי געפרעגט, אַני־דערלייזנדיק אַ האַנט אויף בערידזעס אַקסל.

— אַלץ וועגן טאַטיאַנאַן. אין דער דאָזיקער שטאָט איז זי אויפ־געוואַקסן. איך וויל זיך זען מיט איר מאַמען.

אין דעם מאָמענט האָט מען זיי אַרײַנגערופן אין קאַבינעט — אַ גרויסער און ליכטיקער מיט מאַסיוו מעבל פון רויטן האָלץ. באַטמאַנאָוו האָט פאַרגעשטעלט די אינזשעניערן. פּיסאַרעוו — אַ הויכער, פעסט־געבויטער מאַן אין גענעראַלישער אוניפאָרם, מיט גרויע האָר געקעמטע אויף אַראָפּ און מיט אַ גרויס פּאָנעם, — האָט אויפהייבנדיק זיך פון פּאָ־טעל, זיי ענערגיש געדריקט די הענט און, אַ ביסל פאַרזשמורענדיק די אויגן, באַטראַכט יעדן באַזונדער מיט גרויסע אויפמערקזאַמע אויגן. דודין, אַ מאַן פון ניט הויכן וווקס, אַ שווערלײַביקער, האַגאָם נאָך אַ יונגער, מיט אַן אָפּצייכענונג פונעם אויבערדאָט אויף דער גימנאַסטיאָרקע פון מיליטע־רישן שניט, האָט פרײַנטלעך, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, באַגעגנט בערידזען און מיט אינטערעס באַטראַכט קאָוושאָוון און גרובסקין.

דודין האָט אונטערגעוואַרט ביז עס זײַנען געקומען די מיטאַרבעטער פונעם קאָנטקאָם און די סטענאָגראַפיסטקע, וועלכע ער האָט אַרויסגערופן. האָט אָנגעקלונגען אין איינעם פון די טעלעפאָנען און, דערוויסנדיק זיך, אַז דער פאַרזיצער פונעם קאָנט־אויספּירקאָם איז דרינגענדיק אַוועקגעפאָרן עפּעס אויף אַ זאַוואָד און קען ניט קומען — האָט ער גלײַך, אָן אַ באַזונ־

דערן אַרײַנפּיר, געגעבן דאָס וואָרט באַטמאַנאָוון. דער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג האָט אויספֿירלעך און קלאָר דערציילט וועגן דעם קאָנפֿליקט צווישן בערידזען און גרובסקין, וועגן נײַעם פּראָיעקט און דער באַראַטונג ערשט ניט לאַנג אין דער פֿאַרוואַלטונג, וועגן דעם מאַצעוו פֿון דער בויונג, וועלכע איז שוין פּאַקטיש אַרויסגעגאַנגען אַפֿן וועג פֿונעם נײַעם פּראָיעקט. פֿאַרענדיקט, האָט ער אָוועקגעלייגט פֿאַר פּיסאַרעוון און דודינען די פּראָטאָקאָל־עקזעמפּלאַרן פֿון דער באַראַטונג.

— מיר וועלן אויסהערן די אינזשעניערן, — האָט דודין געזאָגט און זיך געוואָנדן צו גרובסקין: — איר האָט דאָס וואָרט. זאָגט אַלץ. פֿונעם פּראָיעקט איז אָפּהענגיק דער גורל פֿון דער נאַפּטלייטונג. מיר דאַרפֿן וויסן, צי האָבן די אָנפֿירער פֿון דער בויונג אַ טאָעס אָדער ניט.

גרובסקי האָט גערעדט אויספֿירלעך, געשטיצט אַף ציפֿערן און אויסרעכענונגען. ער האָט רעפֿערירט די פּאָזיציעס פֿונעם אַלטן פּראָיעקט, נאָכדעם פֿונעם נײַעם און פֿאַרענדיקט מיט אַ קריטיק איבער בערידזעס פֿאָרשלאָגן. ער האָט גערעדט עפּעס ניט פֿעסט און אָן ברען. אַפֿילע בערידזע האָט עס באַמערקט און מיט כידעש אַ קוק געטאָן אַפֿן אָפּאָנענט. קענטיק, אַז גרובסקי האָט שוין ניט געגלייבט, אים זאָל זיך אײַנגעבן צו דערווײַזן זײַן גערעכטיקייט.

בערידזע האָט אין מעשעך פֿון אַ האַלבער שאָ אויסגערעכנט באַווײַזן צו פֿאַרטיידיקן זײַנע פֿאָרשלאָגן. ער איז ערשט געווען רויִק און זיך ניט אַראָפּגעגליטשט צו פּאָלעמישע שאַרפֿקייטן. באַטמאַנאָוו האָט אים אויסגעהערט מיט אַן אינערלעכן שמייכל, זיך דערמאָנענדיק מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַרביטערקייט די אינזשעניערן האָבן דיסקוטירט, זיך איינאַנדער באַליידיקנדיק, באַ אים אין קאַבינעט. נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך דאָרט אויסגערעדט, ווי דער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג האָט נעמלעך אויסגערעכנט, זײַנען זיי שוין אָהער געקומען פֿרײַ פֿון היציקייט און דעם אַלץ, וואָס וואָלט פּיסאַרעוון און דודינען געקענט שטערן אַרײַנדרינגען אין טאָך פֿון די איניאָנים.

„אַזעלכע אויגן זעען אַלץ”, — האָט אַלעקסיי אַ טראַכט געטאָן, באַמערקנדיק, אַז פּיסאַרעוו קוקט זיך באַזונדערס שאַרף צו צו גרובסקין. קאָווּשאָוו האָט שוין ניט געשפּירט קיין שום באַאומרויִקונג, האָגאָם גראָד ערשט איז ענדגילטיק באַשלאָסן געוואָרן דער גורל פֿונעם פּראָיעקט. מאַשמאָעס, אַז דערצו האָט גוירעם געווען גרובסקיס אומזיכערקייט און בערידזעס פֿעסטער טאָן.

— כאָוועער בערידזעס אַרגומענטן הערט איר דאָך ניט צום ערשטן מאָל? — האָט דודין אַ פֿרעג געטאָן גרובסקין. — די מיינונגס־פֿאַרשיידנקייט האָט זיך באַ אײַך אָנגעהויבן שוין די ערשטע טעג פֿון אײַער באַקאַנטשאַפֿט. זאָגט אונדז ערלעך: האָט זיך באַ אײַך ניט געענדערט די מיינונג פֿון זינט איר האָט אונדז געשיקט אײַער מעמאָריאַל? עפּשער

איז אײַך שווער גיזוועך צו זײַן אין זיך דעם גײַסט פון אַקשאַנעס ? עס טרעפט זיך דאָך אַמאָל : אַ מענטש פֿאַרטראַכט עפּעס, האָט געמאַכט דעם ערשטן שריט און נאָכער איז אים ניט באַקוועם זיך צוריקצוציִען. זײַט זיך דערין מוידע, קאַלזמאַן ס'איז ניט שפּעט. די בויונג גייט אָפּן וועג, ווי כאָוועך באַטמאַנאָוו האָט געזאָגט, וואָס דער נײַער פּראָיעקט האָט אָנגעוויזן. אויב די דאָזיקע ריכטונג איז ניט קיין ריכטיקע, איז עס אַ קאַטאַסטראָפע, דערצו נאָך אַזאַ, וואָס ניט צו ראַטעווען.

— איך בין טיף איבערצײַגט אין דער פּעלערדיקייט פון דעם וועג, וואָס די כאַווײרים האָבן אויסגעקליבן. דער איצטיקער מאַצעוו פון דער בויונג באַטײַט נעמלעך אַ קאַטאַסטראָפע, — האָט זיך גרובסקי ווידער אויפגעשטעלט.

— וואָס לייגט איר, אונדז פאָר צו טאָן, קעדיי ארויסצופירן די בויונג פון דעם „קאַטאַסטראָפאַלן" מאַצעוו און אויספירן די אויפגאַבע פון דער רעגירונג ?

— צום באַדויערן קען איך גאָרניט פאָרלייגן, — האָט זיך גרובסקי מוידע געווען. — די נאָפּטלייטונג קען מען אין אַזאַ טערמין ניט אויפבויען. ס'איז בעסער זיך דערין מוידע זײַן שוין ערשט, איידער שפּעטער, ווען ריזיקע אָנשטרענגונגען פון אַ סאַך מענטשן וועלן זיך אַרויסווײַזן פאַר אַרויסגעוואָרפן.

דער סעקרעטאַר פונעם קאָנטקאָם האָט מיט בעפּירעשער אומצופרידנקייט אַ קוק געטאָן אויף גרובסקין.

— אַן אומבאַדעגקטער, שלעכטער ענטפער, כאַוועך גרובסקי. און איר האָט גענוג צײַט געהאַט זיך צו באַדענקען.

גרובסקי האָט געשוויגן, די הענט אַראָפּגעלאָזט, און מיט מי אויסגעהאַלטן דודינס בליק צו אים געווענדט.

— איר ווייסט ווער עס האַלט אײַך אונטער אין אײַער פעסטשטעלונג, אַז די נאָפּטלייטונג קען מען ניט אויפבויען ? — האָט פּיסאַרעוו אַ פרעג געטאָן. ער האָט געהאַט אַ זאַפּטיקע, געדיכטע שטים און גערעדט ניט געאײַלט. — שטעלט אײַך פאָר — געבעלס, ער איז מיט אײַך איינס יאָ, יאָ, קאַכט זיך ניט אויף, — האָט ער קוים געהערט די שטים, באַמערקנדיק, ווי גרובסקי האָט אַ ציטער געטאָן און זיך אָנגעצונדן. — זאָלט איר וויסן, אַז אין די דײַטשישע זשורנאַלן האָט מען פאַר דער לעצטער צײַט, לויט געבעלסעס באַפעל, אָנגעהויבן צו שרײַבן וועגן אײַער בויונג. דער זין פון די פאַשיסטישע שרײַבעכצן איז דער : די באָלשעוויקעס האָבן זיך גענומען אויפבויען אַ נאָפּטלייטונג פון טײַסין קיין נאָווינסק און דראָען אַפילע דורכצולייגן אים אונטער די שטורעמדיקע וואַסערן פונעם דזשאַגדינסקער דורכגוס. קיין פראַקטישע באַדײַטונג הייסט עס, האָט זי ניט, די באָלשעוויסטישע אונטערנעמונג, נאָר דאָס איז אינטערעסאַנט ווי אַ מוסטער פון דער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע באַמיט זיך

איבערצוצײַגן, אַז די מילכאָמע וועט זיך פאַרציִען ניט נאָר אַף איין יאָר. איבעריקנס, לאָזן זיי זיך באַמיִען, זאָלן זיי בויען זייער באַפעסטיקונג, — זאָגן געבעלסעס מעשאָרסים. — די מילכאָמע וועט זיך איינגיכן פאַרענדיקן, און דאָס וואָס זיי וועלן באַווײַזן צו מאַכן, וועט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון אונדזערע ווײַטמיזרעכדיקע פאַרבינדעטע... — פיסאַרעוו האָט אַ רעגע געשוויגן און צוגעגעבן סאַרקאַסטיש: — עס קומט אויס אײַך צו גראַטולירן מיט אַזאַ צונויפפאַלן פון די מיינונגען...

גרובסקי האָט זיך געריסן עפּעס צו זאָגן און ניט געקענט. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, אַנידערגעזעצט און פאַרשטעלט דאָס פּאָנעם מיט די הענט.

— איך שטעל זיך ניט פאָר, ווי ריזיקאַליש ס'איז דאָס, וואָס בערידזע לייגט פאָר! — האָט ער ענדלעך פּעסט אַ זאָג געטאָן, איבערפירנדיק דעם בליק פון פיסאַרעוון אַף דודינען. — וויאַזוי זאָל איך אײַך איבערצײַגן? אַלע ווערטפולע מיטלען, וואָס מיר פאַרנוצן ערשט, וועלן אַוועק אין ניוועץ...

פיסאַרעוו האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און, אָפּרוקנדיק מיט רויש דעם פאָטעל, זיך אויפגעשטעלט:

— איך שטעל זיך פאָר, אַז פונקט אַזוי טראַכטן געוויסע הערן אין אַמעריקע: מען דאַרף ניט העלפן ראַטנפאַרבאַנד בויען די ווײַטמיזרעכדיקע באַפעסטיקונג. די מילכאָמע האָבן זיי פאַרשפּילט, און אויב עס וועט געשען אַ נעס, און זיי וועלן אויסלייגן די רעדן איבער דער טײַגע, — וועלן זיי פּרוּוון אַרײַנפאַלן צו די יאַפּאַנער. עס וואָלט דעמאָלט אַ קלאָג געווען צו אונדזער געלט און מאַטעריאַלן. איך וואָלט אײַך געראָטן, גרובסקי, ערנסט אַ טראַכט צו טאָן וועגן אײַער ראַט. די פּירערשאַפט פון דער בויונג האָט בײַ אונדז קיין אָנקלאָגע ניט געמאַכט, נאָר מיר ווייסן אַליין וויפל בלוט איר האָט פאַרצאַפּט בערידזען און זײַנע געהילפן. איר זײַט אַ סאָלידער אינזשעניער, מיט אויטאָריטעט, מען קען אײַך, נאַטירלעך, אַזוי לײַכט מיט דער האַנט ניט אַוועקמאַכן... איך האָב אײַך אויסגעהערט און זיך באַמיט צו פאַרשטיין די סיבעס פון אײַער טאָעס, וועלכער האָט אײַך דערפירט, אין טאָך, ענדגילטיק איבערצורײַסן מיט דער בויונג.

בערידזע און אַלעקסיי זײַנען געזעסן אָן דער מינדסטער באַוועגונג. ס'איז צו שווער געווען די באַשולדיקונג, וואָס פיסאַרעוו האָט אַרויסגעזאָגט, און ס'איז געווען צו זען, ווי גרובסקי בייגט זיך אונטער איר.

— איר האָט פאַרלוירן יעדן געפיל פאַר דער לאַגע און דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, — האָט זיך דודין אַרײַנגעמישט. — וויאַזוי האָט איר געקענט ניט ווערן בערידזעס געהילף? האָט דאָך טאָפּאַליעוו באַנומען ווער ס'איז גערעכט!... איר האָט זיך דערשראָקן פאַר דער ריזיקע און

געוואָלט זיך פאַר איר פאַרשטעלן? און וואָס פאַר אַן ערנסטע זאַך קען מען טאָן אין לעבן, ניט ריזיקירנדיק?

אַלעקסיי און בערידזע האָבן זיך איבערגעקוקט — דער סעקרעטאַר פונעם קאָנטקאָם האָט קימאַט בוכשטעבלעך איבערגעזאָגט די ווערטער, וואָס באַטמאַנאָוו האָט געזאָגט אַף דער באַראַטונג. דודין האָט פאַררייכערט. פיסאַרעוו, וועלכער איז געגאַנגען איבערן דיקן טעפּיך, וואָס האָט פאַרשלונגען דעם קלאַנג פון די טריט, האָט זיך געזעצט און אויך פאַררייכערט.

— כאָווער באַטמאַנאָוו! — האָט נאָך אַן אָנגעשטרענגטער פּויזע אַ זאָג געטאָן.

— איך הער.

— איך באַפעל אייך צו רעכענען פון הייַנטיקן טאָג אָן דעם אינזשעניער גרובסקי פאַר באַפרייַט. זייַן אַנוועזנהייט בײַ אײַך איז שעדלעך. און, כּוצדעם, האַלט איך, אַז ער איז פּאַשעט ניט ווערט צו זייַן צווישן די באַטייליקטע אין אַזאַ פּרעכטיקער בויונג, אין וועלכער ער גלייבט ניט.

— פיסאַרעוו האָט זיך אויסגעדרייט צו גרובסקין: — יאָ, איך באַזייַטיק אײַך פון דער אַרבעט אַף דער בויונג, איך באַפרייַ אײַך פון דער נויטווענדיקייט צו ריזיקירן. און איך טראַכט, אַז עס וועט זייַן ניט לייַכט צו פועלן בײַ מיר, איך זאָל אײַך דערלויבן זיך צוריקקערן, ווען איר וועט אײַנזען אײַער טאָעס... איר האָט מיך פאַרשטאַנען? — האָט זיך דער באַפולמעכטיקטער פון דעם מעלוכישן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט ווידער געוואַנדן צו באַטמאַנאָוון.

— פאַרשטאַנען.

— מער קיין פראַגן צו גרובסקין האָב איך ניט, — האָט פיסאַרעוו אַ זאָג געטאָן צו דודינען.

— איר זייַט פרייַ, — האָט זיך דער סעקרעטאַר פון קאָנטקאָם געוואַנדן צו גרובסקין.

אַ מינוט איז יענער געבליבן זיצן אַפן אָרט, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען, וואָס מ'האָט אים געזאָגט, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און מיט שווערע טריט געגאַנגען צו דער טיר.

אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי געשווינד, אַז אַלעקסיי איז געווען מעוווּלוול. מיט טיפער אַכטונג האָט ער געקוקט אַף דודינען און פיסאַרעוון און געטראַכט וועגן דער גרויסער אַכראַיעס, וואָס עס ליגט אַף זיי ניט בלויז פאַר דער בויונג פון דער נאַפטלייטונג, נאָר פאַר דעם גוירל פון דעם גאַנצן גרויסן קאַנט, וועלכער שפּרייט זיך אַף דער גרענעץ מיט אַ פערטלעכער וועלט און איז וויַט פון מאָסקווע קימאַט צען טויזנט קילאָמעטער.

— מיר מאַכן אַן איבעררייַס אין אונדזער באַראַטונג ביז מאָרגן, — האָט זיך פיסאַרעוו אויפגעשטעלט. — איך בין איבערצייַגט, אַז אײַער

פראַיעקט איז ריכטיק. נאָר איך מיטן כאַווער דודין דאַרפן אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן אים דעם מעלוכישן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט...

...אַפן צווייטן טאָג זײַנען די פאָרשטייער פון דער בויונג, שוין אָן גרובסקין, אַרויסגערופן געוואָרן אין קאַנטקאָם. עס האָט זיי ווידער אויפגענומען דודין און פיסאַרעוו. ווען די געקומענע האָבן זיך געזעצט, האָט פיסאַרעוו, אַ שמייכל טוענדיק מיט די ליפן־ווינקלען פון זײַן אויסדריקלעך געשטריכטן מויל, שפּאַסיק אַ פרעג געטאָן דעם סעקרעטאַר פון קאַנטקאָם:

— זאָגן זיי, אַ?

— איך מיין, מען וועט זיי מוזן זאָגן, — האָט יענער גוטמוטיק מאַסקים געווען.

— נעכטן האָבן מיר דורך וועטשע באַריכטעט דעם כאַווער סטאַלין וועגן דער בויונג, — האָט פיסאַרעוו אַ זאָג געטאָן מיט שטאַרקן ערנסט. — כאַווער סטאַלין האָט אַפּראָבירט דעם פראַיעקט און געזאָגט, אַז ער באַטראַכט די בויונג פון דער נאַפּטלייטונג, ווי אַ גרויסע שלאַכט מיט איר סטראַטעגיק און טאַקטיק, מיט אירע שוועריקייטן און קאַרבאַנעס. כאַווער סטאַלין האָט אויסגעדריקט די זיכערקייט, אַז באַטמאַנאָוו און זײַן אַרמיי בויער וועלן געווינען די שלאַכט, דערפאַר ווײַל דער פּלאַן פונעם אָנגריף איז ריכטיק, און עס זײַנען פאַראַן אַלע פאַרהאַנאַכעס פאַר אַ ניצאָכן...

אין איין ברען האָבן זיך באַטמאַנאָוו, זאַלקינד, בערידזע און קאָוושאָוו אויפגעשטעלט. אַלעקסיי האָט דערפילט, ווי הויך עס קלאַפט זײַן האַרץ.

— מיר וועלן זיך ניט פאַרשאַפן קיין כאַרפע, כאַווער קאָוושאָוו? — האָט פיסאַרעוו אַ פרעג געטאָן דעם יונגן אינזשעניער: ער איז אויפמערקזאַם געוואָרן אַף אַלעקסייס צערודערט פּאָנעם.

— מיר וועלן זיך ניט פאַרשאַפן קיין כאַרפע, כאַווער באַפולמעכטיקטער פון מעלוכישן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט! — האָט אַלעקסיי געענטפערט, אַקצענטירנדיק וואָרט נאָך וואָרט.

— און איצט דערציילט, וואָס עס טוט זיך בײַ אײַך אַף די באַצירקן, — האָט פיסאַרעוו געזאָגט. — זאָגט אין וואָס איר בייטיקט זיך און שטעלט אַרויס אײַערע פאָדערונגען צו מיר און כאַווער דודין.

באַטמאַנאָוו האָט דערציילט אויספירלעך מיט אַלע קלענסטע פּראַטים. ער האָט פאַרמאָגט אַ גליקלעכן זיקאָרן, וואָס בייטיקט זיך ניט אין קיין פאַרצייכענונגען און נאָטיצן. דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט אויסגערעכנט ציפערן, פאַמיליעס, מאַטעריאַלן אַזוי לײַכט, ווי זיי וואָלטן ליגן אין זײַן געדאַנק אײַנגעטיילט אַף באַזונדערע ערטער. האַגאַם דער

שמועס איז סטענאָגראַפירט געוואָרן, האָט דודין פאַרשריבן באַטמאַנאָווס פאַרלאַנגען אין נאָטיץ־ביכל.

— אַט וואָס, טײַערער כאַווער, — האָט ער זיך אויפגעהויבן און אָנגעשפּאַרט מיטביידע הענט אָפן טיש. — איך האָב באַקומען אַ שלעכטן סיגנאַל פונעם דורכגוס. דער שווייסער אומאַרע מוכאַמעט — איך אַליין האָב אים געשיקט אַף דער בויונג — שרײַבט וועגן דעם שלעכטן מאַצעוו אָפן דאָזיקן וויכטיקן באַצירק. אַ שרײַענדיקער סקאַנדאַל! ער פאַרקלאָגט זיך אַף מערזליאַקאָוון, — אַזוי, דוכט זיך, הייסט דער נאַטשאַלניק פון דעם באַצירק? אומאַרע איז אַ קאָמוניסט, און איך גלייב אים: וואָס־זשע קומט דאָרט פאָר? איז עמעצער פון אײַך און וועגן געוועזן אָפן דורכגוס?

— כ'בין זיך מודע, כ'האָב זיך נאָך אַהין ניט דערשלאָגן, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט — דאָס איז נעמלעך דער באַצירק, וואָס איך האָב בעדייע צו פאָרן אַהין גלײַך נאָכן אומקערן זיך קיין נאָווינסק, צוזאַמען מיטן כאַווער בערידזע. מירן דאָרט זײַן אַזוי לאַנג, ביז די זאַך וועט ניט אָוועק אין פולן גאַנג. דערווײַל האָב איך אַהין געשיקט פאַנקאָוון — אַ פאַרלאָזלעכער און שטאַרקער מענטש, מיט דער קאַוואַנע, ער זאָל אַף ווײַטער פאַרנעמען מערזליאַקאָווס אָרט. פאַנקאָוו גיט עפּעס ניט צו וויסן וועגן זיך.

— אומאַרעס סיגנאַל איז זייער באַאומרויִקנדיק, — האָט פּיסאַרעוו געזאָגט. — נעמט אין אַכט, כאַווער באַטמאַנאָוו: אויב איך אָדער כאַווער דודין וועלן זיך באַווײַזן אָפן דורכגוס פאַר אײַך, וועט אײַער לאַגע זײַן ניט מעקאַנע צו זײַן.

באַטמאַנאָוו האָט מיט כשיוועס אויפגעהויבן דעם קאָפּ:

— איך האָב בעדייע, כאַווער איך איבער, גלײַך אַרויסצופאָרן צום דורכגוס. ביז הײַנט, האָב איך קיין רעכט ניט געהאַט אַף לאַנג אַהין אַרויסצופאָרן. די פראַגן פון דער גאַנצער בויונג זײַנען וויכטיקער געוועזן פון די פראַגן פון איין באַצירק, זאָל זײַן אַפילע פונעם סאַמע שווערסטן. און פאַרווײַלן דאָרט אַ טאָג־צוויי האָט קיין זין ניט געהאַט. די אינזשענירן ווידער האָבן דערווײַל גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן באַם דורכגוס: מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז זײַן טעכנישע אויפגאַבע איז געלייזט געוואָרן בוכשטעבלעך די מעג דורך טאָפּאָליעווס פאַרשלאָג. אָפן באַצירק איז אַ מענטש פון פאַנקאָווס טיפּ געוועזן נייטיקער פון אַ וועלכן ס'איז אינזשעניער. איך פאַרשטיי ניט, וואָס מיט אים איז געשען.

— איך ווייס, אַז איר האָט ניט צעפּאַטערט די צײַט אומזיסט, — האָט מיט אַפּראָבירונג און אַ קוים באַמערקלעך שמייכעלע אַ זאָג געטאָן פּיסאַרעוו. — אין אײַער אָנפירן מיט דער בויונג זעט זיך אַ פאָרויס־באַטראַכטער פלאַן, צו וועלכן כ'האָב טאַקע קיין טײַנעס ניט געהאַט. אָבער אין קלוגסטן פלאַן זײַנען מעגלעך געפערלעכע טאָעסן.

— האַגאַם איך דערלאָז, בין ערשט אַפילע איבערצײַגט, אַז באַם

דורכגוס איז זײַער ניט אין אָרדענונג, קאָוויר איך פֿונדעסטוועגן, כאָווער פּיסאַרעוו און כאָווער דודין: צו אײַער קומען אַהין וועט זײַן אָרדענונג!...

נאָך דער בעראַטונג איז באַטמאַנאָוו אַוועק צו פּיסאַרעוון — מ'האָט נאָך אַ סאַך באַדאַרפֿט אַרומשמועסן און באַשליסן פּראַקטימדיק. בערידזע האָט גענומען אײַלן, געבעטן אַ מאַשין, און איז אַוועקגעפֿאָרן, ווי אַלעקסיי האָט זיך אָנגעשטויסן, צו טאַניאַ וואַסילטשענקאָס מאַמע. זאַלקינד האָט געהאַט זײַנע איניאַנים אין קאָנטקאָם. קאָוושאָוו איז געבליבן אַליין.

— גיי אין האָטעל, רו זיך אויס, — האָט אים דער פּאַרטאָרג געראָטן. — איך וועל זיך אײַנגיכן באַפֿרײַען און קומען צו דיר מיט דער טאָכטער. מיר וועלן אײַנדרײַען ערגעץ אַרײַנגיין.

מאַכמעס איידלקייט האָט זיך אַלעקסיי אָפּגעזאָגט, און דער מוירע ניט צו שטערן די זעונג פֿון זאַלקינדן מיט דער טאָכטער.

— איך האָב זיך נעכטן צופֿעליק באַגעגנט מיט אַ געוויסן כמאַרע, און ער האָט מיך פֿאַרשלעפּט צו זיך, — האָט ער געזאָגט. — איך האָב נאָך ניט באַוויזן עפּעס צו באַטראַכטן. עס גלוסט זיך מיר אַרײַנכאַפּן אין מוזיי, און אין אָוונט — אין מוזיקאַלישן קאָמעדיע־טעאַטער. מען רעדט אַלץ בײַ אונדז וועגן ליבערמאַנס ברודער, וועל איך אַגעוו אַ קוק טאָן, צי איז ער טאַקע אַזאַ גוטער אַרטיסט...

...צוריקגעקומען אין אָוונט אין האָטעל, האָט קאָוושאָוו געטראָפֿן זאַלקינדן און בערידזען שטאַרק צערודערט.

— אַליאָשע! — האָט זיך צו אים געאָרגי דאַווידאָוויטש אַ וואָרף געטאָן. — די דײַטשן האָבן געליטן אַ שרעקלעכע מאַפּאַלע הינטער מאַסקווע. עס זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן הונדערט טויזנט פֿאַשיסטן. יובל, אַליאָשע! יובל, טײַערינקער!...

קאַפּיטל צען

אין וועג צום דורכגוס

אױפֿן פֿערטן רײַס האָט דער שאָפֿער מאַכאָװ געהאַט אַ דורכפֿאַל. ביז הײַנט איז די מאַשין געגאַנגען גוט, און פּלוצים האָט דער מאָטאָר קוים צו דערהערן אַ קלאַפּ געטאָן. ווידער אַ קלאַפּ, טרוקענע קנאַקלעך. דער מאָטאָר האָט אַ ניס געטאָן און פֿאַרגליווערט געוואָרן. די מאַשין איז לויט אינערציע אָפּגעלאָפֿן נאָך עטלעכע מעטער און זיך אָפּגעשטעלט. מיטאַמאָל איז אױסערגעװײנלעך שטיל געוואָרן.

מאַכאָוו האָט אַ שטופּ געטאָן דאָס טירל, — אין דער קאַבינע האָט זיך אַרײַנגעריסן אַ ווינט און אים אָפּגעטמאַליעט דאָס פּנים. נאָך ווען ער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער באַזע האָט ער געהערט שמועסן, אַז די טעמפּעראַטור איז געפֿאַלן ביז פֿינף און פֿערציק גראַד. מאַכאָוו האָט אויפֿגעעפֿנט דאָס דעקל און אײַנגעשלאָ־ין ליכט. דער מאָטאָר האָט זיך אָפּגעקילט, די קעלט האָט דורכגענומען ביז די ביינער און ניט די האַלבפֿעלצ־לעך. ניט די וואַטענע לײַבלעך האָט ניט געשיצט די שאָפֿערן. מאַכאָוו האָט געשווינד אויפֿגעעפֿנט דעם קאַרבוראַטאָר. ער איז געווען ליידיק. דער בענזין איז אָדער ניט פֿאַרבײַגעגאַנגען, אָדער קעגן דער אויסרעכע־נונג אויסגעגאַנגען.

מאַכאָווס פֿינגער זײַנען פֿאַרשטײַפֿט געוואָרן, און ס'איז אין זיי פֿאַרגאַנגען שפּאַרעס. זיך פֿאַרקרימענדיק פֿאַר ווייטיק, האָט ער אויפֿגע־דרייט דעם ברעג פֿונעם בענזין־דראָט און אַראָפּגענומען דאָס רערל. איצט איז אים פֿאַרגעשטאַנען דאָס סאַמע געשמאַקסטע. מאַכאָוו האָט צוגע־לייגט די ליפּן צום רערל און אַ בלאָז געטאָן. ס'איז אַרויסגעשפּרונגען אַ שטיקל שניי, ס'האָבן אַ פּלי געטאָן עטלעכע שפּריצלעך — קיין בענ־זין איז ניט געווען. מאַכאָוו האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און אָפּגעריסן די ליפּן, וואָס זײַנען צוגעפֿרוירן געוואָרן צום רערל. אַראָפּגעלעקט דאָס בלוט, האָט ער מיט די קימאַט פֿאַרכאַלעשטע הענט געשטעלט דאָס רעדל אויפֿן אָרט, דערנאָך געזוכט אַ פֿאַרלוירן געגאַנגענעם שרויף פֿונעם קאַר־

בוראַטאָר. אים ענדלעך געפֿונען, האָט ער אים ניט געקענט אָננעמען מיט די פֿינגער.

אין ערגערניש און זיך אַלץ מער באַאומרויִקנדיק, האָט מאַכאָוו געקוקט אָפֿן וועג. עפּעס האָט זיך נאָך אַלץ ניט געוויזן סאָלנצעווס מאַשין. מען וואָלט געקענט צונעמען בײַ אים אַ ביסל בענזין און מיט זײַן הילף צוריק אויפֿלעבן די מאַשין. ס׳איז געווען פֿאַרדריסלעך, וואָס סאָלנצעוו וועט דערויף אויסשפּילן. דאָס ערשטע מאָל פֿאַר דער צײַט פֿון זייער פֿאַרמעסט באַם איבערפֿירן די רערן וועט סאָלנצעוו קומען דער ערשטער, און מוסיאַ קוטשינאַ, די בופֿעטניצע, וואָס טיילט צו די פּרעמיעס, וועט ניט צו סאָלנצעוון, ווי געוויינלעך, נאָר דאַווקע צו אים, מאַכאָוון, אַ זאָג טאָן מיט אַן איראָניש שמייכעלע: „דײַן פֿרײַנט, דער קעגנער, האָט שוין מיט אַ האַלבער שאָ צוריק אויסגעלאָדעוועט, אויסגעטרונקען זײַן קאַווע, באַקומען פּאַפּיראָסן, פֿאַרדייכערט און געפֿאָרן אין אַ נײַעם רייס".

נאָר ערשט איז אים שוין ניט געלעגן אין זינען די פּרעמיעס און אַפֿילע ניט ווער עס וועט זײַן דער ערשטער. פֿאַר דער צײַט, וואָס מאַכאָוו האָט פֿאַרדרייט די שרויפֿן, זײַנען זײַנע הענט אינגאַנצן פֿאַרכאַלעשט געוואָרן און — וואָס ס׳איז נאָך ערגער — די מאַשין האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעקילט. דער שאָפֿער האָט מעטורעף געזעצט מיט די הענט איבער די קני. פּלוצים האָט ער דערהערט אַ שאָרכען פֿון די אײַנפֿרירנדיקע רערלעך פֿונעם ראַדיאַטאָר — דער דאָזיקער קלאַנג האָט אים ווי אַ קרעל געטאָן דאָס האַרץ. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַרויסצולאָזן דאָס וואַסער, און איז פֿאַרגליווערט געוואָרן, דערזעענדיק ענדלעך זיך דערנענטערן סאָלנצעווס מאַשין.

מאַכאָוו האָט אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט, די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט. סאָלנצעוו איז ניט אַויסגעקראָכן פֿון דער קאַבינע, האָט שפּאָטיש אַ שאָקל געטאָן צום קעגנער מיטן קאָפּ און, אַף אַ רעגע זיך ניט פֿאַרטראַכט, גלײַך אים אָפּגעזאָגט צו געבן בענזין.

— וואָס פֿרעגסטו! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, איבערשרײַענדיק דעם רויש פֿון זײַן הירזשענדיקן מאָטאָר. — דאָס הייסט, גיב אַוועק דײַן פֿערד, און אַליין שפּאַן צופֿוס... מיר אַליין וועט וואָרשײַנלעך קיין בענזין ניט קלעקן. האָסט ניט געווען באַדאַרפֿט פֿאַרקוקן. נו, און עס לוינט זיך מיר ניט מיט דיר צו טיילן. אַף ווידערזען!...

ער האָט פֿאַרקלאַפּט דאָס טירל פֿון דער קאַבינע און אַוועקגעפֿאָרן. מאַכאָוו איז געבליבן שטיין ווי אַ גוילעם, און ניט געפֿונען קיין ווערטער אויסצודריקן זײַן צאָרן. ערשט ווען די מאַשין איז אַוועק, און סאָלנצעוו האָט אים שוין ניט געקענט דערהערן, האָט ער צוריק באַקומען דאָס לאָשן.

— דו קעלעוו־שעבעקלאָווים, איבערגעלאָזט אַ כאַווער אין אַן אייזצאָרע! — האָט מאַכאָוו אַ געשריי געטאָן און מיט אויפֿגעהויבענע פֿויסטן זיך געלאָזט לויפֿן נאָך סאָלנצעוון. — אַך, דו העסלעכער אינדיווידואַליסט!

— דאָס וואָרט „אינדיווידואַליסט" איז לויט ראַגאָוס געוווינהייט געוואָרן אַ זידלוואָרט באַ די שאָפערן.

אין צערודערונג האָט מאַכאָוו פאַרגעסן אין זײַן מאַשין. ער איז געשטאַנען אָפן וועג און שאַרף נאָכגעקוקט סאַלנצעווס לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פינטל, ווי ער וואָלט אים וועלן אָפשטעלן מיט דער קראַפט פון זײַן בליק. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט און גענומען צעלייגן אַ שרײַבער, קוים זיך אײַנהאַלטנדיק פון צו שרײַען מאַכ־מעס דעם ווייטיק אין די פינגער, וואָס נעמען זיך דערוואַרעמען. פאַרנו־מען מיטן שרײַבער, האָט ער ניט באַמערקט, ווי ס׳איז אָנגעפאָרן אַ לאַסט־אויטאָ מיט אַ שאָפער אַ נאָענטער אין דער קאַבינע. דאָס איז דער פאַרזי־צער פונעם דאַרפסראַט, מאַקסים כאָדזשער, געפאָרן אין ראַיאָן־צענטער. זיך דערוווסט וועגן מאַכאָווס צאָרע, האָבן סײַ ער, סײַ דער שאָפער, זיך ניט פאַרשטענדיקנדיק, אים פאַרגעלייגט זייער בענזין.

— דו דאַרפסט דערפירן די רערן — דאָס איז וויכטיקער, איך קען זיך אומקערן, — האָט כאָדזשער געזאָגט און געהאָלפן איבערגיסן דעם בענזין פון איין באַק אין צווייטן.

— איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן, מאַקסים. האָסט מיר אַרויס־געהאָלפן. איך בלײַב דיר אַ באַלכויוו.

אָפּגעפאָרן אַ דרײַ קילאָמעטער, האָט מאַכאָוו באַמערקט דורך דער געפרוירענער שויב אַן אויטאָ פאַר זיך. מיט די פאַדערשטע רעדער האָט ער זיך טיף אײַנגעשניטן אינעם געדיכטן שניי באַם ראַנד וועג, אַזוי אַז דער קאַסטן מיטן צוטשעפּ מיט די רערן זײַנען געווען אויסגעדרייט קי־מאַט אַלאַכסענדיק איבערן וועג. באַ דער מאַשין האָט זיך געאייסעקט סאַלנצעוו. דערזען דעם צופאָרנדיקן, האָט ער אויפגעהויבן די האַנט. מאַ־כאָוו האָט פאַרקלענערט די שנעלקייט און טאַרמאַזירט, זיך ניט אָפּגע־שטעלט, בלויז געעפנט דאָס טירל און אַ געשריי געטאָן:

— זײַט געזונט און שטאַרק! פאַרגעסט ניט אַרויסצולאָזן דאָס וואַ־סער פון ראַדיאַטאָר. און איך אייצע אײַך, ניט צו פאַרלירן קיין צײַט און לויפן נאָך הילף — דאָ ניט ווײַט, אַ קילאָמעטער צען. אַף ווידערזען אין פריידן!

און מאַכאָוו איז פאַרזיכטיק פאַרבײַגעפאָרן. נאָר דער צאָרן און די אויפרעגונג האָבן אים שוין פאַרלאָזן. אין אַ מינוט אַרום האָט אים פאַר־קלעמט דאָס האַרץ. לויט דעם, ווי סאַלנצעווס מאַשין איז געשטאַנען, האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז יענער האָט געפּרווט פאַרקערעווען אַף צוריק. „ער האָט האָט אַף געוויס געוואָלט זיך אומקערן צו מיר", — האָט מאַ־כאָוו אַ טראַכט געטאָן.

— נאָכער וועל איך זיך אַ גאַנץ לעבן ניט מויכל זײַן אַזאַ געמיינ־קייט! — האָט ער שוין אַ זאָג געטאָן אַף אַ קאָל און אָפּגעשטעלט די מאַשין.

געקרעכצט און זיך אָנגעשטרענגט האָט מאַכאָוו אָפּגעטשעפּעט דעם צוטשעפּ מיט די רערן, זיך אויסגעדרייט און צוריקגעפּאָרן. סאָלנצעוו האָט אים באַגעגנט מיט אַ פרײדיקן אויסגעשריי.

— זײַ מיר מויכל, גוטער ברודער, — האָט ער שולדיק אַ זאָג געטאָן צו מאַכאָוון. — איך באַנעם עס אַפילע ניט, ווי איך האָב געקענט אָפּטאָן אַזאַ שטיקל אַרבעט. אַן אינדיווידואַליסט מיט אַלע פּיטשעווקעס!... וואָס איז עפּעס באַ דיר אַף די ליפּן? גיב נאָר אַ קוק, בלוט! גאַ דיר אַ טיכל, ווישט אָפּ ווי עס באַדאַרף צו זײַן!...

זיי האָבן היפּש געסאַפּעט, אַרויסשלעפּנדיק באַנאַנד די פאַרזונקענע מאַשין אַפן בוקסיר.

— כ׳האָב ניט געקענט אָוועקפאָרן, דאָס געוויסן האָט אַ רייד געטאָן, — האָט סאָלנצעוו אויפגעקלערט. — כ׳האָב אָנגעהויבן פאַרקירעווען, נאָר זיך אונטערגעאײַלט און בין פאַרזונקען געוואָרן אינעם שניי. איך שטיי און גיי אַראָפּ פון זינען — און שוין ניט פאַר זיך בין איך אומרויק, נאָר פאַר דיר... ווען דו ביסט פאַרבײַגעפאָרן, בין איך אַפילע ניט אין קאַס געוואָרן — אַזוי צופרידן בין איך געווען, וואָס דו האָסט זיך אַרויסגעקריגן. און עפּעס האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דו ווּעסט ניט אַוועקפאָרן, ווּעסט זיך אומקערן... זאָג מיר, פון וואַנען שטעקט אין אונדז דער דאָזיקער קאַפּיטאַליזם?...

זיי האָבן אַ קוק געטאָן אײנער אַפן אַנדערן און זיך צעלאַכט. מאַכאָוו האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס פּאַפּיראָס־עקל מיטן פאַרבלוטיקטן מונדשטוק און אַנטשיידן אַ זאָג געטאָן:

— מירן דעם צופאַל פאַרשווײַגן. ס׳איז אַ כאַרפּע פאַר לײַטן... ס׳ט פאַרשטאַנען?

דעם גאַנצן רעשט פונעם רייס זײַנען זיי געפאָרן צוזאַמען, צוזאַמען אַרײַנגעגאַנגען אין דעם קיאָסק — אַזוי האָט מען גערופן דעם אויטאָבוס, ווו ס׳איז אײַנגעאָרדנט געווען אַ באַוועגלעכער בופעט פאַר די שאָפערן. פון זינט אַן מ׳האָט אײַנגעפירט דעם מעטאָד פון פונאַנדערפירן די רערן „אַף זיך״ איז דער קיאָסק געשטאַנען אַפן לעצטן פונקט פונעם רייס, אַפן אָרט פון יעדן קומענדיקן אָפּלאָדעווען די רערן. די שאָפערן, וועלכע האָבן דערפירט די לאָדונג צום אָרט, האָבן באַקומען, כוץ דער באַשטימטער שפּײַז־נאָרמע, אַ צוגאָב־פרישטיק ווי אַ פּרעמיע.

מוסיאַ קוטשינאַ, די רויטבאַקיקע באַלעבאָסטע פונעם אויטאָבוס, האָט פאַרוווּנדערט אַ קוק געטאָן אַף די שאָפערן, וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען אין אַ וואָלקן פאַרע. זייערע האַלבפעלצלעך האָבן זיי איבערגעלאָזט אין די מאַשינען. ס׳האָט פון זיי ביידע האַרב געשמעקט מיט בענזין.

— ס׳איז מיר אַ כידעש! ס׳האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן, איר זאָלט ביידע קומען צופאָרן פאַראַמאָל. עפּעס האָט הײַנט סאָלנצעוו אַף אַ געוויסן אויפן דעריאָגט מאַכאָוון, — האָט זי אַ זאָג געטאָן.

מוסיאַ האָט זיך געווענדעט צו באַטמאַנאַוון, וועלכער איז דאָ געזעסן באַנאַנד מיט בערידזען, קאַושאַוון, טאַפּאַליעוון, פּילימאָנאַוון און ליבער־מאַנען. דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג איז געפאָרן צוזאַמען מיט זײַן בריגאַדע אַפן ווײַטסטן באַצירק און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מוסיאַס באַוועגלעכן קיאָסק, קעדיי זיך צו דערוואַרעמען. ווען די שאָפערן האָבן דערזען די נאַטשאַלסטווע, זײַנען זיי מעוווּלוול געוואָרן און שטיין געבליבן אַפן אָרט.

— קומט אַרײַן, פרײַנט! — האָט זיי באַטמאַנאַוו פאַרבעטן, אײַנ־קוקנדיק זיך אין זיי מיט אינטערעס. — נעמט אײַערע פּרעמיעס און דער־ציילט, ווי זיי קומען אײַך אָן. ווײַל איך וווּנדער זיך אַלץ, פאַרוואָס אַף ראַגאָווס באַצירק גייט אַזוי שנעל דאָס פונאַנדערפירן די רערן!

מאַכאָוו און סאָלגנצעוו האָבן אַראָפּגענומען די היטלען און זיך גע־זעצט באַ איינעם פון די טישלעך, וואָס זײַנען געווען אויסגעשטעלט אינעם ראַכוועסדיקן אויטאָבוס. מוסיאַ איז גלײַך צוגעלאָפן צו זיי מיט צוויי פאַרנדיקע טעפּעלעך קאַווע, פּוטערברויטן און פּאַפּיראָסן אַף אַ טאַץ. אַ קוק געטאָן אויפמערקזאַם אַף מאַכאָוון, וואָס זײַנע רויטע ליפּן האָבן זיך אומנאַטירלעך אויסגעטיילט אַפן פּאָנעם, האָט זי צודרינגלעך און באַומ־רויִקט אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס ביסטו הײַנט געבליבן הינטערשטעליק? און וואָס איז עס באַ דיר אַף די ליפּן? מיט וועמען האָסטו זיך עס געקושט אַפן פראָסט?

מאַכאָוו האָט, ניט ענטפערנדיק, גענומען דאָס טעפּעלע און זשעדנע צוגעפאַלן צו דעם. און גלײַך האָט ער עס געטאָן אַ שטעל אַוועק — דאָס הייסע געטראַנק האָט אים אָפּגעבריט די ליפּן.

— ס'איז מיר געשען אַן אַוואַריע, ער האָט מיר אַרויסגעהאָלפן. און קושן זיך איז מיר אויסגעקומען מיטן קאַרבוראַטאָר, — האָט סאָלג־צעוו געענטפערט פאַר אים. — פאַרשטייסט?

— כ'פאַרשטיי זייער גוט! — איז מוסיאַ געוואָרן אויפגעלייגטער, האָט מיט טריומף אַ קוק געטאָן אַף באַטמאַנאַוון. יענער האָט וועגן עפּעס זיך דורכגעשעפּטשעט מיט ליבערמאַנען.

— וואַרט אונטער, פרײַנט, נעמט זיך גיט דערווײַל צו דער קאַווע. עס קומט אײַך דאָ פון אונדז אויך אַ קליינע פּרעמיע, — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו די שאָפערן.

ליבערמאַן האָט מיט אַ ליבלעכן שמייכל אַוועקגעשטעלט פאַר זיי אַ פלעשל ספּירט, קאָנסערוון און אַנידערגעלייגט צוויי טאָוועלעך שאָ־קאָלאַד.

— אַ דאַנק, כאַווער באַטמאַנאַוו, — האָט מאַכאָוו אַ זאָג געטאָן, געהיט אַוועקרוקנדיק פון זיך דאָס פלעשל, — איר האָט אַ טאָעס, אַז מיר באַמיִען זיך צוליב די פּרעמיעס.

באַטמאַנאָוו האָט דעם גאַנצן וועג געהאַלטן אין איין זאָגן די איבערזשעניערן, אַז מען דאַרף זיך אײַלן צום דורכגוס און ניט פאַרלירן קיין איין מינוט אומזיסט. פונדעסטוועגן איז אים מוסיאַ קוטשינאַס אויטאָבוס, ווײַזט אויס, אַזוי געפעלן, אַז ער האָט אין אים פאַרבראַכט שוין צוויי שאָ אין שמועסן מיט די צוגעפאָרענע שאָפערן. זײַנע באַגלייטער, וועלכע זײַנען היפּש דורכגעפרוירן געוואָרן פאַרן טאָג, זײַנען צופרידן געווען פון דער געלעגנהייט צו זיצן אַ ביסל אין דער וואַרעם.

— ניט צוליב דער פּרעמיע באַמיט איר זיך? — האָט ער אַ פרעג געטאָן מיט קלוימערשטער פאַרוווּנדערונג.

— עס זײַנען פאַראַן וויכטיקערע זאַכן. מיר העלפן דעם פראָנט, כאַווער באַטמאַנאָוו, — האָט מאַכאָוו געענטפערט האַרב. — סאָלנצעווס אַ פרײַנט קעמפט צוזאַמען מיט ראָקאָסאָווסקין — האָט פאַרטריבן די דײַטשן פון מאָסקווע. סאָלנצעוו האָט זיך פאַרפליכטעט לעגאַבע אים — איבערשטײַגן די גאָרמע אַף אַנדערהאַלבן מאָל. נעכטן האָט ער געמאַכט אַריבער הונדערט פּופציק.

— באַ אונדז האָט זיך זייער געהויבן די שטימונג, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם ניצאָכן, — האָט סאָלנצעוו געזאָגט. — און דעם כאַווער קאָוושאָווס מעטאָד האָט, נאַטירלעך, צוגעהאָלפן דער זאַך. דער פאַר איז בעסער געוואָרן מיטן פונאַנדערפירן, און קיין אַראָפּגעוואָרפענע רערן אַפן באַצירק זעט מען ניט.

— דער מעטאָד איז ניט קאָוושאָווס, נאָר מאַכאָווס, — האָט אַלעקסיי אויסגעבעסערט דעם שאָפער.

— הייסט עס, אַז מ'האָט אומזיסט אײַנגעפירט די פרעמיעס, — האָט באַטמאַנאָוו אַ זאָג געטאָן ווי פאַר זיך, זיך דערשלאָגנדיק צו עפּעס זײַנעם אַ ציל אין דעם שמועס.

— ניט אומזיסט, — האָט מאַכאָוו דערווידערט. ער האָט גערעדט רויִק און וואָגיק. באַטמאַנאָוו האָט מיט סימפּאַטיע באַטראַכט זײַן ערנסט יוגנטלעך פּאָנעם. — אין דער טײַגע איז יעדן אָנגענעם צו דערפילן, אַז עמעצער זאָרגט וועגן אים. — ער האָט געוואָרפן אַ בליק אַף מוסיאַן און אַ שמייכל געטאָן. — כוץ דעם זײַנען איצט די דאָזיקע טעפּעלעך קאָווע געוואָרן באַ אונדז די צײַגערס פון אויסגעאַרבעטער נאָרמע! מיר פרעגן ניט איינער דעם צווייטן, וויפל רערן מ'האָט פונאַנדערגעפירט, נאָר וויפל טעפּעלעך מ'האָט אויסגעטרונקען. — ער האָט נאָכאַמאָל זײַטיק אַ קוק געטאָן אַפן מיידל און צוגעגעבן מיט אַרויספאָדערונג: — נו, און ווען מוסיאַ וואָלט דאָ ניט געווען מיט איר גוטן אויטאָבוס, וואָלט מען זיך סײַווי באַמיט!

— אַזוי גאָר! — האָט מוסיאַ זיך רייצנדיק אַ זאָג געטאָן. — מיר וועט זיך די דאָזיקע באַמערקונג פאַרגעדענקען, כאַווער מאַכאָוו!

— איך האָב טאַקע אַזוי פאַרשטאַנען, כאַווירים, אַז איר באַמיט זיך

ניט צוליב דער פּרעמיע, — האָט באַטמאַנאָוו ווייך אַ זאָג געטאָן. — באַליידיקט זיך ניט צוליב מײַנע ווערטער. און דאָס, ער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אַף די פּראָדוקטן, וואָס ליבערמאַן האָט אַוועקגעשטעלט, — דאַרפט איר ניט אָננעמען פאַר קיין פּרעמיע.

אינגיכן איז דער שמועס געוואָרן אַן אַלגעמייגער, די אינזשעניערן האָבן פונאַנדערגעפרעגט די שאָפערן וועגן דער אַרבעט, וועגן דעם לעבן פונעם באַצירק.

— וועמעס־זשע איז פאַרט דער דאָזיקער מעטאָד פון פונאַנדערפירן די רערן? — האָט באַטמאַנאָוו געפרעגט. — מ'האָט מיר דערציילט, אַז איר האָט אים געוואָלט אויסבאַהאַלטן בעסאָד.

— אָבי מיר פירן פונאַנדער לויט דעם נײַעם מעטאָד — פּאָטער. און ווער סהאָט געמאַכט דעם פאָרשלאָג, איז סאָפקאָלסאָף ניט וויכטיק.

— האָט מאַכאָוו דערקלערט.

— ביכלאַל האָט זיך עס באַקומען ריכטיק, — האָט באַטמאַנאָוו מאַסקים געווען. — איר ווילט וועגן דעם ניט ריידן, — דאַרף מען ניט. זאָל אײַער סאָד פאַרבלײַבן בײַ אײַך. — ער האָט אַ קוק געטאָן אַף מורסיאַן. — און נאָך אַ סאָד אײַערן זע איך.

מוסיאַ האָט זיך אַרײַנגעמישט אינעם שמועס:

— איך וועל אײַך זאָגן, כאָטשע נאַטשאַלניק פון דער בויונג, פאַר וואָס בײַ מאַכאָוון האָט זיך אַזוי באַקומען. ס'טויג ניט, אַז אויך איר זאָלט האָבן אַ ניט ריכטיקע מיינונג... מאַכאָוו האָט אויסגעפּרוווט דעם מעטאָד, עס זאָלן זיך ניט באַקומען קיין טאָעסן, און געהאַלטן, אַז ס'איז נאָך צו פרי אים פאַרצולייגן אַנדערע. פונקט דעמאָלט איז געקומען דער אינזשעניער, — זי האָט געוואָרפן אַן אומצופרידענעם בליק אַף קאָוושאָוון.

— אויך מיר אַ פאַרטיידיקער! — האָט מאַכאָוו אין פאַרלעגנהייט אַ בורטשע געטאָן, זיך אויפגעהויבן און אָנגעטאָן דאָס היטל. — מען קען צוריקגיין צו די מאַשינען, כאָטשע נאַטשאַלניק? — האָט ער אַ פרעג געטאָן באַטמאַנאָוון. — מיר האָבן נאָך צוויי רייסן צו מאַכן.

— מ'קען, — האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש געזאָגט און זיך אויך אויפגעהויבן. — מיר דאַרפן זיך לאָזן אין וועג, צופיל זיך פאַרזעסן בײַ מוסיאַן צוגאַסט... אַגעוו, איך וויל אײַך עפּעס פאָרלייגן, כאָטשע מאַכאָוו. איך פאָר צום דורכגוס, מיר דאַרפן דאָרט האָבן דרײַסטע כעווערלײַט. מ'וועט דאַרפן איבערפירן אַ סאַך לאָדונגען אַפן אינדזל — אַ וויכטיקע און שווערע זאַך. איך טראַכט אײַך איבערצווואַרפן צום דורכגוס. און מוסיאַן מיט איר אויטאָבוס אויך. איר האָט ניט דאַקעגן?

אַלע האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט, מוסיאַ האָט זיך פאַרשטעלט הינטער דעם בופעט־טיש.

— מוסיאַ איז אַ באַלעבאָס אַף זיך אַליין און צו מיר האָט עס

קיין שײַכעס ניט, — האָט מאַכאָװ געענטפערט, זיך אָנכמורענדיק, — און איך פֿערזענלעך בין אײנשטימיק, אויב מײַן האָסקאָמע איז נייטיק. אַף אונדזער באַצירק איז שוין עפּעס צו שטיל געוואָרן. און עס שאַט ניט זיך צו צעשיידן מיטן נאַטשאַלניק ראַגאָװ. ער האָט מיר צוגעטשעפּעט דעם „אינדיווידואַליסט" און קען ניט פֿאַרגעסן, פֿאַרוואָס איך האָב זיך ניט געוואָנדן צו אים מיט דעם פֿאָרשלאָג, בין זיך באַגאַנגען אָן אים.

זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. דער בריִענדיקער פֿראָסט האָט פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. מוסיאַ האָט אַרויפֿגעכאַפּט אַ מאַנטל אַף די פּלייצעס און אַרויסגעלאָפֿן אָפּגעבן די שאָפֿערן די קאָנסערוון און דעם שאָקאָלאַד, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט.

— דאָס איז פֿאַר דיר, פֿאַר דײַן פֿאַרטיידיקונג! — האָט איר מאַכאָװ אַ זאָג געטאָן אויפֿגעבראַכט און איר צוריקגעגעבן דעם שאָקאָלאַד, זוכנדיק מיטן בליק דעם נאַטשאַלניק. — און שטיי ניט אַפֿן פֿראָסט: דער מערמאָמעטער ווײַזט פּונקט גראַד!...

באַטמאַנאָװ איז אַרויסגעפֿאָרן אַף דער טראַסע מיט די אינזשעניערן און ליבערמאַנען, ווי נאָר ער האָט זיך אומגעקערט פֿון רובעזשאַנסק. אַף אַלע באַצירקן האָט מען זיי באַגעגנט מיט אומגעדולד. אין דער קאָמפּליצירטער ווירטשאַפֿט פֿון דער בויונג זײַנען אַלע ווײַלע אויפֿגעקומען פֿראַגן, וואָס לייזן זיי האָבן געקענט אָדער באַטמאַנאָװ אַליין, אָדער די אינזשעניערן, אָדער דער נאַטשאַלניק פֿון באַזאָרגונג.

אין אָנהייב פֿון דער נעסיִע האָט זיי באַגלייט זאַלקינד. ער האָט צוזאַמען מיט באַטמאַנאָוון באַטראַכט די איניאַנים פֿונעם דריטן באַצירק און געקומען צום אויספֿיר, אַז יעפֿימאָוון מוז מען פֿאָרט פֿאַרטוישן מיט טעמקינען — דאָס דאָזיקע קליינע מענטשל מיט דער שטילער שטים איז סײַווי געווען דער פּאַקטישער באַלעבאָס אַפֿן באַצירק. באַטמאַנאָװ האָט גלײַך אונטערגעשריבן אַ באַפֿעל וועגן זײַן נאָמינאַציע. יעפֿימאָוון האָט זאַלקינד אָפּגעפֿירט קיין נאָווינסק מיט דער קאָוואַנע אים אומצוקערן צוריק אַפֿן זאַוואָד צו טערעכאָוון.

פֿאַרטאָן מיט די קלאָפּאָטן אַף די נאָענטע באַצירקן, האָט זיך באַטמאַנאָװ ניט באַפֿרײַט פֿון דער באַומרויִקנדיקער זאָרג וועגן די ווײַטע באַצירקן, וווהין ער האָט זיך געריסן. אומעטום האָבן געפֿעלט מענטשן, און פֿונדעסטוועגן האָט ער געהאַלטן פֿאַר מעגלעך צוצונעמען פֿון יעדן אָרט די מענטשן, וואָס זײַנען נייטיק באַם אויפֿבויען דעם איבערגאַנג איבערן דורכגוס. נעקראַסאָוון האָט ער פֿאָרגעשלאָגן איבערצוגעבן די איניאַנים אַן אינזשעניער, וואָס איז געקומען פֿון נאָווינסק, און אײַליק זיך לאָזן אין וועג. דער אינזשעניער פֿאַר עקספּלאָזיעס האָט געדאַרפֿט צוזאַמען מיט טאָפּאָליעוון דורכפֿירן די ריזיקע עקספּלאָדירונגען אַף דעם דורכגוס.

אפֿן פֿערטן באַצירק האָט באַטמאַנאָוו באַפֿוילן די ברידער פֿעסטאָוו, זיי זאָלן פֿאָרן מיט אים.

— קרימט זיך ניט, איר זײַט לעבן דער פֿאַרוואַלטונג, און איר וועט טאָמיד געפֿינען גענוג קאַדרען און אַלץ, וואָס נייטיק איז, — האָט ער געענטפֿערט אַף מעלניקאָווס דערווידערונגען.

אין אַפּעלעניש, וואָס שנעלער צו דערגרייכן צום דורכגוס, האָט דער באַטשאַלניק פֿון דער בוויונג געהאַלטן אין איין אונטערײַגן זײַנע באַגלייטער און זיי ניט געלאָזט זיך לענגער פֿאַרהאַלטן אַף איין אָרט. ס'איז קימאַט ניט אויסגעקומען זיך אָפּצורוען: זיך אָפּגעשטעלט אַף איבערצובײַטן, זײַנען זיי גלײַך אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין די איניאַנים, און אינדערפֿרי האָט מען זיך שוין פֿון די דאָזיקע איניאַנים ניט געקענט אָוועקרײַסן. ווען ניט באַטמאַנאָווס פֿעסטער ווילן, וועלכער האָט אָן טירוצים געצויגן נאָך זיך, וואָלטן זיי וואָכנווײַז געזעסן אַף יעדן באַצירק.

אַפֿן פֿערטן באַצירק האָט זיך בערידזע פֿאַראינטערעסירט מיט אַ פֿאָרשלאָג פֿון איינעם אַ טעכניקער — איבערצורוקן אַ קליינעם אָפּשניט פֿון דער טראַסע. ער האָט געוואָלט פֿאַרהאַלטן זיך אַף עטלעכע טעג, ביכדיי אַליין אויסצופֿאָרשן די געגנט.

— פֿאַרשטיי, מען טאָר זיך ניט פֿאַרהאַלטן, — האָט אים באַטמאַנאָוו איבערצײַגט. — פֿאַרלירט נישט דעם קאָפּ בײַ יעדער אינטערעסאַנטער זאַך... ס'איז ניט קיין מוז, איר זאָלט אַליין אַרומלויפֿן איבערן באַצירק אויסצופֿאָרשן דעם פֿאָרשלאָג פֿון אַזאַ טעכניקער. מען וועט אָן אונדז די זאַך קלאָר מאַכן... מיר מוזן זײַן באַם דורכגוס. אַפֿן וועג האָבן מיר דאָס רעכט צו פֿאַטערן צײַט נאָר אַף סאַמע איקערדיקע, ניט־אָפּלייגלעכע פֿראַגן.

פֿונדעסטוועגן האָט ער אַליין איינמאָל אָפּגעטראָטן פֿון זײַן שטרענגן קלאַל. דאָס לעבן פֿון דער טראַסע האָט אַרײַנגעצויגן, אַרײַנגעזאַפּט אין זיך אויך אים. פֿאַר איקערדיקע און אומאָפּלייגלעכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן צענדליקער פֿראַגן. אַנגעכמורעט צוליב די קלאָפּאָטן און זאָרגן פֿאָרן גוירל פֿונעם איבערגאַנג איבערן דורכגוס, איז באַטמאַנאָוו באַמערקלעך הייטערער געוואָרן אַף ראַגאָווס באַצירק. ס'איז אים דאָרט געפֿעלן געוואָרן ניט בלויז מוסיאַס פֿריילעכער אויטאָבוס — ער איז געוועזן בלויז אַ דעטאַל אין דער אַלגעמיינער טעטיקייט פֿון דעם פֿעסטן, גוט אָרגאַניזירטן קאָלעקטיוו.

גאָר ניט לאַנג צוריק זײַנען באַטמאַנאָוו, נאָך אים בערידזע און קאָוושאָוו געוועזן אַפֿן באַצירק, נאָר שוין איצט האָבן זיי אַף יעדן טריט באַמערקט איבעראַשנדיקע ענדערונגען. שטאַרקער פֿון אַלץ האָט זיי געפֿרייט, וואָס ראַגאָוו האָט באַוויזן פֿאַר אַ קורצער צײַט פֿונאַנדערצופֿירן אַ באַדײַטנדיקן טייל רערן און זיי אויסלייגן אין אַ שנור. אַף אַ סאַך קילאָ־

מעטערס האָט זיך ערשט געצויגן איבערן שנײ דער שוואַרצער פונקטיר פון די רערן.

נאָכן פאַרגעדענקלעכן שמועס דורכן סעלעקטאָר האָבן זיך נאָך באַטמאַנאָוו און ראָגאָוו ניט געזען. זײ האָבן זיך באַגעגנט אין דער צוזאַמענווױנונג פון די שאָפערן, אַ רײנע און באַקוועמע: עס זײַנען געשטאַנען אין אָרדענונג די פאַרשפּרײטע בעטלעך, אויף די פענצטער זײַנען געהאַנגען מאַרליע־פאָרהענגלעך, די פאָדלאָגע אויסגעלײגט מיט סטעשקעס. אין דער צוזאַמענװױנונג איז געװען אַ באַזונדער װאַש־צימער און אַ צימער פאַר די אַרבעטס־קלײדער. װאַסילי מאַקסימאָװיטש איז אין האַרצן געװען צופרידן, פונדעסטװעגן האָט ער זיך געטשעפּעט און געװאָרטשעט:

— בעפּירעש אַ „פּאָטיאָמקין־דאָרף״! ראָגאָװ אַלײן װעט זיך, נאַטירלעך, ניט באַװײַזן, װײַל ער איז פאַרנומען מיטן אײַנשטעלן אין אײַלעניש ענלעכע אָפּערע־דעקאָראַציעס... כ'שטעל זיך פאָר, װי די דאָזיקע בעטלעך פאַר די שאָפערן זעען אױס אין זײער געװײנלעכן מאַצעװ.

— איר זעט זײ נעמלעך אין זײער געװײנלעכן מאַצעװ, — האָט פעסטגעשטעלט כּליגאָװ, ראָגאָװס פאַרטרעטער. ער האָט אױפגענומען באַטמאַנאָװן און זײַנע באַגלײטער אויף דער גרענעץ פון פינפטן באַצירק און פון דאָרט זײ באַגלײט. — די שאָפערן זײַנען זײער צופרידן און זידלען מאַמעש יעדן, װער עס דערװעגט זיך דאָ אָנצושמוצן. מוסיאַ קוטשינאַ איז זײער שעף — זי איז זײער שטרענג בענוגע רײנקײט און באַקװעמלעכקײט.

— װוּשע פּאָרט איז אײַער נאַטשאַלניק? — האָט באַטמאַנאָװ געפרעגט, זיך געזעצט לעבן אַ בעטל און איבערגעדרײט אַ קאָלדרע, כּדי זיך איבערצײַגן, אַז דאָס לײַלעך איז רײן.

— איך בין דאָ, װאַסילי מאַקסימאָװיטש, — האָט זיך שטיל אָפּגערופן ראָגאָװ.

ער איז אַרײַנגעקומען אומבאַמערקט און געשטאַנען בײַ דער טיר. באַטמאַנאָװ האָט זיך אָנגעשטױסן: אין מעשעך פון דער נאַכט און דעם פרימאָרגן איז ראָגאָװ אױסגעפאָרן דעם באַצירק פון אײן עק צום אַנדערן, זיך צוגרײטנדיק צו דער שטרענגער אינספעקציע.

— הײסט עס, אַז דאָס אָפּלאָקירן איז פאַרענדיקט? — האָט אַ פרעג געטאָן באַטמאַנאָװ, צוגײענדיק צו ראָגאָװן, און אײַנגעקוקט זיך אין זײַן פּנים.

ראָגאָװ האָט פאַרשװיגן, ניט אַנטשײדנדיק זיך אָפּצולײקענען דאָס, װאָס איז אין אַ געװיסער מאָס עמעס געװען.

— גוט מאָרגן, אַלעקסאַנדער איװאַנאָװיטש! — האָט אים באַטמאַנאָװ פרײַנטלעך באַגריסט.

ראָגאָװ האָט אַ דריק געטאָן די גרויסע, פעסטע האַנט פון דעם נאַטשאַלניק פון דער בױונג.

— ביסט מאָגער געוואָרן און זעסט אויס עפּעס פאַראומערט. ס'איז עפּעס געשען? — האָט אַ פרעג געטאָן בערידזע, וועלכער האָט זיך אויך באַגריסט מיט ראַגאָוון.

— יאָ, — האָט ראַגאָוו געענטפערט אומבאַשטימט, און זײַן גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווען צוגעשמידט צו באַטמאַנאָוון.

— ער איז אונדז קראַנק געוואָרן. זיך צוגעקילט. ניט געוואָלט ליגן און געאַרבעט מיט אַ טעמפּעראַטור פון נײַן און דרײַסיק, — האָט כלי־נאָוו דערציילט, באַמיִענדיק זיך ניט צו באַמערקן ראַגאָווס בייזן בליק.

— ער איז קראַנק געווען, זאָגסטו? — האָט באַטמאַנאָוו איבער־געפרעגט.

— שטוסים! אויך מיר אַ קראַנקייט — אַ נאָז־קאַטאַר! — האָט ראַגאָוו אַ זאָג געטאָן מיט פאַרדרוס און זיך דענערווירט.

— דענערוויר זיך ניט, — האָט צו אים אַ שעפּטשע געטאָן אַלעק־סיי, וועלכער איז געשטאַנען לעבן אים. — ס'איז שוין סײַווי באַשלאָסן, אַז דו פאָרסט מיט אונדז.

באַטמאַנאָוו האָט, אויב ניט דערהערט, פאַרשטאַנען, וואָס קאָוושאָוו האָט געזאָגט ראַגאָוון, און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איך ווייס ניט, ווי עס זאָל איצטער זײַן, — האָט ער נאָכגע־דענקט. — ס'האָט עפּשער ניט קיין זין צו שלעפּן מיט זיך אַ קראַנקן מענטשן. און ס'איז אויך אַ מוירע איבערצולאָזן דעם באַצירק. צי וועט זיך מיט אים כלינאָוו אָן אייצע טאָן?

— כ'בין געזונט, ווי אַ ביק! — האָט ראַגאָוו פעסט אַ זאָג געטאָן.

— כלינאָוו וועט זיך אָן אייצע טאָן מיטן באַצירק, איך קאָוויר. איך האָב אים שוין, וואָס אָן עמעס איז, די איניאָנים איבערגעגעבן.

באַטמאַנאָוו האָט מיט קלומערשטער גלײַכגילטיקייט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— גוט, גרייט זיך צו!

— איך הער! — האָט ראַגאָוו אַ הילך געטאָן. — איך בעט אַ דער־לויבעניש מיטצונעמען פּאַלישטשוק, די שאָפערן מאַכאָוו און סאַלנצעוו, דעם דיספּעטשער מוסיאַ. זיי בעטן זיך זייער.

— לויט מיר נאָך איז מיט מאַכאָוון פונקט קאַפּויער, — ער האָט אויסגעדריקט זײַן פאַרלאַנג מיט דיר זיך צו צעשיידן... איבעריקנס, גוט, זאָלן זיי פאָרן, אויב כלינאָוו האָט ניט דאַקעגן. איצט זײַנען זיי זײַנע מענטשן. רייד זיך צוזאַמען מיט אים. איך וויל אים אויך בעטן, ער זאָל באַפרײַען צום דורכגוס דעם קוכער נאַגטיעוו און די האַלצהעקער שובין און פאַנטאָוו.

כלינאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן:

— ס'הייסט אַזוי, מיר האָבן זיך דעררעדט. — ער האָט זיך איבער־

געקוקט מיט קאַטיעניעוון און שטיל אַ זאָג געטאָן: — מען לאָזט אונדז הויל, די בעסטע נעמט מען צו.

— נישקאָשע, מירן אויסהאַלטן, — האָט יענער באַרויִקט. — אָפן דורכגוס איז אַ שווערע לאַגע, דאָרט דאַרף מען האָבן באַזונדערס געזונטע יונגען. ווו־זשע זאָל מען זיי נעמען, אויב ניט בײַ אונדז?

— איך דערוואַרט פון אײַך אין שטאָב אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן דער לאַגע אָפן איבערגענומענעם באַצירק. — באַטמאַנאָוו האָט געקוקט אָפן הויכן אומגעלומפּערטן כלינאָוון מיט אַן אָפּשאַצנדיקן בליק. — נאָך דעם וועל איך אונטערשרײַבן דעם באַפעל וועגן אײַער באַשטימונג. — פאַרבײַגייענדיק אַלעקסייען צו דער טיר, האָט ער אים שטיל אַ זאָג געטאָן: — עך, דו ווייכהאַרציקער! האָסט מיר איבערגעפירט די גאַנצע זאַך, מ'האָט אים באַדאַרפט אַ ביסל אויסמאַטערן דעם דאָזיקן פּיראַט, דאָס וואָלט אים געווען בלויז לעטויווע!

דעם זעלבן טאָג האָבן זיי זיך געלאָזט ווײַטער. מיט די אויטאָס האָבן זיי געקענט דערפאָרן בלויז ביזן זיבעטן באַצירק. נאָך אַ ווינטיקן, שנייִקן טאָג האָט מען אָפן אײַזוועג אַלץ אָפטער אָנגעהויבן אָנצוטרעפן שניי־אָנשיטן. די מאַשינען זײַנען שטיין געבליבן — טיילמאָל באַטמאַנאָוון אָף צו לעהאָכיס, אָף לאַנג. אָף איין אָרט זײַנען זיי אײַנגאַנצן פאַרזונקען אין שניי, הילף פון דער נאָענט איז ניט געווען צו דערוואַרטן, און מ'האָט געמוזט אַ צוויי קילאָמעטער אַליין שלעפן די מאַשינען.

ווײַטער, ביזן סאַמע דורכגוס, איז מען געפאָרן אין פאַרמאַכטע שליטנס. פאָרויס איז געפאָרן באַטמאַנאָוס שליטן, וועלכן אַלע האָבן גערופן „דער אַדמיראַלישער". ער איז איינער אַליין געלעגן אין אים, אײַנגעהילט אינעם טולעפּ, און פון צײַט צו צײַט אַרויסגערופן עמעצן פון די באַגלייטערס „אויסצוהערן אַ באַריכט ליגנדיק", ווי אַלעקסיי האָט זיך געוויצלט. די איבעריקע האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אין די שליטנס פאָרווײַז און זיך פאַרקירצט דעם וועג מיט שמועסן און דיסקוסיעס. די רײַזע האָט מען אָפּגעוועקסלט מיט רו־אָפּשטעלן אָף די באַצירקן און פאַרשיידענע ערטער אָף דער טראַסע לויט די סיגנאַלן פונעם אַדמיראַל.

אַלעקסיי און ראַגאָוו זײַנען געפאָרן אין איין שליטן; זיי האָבן זיך בעקיוון אַרײַנגעזעצט צוזאַמען, ווײַל זיי האָבן געפילט איינער צום אַנדערן אַ סימפּאַטיע, וואָס איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן.

— אַליאָשקע, כ'בין זייער צופרידן, וואָס איך פאָר צום דורכגוס, — האָט ראַגאָוו געזאָגט, לײַכט צודריקנדיק צו זיך קאָוושאָוון דאַלעבן. — ווען כ'האָב זיך דערוווסט, אַז איר זײַט אַרויסגעפאָרן פון נאָווינסק, האָב איך אַלץ געפּרוווט טרעפן, צי דער באַלעבאָס וועט מיך מיטנעמען אָדער איבערלאָזן. אָף מײַן באַצירק האָט זיך די זאַך אײַנגעאָרדנט, און ס'איז געוואָרן לאַנגווײַליק. און איך דאַרף האָבן, אַז דער קאָפּ זאָל פּלאַצן מאַכמעס צופיל קלאָפּאָטן. און כ'האָב שוין לאַנג געכאַלעמט צו זײַן צוזאַמען

מיט באַטמאַנאָוון, זיך צוקוקן, ווי ער באַלעבאַטעוועט, זיך צולערנען... און פאַרוואָס איז ער מיר אַזוי ליב? ער האַלט דאָך אין איין פאָדערן און זיך בייזערן, ער וועט דיר קיינמאָל קיין גוט וואָרט ניט זאָגן! — אין ראַגאָווס שטים האָט זיך געפילט, אַז ער אַפּראָבירט עס.

— דו ביסט צעמישט געוואָרן, ווען איר האָט זיך באַגעגנט אין דער צוזאַמענוווינונג!...

— יאָ, כ'בין צעמישט געוואָרן, נאָר פאַרוואָס — קען איך אַליין ניט זאָגן. איך טרעט דאָך קיינעם ניט אָפּ: אַזוי האָב איך זיך עס אויס־געשטעלט נאָך פון קינדווייז, געשלאָגן זיך צען מאָל אַ טאָג. און פאַר אים, כאַפּ איך אַ ציטער!... דו געדענקסט ווי ער האָט מיר אָפּגעשניטן באַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפט? איך האָב זיך דעמאָלט אַ וואָרף געטאָן, ווי אַן אָסירישער טיגער. האָט ער אַ זאָג געטאָן צווי ווערטער, און דער טיגער האָט זיך פאַרקערט אין אַ קעצל.

— איך בין דעמאָלט אין הארצן געווען פאַר דיר, — האָט זיך קאַוור־שאָוו דערמאָנט. — איך אַליין האָב אים דערלאַנגט אַ ביטע, געבעטן אָפּ־לאָזן אָפּן פּראָגט. זי ליגט באַ אים פון דעמאָלט אָן אין סייף. איך בין איינמאָל געווען באַ אים, האָט ער אַרויסגענומען די ביטע, זי מיר געוויזן, און פרעגט: „אָפּגעבן?" האָט אַ טראַכט געטאָן און זי צוריק באַהאַלטן: „ס'איז נאָך פריצייטיק, זאָל זי ליגן...".

— און נאָך עפּעס וועל איך דיר זאָגן, אַליאָשע, פאַרוואָס ס'האָט זיך געגלוסט מיט אײַך פאָרן, פאַר מיר איז דערווײַל בעסער צו זײַן וואָס ווײַטער פון נאָווינסק.

ראַגאָווס שטים האָט אַ ציטער געטאָן. אַלעקסייען איז אַ שאָד געוועזן, פאַרוואָס ער זעט ניט זײַן פּאָנעם.

— פאַרוואָס דאַרפסטו זײַן וואָס ווײַטער פון נאָווינסק?

— מיט אַ פּאָר טעג צוריק בין איך געווען באַזונדערס שלעכט אויפ־געלייגט. כ'האָב אַלץ געטראַכט וועגן אַלגאַן, יענער כמאַרע האָט זיך מיר דערמאָנט. אַגעוו, כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז איר אַלע זײַט געפאָרן קיין רובעזשאַנסק. כ'האָב זיך אַרײַנגעזעצט אין אויטאָ און — קיין נאָווינסק! דרײַסיק שאָ געפלויגן אָן אַן אָפּשטעל... נאָר זע, כאַפּ זיך ניט אַרויס פאָרן באַלעבאָס — אַניט בין איך אַ פאַרפאַלענער. ווערסט ניט דערציילן?

— ניין, פאַרשטייט זיך. נו, און ווי האָט דיך אַלגאַ אויפגענומען?

— כ'בין געקומען צו פאָרן באַנאַכט. די טיר האָט מיר געעפנט סעראַפימאַ, אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, געגומען אַרומשמײַען — דו קענסט זי דאָך. ווי איך בין געווען אינעם מולעפּ, אַזוי האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן צו אַלגאַן. זי איז געלעגן אין בעט, ניט געזונט געווען און האָט זיך, קענטיק, געלאַנגווײַליקט. מײַן קומען האָט איר עפּעס ניט פאַרוווּנדערט, אין אָנהייב, דוכט זיך, אַפילו דערפרייט. ווען איך האָב זי אַזוי דערזען, אַ בלאַסע, מיט אומעטיקע אויגן, האָב איך זיך געטאָן

א לאַז אַראָפּ אויף די קני. איך קוש אירע הענט פאַרבאַנדאַזשירטע און שפּיר, אַז איך שטיק זיך — סײַ פון גליק, סײַ מאַכמעס עפּעס אַן אומעט. און זי טרערן... טרערן... איז צוגעפאַלן צו מיר מיט דער נאַסער באַק און כליפּעט, ווי אַ קינד.

ראַגאָוו איז אויף אַ רעגע אַנטשוויגן געוואָרן.

— נו, רייד ווײַטער, — האָט אַלעקסיי געבעטן.

— מײַן גליק האָט זיך שנעל פאַרענדיקט. זי האָט זיך פּאַשעט אין אַ מינוט פון שוואַכקייט מיט מיר דערפריייט, און איך האָב שוין געמיינט... סעראַפימאַ איז, קוקנדיק אויף אונדז, צעקראָכן געוואָרן און זיך צערעוועט אויף אַ קאָל. אָלגאַ איז באַלד שטרענגער געוואָרן, האָט מיר געבעטן אַרויס־גיין, זיך אויפגעהויבן, אָנגעטאָן — און גענומען מיך דעקן! „צו וואָס ביסטו געקומען צו פליִען? ווער האָט דיר דערלויבט?" — „דאָס האַרץ האָט דערלויבט", — ענטפער איך. — „דאָס איז די העכסטע נאַטשאַלסט־ווע...". זי האָט מיר אַרײַנגעקוקט אין פּאָנעם, אַ טאַפּ געטאָן דעם שטערן, געמאָסטן די טעמפּעראַטור. „טאַטעלעך, נײַן און דרײַסיק דרײַ!". זי האָט מיך געלייגט אויפן דיוואַן אין בערידזעס צימער און גענומען היילן צוזאַמען מיט סעראַפימאַן. איך בין אויך דערפון צופרידן געווען — אַבי צו זײַן לעבן איר! עס גלוסט זיך דיר ניט לאַכן?

— עס גלוסט זיך מיר אַבסאָלוט ניט לאַכן.

— עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דו לאַכסט אַרײַן אין דער פויסט.

— ביסט אַ מאָדנער מענטש, אַלעקסאַנדער! נו, און וואָס ווײַטער?

— דאָס איז אַלץ. כ'האָב זיך געמוזט אומקערן אַהיים. — ראַגאָווס שטים איז אַראָפּגעפאַלן, די דערמאָנונגען האָבן אים צערודערט. — זי האָט מיך באַ זיך ניט אָפּגעשטעלט און אויפן באַצירק ניט געוואָלט לאָזן פאָרן: ביסטו קראַנק — לייג זיך אין שפּיטאָל. איך האָב אויפגעפּאַסט אַ גוטע מינוט און געמאַכט פּלייטע...

— שמועסן מיט איר אויפן האָסטו ניט געפּרוווט? קאָנסטאַנטין האָט זי אָפּגעגאַרט אַרום און אַרום. און געשטאָרבן איז ער ווי אַ הונט. ווען זי האָט עס מיר דערציילט, האָט זי ניט געקענט אויסבאַהאַלטן איר עקל צו אים...

— איך זאָג צו איר: „איך קען אָן דיר ניט לעבן. אָדער דערהאַרגע מיך, אָדער טרײַב מיך מער ניט אַוועק!" — האָט ראַגאָוו פון זיך גע־דעמפּט אַרויסגעשטיקט.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זײַן קערפּער צוגעקוועטשט אַלעקסייען.

— בער אייגער! וואָס־זשע האָט זי דיר געענטפערט?

— גאָרניט... זי האָט גאָרניט געענטפערט! זי איז אָפּגעגאַנגען אויף אַ זײַט, ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן. פאַרשטייסט, זי

שטייט ווי אַן אומגליקלעכע יעסוימע, און איך דערוועג זיך אַפילע ניט צוצוגיין צו איר... דו זאָג מיר, אַלעקסיי, וואָס דאַרף איך ערשט טאָן? איך האָב אַלץ געוואַרט... אַלץ געוואַרט!... פריִער האָט עפּעס געשטערט. ערשט האָט זי דעם דאָזיקן קאָנסטאַנטינען פון האַרץ אַרויסגעריסן. נאָר מיך האָט זי ניט ליב און וועט מיך ניט ליב באַקומען!...

— דו פאַרשטייסט זי ניט, מיין איך, — האָט ניט באַלד געענטפערט קאָוושאָוו. — אַלגאַ האָט דיך ליב און וועט דיך מיט יעדן טאָג שטאַרקער ליב האָבן. נאָר זי איז אַזאַ מענטש, וואָס מוז קומען צו דיר מיט אַ פולשטענדיק ריינער געשאַמע. איצט, האַגאַם מיט קאָנסטאַנטינען איז שוין אַלץ אויס, איז איר געמיט באַטריבט, באַאומרויִקט. דערמאָן זיך, וויפל זי האָט איבערגעליטן. איך פאַרשטיי זי. זי האָט הייס ליב געהאַט, זיכער צום ערשטן מאָל. דערנאָך האָט זי געמוזט אַרויסרייסן פון זיך די דאָזיקע אומווירדיקע ליבע, זיך ראַנגלען מיט איר. ס'האָט איר ססי געצויגן צו אים, ססי אָפּגעשטויסן. נאָכער האָט זי זיך דערוווסט, אַז ער איז אַפן פראָנט, — און אים אָנגעהויבן מיטפילן. ווען זי וואָלט זיין קליינמוטיקער, שוואַכער, וואָלט זי אַליין געזוכט טרייסט און אונטערשטיצונג באַ דיר. זי וויל ניט אַזוי — און דאָס איז גוט. דו האָב געדולד, באַהערש זיך, באַאומרויִק זי ניט...

ראָגאָוו האָט אויסגעהערט קאָוושאָוון זשעדנע, זיין אָפּגעהאַקט אָטעמען האָט אויסגעגעבן, ווי אויפגערעגט ער איז. ווי ער וואָלט קאָנטראָלירט לויט קאָוושאָווס ווערטער זיינע ספּייקעס.

— דו רעדסט אַזוי, קעדיי מיך צו טרייסטן! — האָט ער דורכגעזייעט דורך די ציין. — צום געזעגענען האָט זי מיר געזאָגט: „קום מער ניט צו פאָרן צו מיר. ווען ס'וועט נייטיק זיין, — וועל איך אָנשרייבן... באַאומרויִק זיך ניט צוליב מיר. כמאַרע האָט פאַר מיר קיין באַדייטונג ניט. נאָך דעם אַלץ, וואָס כ'האָב איבערגעלעבט, האָב איך שוין ניט פאַרוואָס מוירע צו האָבן..." מיט איין וואָרט, זי האָט מיר העפלעך געוויזן די טיר...

— ניין, דו פאַרשטייסט זי ניט! גלייב מיר — איך בין גערעכט. דיר שטערט דיין ליידנשאַפט זיך ריכטיק אַריינצוטראַכטן און באַנעמען.

— גענוג, אַלעקסיי! דו ביסט אַ גוטער כאַווער, נאָר פאָיען מיר מיט כאַלאָשעס־טראָפּנס דאַרף מען ניט. לאָמיר שמועסן וועגן עפּעס אַנדערש.

— אַגעוו, כ'האָב זיך אין רובעזשאַנסק געזען מיט כמאַרען, — האָט זיך אַלעקסיי דערמאָנט.

— וויִאַזוי? — האָט ראָגאָוו געפרעגט מיט אַ גלייכגילטיקער שטים.

— כ'האָב זיך צופעליק באַגעגנט מיט אים, זיך אַרומשלעפנדיק איבער די גאַסן. ווייסט, זיי זיינען אַזעלכע לעכערלעכע: באַרג־אַרויף און באַרגאַראָפּ, „זעץ זיך אַף די הויזן"און כאַפּ אַ גליטש"... ער האָט פאַר־

בעטן צו זיך. ס'האָט זיך ניט געגלוסט גיין, נאָר כ'בין געגאַנגען: עפּעס אַזאַ נאַרישע נײַגעריקייט. ס'טרעפט אַמאָל. אַן אומאָנגענעמער מענטש, נאָר ער פֿאַראינטערעסירט...

— ער האָט זיכער ווידעראַמאָל דערמאָנט וועגן אַלגאַן?

— ער האָט געזאָגט, אַז זי געפֿעלט אים און וואָלט זי אַדאָרירט, נאָר צוליב פרײַנטלעכע געפֿילן צו מיר לאָזט ער זי איבער אַף מײַן האַש־גאָכע. — אַלעקסיי האָט דאָס געזאָגט, ברייט אַרײַנשמייכלענדיק אין דער טונקלקייט פֿון שליטן, און פֿאַרויסזעעווידיק זיך אָפּגערוקט פֿון ראַגאָוון.

— איך וועל דיר געבן האַשגאָכע! — האָט אים יענער קימאַט ערנסט אַ דראָע געטאָן.

— באַ כמאַרען האָב איך געטראָפֿן גרובסקין. ווײַזט זיך אַרויס, זיי זײַנען אַלטע פרײַנט, גרובסקי האָט אַמאָל געאַרבעט אין רובעזשאַנסק. ער איז געקומען צו כמאַרען אַ ביסל זיך אויסוויינען, די ווונדן אָפּלעקן. אַף מיר האָט ער אַפּילע קיין קוק ניט געטאָן. כמאַרע האָט מיך געמוסערט וואָס מיר האָבן אַזוי אַכזאָריעסדיק באַהאַנדלט זײַן פרײַנט. נו, איז וואָס, אַז אַ מענטש האָט אַ טאָעס געהאָט — דאַרף מען אים שוין געבן איבערן קאָפּ? אַגעוו, זײַן מיטגעפֿיל צו גרובסקין פֿאַרט זיך באַ אים מיט אַ געגנוג פֿאַראַכטנדיקער באַציִונג צו אים. ווען גרובסקי איז אַוועקגעגאַנגען שלאָפֿן, זאָגט ער צו מיר: „ער איז צעקראָכן געוואָרן!... אַ מאַנספֿאַרשוין דאַרף שטאַרקער ווערן אין אַ שווערער מינוט...".

— ריכטיקע ווערטער, — האָט ראַגאָוו אַ וואָרטשע געטאָן.

— ריכטיקע, אָבער מיט וואָס פֿאַר אַ טאָן זיי זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן! ביכלאַל האָט זיך נאָך דעם דאָזיקן ווײַזט מײַן אַנטיפּאַטיע צו כמאַרען פֿאַרשטאַרקט. ער האָט מיך גאַסטפרײַנטלעך אויפֿגענומען, מעכאַ־בעד געווען מיט זאַכן און ווײַנען, וואָס אַף די שפּײַזקאַרטלעך קריגט מען זיי ניט און פֿאַרגעלייגט צו פֿאַרבעטן „באַקאַנטע דאַמען", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. ער האָט זיך געכידעשט, וואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט. ביסלעכווײַז איז ער מיר אינגאַנצן דערווידער געוואָרן. אַלגאַ האָט ריכטיק געזאָגט וועגן אים: אַ פּוסטער מענטש, פֿאַר וועלכן טײַערער פֿון אַלץ זײַנען די קליינלעכע לעבן־פֿאַרגעניגנס... שטרענגער גערעדט: אַ דורכ־געפּוילטער מענטש... ס'איז פֿאַרדריסלעך, וואָס אַזעלכע מענטשן קומען אין לעבן אין באַרירונג מיט גוטע, ריינע מענטשן און באַשמוצן זיי. צווישן אַלערליי פּאָטאָגראַפֿיעס, וואָס זײַנען באַ אים צעהאָנגען אַף די ווענט, האָב איך מיט פֿאַרווונדערונג דערזען — ווייסט וועמענס פּאָרטרעט?

— אַלגאַס?

— ניין, טאַניאַ וואַסילטשענקאָס. דאָס האָט מיך אַזוי איבערראַשט, אַז כ'האָב זיך ניט אײַנגעהאַלטן און געפֿרעגט, פֿון וואַנען עס קומט צו אים דער פּאָרטרעט. ער האָט געענטפֿערט עפּעס ניט גערן און מיט ערגער־ניש; „זי איז דאָך אַלגאַס האַרצפרײַנדן. זי האָט דאָ שטודירט, אָפּט גע־

ווען באַ די ראַדיאַנאָווס. איך האָב זי אַדאָרירט, פאַרשטייט זיך". און באַלד נאָך די דאָזיקע פערטער וועגן טאַניאַן האָט ער אַ זאָג געטאָן עפּעס אַ צווייִדײַטיק ווערטל, און איך האָב ניט אויסגעהאַלטן און זיך צעזעגנט.

— כ'וואָלט וועלן זיך באַגעגענען מיטן דאָזיקן עקזעמפּלאַר, אַ קוק טאָן סאַראַ פּיירע דאָס איז!

— דוכט זיך, ווייסט האָבן אַזאַ פאַרגעניגן. ער האָט געזאָגט, אַז ער קלײַבט זיך איינגיכן צו קומען אַף טײַסין מיט אַ געאָלאָגישער עקספּעדיציע, וועט זײַן ערגעץ אין שכיינעס מיט אונדז. איך וועל ניט זײַן דאַקעגן, דו זאָלסט אים, ערגעץ־ווו אין דער טײַגע, געבן עפּעס וואָס צו פאַרשטיין מיט די פויסטן!

— מיט פאַרגעניגן! — ראָגאָוו האָט פעסט צוזאַמענגעדריקט די פויסטן!

ס'האָט אין אים געברויזט אַ מעכטיקע קראַפט. ער האָט אַרומגענומען אַלעקסייען און אין שפּאַס גענומען אים אַזוי קנעטן, אַז יענער האָט אָנגעהויבן קרעכצן און געבעטן ראַכמאָנעס...

אין לעצטן שליטן זײַנען געפאָרן פּילימאָנאָוו און ליבערמאַן. ביידע צעוואָקסענע, האָבן זיי קוים פּלאַץ געהאַט אינעם שמאָלן שליטן. ליבערמאַן האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען און געטרוימט וואָס גיכער זיך צו דערשלאָגן „צום עק וועלט". פאַר דער גאַנצער רײַזע איז ער געווען אין אַן אומרויִקן צושטאַנד, וואָס איז געווען ניט פאַרשטענדלעך פאַר אים אַליין. ניט אומזיסט האָט ער זיך אין דער פאַרוואַלטונג באַמיט אַרויסצודרייען פון דער נעסיִע מיטן טערעץ, אַז ער דאַרף זיך קלוימערשט טרעפן מיטן ווײַב און דער טאָכטער, וועלכע האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון דער לענינגראַדער בלאָקאַדע.

דער מוז זיך צו האַלטן די גאַנצע צײַט אָנגעצויגן לעבן באַטמאַנאָוון, די נאָענטע באַרירונג מיט מענטשן, וואָס ער האָט פריִער ווייניק געקענט און זיך ניט פאַרגעשטעלט די פאַרשיידנאַרטיקייט פון זייערע אינטערעסן, דער ריזיקער פאַרנעם פון דער בויונג, וואָס ער האָט ערשט איצט געהעריק באַנומען, — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן אין ליבערמאַנען אַ צעמודערונג. די וועלט פון זײַנע פאַרשטעלונגען האָט זיך מיטאַמאָל פונאַנדערגעשפּרייט, און זײַן אייגענע טעטיקייט האָט זיך אים אַנטפּלעקט פון אַן אומדערוואַרטעטער זײַט.

אָפן צעגנטן באַצירק האָט זיך באַטמאַנאָוו שנעל קלאָר געמאַכט, פאַרוואָס דער דאָזיקער באַצירק איז הינטערשטעליק קעגן די שכיינעסדיקע, האָט מיט פאַקטן, דורך אים אויפגעדעקטע, באַוויזן, אַז שולדיק אין אַלץ איז די ניט געאָרדנטע אַרבעט פונעם באַצירק־אַפּאַראַט. די מענטשן דאָ האָבן ווי פאַרשטאַנען די לאַגע, זייערע אויפגאַבן, און פונדעסטוועגן האָט די זאַך געליטן צוליב דער ביוראָקראַטישער אָפּשלעפּעניש. באַטמאַנאָוו האָט ניט דורכגעלאָזט די גלעגנהייט צו צווינגען ליבערמאַנען, ער זאָל

זיך איבערצײַגן, אַז באַקומען אַפן באַצירק אַ קילאָ טשוועקעס, לעמאָשל, קען מען נאָר פּאַר דעם פּרײַז פון לאַנגע דערעסנדיקע אונטערהאַנדלונגען מיט עטלעכע אָנפירער און נאָר מיט דער הילף פון אַ נאַרישער פּאַפּירענער פּראָצעדור. די אָנפירער פון די הויפּט־אָפּטיילן פונעם באַצירק־שטאַב, וועלכע זיצן אין שכײַנעסדיקע צימערן, האָבן געפירט צווישן זיך אַן אומזיניקע קאָרעספּאָנדענץ וועגן די סאַמע נית קאָמפּליצירטע פראַגן. ליבערמאַן האָט, ווי אין אַ קליין שפּיגעלע, דערזען זיך און פּעדאָסאָוון.

— ווען האָט איר דאָס אויסגעהאָדעוועט דעם דאָזיקן שימל? — האָט באַטמאַנאָוו געפרעגט אַף אַ פּראָדוקציע־באַראַטונג פונעם באַצירק?

— כ׳בין ניט לאַנג צוריק געווען בײַ אײַך און אַזעלכעס ניט געזען.

זיי זײַנען ניט אַרויסגעפאָרן, ביז זיי האָבן ניט פּרינער איבערגעשטעלט די מענטשן אינעם אַפּאַראַט און אײַנגעשטעלט אַן אָרדענונג. פונדעסטוועגן האָבן די פאַרוואַלטונגס־מיטאַרבעטער אויך נאָכדעם אַ לאַנגע צײַט און לײַדנשאַפטלעך באַהאַנדלט די פראַגע, ווי עס דאַרף זײַן אַ סאָוועטישע אינסטיטוציע און סאָוועטישע באַאַמטע. ליבערמאַן האָט זיך ניט באַטייליקט אין די שמועסן, אָבער זיי האָבן אים אָנגעווירט און צעדרודערט. געבליבן אַליין מיט פּילימאָנאָוון, האָט ער מיט אַ פאַרשפּעטיקונג געפרווט זיך אַרויסזאָגן. דערבײַ האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז עפּעס פאַרטיידיקט ער די אינטענדענטן, האַגאַם קיינער האָט זיי ניט אַטאַקירט.

ליבערמאַן האָט באַקומען כיישעק אַ שטאָך צו טאָן פּילימאָנאָוון אין דער זיבעטער ריפּ און אָנגעהויבן צו ריידן, אַז די אינזשעניערן זײַנען אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע סײַ אַף דער בויונג פון דער נאַפטלייטונג, סײַ ביכלאַל אומעטום. ער האָט געטײַנעט: די אינזשעניערן איז לײַכט צו אַרבעטן, זיי זײַנען זיכער צו קריגן אונטערשטיצונג אין אַלץ, די טעכנישע נאָרמעס גיבן רעצעפּטן אַף אַלע צופאַלן אין לעבן.

— אָט אַ שטייגער דו, אינזשעניער פּילימאָנאָוו, — וואָס ווייסטו? — האָט ליבערמאַן אָנגעגריפן. — די מאַשין דאַרף זײַן אין אָרדענונג. מען דאַרף געבן בענזין פאַר דער מאַשין. די מאַשין דאַרף פירן אַ קוואַליפיצירטער שאָפער. און דאָס איז אַלץ! גיט מען עס דיר ניט, וועלן די מאַשינען שטיין, די אַרבעט וועט זיך פון אָרט ניט רירן! און איך האָב אַ מיליאָן קאָפּ־פאַרדרייעניש: באַשפּײַזן די מענטשן לויט דער נאָרמע, באַשוכן זיי און באַקליידן, שאַפן פאַר זיי אַ גוט לעבן. מאַמינקע טײַערע, כאָטש ווער צעזעצט, נאָר עסן און קליידונג גיב אַהער!... אַזוי אויך פּעדאָסאָוו. דו פאָדערסט פון אים אַלץ, וואָס דו דאַרפסט, און אויב ער גיט — אַרבעטסטו. און דיר אינטערעסירט ניט, אַף וואָס פאַר אַן אויפן פּעדאָסאָוו באַקומט דאָס אַלץ!...

פּילימאָנאָוו האָט, ווי געוויינלעך, פאַרשוויגן אָדער זיך באַגרענעצט מיט אויסרוף־ווערטער. לויט די דאָזיקע אויסרוף־ווערטער האָט ליבערמאַן געשפּירט, אַז ס׳האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו דערצערענען דעם שאָכן.

— אויב זײַן אַן אינטענדענט איז אַזוי שווער, פאַרוואָס ניט טוישן די באַשטעפּיקונג? פאַרוואָס ניט גיין ווערן אַן אינזשעניער, וואָס זײַן לעבן איז אַ גאַנײַדן? — האָט פילימאָנאָוו אַ וואָרטשע געטאָן.

ליבערמאַן האָט פאַרבײַגעלאָזט דעם ענטפער און ווײַטער אַנטוויקלט זײַן געדאַנק:

— דערפאַר, וואָס איַך, אינזשעניערן, קומט אַלץ אָן לײַכט, און אַלע אײַערע קלאָלים זײַנען פאַרשריבן אין די ביכער פון „אַלעף" ביז „תּאָוו", אַרבעט זיך באַ איַך אויס דרײַסטקייט און זעלבסטזיכערקייט! מאַמינקע טײַערע, אָט נאָט איַך אַ בײַשפּיל — דער אינזשעניער קאָוושאָוו! לויט די יאָרן איז ער נאָך אַ יונגל, און ריידן רעדט ער ווי אַ פּראָפעסאָר אָדער אַ ראָוו. אַלץ אין דער וועלט ווייס ער און אין קיין זאַך צווייפלט ער ניט!

— אינזשעניער קאָוושאָווס זיכערקייט נעמט זיך פון זײַן איבערצײַגונג, — האָט פילימאָנאָוו בייז אַ זאָג געטאָן. — ער כיטרעוועט ניט און האַנדלט אָפן, אָן הינטערוועגלעך. איך בין זיכער, אַז ער זאָגט קיינמאָל ניט קיין ליגן, און אויב ער טוט עפּעס, טראַכט ער ניט וועגן פערזענלעכע נוצן. פאַרוואָס געפעלט דאָס דיר ניט? כ'וועל דיר זאָגן פאַרוואָס! דו אַליין פאַרמאָגסט ניט די דאָזיקע איבערצײַגונג און פּאַשטעס. ווען מען שמועסט מיט דיר, האָט מען אַזאַ געפיל, אַז הינטער דײַנע ווערטער איז טאָמיד פאַראַן עפּעס ניט־דערזאָגטס. ניט אומזיסט טײַנען אַ סאַך, אַז מיט דיר איז שווער זיך צו דעררעדן. דו קענסט זיך ניט באַהערשן, זאָלסט ניט אָפּנאַרן, האָגאָם אַליין האָסטו דערפון גאָרניט!... צו וואָס מוזטו אומבאַדינגט צושרײַבן אַ פאַלשע וויכטיקייט דײַן אַרבעט, אויסרימען ווי קאָמפּליצירט זי איז, און די שוועריקייטן פון אַ וועלכער ס'איז אַנדערער אַרבעט פאַרמינערן? פאַרוואָס באַמיסטו זיך אומבאַדינגט יעדן אָפּצוזאָגן זײַן ביטע, אָדער אויב דו דערפילסט זי, דינגסטו זיך פריִער און גיסט טאָפּלט ווייניקער, וויפל מען בעט באַ דיר? געדענקסט, ווי זשעניע האָט דיר אַרײַנגעזאָגט? אַלע האָבן מיט איר מאַסקים געווען, קיינער האָט ניט געזאָגט אַנדערש. הייסט עס, אַז דו האָסט בעעמעס ניט ליב קיין מענטש און טרויסט זיי ניט.

— מאַמינקע טײַערע, וואָס פאַר אַ באַשולדיקונגען! — האָט ליבערמאַן אַ געשריי געטאָן. — אויב איך בין אַזעלכער דאַרף מען מיך מישפּעטן!

— מען דאַרף ניט מעגאַזעם זײַן. ניט אַלץ אין מענטשנס אויפפירונג ווערט רעגלאַמענטירט פון דעם שטראָף־קאָדעקס. ווען ס'וואָלט אַזוי געווען וואָלסטו ערשט זיכער גערעדט ניט מיט מיר, נאָר מיט אַ געריכט־אויספאָרשער. און דו ביסט ניט איינער אַזאַ אינטענדענט, עס זײַנען דאָ ניט ווייניק ענלעכע צו דיר. איך בין טשיקאַווע, פאַרוואָס זײַנען זיי אַזעלכע?

— פאַרוואָס ? — האָט ליבערמאַן אַ געשריי געטאָן. פילימאָנאָוו האָט אים אַרײַנגעטראָפן אין דער זיבעטער ריפ.

— מאַשמאָעס, אַז די סיבע דערפון איז — דאָס זײַן נאָענט צו מאַטעריעלע ווערטן, צו פריוואַט־אייגנטום, האַגאַם ס׳איז ניט קיין אייגנס. עפּעס אַזעלכע מיגים שעדלעכע באַצילן פון דער בורזשואַזער קאָמערץ לעבן צו לאַנג אין געוויסע אינטעלעגענטן. אין זייער באַוווסטזײַן ליקווידירן זיך די איבערבלײַבעכצן פונעם קאַפּיטאַליזם פאַמעלעכער, איידער בײַ אַנדערע מענטשן.

— זײַ אַ ביסל פאָרזיכטיקער בענוצייע די איבערבלײַבעכצן און דער בורזשואַזער קאָמערץ ! איך האָב זיך בײַ דער פאַרזאָרגונג פון די קויכעס אַרויסגעשלאָגן, דאָס לעבן דערויף צעפּאַטערט, און אַף מײַן געביט בין איך גלײַך, אויב ניט ווי אַן אַקאַדעמיקער, איז, יעדנפאַלס, ווי אַן אינזשעניער ! שטודירן אָט די דאָזיקע פאַרזאָרגונג האָב איך אָנגעהויבן אַ ביסל פריִער, איידער דו דײַן טעכניק, — פון צען יאָר אָן. איך בין איצט אַלט, גאָט צו דאַנקען פינף און פערציק יאָר.

— אויב אַזוי דאַרף מען פראַווען אַ יובילעי. מאָדנע, פאַרוואָס האָב איך ביז הײַנט ניט באַגעגנט אַ פאַראָרדענונג וועגן פרעמירן דעם אַקאַדעמיקער פון באַזאָרגונג — ליבערמאַנען.

— וועסט נאָך זען ! אָט וועלן מיר איבערגעבן די נאַפּטליייטונג, און מע וועט מיך פרעמירן. מאַמינקע טײַערע, איך וועל זיך דערשלאָגן, מען זאָל מיך פרעמירן.

— זאָל דיר גאָט העלפן ! איך וועל דער ערשטער אַפּלאָדירן, האַגאַם כ׳בין ניט קיין גרויסער פאַרערער פון דער כיטרער אינטענדענטישער קונסט.

— דו האָסט זיך ניט פאַרנומען מיט באַזאָרגונג, ווייסטו ניט, אַז אָן כיטרעקייט און קאָמבינאַציעס וועסטו דאָ גאָרניט אויפטאָן. באַטמאַנאָוו פאַרשטייט עס !

— איך גלייב ניט, אַז ס׳איז אַזוי, און נאָך ווייניקער גלייב איך, אַז באַטמאַנאָוו פאַרמאַכט די אויגן אַף דער כיטרעקייט און די קאָמבינאַציעס. איך בין איבערצײַגט, אַז דער זעלבער אַליאָשע קאָוושאָוו וואָלט געאַרבעט בײַ באַזאָרגונג אַנדערש, איידער דו.

— מאַמינקע טײַערע, ער פאַרגלײַכט מיר מיט זײַן אַליאָשע קאָווּשאָוו ! — האָט ליבערמאַן אַ קוויטש געטאָן. — זאָלסט מיר מיט אים ניט פאַרגלײַכן ! זײַן לעבן איז פון קינדווײַז אָן געווען אַ לויטערס, ווי אַ גלאָז ! איך האָב געהערט, ווי ער האָט אַף דער פאַרזאַמלונג דערציילט זײַן ביאָגראַפיע... זײַן טאַטע איז געווען אַ באַלמעלאָכע אַן אַמאָרעץ, און אים האָט ער געלערנט. פון דער שול איז קאָוושאָוו אַוועק אין אינסטיטוט, פון אינסטיטוט — אַף דער בויונג, און אָט איז ער שוין אַ פיגור !... זײַן ליניע איז אַ גלײַכע, ווי אַ פײַל : פון פיאָנער אין קאָמסאָמאָל, פון

קאַמיוג אין דער פּאַרטיי. צי האָט אים דאָס לעבן אַזוי געבראָכן און גע־קלאַפּט, ווי מיך? אים איז ניט אויסגעקומען ייִנגלווײַז צו לײַדן צאָרעס אין אַ מאַגאַזין, ווו דו ביסט באַם סויכער — דאָס נידעריקסטע באַשעפעניש, און אַלע האָבן דאָס רעכט צו מאַכן דיך אויסצודרייען, ווען דו הערסט קיינמאָל ניט קיין גוט וואָרט, — בלויז קלאַפּעס און פּרעסק! דײַן אַליאָשען איז ניט אויסגעקומען צו גיין פון איין באַלעבאָס צום צווייטן בעטן אַרבעט, ער האָט זיך פאַר קיינעם ניט געבויגן און ניט דערנידעריקט!

ליבערמאַן האָט דאָס אַלץ אַרויסגעשריגן מיט היץ און פאַרביטערונג. פּילימאָנאָוו האָט געשוויגן; ער האָט דאָס ערשטע מאָל געהערט, ווי דער דאָזיקער מענטש רעדט עמעס אָן היטער־קאָוואָנעס און ניט־דערזאָגעכץ. אויך ליבערמאַן איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַוואַדע ווײַל ער האָט זיך פאַר־שעמט צוליב זײַנע אָפענע רייד.

— ווילסט, וועל איך דיר דערציילן אַ געוויס מײַסעלע? — האָט ער אין אַ מינוט אַרום שוין רויק אַ פרעג געטאָן. — ס'האָט מיר דערמיט מעכאַבעד געווען איינער אַ באַלעבאָס, באַ וועלכן איך האָב געבעטן אַר־בעט. וועסט הערן?

— דערצייל, — האָט פּילימאָנאָוו מאַסקים געווען.

— איינמאָל איז אַ ייִנגל געקומען זיך אָנשטעלן פאַר אַ פּריקאַזטשיק. דער באַלעבאָס האָט אים באַטראַכט פון אַלע זײַטן און פרעגט: „צי וועסטו זיך אויסטויגן פאַר אַ פּריקאַזשטיק, ליבער מענטש? דאָס איז ניט קיין לײַכטע זאַך, מען דאַרף זײַן כיטרע דערצו". — „וואָס דאַרף מען דאָ כיטרע זײַן, באַלעבאָס? איך האָב שוין געזען די דאָזיקע פּריי־קאַזטשיקעס". דערווײַל האָט דער באַלעבאָס אַ קוק געטאָן אין פענצטער און זיך מיט עפּעס פּלוצים פאַראינטערעסירט: „גיב נאָר אַ קוק, מײַן ליבינקער, וואָס זעט זיך עס דאָרט אַפן וועג?" — „עפּעס אַן אַבאָז שלעפּט זיך דאָרט". — „וואָס־זשע פאַר אַן אָבאָז איז עס? וואָס פירט ער? — וויל דער באַלעבאָס וויסן. — גיב אָקערשט אַ לויף און ווער געוואָר!" דאָס ייִנגל איז אַוועקגעלאָפן, צוריקגעקומען אַ פאַרסאַפּעטער. ער דערציילט: „פויערים פירן האָבער". איז דער באַלעבאָס אויפגעלעבט געוואָרן: „וווהין־זשע פירן זיי אים?" — „דאָס האָב איך ניט געפרעגט. אַ לויף טאָן איבערפרעגן?" „באַטירלעך, מען דאַרף איבערפרעגן. אָבער אײַל זיך צו, זיי זײַנען שוין היפּש אָפּגעפאָרן". דאָס ייִנגל איז נאָכאַמאָל אַוועקגעלאָפן. ער האָט זיך אומגעקערט אינגאַנצן אַ נאַסער: „זיי פירן דעם האָבער אין דאָרף פּאָפּאָווקע". — „און צו וואָס זיי פירן אים האָסטו זיך ניט דערוווסט?" — „ניין. זאָל איך זיך דערוויסן?" — „דערוויס זיך, איך בעט דיך. נאָר מען זעט זיי שוין ניט, זיי זײַנען שוין פאַרשווונדן". — „עט, כ'וועל זיי דעריאָגן!...". דאָס ייִנגל האָט זיך אינגאַנצן אַרויס־געשלאָגן פון די קויכעס, קוים די פיס דערשלעפּט: „זיי פירן אים צו פאַרקויפן דעם סויכער סיזאָבריוכאָוו". — „וויפל בעטן זיי פאַר

אַ פּוד ?" — האָט דער באַלעבאָס אַ געשריי געטאָן. „עך, כ'האָב ניט געפרעגט !" — באַדויערט דאָס ייִנגל, נאָר ער אַליין בעט זיך שוין ניט לויפן געוואָר ווערן. אײַצעט אים דער באַלעבאָס : „וואָלסט פונדעסטוועגן דאַרפן געוואָר ווערן וויפל ס'קאָסט אַ פּוד..." וואָס קען מען מאַכן ? דאָס ייִנגל האָט געמוזט אָניאָגן דעם אָבאָז נאָך אַמאָל. ער האָט זיך לאַנג צוריק ניט אומגעקערט. ענדלעך באַווײַזט ער זיך מיט שוים אַף די ליפּן, אָטעמט קוים : „אַ רובל אַ פּוד" ! — זאָגט ער און פאַלט פון די פיס. „צי וואָלטן ניט די פּויערים מיר אָפּגעטראָטן דעם האָבער, אויב כ'וואָלט זיי מויסיף געווען אַ צענערל אַפּן פּוד ?" — פרעגט דער באַלעבאָס. נאָר ער האָט אַ קוק געטאָן אַפן ייִנגל און דערזען, אַז ס'איז שוין ניטאָ מיט אים וואָס צו מאַכן. דעמאָלט רופט דער באַלעבאָס אַרײַן זײַן עלטערן פּריקאַזטשיק : „דאָ איז פאַרבײַגעפאָרן אַן אָבאָז. צי ווייסטו ניט, טימאָפיי, וואָס פאַר אַן אָבאָז דאָס איז ?" — „איך ווייס, באַלעבאָס, — ענטפערט דער פּריקאַזטשיק. — די פּויערים האָבן געפירט האָבער קיין פּאָפּאָווקע, צום סויכער סיזאָבריוכאָוו, צו רובל אַ פּוד. זיי זײַנען מאַסקים אים אָפּצוטרעטן אײַך. איך האָב זיי אַף אייגענער אַכראַיעס מויסיף געווען אַ פינפערל. זיי האָבן שוין פאַרקערעוועט, וועלן באַלד אַהער צופאָרן". — „האָסט פאַרשטאַנען ? — פרעגט דער באַלעבאָס דאָס ייִנגל. — דו טויגסט זיך ניט אויס פאַר אַ פּריקאַזטשיק. איך אײַצע דיר צו גיין שטודירן אַף אינזשעניער-מעכאַניקער. צו דעם טויג יעדערער, אָט איז אַפילע פילימאָנאָוו געוואָרן אַן אינזשעניער !..."

פילימאָנאָוו האָט זיך צעלאַכט :

— אַן אינטערעסאַנט מײַסעלע, — האָט ער מוידע געווען. — טשיקאַווע, ביסטו עס ניט, כאַווער אַקאַדעמיקער, געווען יענץ ייִנגל, וואָס האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען ?

— ניין, כאַווער אינזשעניער, דאָס איז געווען ניט איך... מאַמינקע טײַערע ! ווען איך וואָלט דאָס געווען, וואָלט צו באַטמאַנאָוון אָנגעקומען פאַר אַן אינטענדענט עפּעס אַ הויך קוואַליפיצירטער אינזשעניער, און די מענטשן אַף די באַצירקן וואָלטן געגאַנגען נאַקעט און באָרוועס...

בערידזע און טאָפּאָליעוו, וועלכע האָבן זיך געפונען אין איין שליטן נאָכן איבערנעכטיקן אַף אַ באַצירק, זײַנען אַ לאַנגע צײַט געפאָרן שווײַגנדיק. ס'האָט זיך געהערט קוזמאַ קוזמיטשעס אָפּגעהאַקט, שווער אָטעמען. בערידזע האָט זעלטן גענומען אונטערזינגען „פּרעכטיקער יאַם, הייליקער בײַקאַל". זיי איז נאָך ניט אויסגעקומען צו פירן קיין אַמטלעכן שמועס, דערצו איז בעייס אַמטלעכע שמועסן טאָמיד בײַגעווען קאָושאָוו.

עפּעס באַ אַ גרוב האָט עס דעם שליטן שטאַרק אַ טרעסל געטאָן, און

די אינזשעניערן האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן. בערידזע האָט דערפילט דעם גערוך פון שמעקטאַבעק, וואָס האָט זיך געשפּירט פונעם אַלטנס וואָנסעס, און זיך צעלאַכט:

— אָט האָבן מיר זיך דערנענטערט, קוזמאַ קוזמיטש. איך דוכט זיך ניט, אַז מיר האָבן שוין גענוג געשוויגן? כ'מיין, אַז איצט איז שוין ניט פאַראַן קיין סיבע אײנער זאָל זיך בלאָזן אַפּן אַנדערן. ווי מיינט איר?

— איר האָט רעכט. דעם עמעס געזאָגט, איז אויך פריִער ניט געווען קיין וואָגיקע סיבעס.

— פריִער זײַנען געווען סיבעס — גרובסקי. אַזאַ סיבע, באַ וועלכער איר זײַט געווען, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, אין געפאַנגענשאַפט... זאָגט, ער איז אײַך ניט קיין שאָד? ער האָט דאָך פאָרט אַ סאַך קויכעס אַרײַנגעלייגט אינעם פּראָיעקט, און פּלוצים — אַרויסגעטריבן.

— ניין! ער איז ערשט נעבעכדיק, אָבער ער איז מיר ניט קיין שאָד, — האָט טאָפּאָליעוו פעסט געענטפערט. — איך האָב אַף זיך אַליין אָפּגעפּילט זײַן האַשפּאָע — די דאָזיקע געפאַנגענשאַפט, ווי איר האָט זיך אויסגעדריקט. איך וואָלט געגעבן אַ פּרעמיע יענעם מענטשן, וועלכער וואָלט געקענט דערקלערן דעם טאָך פון אַזעלכע מענטשן, ווי גרובסקי.

— פּרוווט עס אַליין טאָן, וועט אײַך דאָס געלט בלײַבן אין קעשענע. — האָט בערידזע געראָטן. — אַגעוו, איר האָט איצט פרײַע צײַט.

— איר וועט מיר דערלויבן טאָן אַ שמעק טאַבעק? כ'וועל עס מאַכן פאַרזיכטיק. ניט פאַרפּראָשען אײַך די אויגן. עס גלוסט זיך מיר זייער שטאַרק.

— איר זײַט אין דער דאָזיקער טונקעלער קוואַרטיר פונקט אַזאַ באַלעבאָס ווי איך, וואָס האָט איר מיך צו פרעגן.

טאָפּאָליעוו האָט אָנגעשטאָפּט די נאָז מיט טאַבעק. געאָרגי דאַוויד-דאָוויטש האָט הילכיק אַ ניס געטאָן.

— אָט האָט איר אַרײַנגעכאַפּט! — האָט זיך דער אַלטער צעלאַכט.

— אויב איר האָט כײשעק, לאָמיר באַטראַכטן די דאָזיקע זייער קאָמפּליצירטע דערשײַנונג, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר מײַן געוועזענער פאַטראָן. איר זײַט מאַסקים, אַז דאָס איז אַ קאָמפּליצירטע דערשײַנונג?

— זיכער.

— אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש גאָרקי, — טאָפּאָליעוו האָט מיט גרויס אַכטונג אַרויסגעזאָגט דעם דאָזיקן נאָמען, — האָט ניט אומזיסט גערופן צו האַסן דאָס קלייגבירגערטום. די שרעקלעכע קראַפט פונעם קלייגבירגערטום איז באַזונדערס באַשטאַנען דערין, וואָס ס'האָט אים עקלהאַפט געצויגן צו מענוכע, צו אומטעטיקייט. גרובסקי דריקט מיט זיך אויס עפּעס ענלעכס. ער וואָלט דאַרפן וווינען אין ענגלאַנד: דאָרט שטייט אַלץ גאַנצע יאָרהונדערטער אָן באַוועגונג — אַזאַ מין ריזיקער פאַרוואָקסענער סטאַוו, פאַרצויגן מיט גרינעם שלאַם... ווען עס וואָלטן פלוצים פאַרשוווּנדן גע־

וואָרן די דיקע געהילפס־ביכער, וועלכע רעגלאַמענטירן גרובסקיס טעטיקייט, וואָלט ער זיכער געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאַג. נאַטירלעך, ער ווייס אַ סאַך, האָט אָנגעזאַמלט וויסן פאַר די אַלע יאָרן פון אינזשעניערישער פּראַקטיק. פונדעסטוועגן גלייבט ער נאָך דעריק, וואָס ס׳איז פעסט באַשריבן אין די דיקע אויסלענדישע און געוויסע אונדזערע ביכער און ס׳איז הונדערט מאָל באַשטעטיקט געוואָרן דורך אויטאָריטעטן. שפּרײַזנדיק מיט יִיראַס־האַקאָוועד הינטער זיי, איז ער איינמאָל פאַרקראָכן מיט זיי אין עפּעס אַ שטיל, שליימיק וואַסער און דאָרט שטיין געבליבן. ס׳איז אים פרעמד נאָוואַטאָרישקייט, געוואַגטקייט, ווען ס׳איז איניציאַטיוו רעגט אים פּאָשעט אויף... ערשט איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס ער האָט מיט אַזאַ סאַרקאַזם און פאַרריסנקייט באַגעגנט דעם אויפקום פון דער אידעע וועגן לינקן ברעג. דאָס איז נאָך פאַרגעקומען פאַר אײַך, איך מיין דערמיט דעם פאָרשלאָג, וואָס איז געקומען פון דער טראַסע, פון קאַרפּאָוון און אַנדערע. פּונקט אַזוי האָט ער אויפגענומען די איניציאַטיוו פון טאַביאַ וואַסילטשענקאָ, וועלכע איז אָך אַלע באַראַטונגען אַרויסגעטראָטן מיט דער פאָדערונג פון פאַרלייגן אַ צײַטווײַליקע טעלעפאָן־פאַרבינדונג.

— איר האָט גרובסקין פריִער ניט פאַרשטאַנען ? אָדער איר האָט אים פאַרשטאַנען און שאָלעם געמאַכט מיט אים ?

— איך האָב אים ניט פאַרשטאַנען אַזוי, ווי איך פאַרשטיי אים איצט נאָכן אַרויסגיין פון זײַן געפאַנגענשאַפט. כ׳בין זיך מודע — ער האָט אויך מיר אַ געוויסע צײַט אַרײַנגעשלעפּט אין זײַן טוכלע וואַסער. עס איבלט מיר אַ טראַכט צו טאָן, אַז דאָס האָב איך עס, אונטער זײַן דיקטאַט, געענטפערט אָף די פאָרשלאָגן פון דער טראַסע. און אַז דאָס בין איך עס ניט אימשטאַנד געווען אונטערצושטיצן טאַטיאַנאַ וואַסילטשענקאָ, האָגאָם איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי איז גערעכט.

דער אַלטער האָט זיך, מישפּעטנדיק לויט זײַן שטים, דענערווירט, און בערידזע האָט אַ זאָג געטאָן, קעדיי אים צו באַרויִקן :

— איר באַאומרויִקט זיך אומזיסט. איר פאַרנעמט זיך דאָך איצט מיט אויספאָרשן אַ קאָמפּליצירטע דערשײַנונג, וואָס איז אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט.

— כ׳וועל פּרוּוון, — האָט טאָפּאָליעוו געזאָגט. — מיר איז, פאַרשטייט זיך, ווײַט ניט אַלץ סימפּאַטיש געווען אין מײַן געוועזענעם פּאַטראָן. אָבער קיין געדאַנק וועגן קעגנווירקן אָדער, נאָך מער, וועגן בונטעווען זיך איז ניט אויפגעקומען. אַגעוו, מיר זײַנען שוין באַקאַנט אַ פערטל יאָרהונדערט, ער האָט אונדזערע לאַנגיאָריקע באַציִונגען אָנגערופן זילבערנע פרײַנטשאַפט. באַנעמט איר, ווי מיר איז שווער צו טראַכטן וועגן דאָזיקן „האַרציקן פרײַנט” !... איינער אַ כאַכעם פון אַלטערטום האָט געזאָגט : „אָפּגעשטאַנענקייט איז — טויט”. גרובסקי איז אין טאָך אַרײַן,

— אַ טויטער מענטש, אַ לעבעדיקער מעס. איך בין פון מײַן יוגנט אָן פאַרט געשטאַנען פאַר אַן אַנדער קלאַל: צום טײַוול אָפּגעשטאַנענקייט און רוטין, גיט אונדז אומרו, צערודערונג, אַלערליי נײַס יעדן טאָג!... איר זײַט פאַר מיר — די לעבעדיקע אַנטיטעזע פון גרובסקין, און כ׳בין צופרידן, וואָס כ׳בין ענדלעך, מיט אײַך. כ׳בין צופרידן, וואָס כ׳פאָר צום דורכגוס — אַרבעטן. גרובסקי, זעט איר, — ער וואָלט אַליין אַהין ניט געפאָרן, און וואָלט אויך מיך אַהין ניט געלאָזט. איר ווייסט, שווער זיך מוידע צו זײַן, נאָר איך וואָלט זיך אַפילע ניט געבעטן — ס׳איז ווײַט, קאַלט, פאַרשיידענערליי אומבאַקוועמלעכקייטן, טומל, בעייס אין דער היים איז וואַרעם און רויִק. נאָר עפּעס האָט זיך מיר איבערגעגעבן פון אײַך, און איך בין איצט ניט בעיעכוילעס אײַנצוזיצן אין דער היים, איך האָב דאָס באַדערפעניש אַליך אָנצוטאַפּן מיט די אייגענע הענט, אַליין זען, ווי עס וועט זיך אײַנלייגן די נאַפטליײטונג אינעם דורכגוס... איך דענק לעכערלעך, געאָרגי דאַווידאָוויטש?

— איך האָב כיישעק צו דריקן אײַער האַנט, נאָר ס׳איז ערשט ניט אַפן אָרט, — האָט בערידזע געזאָגט מיט געפיל.

— עמעץ וואָלט מיך געקענט אויסהערן — אויסהערן און אַ צי טאָן מיט די פּלייצעס, — האָט טאָפּאַליעוו נאָך אַ מינוט שווײַגן ווידער אָנגעהויבן צו ריידן. — „עפּעס האָט דער אַלטער פון פינגער אויסגעזויגן אַזאַ פּראָבלעם. בײַ אונדז אין לאַנד איז אַזאַ ניט פאַראַן! בײַ אונדז איז די גאַנצע אָרדענונג, דער גאַנצער סיסטעם — פאַר שעפערישקייט, קעגן אָפּגעשטאַנענקייט. דער דאָזיקער אַלטער כריין וויל אונדז אָנבינדן זײַנע סוביעקטיווע איבערלעבענישן!...” וועל איך ענטפערן דעם אויסגעטראַכטן אָפּאָנענט: ריכטיק, די גאַנצע אָרדענונג איז קעגן באַרויִקן זיך אַף דעם דערגרייכטן, קעגן קליינמוטיקייט און אָפּגעשטאַנענקייט — זי איז פאַרן לעבן. אָבער דאָס פּראָבלעם, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט, עקזיסטירט פאָרט. אָט האָט איר אַליין זיך אַרויסגעכאַפּט, צווישן אַנדערן: אַ דערשײַנונג, וואָס איז אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט. צי איז דאָס אַזוי? אַ סאַך פאַרשיידענע מענטשן לעבן אין לאַנד — מיליאָנען! און יעדער האָט זיך זײַן מאַראָכע. ווערט געבוירן אַ מענטש, לעבט, ווערט דערצויגן, און אַוואָסערער ער וועט זײַן — הענגט אָפּ פון אַ סאַך באַדינגונגען... צי דען באַאומרויִקן מיך די דאָזיקע פּראַגן, ווײַל איך בין אַלט זעכציק יאָר: דער אַלטער ספּעציאַליסט, הייסט עס, איז פול מיט איבערבלײַבעכצן? שטוסים, כ׳בין לאַכלוטן ניט קיין אַלטער!

— בראַוואָ!

— יאָ, יאָ, איך נעגיר דעם דאָזיקן פאַרעלטערטן באַגריף וועגן עלטער! ווען איך וואָלט ערשט ייִנגער געווען מיט פערציק יאָר, וואָלט מיר אויך דאָס דאָזיקע פּראָבלעם ניט ווייניקער באַאומרויִקט. גרובסקי איז ייִנגער פון מיר, נאָר ער וועט מיך ניט פאַרשטיין, אַז איך וועל אים דאָס

אַלץ זאָגן. אויך אַ מענטש פון קאָמיוגישער עלטער קען אַרײַנפאַלן אין געפאַנגענשאַפט פון ניט ריכטיקע באַגריפן. שטעלט אײַך פאָר גרובסקעס זון — וואָס פאַר אַ געדאַנקען־גאַנג וועט זיך באַ אים שאַפן, אויב ער איז געראָטן אין טאַטן? און צי האָט איר ניט אָנגעטראָפן קיין יונגע לײַט, וואָס זײַנען רויק און זעלבסטצופרידן ביז איבל? אַזעלכער האָט פאַרענדיקט אַ לערן־אַנשטאַלט, באַקומען אַן אַמט, זיך אײַנגעשאַפן אַ פאַמיליע און איז אינערלעך איבערצײַגט, אַז ער האָט שוין דערגרייכט צום סופיט. קיין שום ווײַטע פערספעקטיוו — דאָס האָב איך מיט אַליאָשען דערפונדן אַזאַ טערמין — קיין שום ווײַטע פערספעקטיוו בלינצלט ניט פאַר אַזעלכן, מער קיין שום ציל שטעלט ער זיך ניט. ער גיט זיך אונטער דעם שטראָם, דעם אַלגעמיינעם לעבנסלויף. דער שטראָם איז, וואָס איז דאָ צו ריידן, מעכטיק און פרעכטיק, ער רײַסט אַלעמען מיט פאָרויס, אין דער צוקונפט. נאָר צי קען מען בלײַבן רויק, ווען צווישן די, וואָס פאַרשנעלערן מיט אַלע קויכעס די דאָזיקע באַוועגונג, זײַנען פאַראַן אַזעלכע, וואָס שווימען אַן ווילן? אַלץ, וואָס ווערט געטאָן אָן ווילן, קען אָפשטיין, און דאָס, וואָס איז אָפגעשטאַנען — טאָרמאָזירט די אַלגעמיינע באַוועגונג...

די שליטנס זײַנען פלוצים שטיין געבליבן. פון פראָנט האָבן זיך דערהערט שטימען, געלעכטער. דער „אַדמיראַל" האָט צײַטנווײַז אָף אַזאַ אויפן אָפגעשטעלט דעם גאַנצן צוג ערגעץ־ווו אַפן סאַמע פוסטן און ווילדן אָרט. ער איז אַרויסגעגאַנגען אויסגלײַכן זיך די גלידער, נאָך אים זײַנען אַרויסגעקראָכן פון די טונקעלע שליטן־קאַסטנס די איבעריקע. די זון, די שניי־ווײַסקייט האָבן די מענטשן געבלענדט. באַטמאַנאָוון איז געפעלן דער ווינטער־פּײַזאַזש באַ דעם אַדון, און ער האָט געקענט אָפשטיין שאָענווײַז און שעפן פון אים פאַרגעניגן.

— אַלץ די זעלבע ווײַסלעכע פּײַזאַזשעלעך. עמעס, וואַסילי מאַקסימאָוויטש? — האָט בערידזע, צוקומענדיק אָנגעהויבן אַ פאָלעמישן שמועס.

— איך קוק אָף דער דאָזיקער דורכויסיקער גרויסער פאַרב און טראַכט: „אַך, קאַווקאַז! דאָרט איז אָף יעדן שטיקל ערד אַזויפיל פאַרבן — גרעלע, שרײַענדיקע!... אָפילע ניט ווילנדיק אַנטציקסטו זיך...".

עס זײַנען צו זיי צוקעגומען די מיטפאָרער. בלויז ליבערמאַן מיט פּילימאָנאָוון האָבן פאַרפירט אַ קאַמף אַפן שניי. דער אינטענדענט האָט אין זײַן צווייזײַטיקן זויטיקן פעלץ זיך אָנגעזועצט אַפן קעגנער, ווי אַ שווערער ברוינער בער.

— עמעס, אַליאָשע, די היגע פּײַזאַזשן זײַנען אומעטיקע, טריבע? און אום ווינטער איז ביכלאַל ניטאָ אָף וואָס צו קוקן, — בערידזע האָט זיך געזוכט אַ פאַרבינדעטן און צוגעוווּנקען אַלעקסייען.

אים האָט ערנסט אונטערגעשטיצט טאָפּאָליעוו — די היגע נאַטור איז ניט געווען אין אַלטנס גוסט.

— די בלומען שמעקן ניט, די פייגל זינגען ניט, — האָט ער איבערגעבאַזערט עפּעס עמעצנס אַן אויסטראַכטעניש. — אַ קאַלטע, שוין זייער שטרענגע נאַטור. איך בין אַ הייסער ליבהאָבער פונעם סמאָלענסקער קאַנט, כ׳בין עס געווען און וועל עס פאַרבלייבן.

בערידזע האָט אין היספּײַלעס אַ שטאָרך געטאָן אַלעקסייען מיטן עלנבויגן:

— אַהאַ! ס׳האָט אים אַ ברי געטאָן. ער וועט באַלד אָנגרײַפן!

און ווירקלעך, באַטמאַנאָוו האָט דערֿײַבערט דעם פּאַפּיראָס, אַוועקגעוואָרפן דאָס עקל און אָנגעהויבן:

— בלינדע! טוישווים פון קורערטער: „אָך, קאַווקאַז! אָך, קאַווקאַז!...” רעדט ניט קיין לאָשן־האָרע אָף דער מאַמע־נאַטור, זי איז אומעטום פּרעכטיק! מען דאַרף קענען זי זען און האָבן געשמאַק פאַר איר. איך וועל איך אײַנפירן אַ קלאַל: יעדע צוויי שאָ קריכן אַלע אַרויס אַפן פראָסט, צו קוקן אַ שאָ צײַט אָף דער נאַטור, קעדיי צו באַנעמען אירע שיינקייטן.

— אוי, איך האָב זי שוין באַנומען! — האָט זיך בערידזע צעלאַכט.

— טוט אַ קוק אָף דער שקיע, — האָט באַטמאַנאָוו אַ זאָג געטאָן מיטן טאָן פון אַ באַפעל. — איר זעט, די זון איז שוין ניטאָ, זי איז הינטער יענער ריזיקער סאָפּקע. נאָר אײַנצײַטיק איז זי דאָ נאָך אַנוועזנדיק. די דאָזיקע זון האָט אָפּגעמאָלן פאַר אײַך די שניי־ווײַסע לײַוונט. ווי קען מען זיך ניט אַנטציקן מיט דער אויסגייענדיקער שײַן, וועלכע האָט אַזוי געצייכנט די קאָנטורן פון דער סאָפּקע! ווען אונדזער הויפּט־אינזשעניער וואָלט פעיִק געווען צו פאַרשטיין עפּעס וואָס כוץ צייכענונג, וואָלט ער דערזען אָט יענע געדיכטע טענענביימלעך און אויך, ווי זיי האַלטן אָף די צווײַגן, גלײַך ווי אָף האַנטפלאַכן, הויפנס שניי, און יענץ — איר זעט? שיטערע שטראַלן — גאָלד, וואָס זייט זיך דורך קעסיידער דורכן שניי!

בערידזע האָט געשעפּט נאַכעס פון באַטמאַנאָוון: הויך, ברייטפּלייציק, אינעם ווײַסן האַלבפּעלצל און דעם פוטערנעם היטל, איז ער געווען שיין. אין זײַנע גרויע אויגן האָבן זיך געשפּיגלט די פײַערן פון דער שקיִע.

— איר זײַט אַ מאָלער, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, — האָט טאָפּאָליעוו דערקלערט. — דער מענטש, וואָס האָט דערזען אין דער נאַטור שיינקייט, וואָס אַנדערע האָבן זי ניט דערזען, — איז אַ מאָלער.

— איך ווילט זאָגן, אַז דער נאַטשאַלניק האָט אונדז געוויזן אַזעלכעס, וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט ניט פאַראַן? — האָט אַלעקסיי אַ טשעפּע געטאָן דעם אַלטן.

— ניין, איך האָב לאַבסאָלוטן ניט דאָס געוואָלט זאָגן, דרייט ניט איבער!

— קוקט זיך ניט אום אַף די דאַזיקע ווינצלער, — האָט באַטמאַנאָוו געאייצעט דעם אַלטן. — די דאָזיקע סאָפּקע אַליין איז אַ גאַנץ בילד. קוקט זיך איַין, זי איז געמאָלן קלוימערשט מיט איין קאָליר, נאָר וויפל טענער און האַלב־טענער! אַפן שפּיץ — גאָלדיק, אַ ביסל נידעריקער — אַ העל־וויאָלעטע שאַטירונג, נידעריקער צום צופוסנס ווערט ער אַלץ טונקעלער און גייט איבער פון אונטן אין אַ טונקל־וויאָלעטן קאָליר. ווו האָט איר דאָס דערזען אַ דורכויסיקע גרויע פאַרב, כאָטש בערידזע?

יענער האָט אויפגעהויבן צו דער הייך ביידע הענט אין די גרויסע הענטשקעס:

— כ׳גיב זיך אונטער, זי איז ערגעץ פאַרשווונדן, די פאַרשאָלטענע!

— ערשט פירט איבער אייַערע קורצזיכטיקע אויגן אַפן אַדון. — באַטמאַנאָוו האָט אַ קוק געטאָן אַף די באַגלייטער און אַפגעשטעלט דעם בליק אַף ליבערמאַנען, וועלכער האָט שווער געסאָפּעט נאָכן קאַמף מיט פּילימאַנאָוון. — וואָס פאַר אַ געדאַנקען קומען אייַך אין זינען, ווען איר קוקט אַפן טייַך?

ליבערמאַן האָט אַ באַוועג געטאָן די גרויסע רויטע נאָז אין דער זייַט פונעם אַדון און געצויגן מיט די פּלייצעס:

— געדאַנקען? אַ גרויסער טייַך. ער איז געפרוירן.

— און מער גאָרניט?

— מער גאָרניט. וואָס נאָך, מאַמינקע טייַערע? — ליבערמאַן האָט טמימעסדיק געפינטלט מיט די פאַרפראָסטיקטע ברעמען און געהויכט אַף די געפרוירענע הענט. ניט אָן אירגאָניע האָט ער צוגעגעבן: — אין אַל־געמיין פאַרשטיי איך זיך מער אַף באַזאַרגונג, כאָטשער נאַטשאַלניק.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— און איר וואָס וועט זאָגן? — באַטמאַנאָוו האָט אַ קוק געטאָן אַף אַלעקסייען, וועלכער האָט שטאַרק געקוקט אַפן טייַך. — ניט שוין־זשע וועקן זיך ניט אין אייַך קיין שום געדאַנקען און געפילן, ווען איר קוקט אַפן שטיין־געבליבענעם אַדון?

— עס וועקן זיך, —האָט קאָוושאָוו געענטפערט ערנסט. — אום ווינטער ראַשט מיך טאָמיד איבער יעדער גרויסער טייַך מיט זייַן אומ־באַוועגלעכקייט. און עס ווילט זיך באַטראַכטן די שפּורן פון דעם קאַמף, וואָס דער טייַך האָט געפירט, איידער ער האָט זיך אונטערגעגעבן דער קראַפט, וועלכע האָט אים פאַרקאָוועט.

באַטמאַנאָוו האָט אים אויסגעהערט מיט בעפיירעשן פאַרגעניגן.

— ריכטיק! האָט זיך אָפּגעפונען כאָטש איין מענטש מיט געשמאַק. גיט אַ קוק, ווי דער אַדון האָט זיך קעגנגעשטעלט, ווי ער האָט זיך גע־ראַנגלט! וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די דאָזיקע ווילד אַרויסשטאַרצנדיקע

אײַז־הויפּגס אױפֿן טײַך ? דאָס זײַנען זײַנע אָפּגעשטאָרבענע באַוועגונגען.
דאָ איז אַ גאַנץ שלאַכטפעלד פון צוויי סטיכיעס ! — ער האָט זיך אויס־
געדרייט און שאַרף אַ קוק געטאָן ערגעץ פון יענער זײַט טײַך. — וווּ נאָך
וועט איר זען אַזאַ וואַלד ! אַף קאַווקאַז ?... דאָ, וווּ מיר שטייען, אַפן
לינקן ברעג, האָט דער וואַלד אָפּגעטראָטן. און דאָרט איז ער צוגעגאַנגען
ביז צום סאַמע וואַסער און ווי ער וואָלט געזאָגט צום אַדון : „איך האָב
דיר ריין געמאַכט יענעם ברעג — הוליע, דאָ איז מײַן מעלוכע, אַהער
האָסטו ניט קיין רעכט אַרײַנצוגיין — פאַרקערעווע !...".

בערידזע האָט אַרײַנגעשמייכלט אין די וואָנסעס. באַטמאַנאָוו האָט
דעם שמייכל באַמערקט.

— ס'איז גיטאָ וואָס צו שמוכען, — האָט ער צוגעוואָרפן קלוימערשט
אין כּאַס. — קייפּל־שמוינעדיקע זאַכלעכע מענטשן, ווי איר, זעען איך
אַ לעבעדיקן וואַלד בלויז געהילץ, סלופּעס און ברעטער. עס זײַנען פאַראַן
אַנדערע מענטשן, וואָס זעען, פאַרקערט, אין געהילץ און ברעטער אַ גרינ־
נעם וואַלד, וואָס איז פול מיט קלאַנגען און פריילעכן גערויש !

— אײַער באַמערקונג נעם איך אָן ווי אַ דירעקטיוו, און פון הײַנט
אָן הער איך אויף קוקן אַף וואַלד פון שטאַנדפּונקט פון געהילץ און ברע־
טער. איך וועל זיך מיט אים אָנטציקן, — זאָל ער זיך, דער ליבינקער,
שטיין נאָך פינף הונדערט יאָר !

אַלעקסיי האָט ניט איינשטימיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— געבן אײַך אַ וואָרט ? איר זײַט ניט מאַסקים ? — האָט אים
באַטמאַנאָוו געפרעגט.

— כ'בין ניט מאַסקים, אַז דער דאַזיקער וואַלד זאָל שטיין רויק
פינף הונדערט יאָר, — האָט אַלעקסיי געענטפערט. — אין דאַזיקן וואַלד
איז דער באַלעבאָס — דער בער. איך בין פאַר אַנדערע פּײַזאַזשן. איך וועל
קיינמאָל ניט פאַרגעסן דאָס בילד, וואָס ראַגאָוו האָט אונדז געוויזן אַף
זײַן באַצירק.

— וואָס האָסטו זיי דאָרט געוויזן, ראַגאָוו ? — האָט באַטמאַנאָוו
געפרעגט פאַראינטערעסירט. — איך קען דיך, קונצנמאַכער !

ראַגאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן. אַלעקסיי האָט אים אויסגעכאַפּט דעם
ענטפער :

— ער האָט אונדז געוויזן די עלעקטראַ־לאַמפּן אַף דער טראַסע לענג־
אויס דעם אַדון און די עלעקטראַ־לאַמפּן אַפן לינקן ברעג איבערן באַצירק.
אָט אַזאַ זון־אויפגאַנג אום האַלבער נאַכט — דאָס איז אַ פּײַזאַזש !

באַטמאַנאָוו האָט זײַטיק געוואָרפן אַ גינסטיקן בליק אַף ראַגאָווען,
נאָר מיט דער זעלבער שטרענגקייט אַ וואָרטשע געטאָן :

— האָסט זיך אומזיסט באַמיט ! די פאַרגרעבטע אינזשעניעריש־
טעכנישע נעשאָמעס וועסטו דען מיט עפּעס רירן ?

— מײַן אַלטע אינזשעניעריש־טעכנישע נעשאָמע האָט עס גערירט,

— האָט טאָפּאָליעוו אַ שמייכל געטאָן. — כ׳בין זיך מודע, איך האָב בעשום אופן ניט דערוואַרט צו אַנטדעקן בײַ דער נאַטשאַלסטווע אַ פּײַנעם קינסטלערישן געשמאַק.

— איך וועל אויפדעקן אַ סאָד: אונדזער נאַטשאַלניק האָט פון די יונגסטע יאָרן אָן אַ לײַדנשאַפט צו מאָלערײַ, — האָט בערידזע דערקלערט ניט אָן בײַסיקייט. — איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זען זײַנע פּײַזאַזשן. כ׳האָב אַפילע איין מאָל געפּאַקט דעם נאַטשאַלניק אַפן אָרט פון פאַרברעכן — לעבן דעם מאָל־ברעט, מיטן פּענדזל און דער פּאַליטרטע אין די הענט. דאָס האָט מיך אַזוי פאַרוווּנדערט, אַז איך האָב פאַרגעדענקט אַלץ ביז די מינדסטע פּראַטים!... אונדזער כאָשעווער מאָלער האָט געוואָלט אָפּמאָלן אַפן לײַוונט דעם האַרבסט. עטלעכע בערעזקעס מיט גאָלדיקע בלעטער אַף אַ פעלדז זײַנען ווי געקומען צו שלײַכן פון ערגעץ ווײַט, צוגעגאַנגען צום אָפּריס און פאַרגליווערט געוואָרן אין שרעק. כוץ זיי — קיין איין ביימל ניט, בלויז שוואַרצע, פעלדזיקע סאָפּקעס אָנגעהויפט אַרום. און איבער זיי אַ בלאַסער, קאַלטער הימל. — בערידזע האָט זיך צעלאַכט. — איר זעט, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, איך האָב אײַער גאַנצן פּײַזאַזש פּינקטלעך אַרויסגעבראַכט, און איר זידלט מיך פאַר פאַרגרעבטקייט!

— איך זידל אײַך נאָך ווייניק, — האָט באַטמאַנאָוו אַ זאָג געטאָן.
— נו, קריכט אָקערשט אַרײַן אין מײַן שליטן. כ׳וועל אײַך אײַנרוימען עטלעכע ווערטער, וועלכע וועלן אײַך אָפּגעוווינען צו ריידן רעכילעס אַף נאַטשאַלסטווע!...

קאַפּיטל עלף

קאַרפּאָוו גייט אַוועק אַף דער בויונג

באַטמאַנאָוו האָט, באַכשפּירנדיק ווי אַ רויט זונשטראַלכל דרינגט דורך אַ שפּאַלט אין דאַך פון שליטן, אַרומגעטראַכט די פאַרשטייענדיקע אַרבעטן. די שאָען, ווען ער איז איבערגעפאָרן פון איין באַצירק צום צווייטן, זיינען פאַר אים געווען אַ זעלטענע צייט פון זיין מיט זיך אַליין, פון וועלכן ער האָט זיך טאָמיד געמוזט אָפּזאָגן. איצט האָט מען געדאַרפט גוט באַטראַכטן דעם מאַצעוו פון דער גאַנצער בויונג. באַטמאַנאָוו האָט זיך דערמאָנט אין זיין לעצטן שמועס מיט פּיסאַרעוון און דודינען. סטאַלין האָט פאַרגלייכט די בויונג מיט אַ שלאַכט, וואָס האָט אַ סטראַטעגישע באַדייטונג. וועגן דעם האָט מען געדאַרפט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַ קלער טאָן.

באַזונדערס זיינען געווען אומאָפּטרעטלעך און באַאומרויִקנדיק די געדאַנקען וועגן דעם דורכגוס. באַטמאַנאָוו האָט דורכגעפירט אין געדאַנק די מענטשן, וועלכע זיינען אַהער געשיקט געוואָרן. די אַרבעטער פאַרן דאָזיקן באַצירק האָט אָפּגעקליבן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, און ווען קאָוושאָוו האָט היינט ווידער אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן זיי, האָט וואַסילי מאַקסימאָוויטש געפילט — בענויגייע די אַרבעטער איז ניטאָ וואָס זיך צו באַאומרויִקן. לויט די פאַרזיכערונגען פון דעם קאַדרען־אָפּטייל זיינען אויך די אָנפירנדיקע אַרבעטער געשיקט געוואָרן פון די בעסטע. אָט דערין האָט באַטמאַנאָוו געצווייפלט. ער האָט ניט געהאַט קיין איבעריקן צוטרוי צום קאַדרען־אָפּטייל, די מיטאַרבעטער דאָרט איבער די לאַנגע אַנקעטעס האָבן צייטנווייז ניט געזען די לעבעדיקע מענטשן. מערזליאַקאָוון, דעם נאַטשאַלניק פונעם באַצירק, האָט ער פאַר די אויגן ניט געזען, דערפאַר אָבער געהערט וועגן אים ניט קיין שלעכטע אָפּרופן פון דעם קאַדרען־אָפּטייל. אָבער גרעטשקין האָט אַנטשיידן דערוואַרט: „עפּעס איז ער אַ טונקעלער מענטש מיט פאַרבאָרגענע געדאַנקען, דער דאָזיקער מערזליאַקאָוו. ער זאָרגט מער פאַר אַלץ פאַר זיינע אייגענע נוצן. מען וועט אים זיכער דאַרפן אַרויסטרייבן. געדענקט מיין וואָרט...". דעם אינזשע־

ניער קאָטליאַרעווסקי האָט מען געשיקט צום דורכגוס ניט לאַנג צוריק.
ער האָט געמאַכט אַ ניט קלאָרן אײַנדרוק, האַגאָם, אויב מען זאָל מישפּעטן
לויט די אַנקעטעס, האָט ער זיך באַטייליקט אין צוויי גרויסע בויונגען.
אָט אין פּאַנקאָוון איז ער אומבאַדינגט זיכער. וואַסילי מאַקסימאָוויטש
האָט אים דערקענט אין מעשעך פון דער צײַט, ווען זיי האָבן באַנאַנד
גערײַזט איבער דער טראַסע. ער איז געווען זײַנער, באַטמאַנאָווס, אַ בען־
גיל און זאַלקינדס אַ כאַווער אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג, א מענטש,
וואָס האָט זיך אײַנגעשאַפן לעבנס־כאָכמע אין דער שווערער שול פון
קאַמף. וואַסילי מאַקסימאָוויטשן איז אַפילע עפּעס רויִקער געוואָרן אַפן
געמיט, ווען פּאַנקאָוו האָט, זיך געזעגענענדיק מיט אים, געזאָגט, אַז ער
פּאָרט גלײַך אַרויס צום דורכגוס. פּאַרוואָס־זשע שווײַגט ער, וואָס איז
מיט אים געשען באַם דורכגוס? באַטמאַנאָוו האָט פּיסאַרעוון געזאָגט
דעם עמעס: ס'איז ניט מעגלעך געווען אַלץ אָוועקצוואַרפן און זיך אָפּ־
געבן בלויז מיטן דאָזיקן באַצירק. די צײַט פאַר אַרבעט באַם דורכגוס איז
אונטערגעקומען ערשט איצט. דאָס איקערדיקע איז, פאַרשטייט זיך, ניט
דורכגעלאָזט געוואָרן, דאָס איבעריקע וועט מען נאָך קענען פאַרריכטן,
אָניאָגן, ס'איז שווער צו גלייבן, אַז פּאַנקאָוו זאָל ניט האָבן אויפגעטאָן
אַפן באַצירק עפּעס וואָס רעכטס!

דעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט צעדודערט אומאַרע מוכאַ־
מעטס מיטטיילונג. די מענטשן אַפן באַצירק צעקריכן זיך. זיי זײַנען צע־
מישט און פאַרשטייען ניט געהעריק, צוליב וואָס מ'האָט זיי געשיקט אין
„עק וועלט אַרײַן. מאַשמאָעס, אַז פּאַנקאָוו האָט זיך ניט געקענט
קיין אייצע טאָן מיט די שוועריקייטן. מען וועט דאָרט דאַרפן גלײַך אײַנ־
שטעלן אָרדענונג, אײַנפירן אַן אײַזערנע דיסציפּלין, זאָרגן וועגן די לעבנס־
באַדינגונגען — זאָל ליבערמאַן אַרויסווײַזן זײַן גאַנצע ענערגיע. דער
דאָזיקער באַצירק וועט זײַן אַן עקזאַמען פאַר אַלע זײַנע בעסטע מײַלעס:
די נעשאָמע יאָג פון זיך אַרויס, כאַווער, און טו אַלץ, אַז די מענטשן
זאָלן אַף דער עמעס דערפילן די זאָרג וועגן זיי!

הייבן דעם מוט בײַ די מענטשן — דאָס איז נייטיקער פאַר אַלץ.
אַ שאָד, וואָס זאַלקינד האָט ניט געקענט פאָרן צום דורכגוס. צי ווייסן
זיי דאָרט וועגן דעם זיג הינטער מאָסקווע?... באַטמאַנאָווס געדאַנקען
האָבן זיך אויסגעקלאָרט בײַ דער דערמאָנונג וועגן דעם ערשטן גרויסן
ניצאָכן אַפן שלאַכטפעלד. פּיסאַרעוו האָט אים דערציילט וועגן אים פראָ־
טימדיק. ער האָט געזאָגט — די מאַפּאָלע פון די דײַטשן האָט צעשטערט
די פּלענער פון יאַפּאַן. ווען די דײַטשן וואָלט זיך געווען אײַנגעגעבן צו
נעמען מאָסקווע, וואָלטן די יאַפּאַנער גלײַך אָנגעפאַלן אַף אונדז. פּיסאַ־
רעוו האָט געוואָרנט: „קוקט זיך צו אַלץ גוט צו, לאָזט גאָרניט אַדורך

אומבאַמערקט, זײַט וואַך. די יאַפּאַנער אינטערעסירט זייער די נאַפּט־לייטונג. באַם דורכגוס און אַפן אינדזל קענען זײַן זייערע אַגענטן״.

באַטמאַנאָוו איז געווען איבערראַשט דערפון, וואָס סטאַלין האָט געפונען צײַט אַף אויסצוהערן אַ באַריכט וועגן דער בויונג פון דער נאַפּט־לייטונג אין דעם מאָמענט, ווען עס זײַנען געגאַנגען די גראַנדיעזע קאַמפן פאַר מאָסקווע. קיין איין שלאַכט אַפן פראָנט און אין הינטערלאַנד איז ניט פאָרגעקומען אָן סטאַלינס באַטייליקונג — זײַן געני האָט באַשטראַלט יעדן גענעראַל און סאָלדאַט אין שלאַכט, יעדן אָנפירער און אַרבעטס־מאַן אין דער אַרבעט. סאָף אויגוסט, איידער דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג איז אַרויסגעפלויגן צום ווײַטן מיזרעך, האָט אויך סטאַלין געפונען צײַט אים אויפצונעמען. שוין באַם געזעגענען באַטמאַנאָוון האָט ער אים געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט, אַוואַדע, געזאָגט אויך די אַנדערע פראָדוקציע־קאָמאַנדירן. ער האָט געזאָגט, אַז מען מוז אומראַכמאָנעסדיק באַקעמפן די מענטשן, וועלכע זײַנען אָנגעשטעקט מיט די שטימונגען פון שאָלעם־צײַט, באַקעמפן די דאָזיקע שטימונגען אין זיך, און אין אַנדערע און אַרומעטום, ווו זיי זאָלן זיך נאָר ניט באַווײַזן. מענטשן מיט אַזעלכע שטימונגען וועלן טײַנען, אַז די נאַפּטלייטונג וועט אַפילע אין דרײַ יאָר ניט אויפגעבויט ווערן. סטאַלין האָט פאַרפליכטעט באַטמאַנאָוון, ער זאָל זיך דערין אַליין פונאַנדערקלײַבן. זיך פונאַנדערקלײַבן און אויפבויען אין מעשך פון אַ יאָר. דער פירער האָט דערלאַנגט באַטמאַנאָוון די האַנט און פאַרענדיקט מיט אַ פראַזע, וועלכע פלעגט אָפט אויפקלינגען אין וואַסילי מאַקסימאָוויטשעס אויערן, ווען ער איז פאַרבליבן מיט זיך אַליין: „איך ווינטש אײַך דערפאָלג, כאַווער באַטמאַנאָוו!״.

דער אויפגערודערטער באַטמאַנאָוו האָט ערשט ווי איבעראַנײַס דערשפירט דעם ענערגישן האַנטדרוק פונעם פירער. דערפאָלג וועט זײַן, כאַווער סטאַלין, וואָס פאַר אַ שטערונגען עס זאָלן זיך ניט מאַכן!...

אַף אַן אָרט, וואָס איז אים באַקאַנט געווען, האָט באַטמאַנאָוו אָפגעשטעלט זײַן שליטן־צוג. זײַנע מיטרײַזנדער זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון די שליטנס און פאַרגליווערט געוואָרן אין דערוואַרטונג. וואַסילי מאַקסימאָוויטש האָט פײַערלעך באַטראַכט זייערע פאַרוווּנדערטע פּנימער. זיי זײַנען געשטאַנען אַפן ברעג פונעם אַדון, מיטן רוקן צום טײַך. פאַר זיי האָט זיך מיט אַ פלאַכן שיפוע אַראָפגעלאָזט אַ קעסל־טאָל, ענלעך צו אַ ריזיקן, טיפן ווײַסן בעכער. ער איז אינגאַנצן פול געווען מיט גרויסע שוואַרצע שפרענקלען און האָט געררייכערט. גלײַך פון די שניי־אָנשיטן האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן צום בלייך־בלויען הימל ווײַסע, לעבעדיקע שטראָמען, צי רויך, צי דאַמף. ס׳האָט אויסגעזען, ווי דער שניי הייבט זיך אויף, צוגעצויגן פון עפּעס אַ סוידעסדיקער קראַפט. אַ ווינט האָט קוים באַוועגט די דאָזיקע צערטלעך־ווײַסע שטראָמען, און הינטער זיי האָט

זיך אַרויסגעזען, ווי דורך אַ געמוסטערטן טיול־פֿאַרהאַנג, אַ גרויס דאָרף — ניזשנאַיאַ סאַזאַנקאַ.

— פּרעכטיק! — האָט אַלעקסיי אַ געשריי געטאָן. — דאָס זײַנען דאָך הייסע קוואַלן!

— און נאָך אַ וואַסערע! האָט באַטמאַנאָוו אַ זאָג געטאָן מיט אַזאַ טאָן, ווי ער אַליין וואָלט אַנטדעקט די דאָזיקע קוואַלן, און זיי געהערן צו אים. — מיט דער צײַט וועט דאָ זײַן איינס פֿון די בעסטע קורערטער אין דער וועלט. די דאָזיקע וואַסערן זײַנען אַ ביסל בעסער פֿון די קאַוו־קאַזישע — איר הערט, כּאָווער בערידזע? פֿאַרמאָגן אַ הויכע ראַדיאָ־אַקטיוויטעט, זײַנען רײַך אין מינעראַלע זאַלצן, און זייער טעמפּעראַטור איז גײַנציק גראַד אַף דער ערד־אויבערפֿלאַך. אָט וואָס פֿאַר אַ וואַסערל:

— אַ שאָד, אַזאַ פֿאַרמעג גייט לעאיבעד, — האָט ראַגאָוו באַמערקט.

— גייט לעאיבעד, אָבער ניט אינגאַנצן! — האָט באַטמאַנאָוו דער־ווידערט.

זיי זײַנען צוגעגאַנגען דאָ צו איין הייסן קוואַל, דאָ צו אַ צווייטן. אַפֿן גרונט פֿון קוואַל אינעם שניי־אַנשיט האָט זיך געטונקלט אַ פֿלעק, אין אים האָט עפּעס געצישעט, געשוימט און אַרויסגעשלאָגן פֿון שויס פֿון דער ערד, ווי אַ זײַל פֿון דאַמף. אַלע האָבן לאַנג געקוקט אַפֿן דאָזיקן אומגעוויינלעכן בילד אַפֿן ווינטער־פּאָן.

פֿון הינטער די קוואַלן האָט זיך פּלוצים באַוויזן קאַרפּאָוו. מיט דער כשיוועס און פֿרייד פֿון אַ באַלעבאָס האָט ער זיך פֿאַרנייגט פֿאַר אַלע אין אַלגעמיין, דערנאָך אַנגעהויבן זיך באַגריסן מיט דער האַנט מיט יעדן גאַסט באַזונדער. זײַן באַזאָרגט פּנים איז פֿריילעכער געוואָרן, ווען ער איז לויט דער ריי צוגעקומען צו בערידזען, — דער פֿישער האָט זיך דער־מאָנט זייער באַגעגעניש בעייסן בוראַן.

— גוטמאָרגן, איוואַן לוקיטש, גוטמאָרגן, פֿרײַנט! — האָט אים באַטמאַנאָוו געדריקט די האַנט. — מיר זײַנען געקומען צו דיר אין געסט.

— ברוכים האַבאָים! — האָט זיך קאַרפּאָוו נאָכאַמאָל פֿאַרנייגט.

— ווײַז זיי, איך בעט דיך, ווי דו האָסט אויסגענוצט די אונטער־ערדישע וואַרעמקייט לטובֿת די מענטשן. פֿאַר די אינזשעניערן איז עס נוצלעך צו באַטראַכטן.

— באַזונדערס איז ניטאָ דאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען, — האָט קאַרפּאָוו אַ זאָג געטאָן, האָגאָם די פֿאַראינטערעסירטקייט פֿון די געסט איז אים געווען אָנגענעם.

לויט זײַן אידעע האָבן די קאָלווירטניקעס איבערגעדעקט עטלעכע קוואַלן, וואָס האָבן זיך געפֿונען נענטער צום דאָרף, מיט הילצערנע פּע־סער. דאָס הייסע געשענקטע וואַסער האָט מען אײַנגעזאַמלט אויך אין הילצערנע רערן, און מען האָט עס אויסגענוצט פֿאַר ספּעקטן און צו באַ־הייצן די הײַזער. אונטער די גלעזערנע דעכער פֿון די ספּעקטן, וועלכע

זײַנען ווי אַרויסגעוואַקסן פֿון די שנײ־אַנשיטן, איז געווען הייס, אַף די לאַנגע סטעלאַזשן איז שעפּעדיק געוואָקסן גרינוואַרג: רעטעך, סאַלאַט, אוגערקעס, פּאָמידאָרן. בײַ די געקומענע האָבן אויפֿגעגלאַנצט די אויגן, זיי האָבן מיט פֿאַרגעניגן פֿאַרזוכט דאָס פֿרישע גרינוואַרג.

— אַרום איז קרירע און שנײ, און דאָ זומער, דער טראָפּיק! — האָט זיך בערידזע אַרומגעקוקט אין היספּײַלעס, קײַענדיק מיט אַפּעטיט אַן אוגערקע. — דו ביסט אַ מעכאַשעף, איוואַן לוקיטש!

— מיט די ספּעקטן פֿאַרנעמט זיך מײַן טאַטע, ער איז בײַ אונדז דער קאָפּ פֿאַר דער לאַנדווירטשאַפֿט, — האָט קאַרפּאָוו אָפּגענייגט די לויב פֿון זיך און גלײַך באַקענט די געסט מיט אַ שווײַגנדיקן אַלטן, וועלכער איז זייער ענלעך געווען צום פֿישער אַליין מיט די רעגולערע שטריכן פֿונעם גערײַזירטן פּנים... — די קינדער און קראַנקע האָדעווען מיר דעם גאַנצן ווינטער מיט פֿריש גרינוואַרג. עס קלעקט פֿאַר זיך אַליין, און מיר פֿאַרקויפֿן נאָך די שכיינישע דערפֿער. אונדזער הויפּט־מעלאָכע איז, פֿאַרשטייט זיך, פֿישפֿאַנג, אָבער אויך די לאַנדווירטשאַפֿט גיט דעם קאָל־ווירט היפּשע האַכנאָסע.

פֿון די ספּעקטן האָט ער געפֿירט די געסט לענגאויס דעם דאָרף. שיינע הילצערנע הײַזער זײַנען געשטאַנען אין די זײַטן פֿון דער גאַס, אין צענטער — אַ שול, אַ לייען־שטוב, פֿון הינטער די הײַזער האָבן זיך געזען פּעסטע הויפֿישע געבײַען, פּלויטן פֿון גרויסע גערטנער.

— אונדזער דאָרף, ברודער, איז אַלט קימאַט נײַנציק יאָר. מײַן זע־ליקער זיידע מיט זײַנע כאַווײרים האָבן עס פֿאַרלייגט, — האָט קאַרפּאָוו אַ זאָג געטאָן מיט שטאָלץ. — זיי האָבן זיך פֿון הינטערן בײַקאַל געלאָזט אַהער זוכן אַ בעסער לעבן. מײַן זיידן איז, נאַטירלעך, ניט אויסגעקומען צו געניסן דערפֿון, דערפֿאַר מײַן טאַטע האָט שוין דערלעבט דעם סאָ־ציאַליזם!...

די צוגעפֿאָרענע זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין איין הויז, אין אַ צווייטן: מענער זײַנען קימאַט אין ערגעץ ניט געווען. אַ סאַך זײַנען אַוועק אַפֿן פֿראָנט. פֿון די, וואָס זײַנען פֿאַרבליבן, האָבן טייל געאַרבעט בײַם פֿאַנג אונטערן אײַז, אַנדערע האָבן באַגלייט אין ראַיאָן אַן אָבאָז מיט פֿיש. באַטמאַנאָוו, וועלכער האָט באַזוכט ניזשנאַיאַ סאַזאַנקאַ צום צווייטן מאָל, האָט זיך לויט די רעכט פֿון אַ באַקאַנטן באַגריסט מיט די באַלעבאָסטעס און מיט די קינדער, אַליין געוויזן די מיטרײַזנדע די וואַרעם־רערן אין די הײַזער, דורך וועלכע ס׳איז אַרײַנגעקומען דאָס וואַסער פֿון די הייסע קוואַלן.

— אום זומער נוצט מען דאָ עלעקטרע, — האָט באַטמאַנאָוו דער־ציילט. — איוואַן לוקיטש האָט אויפֿגעשטעלט אַפֿן היגן טײַכל אַ קליינע הידראָסטאַנציע.

— איוואַן לוקיטש איז אַ גרויסער בעריע. ער איז בײַ אונדז אַ דאָק־

טער אויך. גייט אַרײַן צום אַלטן טריפאָן, וועט אײַך יענער גיסים דער־ציילן, — האָט אײנע אַ פרוי אַ זאָג געטאָן.

— איך, ברודער, האָב אונדזער וואָסער געפירט קיין נאָווינסק און רובעזשאָנסק, מ׳האָט עס גענומען אַף אַנאַליז, — האָט קאַרפּאָוו דער־קלערט, ווי ער וואָלט געווען אין עפּעס שולדיק. — מ׳האָט שטאַרק גע־אייצעט צו מאַכן פון אים וואַנעס די, וואָס לײַדן אַף רעמאַטעס, יענער אַלטער, טריפאָן, האָט זיך לאַנג געמוטשעט, — נו, האָב איך אים אײַנ־געשמועסט, ער זאָל זיך היילן מיט דעם וואָסער. ס׳האָט געהאָלפן, ערשט באַנוצן עס שוין אויך אַנדערע. פישער לײַדן געוויינלעך אַף רעמאַטעס. דערפאַר פאַרען זיי אויס די פיס, גלײַך ווי זיי קערן זיך אום פונעם פישפאַנג...

די דאָרף־אײַנוווינער האָבן באַגעגנט באָטמאַנאָוון און זײַנע מיט־רײַזנדע פרײַנטלעך, אָבער אויך צוריקגעהאַלטן. פון זייערע בליקן און שמועס האָט זיך אַרויסגעפילט אַ פאַרבאָרגענע פראַגע: „צוליב וואָס זײַט איר, גוטע מענטשן, געקומען צו פאָרן, טאַקע בלויז קעדיי אַף אונדז אַ קוק צו טאָן און זיך אַליין צו באַווײַזן?”

— דו זעסט —קאַרפּאָוו פאַרבעט אונדז ניט צו זיך? — האָט אַלעקסיי אײַנגערוימט בערידזען.

קאַרפּאָוו האָט זיי ניט טייקעף און ווי מיט ,אומווילן צוגעפירט צו זײַן שטוב. געעפנט דאָס טירל פון די שטאַכעטן, האָט ער פאַרבײַגעלאָזט די געסט און דער לעצטער אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב. זײַן פּאַנעם האָט זיך אָנגעכמורעט. זײַן ווײַב — אַ יונגע, ברייטביינערדיקע פרוי מיט לע־בעדיקע ברוינע אויגן — האָט די געסט באַגעגנט טרוקן, אומפרײַנטלעך, אַפן מאַן אַפילע קיין קוק ניט געטאָן. הינטער איר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צוויי מיידעלעך — פון פיר און זעקס יאָר, אויך פעסטע און מיט לעבע־דיקע אויגן, ווי די מאַמע.

בערידזע האָט באַטראַכט די פריש־געווײַסטע ווענט און סטעליע, די זויבערע פּאָדלאָגעס, וועלכע זײַנען פינקטלעך פאַרשפּרייט געווען מיט געוואַשענע סטעזשקעס, און גענומען אויסלויבן די באַלעבאָטים פאַר דער ריינקייט אין שטוב. זיי האָבן געשוויגן, דער שמועס האָט זיך ניט גע־קלעפּט. באָטמאַנאָוו האָט צוגערופן די מיידעלעך און זיי מעכאַבעד גע־ווען מיט שאָקאָלאַד. זיי האָבן זיך צו אים צוטרוילעך צוגעלאָזן.

— פאָרט מיט מיר בויען די נאַפטלייטונג, — האָט ער פאַרגעלייגט די מיידעלעך, אַ קוק טוענדיק אַף דער באַלעבאָסטע. — איר וועט פאָרן אַף אויטאָס, מאַכן אויפרײַסן אַפן דורכגוס. ס׳איז טשיקאַווע!

— ס׳וועט פאַר אײַך געבוג זײַן דער-טאַטע זייערער! — האָט זיך די באַלעבאָסטע שאַרף אַרײַנגעמישט. — זאָל ער אַליין פאָרן בויען אײַער נאַפטלייטונג.

— קאַטיע — האָט קאַרפּאָוו שטרענג אַ זאָג געטאָן.

— איך בין שוין דרײַסיק יאָר קאַטיע! האָסט מיר ניט וואָס דאָס מוחל צו פאַרשטאָפּן! דו ביסט ערשט ניט דער באַלעבאָס אין שטוב, אויב דו וואַרפסט זי אַוועק... ס'איז אַ „בעזאָיען אין דאַרף זיך צו באַווײַזן, אַלע וווּנדערן זיך. „דײַן לוקיטש איז פון זינען אַראָפּ, אַנטלויפט ערגעץ וווּהין. דער כאַשעוווסטער מענטש אין דאָרף געווען, ווער האָט אים דאָ אַ קריוודע געטאָן? און ווי ווערסטו דאָס בלײַבן אַליין?..." וואָלסט בעסער דעם טאָטן דײַנעם געפאָלגט, קאַרפּאָוו! ער הייסט דאָך דיר בלײַבן!

— איר זײַט ניט גערעכט, באַלעבאָסטינקע, — האָט באַטמאַנאָוו אַ זאָג געטאָן. — איוואַן לוקיטש פאַרט אָף אַ וויכטיקער מעלוכישער באַוווּנג, ווו ער וועט ברענגען גרויסע נוצן. ס'איז ניט באַ אים גלאַט קיין פאַרגלוסטעניש...

— און דאָ ברענגט ער ניט קיין נוצן, וואָס? — האָט שוין די פרוי אָנגעהויבן צו שרײַען. — אין קיין פּיש בייטיקט זיך ניט דער פראָנט, וואָס?

— הער אויף! — האָט קאַרפּאָוו געזאָגט אין צאָרן: דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב מיט דער פאַרוואַלטונג פונעם קאָלווירט אַלץ אַרומגעשמועסט, דעם פאַרטרעטער צוגעגרייט. די קאָלווירט־איניאָנים גייען ניט אין ערגסטן... און ניט פאָרן קען איך ניט, די דאָזיקע באַוווּנג האָט מיר דאָס האַרץ פאַרכאַפּט. כ'וועל זיך קיינמאָל ניט מוחל זײַן, אויב כ'וועל ניט פאָרן!

— נו, פאָר, ווער האַלט דיך! איך האָב ניט מוירע צו בלײַבן אַליין, הענט האָב איך — וועל איך זיך אויסהאַלטן! נאָר אָט וואָס איך וועל דיר זאָגן: בעסער וואָלסטו געווען אַוועק אָף דער מילכאָמע, וואָלט מיר פאַר מענטשן אַזאַ בעזאָיען ניט געווען.

קאַרפּאָוו האָט זיך אויפגעהויבן אין צאָרן. אויך די געסט האָבן זיך אויפגעשטעלט.

— האָט ניט פאַריבל, כאַווער באַטמאַנאָוו און אַלע כאַוויירים, וואָס מען נעמט אײַך אויף אַזוי אומפּרײַנטלעך אין מײַן שטוב, — האָט ער דומפּ אַ זאָג געטאָן. — קומט אין דער פאַרוואַלטונג. — אויסגעדרייט זיך צום ווײַב, האָט קאַרפּאָוו אַ קוק געטאָן אָף איר מיט פאַרוואָרף: — דיר אַליין וועט שפּעטער זײַן אַ בעזאָיען. האָסט מיך מעוואַיעש געווען פאַר טײַערע מענטשן!...

אין דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג זײַנען געזעסן קאַרפּאָווס פאַרטרעטער און נאָך עטלעכע מענטשן. צווישן זיי קאַרפּאָווס טאַטע און אַ צווייטער אַלטער, דער פישער זאַבבין. זיי האָבן געשמועסט וועגן די פרישע ידיעס פון פראָנט, זאַבבין האָט אויסגערעכנט די צאָל דערהאַרגעטע היטלעראָווצעס און די טראָפייען, וואָס אונדזער מיליטער האָט פאַרכאַפּט הינטער מאָסקווע, אין יעלצער ראַיאָן און באַם אײַנגעמען קאַלינין.

— איצט וועט אונדז לײַכטער זײַן צו אָטעמען, — האָט זאָבנין אַ זאָג געטאָן.

זיי האָבן אויך געשמועסט אַף קאָלווירטישע טעמעס. ערשט נאָכדעם האָט באַטמאַנאָוו אַ פרעג געטאָן:

— הייסט עס, אַז איר לאָזט אָפּ איוואַן לוקיטשן, ער זאָל פֿאָרן מיט אונדז?

— זאָל ער פאָרן. די פאַרוואַלטונג האָט באַשלאָסן אים אָפּצולאָזן.

— האָט געענטפערט דער נײַער פאָרזיצער פון קאָלווירט. — אויך אַף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָט מען אָנגענומען — זיך ניט קעגנ־שטעלן, אויב דער מענטש באַשטייט דאַווקע דערויף.

— פאַרהאַלטן אים דערוועגן מיר זיך ניט, אָבער פאַריבל אַף אים האָבן מיר, — האָט זאָבנין צוגעגעבן. — און אויך אַף אײַך האָבן מיר פאַריבל, וואָס איר האָט אים גערופן.

— דו, ברודער איוואַן, זאָלסט זיך איצט בעסער ניט אומקערן אַהיים. כ׳וועל דיך סײַווי אַרויסיאָגן, — האָט קאַרפּאָווס פאָטער אַ זאָג געטאָן אָנגעברויגעזט.

איוואַן לוקיטש האָט פאַרשוויגן, געהויבן בלויז די ברייטע פּלייצעס.

אין אַ שאָ אַרום, ווי מען וואָלט זיך געזעגנט מיט אים אוועקצופירן, איז באַטמאַנאָווס שליטן־צוג אַרויסגעפאָרן פון דאָרף. דער נײַער אַרבעטער פון דער בויונג איז געלעגן לעבן בערידזען און בייז געשוויגן. בערידזע האָט, פאַרשטייענדיק זײַן צושטאַנד, ניט פאַרפירט מיט אים קיין שמועס.

— אָט אַן אומגליק, ברודער. ס׳איז אַזוי שווער אַף דער נעשאָמע, גלײַך ווי כ׳וואָלט זיך מיט די פרײַנט און מיט דער פאַמיליע אַף אייביק געזעגנט, — האָט קאַרפּאָוו, ענדלעך, אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ.

— באַדויערסט, איוואַן לוקיטש, וואָס?

— ניין, ניט וועגן דעם רייד איך. פון דער בויונג קען איך זיך ניט אָפּזאָגן. איך האָב ליב טעכניק, אַז די צײַט וועט דינען, וועל איך נאָך דער מילכאָמע פאָרן קיין רובעזשאַנסק זיך לערנען!... ברודער, אין דער דאָזיקער בויונג זע איך מײַן אויפגאַבע. ווען די נאַפּטלייטונג וועט דאָ פאַרבײַגיין קיין נאָווינסק און ווערן טעטיק — וואָס פאַר אַ לעבן וועט זיך עס דאָ אָפּן אַדון אַנטוויקלען! פאַרגעדענקט זיך מײַן וואָרט, געאָרגי דאַווידאָוויטש: אין צען יאָר אַרום וועט פון אונדזער ניזשנאַיאַ סאַזאַנקאַ ווערן אַ באַרימט קוראָרט. מענטשן פון גאַנצן לאַנד וועלן אַהער קומען צו פאָרן — שעפּן נאַכעס פון דער שיינקייט און נײַע קויכעס אָנ־זאַמלען!... — ער האָט זיך שוין באַרויִקט און מיט ברען אָנגעהויבן ריידן וועגן דער צוקונפט פון זײַן דאָרף און דעם אַדון, ווי זי האָט זיך אים פאָרגעשטעלט.

קימאַט באַם סאַמע דורכגוס האָט דער שליטן־צוג אָנגעיאָגט טאַניאַ וואַסילטשענקאָ מיט אירע בריגאַדעס. פֿון זינט באַטמאַנאָוו מיט זײַנע באַגלייטער זײַנען אַרויסגעפֿאָרן פֿון נאָווינסק האָט זי אויפֿמערקזאַם נאָכגעשפּירט זייער פֿאָרויסגיין איבער דער טראַסע. דער טעלעפֿאָן איז געווען אין איר רעשוס, זי האָט אַלץ געוווּסט: דער נײַער פּראָיעקט איז באַשטעטיקט, באַטמאַנאָוו פֿירט מיט זיך ראַגאָזין און קאַרפּאָוו, דער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג אײַלט זיך, איז באַאומרויִקט צוליבן מאַצעוו פֿון די לעצטע באַצירקן.

עטלעכע מאָל האָט טאַניאַ גערעדט דורכן סעלעקטאָר מיט בערידזען, קאָוושאָוון און טאָפּאָליעוון, בעת דער צוג איז שטיין געבליבן אויף די באַצירקן. צוויי מאָל האָט איר אַרויסגערופֿן צום סעלעקטאָר באַטמאַנאָוו. ער האָט געפֿרעגט וויפֿל קילאָמעטער דראָט ס'איז איר נאָך פֿאַרבליבן צו ציִען, און געדראָט, אַז ס'וועט זײַן שלעכט, אויב ער וועט זי אָניאָגן נאָך פֿאַרן דורכגוס. עס זײַנען פֿאַרבליבן נאָך אַ וועלכע זעכציק קילאָמעטער — מ'האָט געקענט האַלטן פֿאַר אויסגעפֿירט באַטמאַנאָווס אויפֿגאַבע, און זײַנע דראָונגען האָבן שוין טאַניאַן ניט געשראָקן.

דאָס לעצטע מאָל האָט באַטמאַנאָוו מיט זײַנע באַגלייטער גענעכטיקט אויפֿן צענטן באַצירק. פֿון דאָרט האָט מען טאַניאַן מודיע געווען, ווען דער שליטן־צוג איז אַרויסגעפֿאָרן ווײַטער, און זי צוזאַמען מיט סמירנאָוון זײַנען אַרויס אויף נאַרטעס זיי באַגעגענען.

ס'איז געווען אַ פֿריילעכער, זוניקער טאָג, דער רעגנבויגנדיקער גלאַנץ פֿון שניי האָט געבלענדט די אויגן. אין דער פֿאַרשנייטער טײַגע, וועלכע איז ווי אָפּגעגאַנגען אונטער דער זון, זײַנען אויפֿגעקומען אומקלאָרע שאָרכן און גערוישן, און ס'האָבן אַפֿילו אויפֿגעזונגען עפּעס אַזעלכע קליינע פֿייגעלעך.

טאַניאַ איז געפֿאָרן געשווינד, סמירנאָוו מיט זײַנע לאַנגע פֿיס האָט קוים באַוויזן איר נאָכצופֿאָרן. זי איז געווען אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג, האָט געשמייכלט און אונטערגעזונגען. פֿון אירע ראָזע ליפּן האָט זיך אָפֿן פֿראָסט אָפּגעריסן די צאַרטסטע פּאַרע, וועלכע האָט ווי פֿאַראייניקט דאָס אָטעמען מיטן געזאַנג. פֿון יענער געדענקלעכער שאָ, ווען זי האָט פֿון זיך אַרויסבאַגלייט די אינזשעניערן און נאָכער זיך אָפּגעליטן, מיינענדיק, אַז זיי זײַנען אומגעקומען אינעם בוראַן, האָט טאַניאַ בערידזען ניט געזען. זי האָט מיט פֿרייד געטראַכט וועגן דער באַגעגעניש און זיך מודה געווען, אַז זי וועט זיך ניט בייזערן, אויב אַפֿילו בערידזע וועט נאָכאַמאָל פֿאַרפֿירן זײַנע צודרינגלעכע שמועסן וועגן ליבע. ס'האָט זיך איר געוואָלט זען סײַ אַלעקסייען, סײַ טאָפּאָליעוון, סײַ ראַגאָזין, סײַ אַפֿילו באַטמאַנאָוון, פֿאַר וועלכן זי האָט פֿאָרט אַ ביסל מורא געהאַט. זיי האָבן זיך איר אַלע אויסגעדוכט צו זײַן אייגענע און נאָענטע, קימאַט ווי די מאַמע.

צוגעקומען צום טײַך, האָבן זיך טאַניאַ און סמירנאָוו אָפּגעשטעלט. דער ברעג איז אַפן דאָזיקן אָרט געווען הויך און האָט זיך שטײַל אַראָפּ־געלאָזט. סמירנאָוו האָט דער ערשטער באַמערקט דעם שוואַרצן פּונקט פונעם שליטן־צוג, וואָס האָט זיך באַוועגט אין מיטן דעם ווײַסן שטעטך. צוגעוואַרט ביז ער איז צוגעפאָרן גאָר נאָענט, האָט טאַניאַ אַ פּאָך געטאָן מיט די נאַרטן־שטעקנס און, זיך אויסבייגנדיק פאָרויס, שנעל זיך אַ גליטש געטאָן אַראָפּ, אויפהייבנדיק אַ וואָלקן שניי־שטויב. סמירנאָוו האָט, אַרויס־לאָזנדיק אַ געשריי, זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איר.

זיי האָבן זיך אָנגעטראָגן מאַמעש אַפן ערשטן פערד — דאָס פערד האָט אין שרעק אַ כראַפּע געטאָן און, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ, זיך אַ צי געטאָן אַף צוריק. דער צוג האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן, די הינטערשטע שליטנס זײַנען אַרויף אַף די פעדערשטע. טאַניאַ און סמירנאָוו האָבן גע־לאַכט, באַטראַכטנדיק, ווי די רײַזנדע האָבן זיך ווי זעק אַרויסגעשאָטן פון די שליטנס און געזשמורעט מיט די אויגן, גאָרניט זעענדיק אין דער שאַרפער שײַן. זיך אײַנגעקוקט, האָבן זיי מיט פרייד אַרומגערינגלט טאַ־ניאַן. דער אַנטציקטער בערידזע איז געווען אויסערגעוויינלעך אומדרײַסט, שטיל און האָט זיך בלויז אַנטציקט מיט איר. טאַניאַ האָט זיך צעקושט מיט טאָפּאָליעוון און ניט אָן טריומף אים אײַנגערוימט אין אויער:

— נו, וואָס, זיידע? בערידזע איז אַ גוטער פאַרשוין, איך בין פאָרט גערעכט געווען...

— גערעכט, טאַניושע, כ'בין זיך מודה, — האָט דער אַלטער גע־ענטפערט מיט דעם זעלבן פאַרשווערישן געשעפטש.

— וואָס איז מיט וואָלאָדיען? — האָט זי געשווינד אַ פרעג געטאָן.

— שוין אַ כוידעש, אַז כ'האָב קיין ידיעס ניט באַקומען. איך באַום־רויִק זיך.

אָפּשטופּנדיק טאָפּאָליעוון, האָט זיך צו טאַניאַן דערנענטערט ליבער־מאַן. האָט אָפּגעווישט די ליפּן מיט די הענטשקעס און פונאַנדערגעשפּרייט די הענט.

— מאַמינקע טײַערע, פון וואַנען האָט זיך אַהער גענומען אַזאַ שיינ־קייט מיט פּאָנסענע בעקלעך און אין אַ פּאָנסן היטעלע! פּרעכטיקע וואַלד־מאַלקע!

— אַלץ דער זעלבער, רירעוודיק ניט לויט דער עלטער, — האָט טאַניאַ אַ זאָג געטאָן. אַוועקגעשאַרט זײַנע אָרעמס און זיך באַגריסט מיט דער האַנט. — ס'איז זייער גוט, וואָס מ'האָט אײַך ענדלעך אַרויסגע־שלעפּט אַף גאָטס וועלט.

אויך באַטמאַנאָוו איז אַרויסגעקראָכן פון זײַן שליטן, פאַראינטע־רעסירט צוליב וואָס מ'איז שטיין געבליבן און פאַרוואָס טומלען און לאַכן זײַנע באַגלייטער. ער איז צוגעגאַנגען, דערזען טאַניאַן און זי גלײַך פאַר־שעמט:

— גוטמאָרגן. כ'בין ניט צופרידן.איך צו זען. לאַבלוטן ניט צופרידן.
— פאַרוואָס עפּעס, כאָוועך נאַטשאַלניק? — איז דאָס מיידל געקומען אין פאַרלעגנהייט, ניט ווייסנדיק, צי דאַרף זי זײַנע ווערטער אָננעמען פאַר אַ שפּאָס אָדער אַן ערנסט.
— דאָ ענדיקט זיך אײַער טעלעפאָן־פאַרבינדונג? ווײַטער איז קיין פאַרבינדונג ניטאָ?
— ווײַטער איז דערווײַל ניטאָ, נאָר ביזן דורכגוס זײַנען פאַרבליבן ניט מער ווי זעכציק קילאָמעטער.
— און איר האָט פאַרגעסן אונדזער אָפּמאַך? איך דאַרף האָבן טעלעפאָן אָפן באַצירק טייקעף. ווי נאָר כ'וועל אַהין קומען צו פאָרן. איר פירט אים אַהין אַף טשערעפּאַכעס, מײַן טײַערע!...
טאַניע האָט אַ צעמישטע געשוויגן. דער שמייכל איז איר אַראָפּ פון פּאָנעם, זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אײַנהאַלטנדיק דעם שאַרפן ענטפער, וואָס האָט זיך איר געבעטן אָפן צונג. ליבערמאַן האָט זיך הינטערן נאַטשאַלניקס פּלייצעס געכאַפּט פאַרן קאָפּ און געמורמלט:
— מאַמינקע טײַערע, אַזוי זיך באַגיין מיט אונדזער שטאָלצער טאַניעטשקע!
— אַן אומגערעכטער פאַרוואָרף, וואַסילי מאַקסימאָוויטש. טאַטיאַנאַ פּעטראָוונאַ מיט אירע בריגאַדעס האָבן געשלאָגן רעקאָרד אין אויפהענגען די דראָטן. קיין שום אויטאָ וואָלט זיי ניט אַנגעיאָגט.
באַטמאַנאָוו האָט אַף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ שמייכל:
— איר זײַט אַן אַדוואָקאַט און אַ ריטער, גענאַדי דאַווידאָוויטש!
ליבערמאַן האָט זיך הויך צעלאַכט, מיט וועלכן ער האָט צוגעצויגן באַטמאַנאָווס אויפמערקזאַמקייט.
— און איר וואָס האָט זיך דערפרייט? ס'זאָל אײַך ניט אויסקומען באַם דורכגוס אַ טרער צו לאָזן.
אַלעקסיי האָט אין אַ זײַט געשמועסט מיט סמירנאָוון. ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו טאַניאַן און זיך געפּרוווט זי טרייסטן:
— אומזיסט רעאַגירסטו אַזוי אַף זײַנע ווערטער. געדענקסט, מיר האָבן געשמועסט וועגן גוטע נאַטשאַלניקעס, וועלכע זאָגן ניט קיין גוט וואָרט אַפילו יענע, וואָס זיי האָבן ליב. וואָלסט אים בעסער געענטפערט מיט אַ שפּאָס, און פאַטער.
— זאָלן זיי, די גוטע נאַטשאַלניקעס! ווער ווייס, ווי מען דאַרף זיי ענטפערן! — האָט טאַניאַ אין קאַס אַ וואָרטשע געטאָן.
טאָפּאָליעוון איז בעעמעס אַ שאָד געוועזן דאָס מיידל. ער האָט אַרײַנגעצויגן אַ שמעק טאַבעק, אָפּגעווישט די וואָנסעס מיטן רויטן שנופּטיכל און איז אַנטשלאָסן צוגעגאַנגען צו באַטמאַנאָוון.
— פאַרוואָס האָט איר זי באַליידיקט? — האָט ער געפרעגט מיט פאַרוואָרף. — ס'איז איר אַזוי אויך ניט לײַכט. טוט נאָר אַ טראַכט, וויפל

זי האָט זיך אָנגעליטן, ביז זי האָט זיך אָהער דערקליבן מיטן דראָט... אַלע האָבן זי אַזוי גוט באַגעגנט, האָט איר געדאַרפט קאַליע מאַכן די שטימונג! בעסער וואָלט איר זיך אַף מיר געבייזערט, אויב ס׳האָט זיך אײַך פאַרגלוסט בייזערן!

באַטמאַנאָוו האָט נײַגעריק אַ קוק געטאָן אַפן אַלטן, דערנאָך אַפן אָנגעכמורעטן בערידזען, אַף טאַניאַן, וואָס אַלעקסיי האָט איר עפּעס גע־שעפּטשעט אַפן אויער, אַף קאַרפּאָוו און ראַגאָוון, וועלכע זײַנען געשטאַ־נען אַ ביסל ווײַטער, אַף סמירנאָוון, וועלכער האָט רויק באַגעגנט זײַן בליק, אַף ליבערמאַנען, וועלכער האָט אָנגעשטעלט אַ גלײַכגילטיק פּאָנעם. און אין ענטפער טאַפּאָליעוון האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— אַף די פערד! ניטאָ וואָס צו פאַרווען קיין פרײַנטלעכקייטן דאָ אַפן פראָסט, איר וועט זיך נאָך פאַרקילן!

— זיך געזעגנט מיטפילנדיק מיט טאַניאַן, האָבן זיך די פאַרוואַל־טונג־מיטאַרבעטער געלאָזט צו די שליטנס. בערידזע איז נאָך אַלץ גע־שטאַנען און אומעטיק געקוקט אַפן מיידל.

— איר ווילט זיך אויך אַף מיר אָנבייזערן, כאַווער הויפּט־אינזשע־ניער? — האָט טאַניאַ געפרעגט פאַרדריסלעך.

ער איז אַוועקגעגאַנגען און זיך נאָך מער אָנגעכמורעט. טאַניאַ האָט אַ קוק געטאָן נאָך אים און ביטער באַדויערט, פאַרוואָס זי האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן. ס׳האָט זיך איר געגלוסט אים צוריקרופן, דערציילן, ווי זי האָט טעג און נעכט אָפּגעוואַרט די דאָזיקע באַגעגעניש. פון די שליטנס האָט מען געפאָכעט צו איר מיט די הענטשקעס און די היטלען. ליבערמאַן האָט געשריגן:

— אַף ווידערזען, טאַניעטשקע! איך קוש אײַך אין נעזל!

טאַניאַ האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעדרייט און אַ זאָג געטאָן סמיר־נאָוון:

— מיר פאָרן, קאַליאַ.

זיי האָבן אָנגעהויבן זיך אַרויפהייבן אַפן שטיילן ברעג, אַראָפּוואַרפנ־דיק שניי אַף זײַן שיפּוע. באַטמאַנאָוו, וועלכער האָט זיי נאָכגעקוקט פון זײַן שליטן, האָט אַ געשריי געטאָן:

— וווּהין זײַט איר פאַרקראָכן, כאַווערטע וואַסילטשענקאָ? קערט זיך אום, איר וועט פאָרן מיט אונדז. קומט אַרײַן אין מײַן שליטן!... און איר, כאַווער סמירנאָוו, קערט זיך אום צו די בריגאַדעס און ציט שנעלער דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם דראָט. אײַער נאַטשאַלניטשקע פאַר־האַלט איך פאַר אַ מאַשקן. קאָלזמאַן איר וועט מיר ניט דערלאַנגען אין האַנט אַרײַן דעם דראָט באַם דורכגוס, וועל איך זי אײַך ניט אַרויסגעבן. פאַרשטאַנען!

— פאַרשטאַנען! — האָט סמירנאָוו געענטפערט פריילעך פונעם שיפּוע: ס׳וועט דערפילט ווערן!

אַלעקסײ האָט דערלײַכטערט אָפּגעזיפצט, אַרײַנגעזעצט זיך אין שליטן צוזאַמען מיט בערידזען.

— אָט אַ געשיכטע!... איך האָב אָבער געוווּסט, אַז ער וועט זי נעמען מיט זיך.

בערידזע האָט זיך ניט אָפּגערופן.

— וואָס האָסטו זיך אָנגעבלאָזן?

— עך, זאָלסטו, אַלעקסײ, שווײַג, איך בעט דיר! — האָט בערידזע אַ זאָג געטאָן מיט קאַס.

באַטמאַנאָוו האָט אַרויפגעוואָרפן אַף טאַניאַן אַ טולעפּ און איר געהײטן זיך גוט אײַנטוליען. טאַניאַ האָט זיך אײַנגעוויקלט אינעם פוטער, וואָס האָט געשמעקט מיט שאָפן־פעל, און זיך אָוועקגערוקט פון באַטמאַנאָוון אַף וויפל דער שליטן האָט דערלויבט. זי איז געלעגן אָן באַוועגונג אין דערוואַרטונג אַפן שמועס, וואָס האָט אומפאַרמײַדלעך געמוזט פאָרקומען.

אַ שטראַלעכל שײַן איז געפאַלן פון אויבן פון אַ שפּאַלט אינעם שליטן. באַטמאַנאָוו האָט מיט אַ שמייכל באַאָבאַכטעט, ווי דאָס דאָזיקע שטראַלעכל האָט געשפּילט אַפן מיידלס פּנים. אָט איז עס געפאַלן אַף אירע ראָזעווע נאָזפליגעלעך, אַפן קליינעם גלײַכן נעזל און דער אייבערשטער ליפּ, וואָס איז געווען קינדיש אָנגעבלאָזן מאַכמעס פאַרדרוס. דער שליטן האָט זיך אין עפּעס אָנגעשטויסן, און דאָס שטראַלעכל האָט אַ שימער געטאָן איבערן גאַנצן פּנים, וואָס איז באַדעקט געווען מיט אַ געדיכטער, קימאַט מיט אַ שאָקאָלאַד־ברוינקייט. עס זײַנען באַלויכטן געוואָרן די לײַכטע שוואַרצע קרײַזן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון הינטערן געשטריקטן היטעלע, אָן אויער־לעפּל און דער האַלדז, וואָס איז ניט הויך פאַרוויקלט געווען מיט אַ רויטן שאַליק.

באַטמאַנאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן, זיך דערמאָנענדיק, ווי זײַנע באַגלייטער האָבן מיט אַ האַלבער שאָ צוריק זיך אָנגענומען פאַר טאַניאַן. „ניט שוין־זשע פאַרשטייען זיי ניט, אַז איך בין איר ניט ווייניקער פרײַנט פון זיי?"

— מיידל מיט כאַראַקטער, איר זײַט נאָך אַלץ אין קאַס? — האָט באַטמאַנאָוו איבערגעריסן דאָס שווײַגן.

— דער נאַטשאַלניק האָט דאָס רעכט צו מאַכן מיר אַ פאָרוואורף. צי קען איך דערפאַר אין קאַס זײַן? — טאַניאַ האָט דאָס געזאָגט טרוקן און מיט פאַרבאָרגענער איראָניע.

— מען קען ניט ריידן אַזוי אָפיציעל און פאַטעטיש, ווען מען ליגט לעבן אַ מענטשן זײַט בײַ זײַט, מעג דאָס אַפילע זײַן אַ פאָלקאָם אַליין, — האָט באַטמאַנאָוו באַמערקט.

טאַניאַ האָט דערפילט, אַז ער שמייכלט, און זיך געאײַלט אים צו דערווידערן:

— צי דען ענדערן זיך אָפיציעלע פאַרהעלטענישן צוליב צופעליקע לאָקאָמאָציע־מיטלען ? — וואָס האָט זיך דאָ געענדערט צוליב דעם, וואָס איך שטיי ניט פאַר אײַך אין קאַבינעט, נאָר פאַר צוזאַמען מיט אײַך אין אַ שליטן ?

ס'האָט ווידער אַ שטויס געטאָן דעם שליטן, טאַניאַ האָט מיטן עלנ־בויגן באַרירט באַטמאַנאָוון און זיך שנעל אָפּגערוקט. באַטמאַנאָוו האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן פון געלעכטער.

— פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן אַ קאַ־בינעט און אַ שליטן, אַ שפּילע נאָך! הייסט עס, אַז איר זײַט אָף מיר ניט אין קאַס געוואָרן? פאַרוואָס־זשע זײַט איר אַזוי צעמישט? איר שרעקט זיך, וואָס?

— איך שרעק זיך? פאַרוואָס? — טאַניאַס צעמישטקייט איז אַריי־בער, זי האָט זיך דערפילט פרײַער.

— מאַשמאָעס, איר ווייסט ניט, וואָס צו דערוואַרטן פון מיר. איך האָט דאָך וועגן מיר אַ פאַרשטעלונג, ווי וועגן אַ ברוטאַלן און שלעכטן מענטשן. וואָס, הייסט עס, וועלן די אַנדערע אין צוג טראַכטן וועגן מיר? וואָס וועלן זאָגן די יאַטן, ווען מען סמירנאָוו וועט אַלץ דערציילן?

— איך וועל זיך קענען באַשיצן, אויב אַ ברוטאַלער מענטש וועט מיך באַליידיקן — האָט טאַניאַ געזאָגט רויק. — אין דעם פאַל האָב איך שוין דאָס רעכט זיך ניט צו רעכענען מיט זײַן אַמט. קאַליאַ סמירנאָוו און די אַנדערע וועלן קיין שום שלעכטס ניט טראַכטן.

— פאַרוואָס?

— זיי זײַנען גוטע מענטשן און האָבן אַ גוטע מיינונג וועגן אײַך און וועגן מיר. כ'קען ניט אָרעוו זײַן בלויז פאַר ליבערמאַנען — יענער קען טראַכטן אויך שלעכטס. נאָר ער וועט גאַרניט זאָגן, ריכטיקער, מען וועט אים ניט לאָזן דאָס מויל עפענען.

— מאַכמעס אַכטונג צו אײַך, אָדער צו מיר?

— מאַכמעס אַכטונג צו אײַך און צו מיר. מאַכמעס זויבערער באַ־ציִונג צו דער פרוי.

— פון וואַנען ווייסט איר וועגן דער זויבערער באַציִונג?

— אַ פרוי פילט טאָמיד, שטויסט זיך אָן, ווי מען באַציט זיך צו איר.

— יאָ. זײַנען פאַראַן נאָך באַמערקונגען?

טאַניאַ האָט זיך צעלאַכט.

— עס זײַנען נאָך דאָ, עפּשער, נאָר ניט אין פלאַן פון באַשיצן זיך קעגן אײַערע באַשולדיקונגען.

— און נעמלעך?

— דער אונטערגעאָרדנטער טאָר ניט מישפּטן די נאַטשאַלסטווע, איך האַלט זיך אָפּ.

— פרוווּט, איך דערלויב.

— עפּעס באַרעדט איר זיך אַליין און אַנדערע מענטשן.

— צוליב וואָס־זשע דאַרף איך עס, ווי מיינט איר?

— מאַשמאָעס, ס׳איז אַזאַ כאַראַקטער און מעטאָד. ווען מיר זײַנען געשטאַנען באַ די שליטנס, האָט מיך אַליאָשאַ קאָווּשאָוו געטרייסט: „עס זײַנען דאָ אַזעלכע גוטע מענטשן, וועלכע זײַנען ניט אימשטאַנד אַרויסצובאַקומען פון זיך קיין איין ווייך וואָרט און האָבן בעסער ליב צו זידלען“. ער רופט אָן אײַער געוווינהייט צו לערנען און זידלען מענטשן „שטרענגע ליבע“.

— אָט האָט איר אײַך נאָך אַ פּסיכאָלאָג! פון וואַנען איז ער אַזאַ כאָכעם און ווייסט אַלץ? איך וועל אים ווײַזן „שטרענגע ליבע“! ער מאַכט עס מיר אַ רעפּוטאַציע! — האָט באַטמאַנאָוו אַ זאָג געטאָן מיט שפּאָסיקן קאַס.

אָבער אין זײַן טאָן האָט זיך פאַרט געשפּירט סאַמע עכטער פאַרדרוס. טאַניאַס ווערטער, איבערגעגעבן פון אַ דריטער פּערזאָן און מיט איראָניע, האָבן אים אַ שטאָך געטאָן.

— איר האָט דערלויבט צו מישפּעטן די נאַטשאַלסטווע, — האָט טאַניאַ דערמאָנט.

— אײַך האָב איך דערלויבט, אים — ניט. ער וועט באַקומען זײַנס... זיי זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן.

— גוט. לאָמיר אָננעמען, אַז אײַער נאַטשאַלניק איז אַ גוטער מענטש, און דערפאַר האָט ער אײַך אַרײַנגעזאָגט אַ גוזמע אומאָנגענעמלעכקייטן, — האָט ער באַנײַט דעם שמועס. — מאַכמעס זײַן גוטסקייט האָט אײַך דער נאַטשאַלניק מיטגענומען מיט זיך, געמאַכט אָן אָרט דערלעבן, פאַרפירט אַ דיסקוסיע אָף אַבסטראַקטע טעמעס און דערמיט צעשטרײַט אײַער שלעכטע שטימונג. און וואָס אויב דאָס אַלץ איז אויסגעטראַכט, און דער גוטער נאַטשאַלניק, וועלכער האָט צו אײַך געוויסע געפילן, וויל זיך איך זיי דערקלערן.

טאַניאַ האָט זיך האַסטיק אָפּגערוקט.

— גענוג שוין, וואַסילי מאַקסימאָוויטש! וועגן אײַערע עמעסע געפילן קען איך זיך אָנשטויסן... איך ווייס דאָך, אַז ס׳איז אײַך איצט שווער. מען דאַרף אַזוי ניט שפּאַסן, איך בעט אײַך!...

ער האָט איר דערויף ניט געענטפערט, דערפילט זיך ניט הענטיק. זיי האָבן לאַנג געשוויגן.

— גוט, מיר האָבן אַלץ אויפגעקלערט, — האָט ער ענדלעך אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ. — איצט גיט מיר אָפּ אַ באַריכט. ריכטיקער — דערציילט, ווי איר האָט געלעבט און געאַרבעט פאַר דער גאַנצער צײַט. איך בין געוועזן באַ אײַך און אַ סאַך געזען, נאָר דעמאָלט איז ניט אויס־

געקומען צו ריידן אויג אַף אויג. מיר אינטערעסירט, ווי איר אַליין שאַצט אָפּ אײַער אַרבעט מיט דער כעוורע.

ער האָט געבעטן אַ דערלויבעניש צו פאַררייכערן. אַן אָנגענעמער רויך האָט אַ ווייַע געטאָן אַף טאַניאַן. ווען באַטמאַנאָוו האָט זיך פאַרצויגן, האָט דאָס רויטע פײַערל באַלויכטן זײַן היפּש פּאָנעם און די אויגן, וואָס האָבן געקוקט אַרויף.

אַ סאַך יינגלעך זײַנען געגאַנגען אַרבעטן ווי פאַרבינדלער, ניט פאַרשטייענדיק די שוועריקייטן דערפון, וואָס עס שטייען זיי פאָר. דאָרט, און טאַניאַן האָבן זיי באַטראַכט ווי עפּעס אַ פּיאָנערן־פירער. אין משך פון צוויי־דרײַ מעסלעס האָט זיך די לאַגע געענדערט: פון געוויינלעכע שטאָטישע באַדינגונגען זײַנען זיי אַרײַנגעפאַלן אין דער טײַגע און געווען אָנגעוויזן, אין טאָך אַרײַן, אַף זיך אַליין. דעמאָלט האָבן זיך אַ סאַך דערשראָקן — סײַ אַרבעטן, סײַ געפינען זיך די גאַנצע צײַט אָפן פראָסט האָט זיך זיי אויסגעוויזן צו זײַן איבער די קויכעס. טאַניאַ ווי אַן אָנפירער, פון וועלכער ס׳איז איצט אָפּהענגיק זייער גוירל, האָט צו זיך קיין צוטרוי ניט אַרויסגערופן. אַ טייל כעוורע איז אַרײַנגעפאַלן אין אַפּאַטיע, אייניקע האָבן זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון טרערן און געבעטן זיך צוריק אין שטאָט אַרײַן.

גוט וואָס זי האָט זיי ניט אָנגעהויבן אײַנצובעטן און זיי אונטערצוקומען. זי האָט געפונען אין זיך קויכעס צו זײַן האַרט און פאָדערנדיק... „ס׳איז קאַלט, געוויינט אײַך צו, און ס׳וועט ניט קאַלט זײַן: מען וועט דאָך ניט בויען קיין הויז בײַ יעדן בוים? ס׳איז שווער? סע גייט אַ מילכאָמע — אָפן פראָנט איז אַ סאַך שווערער! און האָבן דען קאָמיוגיסטן דאָס רעכט צו זוכן אַ לײַכט לעבן! צום ערשטן מאָל בײַ אַזאַ אַרבעט קענט איר ניט די ספּעציאַליטעט? נו, וואָס, דאַרף מען אַרבעטן און זיך לערנען אַף דער פראַקטיק!...". נאָר דאָס אַלץ איז, נאַטירלעך, געווען דערווײַל בלויז ווערטער. קאָליאַ סמירנאָוו האָט די גאַנצע צײַט געאייצעט: „לאָמיר באַפעסטיקן די ווערטער מיט מײַסים, מיט בײַשפּיל". און ביידע האָבן גענומען זיך אויפפירן אַזוי ווי די קעלט איז בײַ זיי גאָרניט מיט גאָרניט. זי האָט דערוויזן די יאַטן, אַז מען קען זיך באַגיין אינגאַנצן אָן הענטשקעס — די הענט זײַנען בלויז רויט געוואָרן, ראַציק און האָבן זיך צוגעווויינט. מאָדנע, זי האָט זיך ניט פאַרקילט און קיין איין מאָל אַפילע זיך ניט אָפּגעפרוירן, בעייס קאָליאַ — אַפילע ער האָט געקרענקט, אָפּגעפרוירן די באַקן.

— דאָס איז טשיקאַווע, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט. — די הענט געוויינען זיך צו? און מײַנע פרירן עפּעס טאָמיד. ווײַזט נאָר אײַער האַנט.

ער האָט אָנגערירט איר קליינע הייסע און פאַרגרעבט געוואָרענע האַנט מיט האַרטער הויט און מאָזאָליעס. ער האָט זי געשווינד אָנגענומען

און אַזוי געשווינד אויך זי אָפּגעלאָזט. שווער צו זאָגן, וואָס דאָס האָט באַדײַט — אַ האַנטדרוק אָדער אַ זשעסט פון נײַגעריקייט.

טאַניאַ האָט ווײַטער דערציילט. מ׳האָט די פאַרבינדלער־קאָלאָנע גע־מוזט פונאַנדערטיילן אַף בריגאַדעס, דעם פּראָצעס פון אויפהענגען די דראָטן פונאַנדערגלידערן אַף באַזונדערע אָפּעראַציעס. די אַרבעט איז פּאַשעטער געוואָרן און אַוועק אַנדערש. יעדער האָט זיך שנעל צוגעוווינט צו זײַן אָפּעראַציע און געוואָרן אַ ספּעציאַליסט.

— גרובסקי האָט אַלץ געוואַרט, ביז מען וועט שיקן אַף דער בויונג פונעם צענטער גרייטע פאַרבינדלער, — האָט טאַניאַ דערמאָנט. — אַ מענטש אַ טיפּעש! ווען ניט ער, וואָלט שוין די טראַסע לאַנג געהאַט טעלעפאָן. פאַרוואָס גאָר טראָגט אַף זיך די ערד אַזעלכע מענטשן?

— איך ווייס ניט, פאַרוואָס די ערד טראָגט אים, נאָר מיר טראָגן אים שוין ניט, — האָט באַטמאַנאָוו געענטפערט. — מיר האָבן אים גריוועט געוועזן און פאַרגעסט אין אים, צו וואָס טשעפּען טויטע!

טאַניאַ האָט פונדעסטוועגן באַשלאָסן אויפצוקלערן באַטמאַנאָוון, פאַרוואָס מ׳האָט ניט דערצויגן דעם דראָט ביזן דורכגוס, און דעם נאַ־טשאַלניק האָט זיך אײַנגעגעבן זי דאָ אָנצוזאָגן. די פאַרבינדלער האָט געשטערט דער בוראַן. ער איז אָנגעפלויגן אומדערוואַרט און אָנגעטאָן אַ סאַך צאָרעס, אָפּרײַסנדיק אַף אייניקע ערטער צו עטלעכע קילאָמעטער דראָט. נאָכן בוראַן איז אויסגעקומען זיך אומצוקערן און אָפּסנײַ איבער־מאַכן אַ העלפט אַרבעט, אַנשטאָט צו אײַלן זיך פאָרויס, צום דורכגוס. ווי אַ צולאָג האָבן זיך נאָך בעייסן בוראַן פינף יאַטן פון וועג אַראָפּגע־שלאָגן און פאַרבלאָנדזשעט אין דער טײַגע, מען האָט זיי אָפּגעפונען אַפן פערטן טאָג און נאָכער זיך אַרומגעפּאָרעט אַרום זיי אַ גאַנצע וואָך. ווען ניט דער בוראַן וואָלט שוין דער דראָט געוועזן באַם דורכגוס.

— פאַרענטפערט זיך ניט, — האָט באַטמאַנאָוו ווייך אַ זאָג געטאָן און פּלוצים איר פּאַטערלעך אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. — לעהייפּעך דער געוווינהייט, וואָס איר האָט מיר צוגעשריבן, וועל איך אײַך זאָגן, אויסנוצנדיק די פינצטערקייט, אַ גוט וואָרט: איר האָט אויסגעפירט אײַער אויפגאַבע אויסגעצייכנט. ס׳איז געמאַכט געוואָרן מער, ווי ס׳האָט געקענט געמאַכט ווערן. ווען די בריגאַדעס וועלן קומען צום דורכגוס, וועלן מיר אַלע יאַטן מעלדן אַ באַפעל פון דאַנקבאַרקייט. דאָס איז דער ערשטער אַזאַ באַפעל אַף דער בויונג. איר פאַרשטייט, וואָס דאָס הייסט?

דאָס שפּרינגענדיקע שטראַלעכל שײַן האָט אים געהאָלפן דערזען, ווי דעם מיידלס פּנים האָט אויפגעבליט. אין גרויסער פרייד האָט טאַניאַ איבערגעפירט די גאַנצע זאַך, אַ געשריי טוענדיק מיט טמימעס:

— איר זײַט בעעמעס זייער גוט און איך וואָלט אײַך מיט פאַר־געניגן אויסגעקושט!

— נו, נו, וואַרפט זיך ניט פון איין עקסטרעם צום צווייטן, איר

זײַט ניט קיין פערפענדיקל! — האָט באַטמאַנאָוו אומצופרידן אַ וואָרטשע געטאָן. — איר מיינט, איך פיר אײַך, קעדיי צו מאַכן אײַך קאָמפלימענטן? ס'האָט זיך אַרויסגעכאַפט... די ערשטע אויפגאַבע האָט איר געלייזט, אַ דאַנק. איצט שטעלט זיך פאַר אײַך אַ צווייטע, טעכניש איז זי נאָך שווערער. איך רייד וועגן דעם איבערוואַרפן די פאַרבינדונג אַפן אינדזל. אַן אונטערוואַסער־קאַבל דורכן דורכגוס, איר פאַרשטייט?

ער האָט אָפּוואַרטנדיק געשוויגן. טאַניאַ האָט זיך ניט אָפגערופן, זי האָט געטראַכט וועגן דער נײַער אויפגאַבע און וועגן דעם מענטשן, וועלכער האָט נאָרוואָס גערעדט צו איר. ס'איז גוט, וואָס אַהער, אַף זייער בויונג, האָט סטאַלין געשיקט דאַווקע אים!

— פאַרוואָס שווײַגט איר? — האָט באַטמאַנאָוו געפרעגט. — איר האָט זיך דערשראָקן פאַרן אונטערוואַסער־קאַבל?

— ניין, כ'האָב זיך ניט דערשראָקן, — האָט טאַניאַ שנעל געענטפערט, באַפרײַענדיק זיך פון איר פאַרטראַכטעניש. — מיר וועלן דורכפירן אַ קאַבל. איך האָב שוין וועגן אים געטראַכט און זיך באַראָטן מיט בערידזען און קאָוושאָוון. מיר האָבן שוין אַ פלאַן פון דער אַרבעט. מיר וועלן דעם קאַבל אויסלייגן איינצײַטיק מיט דער נאַפטלייטונג. כ'וועל זיך בלויז אַרומקוקן אַפן אָרט און אײַך פאָרשטעלן אַ גענויעם באַריכט.

— קלאָר. איר ווילט — וועל איך אײַך דערציילן, אַף וואָס פאַר אַן אויפן איך האָב בעדייע אויסצונוצן די טעלעפאָן־ליניע, וואָס איר האָט דורכגעפירט?

— אַוואַדע וויל איך. אין אַלגעמיין ווייס איך ווי מען באַנוצט זיך מיט אַ טעלעפאָן.

— איר ווייסט גאָרניט. איך האָב אין זינען אַ ניט געוויינלעכע אויסנוצונג.

ער האָט אויפגעלעבט דערציילט וועגן דעם, אַז איצטער קען ער אײַנפירן אַף דער גאַנצער בויונג אַן עכטן דיספעטשער־אַמט. די פאַרוואַלטונג און ער זײַנען מעכויעוו צו וויסן און זען וואָס עס קומט פאָר צו יעדער צײַט און אַף יעדער אָרט פון דער טראַסע. מען קען ניט דערלאָזן, אַז די זאַך זאָל אָפהענגיק זײַן פון צופעליקע טעלעגראַמעס און עפיזאָדישע טעלעפאָנישע געשפרעכן. אַף יעדן באַצירק און אַף יעדן וויכטיקן פונקט פון דער טראַסע וועט ערשט זײַן אַ דיספעטשער — ניט פאַשעט ווי אַ צוגאָב צום סעלעקטאָר־אַפאַראַט, ניט קיין טעכנישער איינס, נאָר אַ דערפאַרענער, געבילדעטער מענטש, וואָס זעט און פאַרשטייט אַלץ. עס ווערט באַשטימט אַ הויכער אַמט פון הויפט־דיספעטשער, אים זײַנען אונטערגעאָרדנט די דיספעטשערס אַף דער טראַסע, און ער אַליין שטייט אין רעשוס פונעם נאַטשאַלניק פון דער בויונג.

— גרעטשקין? — האָט טאַניאַ געפרעגט.

— יאָ, ער איז באַשטימט געוואָרן פאַרן הויפּט־דיספּעטשער, — האָט באַטמאַנאָוו באַשטעטיקט.

— יעדער נאַטשאַלניק פון אַן אָפּטיילונג איז מעכויעוו, צי ער וויל עס אָדער ניט, זיך מעלדן צום סעלעקטאָר־אַפּאַראַט אין אַ באַשטימטער צײַט, לויט אַ גראַפיק, און ריידן מיט זײַנע מענטשן אַפן באַצירק: קאָוושאָוו — מיט די אַרבעטער־אָנפירער, פילימאָנאָוו — מיט די מעכאַניקער, ליבערמאַן — מיט די אינטענדענטן. ווען דאָס וועט ווערן אַ געוווינהייט, ווי אַ טאָג־טעגלעכער מיטיק, וועלן זיך אַלע וווּנדערן ווי־אַזוי האָבן זיי פריִער געקענט זיך באַגיין אָן דעם!...

אַף די נאָענטע באַצירקן האָט באַטמאַנאָוו שוין אײַנגעשטעלט די דאָזיקע אָרדענונג. די מענטשן האָבן זיך ניט גלײַך צוגעוווינט צו איר. די נאַטשאַלניקעס פון די אָפּטיילן און זייערע אונטערגעאָרדנטע אַף דער טראַסע האָבן ניט פאַרשטאַנען: „צו וואָס איז נייטיק צו גיין צום טעלעפאָן, אויב אין דער געגעבענער מינוט זײַנען קיין פראַגן ניט פאַראַנען?" באַטמאַנאָוו האָט אַקשאָנעסדיק דערווידערט: „אויב איר האָט ניט וואָס צו ריידן מיט דער טראַסע, הייסט עס, אַז איר קענט זי ניט. איז נאָך מער נייטיק זיך צו פאַראינטערעסירן מיט די אונטערגעאָרדנטע, אָפּטער צו קומען מיט זיי אין פאַרקער!...".

טאַניאַ האָט וועגן דעם געהערט, נאָר ערשט איצט איז איר קלאָר געוואָרן דער גאַנצער זין פון דער אָרדענונג, וואָס באַטמאַנאָוו האָט אײַנגעפירט. זי האָט געוווּסט וועגן זײַן באַזונדערער שוואַכקייט צום סעלעקטאָר: דער אַפּאַראַט איז געשטאַנען באַם נאַטשאַלניק פון דער בויונג אַפן טיש, און מ'האָט אים קיינמאָל ניט אויסגעשלאָסן. מיט וואָס באַטמאַנאָוו זאָל ניט האָבן זיך באַשעפטיקט, האָט ער, ניט אָפּלייגנדיק די איניאָנים, געהערט די שטימען פון דער טראַסע, וואָס זײַנען ניט אָנטשוויגן געוואָרן ניט באַטאָג, ניט באַנאַכט. מ'האָט זיך אַפילע דערציילט אַנעקדאָטן, ווי ער פלעגט זיך אַרײַנמישן, בעייס ער האָט דערהערט עמעצנס אַ זידלערײַ, ווי ער האָט געענדערט אַ ניט ריכטיקע פאַראָרדענונג, ווי ער האָט זיך הויך צעלאַכט איבער עמעצנס אַ שאַרפזיניקן שפּאַס. אַלע פאַרבינדלער און טאַניאַן אַליין איז געפעלן געוואָרן די דאָזיקע כשיוועסדיקע באַציִונג צום טעלעפאָן.

— איר קענט גוט פאַנקאָוון? — האָט באַטמאַנאָוו אומגעריכט אַ פרעג געטאָן. — וואָס פאַר אַ מיינונג האָט איר וועגן אים?

— איך קען אים גוט. ער איז אַ שטאַרקער פרײַנט פון אונדזער פאַמיליע. האָט אַמאָל צוזאַמען מיט מײַן טאַטן געשלאָגן די יאַפּאַנער און ווײַסגוואַרדייער. איך אַכטע אים זייער, — האָט טאַניאַ געענטפערט. — ס'האָבן אים ניט ליב געהאַט צוליב זײַן אָפנהאַרציקייט די געוועזענע נאַטשאַלניקעס פון דער בויונג סידאָרענקאָ און גרובסקי. ער האָט זיך מיט זיי געקריגט יעדן טאָג, באַזונדערס, צוליב דעם אויפשטעלן אַ צײַטווײַליקע

פֿאַרבינדונג. פֿאַנקאָוו איז געווען דער איינציקער, וועלכער האָט מיך דערין אונטערגעשטיצט.

— שוין לאַנג, אַז איר האָט אים געזען צום לעצטן מאָל ?

— אין יענעם טאָג, ווען איר זײַט מיט אים געווען בײַ אונדז אין דער קאָלאָנע. פֿאַנקאָוו האָט געוואָלט מיט זיך מיטנעמען גענקען, זײַן זונעלע, נאָר יענער האָט ניט געוואָלט. איר האָט זיך אַפֿילע צעלאַכט, ווען איר האָט געהערט, ווי גענקע האָט וויכטיק דערקלערט, אַז ער געפֿינט זיך אױף אַרבעט און קען ניט איבערלאָזן די כאַווײרים. דאָס ייִנגל וואָרט טאָקע אױף דער באַגעגעניש מיטן טאַטן בײַם דורכגוס. פֿאַרוואָס עפּעס האָט איר געפֿרעגט וועגן פֿאַנקאָוון, וואַסילי מאַקסימאָוויטש ?

— איך באַאומרויִק זיך, וואָס עס זײַנען ניטאָ פֿון אים קיינע ידיעות. ער איז אַוועקגעפֿאָרן און פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. בײַם דורכגוס איז אַ שווערע לאַגע. זאָל איך האָבן געהאַט אין אים אַ טאָעס ?

זיי האָבן ווידער לאַנג געשוויגן, טראַכטנדיק יעדער פֿאַר זיך. דער אָפּנהאַרציקער שמועס האָט זיי דערנענטערט, און טאַניאַן האָבן שוין ניט געשטערט די דאָזיקע פּויזעס. דאָס ריטמישע וויגן זיך פֿונעם שליטן האָט אָנגעווייעט אױף איר אַ דרימל, און דאָס מיידל, אײַנגעמידט פֿאַרן גאַנצן טאָג, האָט אומבאַמערקט אײַנגעדרימלט. באַטמאַנאָוו האָט איר ניט געלאָזט דרימלען אַפֿילע קיין צוואַנציק מינוט.

— טאַניאַ, איר שלאָפֿט ? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן און זי פֿאַרוואונדערט מיט דער דאָזיקער קורצער ווענדונג. — איר זאָלט זיך ניט דערוועגן צו שלאָפֿן. איך אַליין שלאָף קיינמאָל ניט בײַטאָג און לאָז אַנדערע אויך ניט. מיר וועלן ווײַטער ריידן אױף אַבסטראַקטע טעמעס... איר האָט מיר געגעבן דעם עמעסן אָפּשניט, ווען איך האָב זיך צעפּלוידערט... איך האָב זיך, באַקומט זיך, אַליין צערודערט, און איצט איז עפּעס ניט גוט אױף דער נעשאָמע...

טאַניאַ האָט זיך אָנגעשטויסן, צו וואָס באַטמאַנאָוו צילט. איר איז אויך שווער געוואָרן.

— צי האָט איר געהאַט אַ וועלכע עס איז שטאַרקע איבערלעבענישן אָדער ניט — ווייס איך ניט. איר האָט זיי, זיכער, ניט געהאַט, אױף אײַער פּאָנעם זעט זיך ניט קיין שום וואָלקנדל... איך טראַכט הײַנט אַלץ אָפּ־פּאַנעם וועגן דעם, וואָס הייסט פּערזענלעך לעבן. בײַ אײַך פֿאַרנעמט, נאַטירלעך, די אַרבעט דאָס הויפּט־אָרט. נאָר אויב בײַ אַ מענטשן איז אויסער איר גאָרניט פֿאַראַן, — צווייפֿל איך, צי מען קען אים האַלטן פֿאַר אַ פֿולשטענדיקן מענטשן, — באַטמאַנאָוו האָט גערעדט רויִק און רעגלמעסיק, ווי ער וואָלט געטראַכט אַפֿן קאָל. — מיר דוכט זיך, אַז אַ סאַך איז אָפּהענגיק דערפֿון, ווי דעם מענטשנס לעבן שטעלט זיך אײַן אין אַנהייב, צי הייבט ער אָן פֿון אַ גרויסער עכטער ליבע. עס זײַנען דאָך פֿאַראַן מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט ליב געהאַט און פֿאַרשטייען

ניט, וואָס דאָס איז אַזוינס. זיי גלייבן אַפילע ניט, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ געפיל, זיי האַלטן, אַז דאָס האָט אַ שײַכות צום געביט פון ליטעראַטור. — באַטמאַנאָוו האָט צוזאַמענגעקוועטשט די הענט, אַזש די געלענקען האָבן אָנגעהויבן קנאַקן. — זײַט מיר מוחל, וואָס כ'האָב באַרירט די דאָזיקע טעמע. אָבער איר זײַט שוין אַ דערוואַקסענער מענטש, האַגאַם איר הייבט ערשט אָן צו לעבן. און ס'איז גלײַכער צו קוקן אָפן אַף אַלע אומאָנגענעמלעכקייטן, איידער צוויִעסדיק מאַכן זיך זיי ניט זעענדיק. עס איז זייער שלעכט, ווען אַ דערנענטערונג קומט צושטאַנד אָן עכטער ליבע. צוליב דעם אַנטשטייט בײַ מענער און פרויען אַ ניט ריכטיקע, לײַכטע קעגנזײַטיקע באַציִונג. טייל מאָל ווערט די דאָזיקע באַציִונג טייקעף אַ ציניִשע... פאַרוואָס זיפצט איר, טאַניאַ? ס'איז ניט אָנגענעם צו הערן?

— פרעגט מיך ניט, — האָט טאַניאַ דומפּ געענטפערט.

אינגאַנצן אײַנגעקאָרטשעט, האָט זי אין דער דאָזיקער מינוט געטראַכט וועגן איר לאַנגיאָריקער באַקאַנטשאַפט מיט כמאַרען. צום גליק האָט זי זיך איבערגעריסן צו דער געהעריקער צײַט, כמאַרע האָט זי איבערגעשראָקן מיט זײַן ברוטאַלן צושטיין.

— הערן דאָס וואָס איך רייד, איז נאַטירלעך, ניט לײַכט, — האָט באַטמאַנאָוו מאַסקים געווען. — נאָר וואָס קען מען מאַכן, אין לעבן קומט אויס ניט זעלטן צו שלעפן אַף זיך מאַסאָעס. אָט איך פּרוּוו זיך מאַטערנדיק צו פאַרשטיין: פאַרוואָס איז בײַ מיר ניט צושטאַנד געקומען קיין עמעס פאַמיליע־גליק? איך האָב דאָך, דוכט זיך, ליב געהאַט אַננאַן. זי איז מײַנעם אַ כאַווערס אַ שוועסטער, און אַלע האָבן געזאָגט, אַז מיר זײַנען אַ גוטע פּאָר, געראָטן אונדז כאַסענע צו האָבן. האָבן מיר כאַסענע געהאַט. אין אָנהייב האָבן מיר געלעבט זאַלבעצווייט, דערנאָך איז געקומען אַ זון. אַלץ האָט אויסגעזען אין אָרדענונג: אַ צופרידענע פאַמיליע, נאָר דאָס יִנגל איז ניט זייער קיין געזונטער. דוכט זיך, אַז ס'איז ניטאָ פאַר וואָס מיר פירצוהאַלטן. און פונדעסטוועגן קען איך מיר ערשט קיין אָרט ניט געפינען, און איך טראַכט מיט פאַרביטערונג: געלעבט צוזאַמען מיטן ווײַב און מיטן קינד, צוזאַמען מיט זיי געאָטעמט איין לופט — און פאָרט געווען ווײַט פון זיי. אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט מיר אַמאָל געזאָגט וועגן דעם. מען קען עס אייגנטלעך ניט אָנרופן אַפילע קיין פאַרוואָרף. זי איז אַ קלוגע און ווערטפולע פרוי, נאָר צו מיר האָט זי זיך באַצויגן שוין מיט צופיל אַכטונג און גערעדט ניט דרײַסט. לעסאָף האָט זי זיך געמאַכט האַרץ: „וואַסילי מאַקסימאָוויטש (זי האָט מיך אַפילע ניט גערופן פּאָשעט בײַם נאָמען, און איך האָב דאָס עפּעס געהאַלטן פאַר נאָרמאַל), דו פעלסט אונדז אויס, מיר מיט קאָסטיאַן. דו לעבסט מיט אונדז, נאָר ביסט ניטאָ. ווײַטער קען עס אַזוי ניט גיין, מיר בעטן דיך, זאָלסט אונדז שענקען מער אויפמערקזאַמקייט. מאַך אַזוי, אַז מיר זאָלן

צוזאַמען, כאַטש אױף אַ שטיקל צײַט, אָװעקפּאָרן ערגעץ. מיר װעלן אַ לעב טאָן זאַלבעדריט, און דו װעסט זיך צו אונדז װי אָפּסנײַ צוגעװױינען". אירע װערטער האָבן מיך איבערראַשט, איך האָב זיך צום ערשטן מאָל פֿאַרטראַכט װעגן דעם, אַז איך לעב עפּעס ניט װי ס'דאַרף צו זײַן. גראָד איז אונטערגעקומען דאָס איבערגעבן די בױונג, מיט װעלכער איך האָב אָנגעפֿירט. מ'האָט מיר געגעבן אורלויב. און איך בין געפֿאָרן מיט זיי אין אַ דאָרף, צו איר אַהיים אין װײַסרוסלאַנד. דאָרט איז ניט געװען קיין אַרבעט, ניט מײַנע פּרײַנט, נאָר זי און דער זון און די שטילע װײַס־רוסישע נאַטור. איך האָב מיט זיך מיטגענומען דאָס מאָלבערט און ביכער איבער קונסט — צינז מײַן יוגנטלעכער לײַדנשאַפֿט...

װיפֿל באַטמאַנאָװ האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן, נאָר ער האָט אַ זיפֿץ געטאָן. דער דאָזיקער זיפֿץ האָט װי מיט אַ מעסער אַ שניט געטאָן טאַניאַן...

— איצט דערמאָן איך זיך מיט גערירטקייט די צײַט, װאָס כ'האָב דורכגעלעבט מיט זיי אין דאָרף, אָבער דעמאָלט... איך האָב לאַנג ניט אויסגעהאַלטן, אין מעשעך פֿון אַ כוידעש איז מיר דאָס דאָזיקע לעבן לאַנגװײַליק געװאָרן. װאָס האָט מיר דעמאָלט געפֿעלט? כ'מיין, ניט קיין פֿאַרװײַלונגען, נאָר אַרבעט. נאָך דעם רױשיקן לעבן אױף דער בױונג איז שװער געװען זיך צו באַגנוגענען מיט בלױזער פֿאַמיליע־װאַרעמקייט. איך האָב מיט דערלײַכטערונג אָפּגעאָטעמט, װען איך האָב באַקומען אַ דרינג־גענדיקע אַרויספֿאָדערונג קיין מאָסקװע... אַננאַ האָט מיר ניט געמאַכט דעם מינדעסטן פּירהאַלט, נאָר קענטיק פֿאַרשטאַנען, אַז איך פֿאָר אַװעק גערן... איך האָב דערמאָנט בלױז איין אַמאָליקן עפּיזאָד. קיין קרים בין איך פֿאַרפֿאָרן צו זיי, שױן פֿאָרן אָפּפֿאָרן אַהער, בלױז אױף איין מעס־לעס. און פֿון דעמאָלט אָן האָב איך זיי ניט געזען...

— זיי װעלן זיך אָפּגעפֿינען, װאַסילי מאַקסימאָװיטש! — האָט טאַניאַ הייס אַ זאָג געטאָן.

— ניין, זיי װעלן זיך שױן ניט אָפּגעפֿינען. דער זון איז ניטאָ. געשטאָרבן. און װי אונדזערע װעגן, מײַנער און אַננאַס, װעלן זיך צוזאַ־מענקומען — װייס איך ניט. כ'האָב מוירע, זי װעט זיך צו מיר ניט אומקערן... אָט זאָגט מיר — פֿאַרװאָס דאָס סאַמע טײַערסטע הייבט מען אָן אָפּצושאַצן ערשט נאָכן פֿאַרלירן עס? איצט, װי נאָר איך בלײַב אַליין, דערמאָנען זיך מיר טױזנטער פּראַטים פֿונעם פֿאַמיליע־לעבן. װי־אַזוי זײַנען זיי פֿאַרבליבן אין זיקאָרן, אויב פֿריִער האָב איך זיי װי ניט באַמערקט...

טאַניאַ האָט שװײַגנדיק געביסן די ליפּן און זיך באַמיט זיך ניט צו צעװיינען. און זי האָט זיך געשראָקן: אָט באַלד װעט דער דאָזיקער גרויסער און קאָמפּליצירטער מענטש זיך פֿאַרשעמען צוליב זײַן אָפּנהאַר־ציקייט און װעט װידער זאָגן עפּעס איראָנישעס און שאַרפֿס.

— איר זײַט, דוכט זיך, אַלט פיר און צוואַנציק יאָר, טאַניאַ? — האָט באַטמאַנאָוו ווידער אָנגעהויבן ריידן. — איך ראָט אײַך פון גאַנצן האַרצן, איר זאָלט זײַן פאָרזיכטיקער. זאָלן אײַך אַזעלכע געשיכטעס, ענלעכע צו מײַנע, דינען פאַר אַ וואָרענונג... עמעס, זאַלקינד האָט מיר אַמאָל געזאָגט: „דו וועסט נאָך שאַפן דײַן ליד"... נאָר פּרוּוו אָקערשט אָנהייבן אַ נײַ לעבן, ווען דו ביסט שוין אַלט דרײַ און פערציק יאָר!...

דאָס שווײַגן, וואָס האָט זיך דערנאָך אײַנגעשטעלט, איז פאַר טאַניאַן געווען אומדערטרעגלעך. ס'האָט איר אויסגעלייזט דערפון אַ רו־אָפּשטעל. דער שליטן האָט אויפגעהערט זיך צו שאָקלען, זיך אַ וואָרף געטאָן איין מאָל, אַ צווייט מאָל, אַ סקריפּע געטאָן און איז פאַרגליווערט געוואָרן אַף אַן אָרט. זיי זײַנען ערגעץ וווהין געקומען צו פאָרן.

קאַפּיטל צוועלף

אָט איז ער, דער עק וועלט!

דער אַדון איז געבליבן פון הינטן. שוין דעם צווייטן טאָג איז באַט־מאַנאָוו מיט זײַנע באַגלייטער געפאָרן איבער מערזליאַקאָווס באַצירק — דער לעצטער באַצירק אַפן קאָנטינענט. ווײַטער איז געווען דער דורכגוס און נאָך אים, ענדלעך, דאָס אינדזל טײַסין.

אַלץ אָפּטערער און אָפּטערער זײַנען די פּאַרוואַלטונגס־באַאַמטע אַרויסגעגאַנגען פון די שליטנס און געגאַנגען צופוס. און וואָס נענטער ס'איז געוואָרן דער ציל, אַלץ מער האָבן זיי זיך איבערצײַגט, אַז דער באַצירק איז אויסערגעוויינלעך אָפּגעשטאַנען פון די אַנדערע, האַגאַם ער וואָלט זיי געדאַרפן איבעראָגן: זײַענדיק אויסער די גרענעצן פונעם אַדון, האָט ער ניט געליטן פון די דערשיטערונגען צוליב איבערטראָגן די טראַסע אַף אַן אַנדער ריכטונג.

אַף די נאָענטסטע באַצירקן האָבן אַ סאַך זאַכן דערפרייט די אויגן: דער ווינטער־וועג מיט די שנורן אויטאָ־מאַשינען און פערד־אָבאָזן, די הײַזלעך פון די וועג־דיזשורנעס, באַווינטע דערפלעך, שטאַבעלעס און רערן־ליניעס, אַ באַלעבטע באַוועגונג און דאָס האַוועניש פון טויזנטער מענטשן. דאָ איז דאָס אַלץ ניט געווען. ס'האָט זיך בלויז געצויגן אַ דורכגעהאַקטע גאַס אין דער טײַגע, און אויך האָט מען זיך לויט געוויסע סימאָנים אָנגעשטויסן וועגן פּרוּוון אויפצובויען אַ וועג פאַר אויטאָמאָבילן. קיין געבײַען זײַנען אויך ניט געווען, כוץ עטלעכע שלעכט צונויפגעקלאַפּטע שאָפּעס־מאַגאַזינען. נאָר אויך זיי האָבן געפּוסטעוועט. פונאַנדערצורפירן פּראָוויאַנט, רערן, מאַטעריאַלן און אויסשטאַטונג פונעם דורכגוס אין דער טיף פונעם קאָנטינענט האָט מען נאָך, קענטיק, ניט אָנגעהויבן.

— דער באַצירק איז פּוסט, טויט, — האָט באַטמאַנאָוו געזאָגט מיט צאָרן און אומרו. — ווו זײַנען די מענטשן, וואָס מיר האָבן געשיקט אַהער?

עטלעכע קילאָמעטער פונעם דורכגוס האָט זיך דער אָנבליק פון דער טראַסע געענדערט. ס'האָט זיך באַוויזן אַ ווינטער־וועג, אַ פאַרוואָרלאָז־

טער און אומטויגלעכער פֿאַר אויטאָמאָביל־טראַנספּאָרט. מ׳האָט אָפטער אָנגעטראָפֿן אַף סקלאַדעס, טיילמאָל אַף באַווינטע באַראַקן, וווּ־ניט־וווּ האָט מען אָנבאַגעגנט גרופּעס מענטשן, וואָס האָבן פֿויל אָפּגערוימט דעם וועג. אַפֿן וועג האָט מען געזען פֿאַרשנייטע אויטאָ־מאַשינען — ליידיקע און מיט לאַדונג; ס׳האָבן זיך באַוויזן רערן — אַמאָל אין שטאַבעלעס, מערסטנטייל — צעוואָרפֿן אין אומאָרדענונג.

באַטמאַנאָוו האָט באַפֿוילן אַרויסצוגיין פֿון די שליטנס און גיין ווײַטער צופֿוס ביזן דורכגוס, באַטראַכטנדיק און אָפּמערקנדיק יעדן פּראָט. איין טאָפּאָליעוו איז געבליבן ליגן אין שליטן אונטער דרײַ פּעלצן. טאַניאַ איז אַף נאַרטעס אַוועקגעלאָפֿן דאָ אַף רעכטס, דאָ אַף לינקס פֿונעם וועג, אויספֿאָרשנדיק די געגנט, ווו עס שטייט איר פֿאָר אײַנגיכן צו אַרבעטן מיט די פֿאַרבינדלער. באַטמאַנאָוו און אַלע איבעריקע זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין די סקלאַדעס און באַראַקן, געציילט די רערן, אויסגעפֿרעגט די אָנבאַבאַגעגנטע מענטשן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַ יעדער אַוועקגעוואָרפֿענער מאַשין אַפֿן וועג — פֿילימאָנאָוו האָט זי באַטראַכט, פֿאַרשריבן דעם נומער און דעם צושטאַנד, אין וועלכן זי האָט זיך געפֿונען.

איינע אַזאַ מאַשין האָט אַף לאַנג פֿאַרהאַלטן אַלע. זי איז געשטאַנען אָן אָנגעלאַדענע מיט רערן אינמיטן וועג, פֿאַרצוימענדיק דעם דורכפֿאָר. אַרום איר האָט זיך געפּאָרעט אַ שאָפֿער. בייז און פֿאַרביטערט האָט ער אָפּגעבונדן די אונטערשפּאַר־העלצלעך, פּרווונדיק גלײַכצײַטיק אויסלאָדעוועט זײַן גרויסע און שווערע לאַדונג.

— אײַער פֿאַמיליע? — האָט פֿילימאָנאָוו קורץ אַ פֿרעג געטאָן. ער מיט אַלעקסייען זײַנען צוגעגאַנגען צו דער מאַשין די ערשטע.

— טמאָרטשקאָוו, — האָט הויך דער שאָפֿער געענטפֿערט קורץ, אַראָפּשפּרינגענדיק פֿון דער מאַשין אַף דרערד.

— סמאָרטשקאָוו? — האָט זיך אַלעקסיי פֿאַרוווּנדערט.

די אינזשעניערן האָבן זיך איבערגעקוקט. הייסט עס, סמאָרטשקאָוו האָט זיך דערקליבן צום דורכגוס! צי האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו דערפֿירן זײַן מאַשין קיין טשאָנגר, אָדער ער האָט זי איבערגעלאָזט ערגעץ־ווו באַם אַדון, געקומען צופֿוס און באַקומען אַ נײַע? נאָר פֿאַקט בלײַבט פֿאַקט: סמאָרטשקאָוו איז געווען אַפֿן אָרט. עפּעס איז מיט אים געשען. אַ מאָגערער, דאָס פּנים באַוואָקסן מיט רויטע האַרטע האָר, מיט אײַנגעפֿאַלענע אויגן, איז ער דורכויס ניט ענלעך געווען אַף יענעם לעבעדיקן, פֿעסטן יונג, וועלכן די אינזשעניערן האָבן באַגלייט פֿונעם סטאַרט.

— וואָס איז מיט דער מאַשין? — האָט זיך פֿילימאָנאָוו געוואָלט דערוויסן, איבערלאָזנדיק די ווײַטערע פֿראַגן אַף שפּעטער.

— דער מאָטאָר איז קאַליע.

— איר האָט אים געפּרוווט לאָזן, און ס׳איז ניט געגאַנגען? — איז

צוגעקומען באַטמאַנאָוו מיט די איבעריקע. ער האָט אויך ניט דערקענט דעם שאָפער.

סמאַרטשקאָוו האָט אַ קוק געטאָן אַף די מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט און זיך אָוועקגעקערט:

— כ׳האָב הונדערט מאָל געפּרוּווט, און ס׳איז ניט געגאַנגען.

— וואָס־זשע טראַכט איר ערשט צו טאָן? איר וועט, נעבעך, גע־פרוירן ווערן!

— עפּשער וועט אונטערקומען אַ צווייטער רערן־פירער, וועל איך זיך מיט אים אומקערן קיין טשאַנגר.

— פאַרוואָס־זשע לאָדעוועט איר אַפּ די רערן, אויב אַזוי? — האָט זיך אַרײַנגעמישט בערידזע. — איר דאַרפט זיי דאָך פירן ווײַטער. און אויב די מאַשין שטייט, צי איז ניט אַלצאיינס, צי זי איז אַ ליידיקע אָדער אַן אָנגעלאָדעוועטע? דערקלערט אונדז דעם זין פון אײַער טועכץ.

דער שאָפער האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן און גאָרניט געענטפערט.

באַטמאַנאָוו האָט אַ בעט געטאָן פילימאָנאָוו, ער זאָל פּרוּוון לאָזן די מאַשין. פילימאָנאָוו האָט זיך, אַ קאָנצענטרירטער, געפּאַרעט עטלעכע מינוט באַם מאָטאָר און אים פּלוצים אויפגעלעבט. אַלע האָבן אַ שפּאָר געטאָן דעם קאַסטן און געהאָלפן דער מאַשין זיך רירן פון אָרט.

— וואָס־זשע זאָל איך איצט טאָן מיט אײַך? — האָט באַטמאַנאָוו צאָרנדיק געפרעגט דעם שאָפער, ווען פילימאָנאָוו איז, ניט אויסשליסנדיק דעם פריילעך הודזשענדיקן מאָטאָר, אַרויס פון דער קאַבינע. — איר ווייסט וואָס איר טוט, צי ניט?

סמאַרטשקאָוו האָט עפּעס ניט גערן אַ וואָרטשע געטאָן וועגן דעם מאַשינען־רעמאָנט אַף דער טראַסע, וועלכער טויג אַף קאַפּאָרעס.

— צו וואָס ליגן זאָגן! — האָט אים פילימאָנאָוו גלײַך איבערגע־ריסן. — די מאַשין איז אין אָרדענונג, נאָך אינגאַנצן אַ נײַנקע!

— ווער זײַט איר? אַ רוס? — האָט באַטמאַנאָוו אַ פרעג געטאָן, קוקנדיק דעם שאָפער גלײַך אין פּאָנעם.

— אַ רוס. איר זעט דען ניט?

— דערווײַל זעט מען ניט. פון וואַנען זײַט איר?

— מ׳האָט מיך אַהער אַריבערגעפירט פון אַ וועג־בויונג. איך שטאַם פון אָרלאָוו... וואָס פרעגט איר מיך אויס? איר האָט מיך ניט דער־קענט, וואָס? — האָט סמאַרטשקאָוו געזאָגט מיט פאַרדרוס און ניט עפּן אָן אַזעס.

— ס׳איז באַ אײַך עמעצער געבליבן אין אָרלאָוו?

— די עלטערן זײַנען פאַרבליבן. איבעריקנס, איצט ווייס איך ניט. איצט ווייס איך ביכלאַל גאָרניט!

— וואָלט מען אײַך איצט געדאַרפט באַווײַזן פאַר די עלטערן. זיי

וואָלטן פון אײַך נאָכעס געשעפּט, ווי איר באַמיט זיך עס דאָ !... מען וואָלט געדאַרפט אָנשרײַבן צו די עלטערן וועגן דעם דאָזיקן ליבן זונעלע !...

סמאַרטשקאָוו איז געשטאַנען אויסגעדרייט צו זיי מיט די פּלייצעס. זײַן פיגור איך אַ וואַטענעם שפּענצער, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון אים, האָט אויסגעזען אײַנגעבראָכן.

— וואָס־זשע שווײַגט איר ? — איז באַטמאַנאָוו צוגעשטאַנען, קאָסנדיק זיך.

— נו, וואָס ? איר זײַט ניט קיין היגער ? וואָס ווילט איר פון מיר ?

— דער שאָפער האָט אַ קוק געטאָן באַטמאַנאָוון אין פּאָנעם אַרײַן. — איך באַמי זיך ניט, ריכטיק. שוין שפּעט זיך צו באַמיען ! נו, איך וועל איבערפירן נאָך עטלעכע צענדליק רערן פון איין אָרט אַפן צווייטן. וועמען זײַנען זיי נייטיק, אײַערע רערן ? ס׳איז דאָ בלויז אַ קאָמעדיע באַ אונדז !

— דו פאַרשטייסט דעם דאָזיקן מאָדנעם פאַרשוין ? — האָט באַט־מאַנאָוו אַ פרעג געטאָן פילימאָנאָוון.

— כ׳פאַרשטיי ניט ! אין וואָס גייט דאָ, רעדט קלאָרער. וואָס באַ־דײַטן די דאָזיקע רייד ? פאַרוואָס זײַט איר אַזוי בייז אויפגעלייגט ?

— ניין, זאָגט איר מיר ! — האָט סמאַרטשקאָוו אויסגעשאָסן. ער האָט געטאָן אַ רײַס אַראָפּ דאָס היטל פון קאָפּ, צעשויבערנדיק די פאַר־קאָלטנטע האָר : — אָט האָב איך אַזוי געפירט די רערן און געטראַכט : „וווהין, צו וועמען פיר איך זיי ?” און כ׳בין גרייט געווען זיך צו דער־האַרגענען פאַר דעם שטוס !... צו וואָס האָט איר מיך געשיקט אַהער, כאָווירים נאַטשאַלניקעס ? איך האָב געטראַכט, אַז איך פיר אויס אַ וויכ־טיקע אויפגאַבע ! איר געדענקט, כאָווער פילימאָנאָוו, ווי איר האָט מיך אַהער אַרויסבאַגלייט ? און איך האָב ניט געזשאַלעוועט די קויכעס, גע־פירט די מאַשין הונדערטער קילאָמעטער. איר האָט געזען אַ וועג פון דעם אַדון ? ס׳איז קיין וועג ניטאָ ! און איך האָב פּאַרט געבראַכט די מאַשין צום דורכגוס, כ׳האָב זי געבראַכט צו שלעפּן ווי אַף די אייגענע פּלייצעס. און די לאָדונג געבראַכט אַפן אָרט... און צו וואָס ? זאָגט מיר, צו וואָס ?

— ס׳איז נייטיק, כאָווער סמאַרטשקאָוו. און דערפאַר, וואָס איר האָט געבראַכט צו שלעפּן אַהער די מאַשין וועלן מיר דיר זאָגן אַ גרויסן דאַנק, האָט באַטמאַנאָוו געענטפערט רויִקער און איבערגייענדיק אַף „דו”. ערשט איצט האָט ער דערקענט דעם שאָפער און אָנגעהויבן עפּעס צו פאַרשטיין פון זײַנע אומקלאָרע רייד. — נאָר פאַר דעם, וואָס דו ביסט דאָ אַפן באַצירק געוואָרן, דער טײַוול ווייס וואָס, — קען מען קיין דאַנק ניט זאָגן.

סמאַרטשקאָוו האָט פאַרכידעשט אַ קוק געטאָן אַפן נאַטשאַלניק פון דער בויונג.

— וואָס פאַר אַ מין מענטשן זײַט איר, הייב איך ניט אָן צו פאַר־שטיין ! ניט שוין־זשע קלײַבט איר זיך צו בויען די נאַפטלייטונג ? דער דײַטש האָט דאָך שוין, זאָגט מען, פאַרנומען מאָסקווע. און דער יאַפּאַנער

וועט אַ ליאַדע טאָג קומען אַהער. וועמען זײַנען גייטיק אײַערע רערן? זאָגט בעסער, וואָס צו טאָן, וווהין צו גיין שלאָגן זיך מיטן יאַפּאַנער?

— ברודער, דו ביסט אויסן זינען! — האָט קאַרפּאָוו אַ געשריי געטאָן.

— מאַמינקע טײַערע! — האָט ליבערמאַן אַ זיפץ געטאָן.

— ווער האָט דיר אַנגעפּלוידערט, אַז דער דײַטש האָט פאַרנומען מאָסקווע? — האָט באַטמאַגאָוו אַ פרעג געטאָן, אַ קוק געבנדיק אַף סמאַרטשקאָוון מיט מיטגעפיל. — און ווי האָסטו געקענט גלייבן דעריין.

ראַגאָוו האָט זיך מיטן גאַנצן גוף אַ ריס געטאָן צום שאָפער.

— עך, דו... מענטש! דו האָסט אַ שעפּסן־קאָפּ, סמאַרטשקאָוו! „מ׳האָט פאַרנומען מאָסקווע, מ׳האָט פאַרנומען מאָסקווע!" ווי האָט זיך דער צונג איבערגעדרייט דאָס אַרויסצורײדן! אַלע שאָפערן אַף דער טראַסע ריידן וועגן דיר, און דו האָסט די הענט אַהאָפּגעלאָזט... און דאָס הייסט אַ רוסישער מענטש! וואָלט דאָס איצט דײַן אייגענע מאַמע פון דיר געהערט — וואָלט זי דיך פאַר קיין זון ניט אָנערקענט!

ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַט באַלד וועט סמאַרטשקאָוו אַראָפּלאָזן די האַנט אַף ראַגאָוון. נאָר ער האָט פּלוצים געטאָן אַ נעם אַרום אַלע מיט אַן אויפגעלעבטן, ליכטיק־געוואָרענעם בליק און אומאַנטשלאָסן אַ שמייכל געטאָן. זײַן ניט געראַזירט בייז פּאַנעם האָט זיך אויסגעלײַטערט.

— וואָס — ער זאָגט עמעס? מאָסקווע, הייסט עס, איז באַ אונדז? כאַווײרים... נו, זאָגט שוין! באַ אונדז דאָ איז די גנעשאַמע אויסגעגאַנגען, מיר האָבן קיין גוט וואָרט ניט געהערט! — סמאַרטשקאָווס שטים האָט זיך איבערגעריסן און געציטערט.

— עמעס, טײַערער פרײַנט! די דײַטשן זײַנען צעגראַמירט געוואָרן הינטער מאָסקווע. די רויטע אַרמיי טרײַבט זיי ווײַטער, — האָט בערידזע געזאָגט.

— סאַראַ פרייד איר האָט מיטגעבראַכט! די סאַמע גרעסטע פרייד!
— האָט סמאַרטשקאָוו אַ מורמל געטאָן. ער האָט זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן און געלאָפן צו דער מאַשין, אין גאַנג אַנטועגנדיק דאָס היטל און אַרויספּצײַענדיק די הענטשקעס. זײַן גאַנצער אַנבליק האָט זיך גלײַך געענדערט, זײַנע באַוועגונגען זײַנען געוואָרן געשווינדע און אַנטשלאָסענע.

— לאַדעוווע אַפּ די רערן און קער זיך אום אַפן קאָפּ. וועסט מיך אויפזוכן אַפן באַצירק, ס׳וועט נאָך אויסקומען אַ שמועס צו טאָן! אַזוי לײַכט וועט עס דיר ניט אַפּגיין דאָס אָנמאַכן די דאַזיקע פּאַניק! — האָט צו אים באַטמאַנאָוו אַ געשריי געטאָן.

סמאַרטשקאָוו האָט צו אים געשמייכלט פון דער קאַבינע.

— כ׳בין מאַסקים, כאַווער באַטמאַנאָוו, אַף אַלץ! אַף יעדן פאַרוורף, אַף יעדער שטראָף. כ׳וועל זיך פאַר דיר פאַרענטפערן, וועסטו מיר נאָך זאָגן אַ דאַנק! — האָט ער געשריגן, איבערשרײַענדיק דעם טומל

פונעם מאַטאָר. — ערשט וועט מען מיר שוין ניט דאַרפן אונטערטרײַבן, ס'איז אַלץ קלאָר!

די מאַשין האָט זיך שווער אַ ריר געטאָן פון אָרט און געשווינד אַוועק מיטן וועג. באַטמאַנאָוו האָט זי באַגלייט מיטן בליק.

— באַם דורכגוס איז צאַרעדיק, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, — האָט אַלעקסיי אַ זאָג געטאָן מיט אומרו.

— יאָ, איך זע, נו, ערשט זײַנען מיר שוין דאָ.

זיי זײַנען ניט אַדורכגעגאַנגען קיין קילאָמעטער, ווי פון דער זײַט פון דורכגוס איז שנעל אַנגעפלויגן אַן אויטאָ. דער נאַטשאַלניק פונעם באַצירק מערזליאַקאָוו און דער אַרבעטס־נאַטשאַלניק אינזשעניער קאַט־ליאַרעווסקי האָבן באַגעגנט די פאַרשטייער פון דער פאַרוואַלטונג, דער־וויסנדיק זיך פון ערגעץ־ווו וועגן זייער אָנקומען. קאַטליאַרעווסקי — אַ הויכער און דינער, מיט אַ קליין פּאָנעם, אויף וועלכן די האָרנברילן האָבן אויסגעזען אומפּראָפּאָרציאָנעל גרויס, — האָט געהאַלטן אין די הענט אַ פּאָרטפעל מיט אַ טרײַבל צייכענונגען.

— איר האָט בעדייע אָפּצוגעבן דעם באַריכט דאָ אויפן פראָסט? — האָט אים אומצופרידן אַ פרעג געטאָן באַטמאַנאָוו, כאַפּנדיק אַ קוק אויפן פּאָרטפעל, און איז פאַרבײַגעגאַנגען.

מערזליאַקאָוו, אַ נידעריקער, מיט אַ ברייט, קנאָכנדיק, פּורפּור־רויטן פּאָנעם פון פראָסט, האָט זיך צוגעפּאַסט צו באַטמאַנאָווס ברייטן גאַנג און אײַליק אָפּגעגעבן אַ באַריכט, אַז אויפן באַצירק האָט צען טעג געבו־שעוועט דער בוראַן, אַנגעשאָטן קאָלאָסאַלע שניי־אַנשיטן, און ערשט איצ־טער הייבט ער אָן ביסלעכווײַז אויפצולעבן.

— ווו איז פּאַנקאָוו? — האָט אים דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג איבערגעשלאָגן.

— ס'איז מיט אים אָן אומאַנגענעמע מעשׂה, ער איז פאַרשוווּנדן... פאַרפאַלן געוואָרן, — האָט זיך מערזליאַקאָוו אָפּגערופן זיך צודינענדיק און אַ ביסל שולדיק.

— וואָס הייסט, פאַרפאַלן געוואָרן? — איז באַטמאַנאָוו שטיין געבליבן איבערראַשט. — וואָס רעדט איר?

— פאַרפאַלן געוואָרן, כאַוועד נאַטשאַלניק. ער האָט זיך דערשלאָגן צום באַצירק אַוונט־צײַט. איז געווען זייער אויפגערעגט און גלײַך אָנגע־פאַלן אויף מיר... ער האָט זיך אויפן וועג באַגעגנט מיט אַ געוויסן מענטשן... פון דער בוכטע אומי — מיר האָבן דאָרטן פּופּציק מענטשן און אַ באַזע, אין דער נאַוויגאַציע־צײַט האָט מען דאָרט אָפּגעלאָדעוועט דרײַ דאַמפּערס מיט מאַטעריאַלן...

— וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט דאָס מיט פּאַנקאָוון? וואָס פּלוידערט איר?!...

— דער מענטש, וואָס האָט זיך באַגעגנט מיט פּאַנקאָוון, האָט אים

אַנדערצייִלט אַלערליי פּכאַדים, אַז די מענטשן שטאַרבן קלוימערשט פֿאַר הונגער. פֿאַנקאַוו האָט גלײַך באַשלאָסן צו לאָזן זיך אַהין. איך טײַנע: ס'איז קיין וועג ניטאָ, מען דאַרף אונטערוואַרטן, קיין שום שרעקלעכס איז אַף דער באַזע ניטאָ. ער האָט ניט מאַסקים געווען. אינדערפֿרי האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אַף נאַרטעס, און פֿון דעמאָלט אָן האָבן מיר אים ניט געזען.

— פֿאַרוואָס האָט איר אים אָפּגעלאָזן?

— ווי זשע האָב איך געקענט אים ניט אָפּלאָזן! ער איז געקומען ווי אַן אינספּעקטאָר, ווי אַ רעוויזאָר פֿון דער פֿאַרוואַלטונג... איך האָב אים געוואָרנט...

— פֿאַרוואָס האָט איר ניט אָרגאַניזירט קיין עקספּעדיציע אים אויפֿצוזוכן? — באַטמאַנאַוו האָט געוואָרפֿן די ווערטער עפּעס אַף אַ מעכאַנישן אויפֿן, פֿאַרשטייענדיק דעם איקער: מיט די פֿראַגן וועט מען שוין פֿאַנקאָוון ניט העלפֿן.

— מיר האָבן געזוכט, ווי דען אַנדערש! האָבן פֿלײַסיק געזוכט און ניט געפֿונען. דאָ איז דאָך אַזאַ וויסטעניש!

מערזליאַקאַוו האָט ווידער אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם בוראַן, דערנאָך וועגן די קלימאַט־שוועריקייטן און דער אָפּגעריסנקייט פֿונעם באַצירק פֿון דער גאַנצער וועלט.

— אויב איר האָט דאַווקע כיישעק צו שמועסן אַפּן פּראָסט, דערציילט קאָנקרעטער, וואָס קומט פֿאָר אַפּן באַצירק, — האָט באַטמאַנאַוו דורכגעזייעט דורך די ציין.

דאָס האַרץ האָט אים פֿאַרקלעמט מאַכמעס ערגערניש און באַדויערונג. פֿאַנקאַוו, אַ פֿעסטער, אַ זעלבסטזיכערער, איז אים געשטאַנען פֿאַר די אויגן. וואַסילי מאַקסימאָוויטש הנט זיך דערמאָנט אין גענקען — ניט שויך־זשע איז ער פֿאַריאָסעמט געוואָרן, דער דאָזיקער טיכטיקער יינגל? ער האָט אַ קוק געטאָן אַף טאַניאַן און אַוועקגעכאַפּט די אויגן. דאָס מיידל האָט, דערשיטערט פֿון דער ידיעה, געביסן זיך די ליפּן און זיך געקאָרטשעט.

מערזליאַקאַוו האָט אָנגעהויבן באַריכטן וועגן די איניאַנים פֿונעם באַצירק, און באַטמאַנאַוו האָט אים די גאַנצע צײַט, וואָס דאָס פֿלעגט בײַ אים זעלטן טרעפֿן, איבערגעשלאָגן דעם באַריכט. די אינזשעניערן, וועלכע זײַנען געגאַנגען היינטן, האָבן בלויז צוגעשמייכלט. הערנדיק זײַנע שאַרפֿע רעפּליקעס.

— און וואָס איז מיטן אויפֿבויען דעם ווינטער־וועג? איר האָט באַגראָבן דעם איניען?

— כ'בין זיך מוידע, כאַווער נאַטשאַלניק, אַז מ'האָט זיך צו דעם באַצײַטנס ניט פֿעסט אַ נעם געטאָן, — האָט מערזליאַקאַוו האַכנאָעדיק מאַסקים געווען.

— וויפל רערן האָט איר אַפּן באַצירק און ווו געפינען זיי זיך? וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אַף אַריבערצופירן אַפּן אינדזל? וואָס פאַר אַ מאַטעריאַלן פעלן? — האָט באַטמאַנאָוו געשיט מיט פראַגן.

— וואָס פאַר אַ זאַפּאַס פּראָוויאַנט איז פאַראַן אַף די סקלאַדעס און אַפּראָוויזאַציע־פּונקטן? — האָט זיך אַרײַנגעמישט ליבערמאַן.

— איין סעקונדעלע, כ׳וועל באַלד אויפקלערן, ס׳איז באַ מיר אַלץ פאַרשריבן, — האָט זיך מערזליאַקאָוו געכאַפּט אײַלנדיק און גענומען אויפשפּילעווען דאָס האַלבפעלצל.

— ס׳איז איבעריק, איר וועט זיך נאָך פאַרקילן. אַזעלכע זאַכן דאַרף מען פאַרשרײַבן גלײַך אין קאָפּ און געדענקען אַף אויסנווייניק. וויפל רערן־פירער האָט איר אין דער אַרבעט?

— וויפל מאַשינען צו פירן די רערן האָבן מיר אין דער אַרבעט? — האָט מערזליאַקאָוו איבערגעפרעגט באַ קאַטליאַרעווסקין, וועלכער איז אים נאָכגעגאַנגען טריט באַ טריט. — די טעכניק איז זײַן רעסאָרט, כאָטש נאַטשאַלניק פון דער בויונג, איך באַמי זיך ניט אַרײַנצומישן.

— אַ שאָד! — האָט אים באַטמאַנאָוו אָפּגעהאַקט. — פאַר ניט אַרײַנמישן זיך גיט מען באַ אונדז ניט קיין פּרעמיעס. אויב אַזוי, ענטפערט איר, נאָר דעם פאַרטפעל עפנט ניט, — האָט ער געטאָן אַ קוק אַריבער דער פּלייצע אַף קאַטליאַרעווסקין.

יענער האָט זיך אויסגעשנײַצט אין אַ צעקוועטשט, צוזאַמענגעקנייטשט נאָזטיכל און אָפּגעגעבן אַ באַריכט מיט אַ פאַרקאַטערטער שטים:

— גוט אַרבעטן זיבן מאַשינען, צוואַנציק זײַנען קאַליע געוואָרן, דער וועג איז נאָך ניט געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג, און די מאַשינען אַרבעטן שלעכט אין די באַדינגונגען פון היגן ווינטער. מיר האָבן אויך מאַשינען, וואָס זײַנען ניט צו באַנוצן, זיי דאַרפן האָבן רעמאָנט.

— זאָגט, מערזליאַקאָוו, ווי פירן זיך אויף די שאָפערן אין די באַדינגונגען פון היגן ווינטער? — האָט בערידזע געפרעגט פון היגטן.

— די שאָפערן — נישקאָשע, מער־ווייניקער — נישקאָשע, — האָט מערזליאַקאָוו געענטפערט, אַ קוק געבנדיק אַפּן הויפּט־אינזשעניער.

אַפּן וועג האָט זיך צערוישט אַ מאַשין. דאָס האָט זיך סמאַרטשקאָוו נאָכן אָפּלאָדעווען די רערן אומגעקערט אַפּן באַצירק. ער האָט געוואָלט אויסמײַדן די גייענדיקע, נאָר באַטמאַנאָוו האָט אים מיט אַ האַנט־מאַך אָפּגעשטעלט.

— ווי איז דער וועג, כאָטש סמאַרטשקאָוו? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— כ׳בין אַדורך. ערגעץ־ווו האָט עס אָנגעשנייט, נאָר איך בין אַ ספּעץ צו פאָרן אַף יעדן וועג!... אַף איין אָרט האָבן מענטשן געהאָלפן, צעוואָרפן דעם שניי. זיי האָבן זיך אַף מיר געוווּנדערט: „דו פירסט נאָך אַלץ רערן?“ זאָגן זיי. האָב איך זיי דערציילט אײַער נײַס, אַז די כעוורע

האָט זיך עס גלײַך אַ נעם געטאָן מיט ברען!... מען דאַרף דעם וועג רייניקן. מיט די רערן קען אויך איך מער ווי פּופּצן קילאָמעטער ניט דורכמאַכן.

— ווי איז די מאַשין? אַט שמועסט מען, אַז די מאַשינען אַרבעטן שלעכט אין די ווינטער־באַדינגונגען. ס'איז ריכטיק? — האָט זיך בע־רידזע פאַראינטערעסירט.

— נו, וואָס די מאַשין? — דער שאָפער האָט זיך צעשמייכלט און אַ גלעט געטאָן מיט דער האַנט די וואַרעמע דעק פון דער מאַשין. — מיר האָבן גוטע מאַשינען. ס'איז אַ כעט זיך צו קלאָגן אַף זיי.

באַטמאַנאָוו האָט אַ קוק געטאָן אַף מערזליאַקאָוון.

— פאָרט אַלע אַפן באַצירק, — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו בע־רידזען. — און אים, — באַטמאַנאָוו האָט אַ ווײַז געטאָן אַפן שנײַצנדיקן קאָטליאַרעווסקין, — נעמט אויך מיט. ער וועט מיר דאָ אָנשטעקן מיטן קאָטאַר. טאָפּאָליעוון באַמיט זיך טייקעף אײַנצואָרדענען אַף אַ וואַרעם אָרט. ער זאָל זיך נאָר ניט אָוועקלייגן נאָך אַזאַ וועג.

— און איר, וואַסילי מאַקסימאָוויטש?

— איך וויל זיך דורכגיין מיט מערזליאַקאָוון. מיר דוכט זיך, ער האָט זיך שוין לאַנג ניט דורכגעשפּאַצירט איבער זײַן טראַסע.

די פאַרוואַלטונגס־מיטאַרבעטער האָבן זיך טומלדיק אַרײַנגעזעצט אין דעם אויטאָ און אין סמאַרטשקאָווס לאַסט־אויטאָ און אָוועקגעפאָרן. באַט־מאַנאָוו מיט מערזליאַקאָוון האָבן זיי נאָכגעשפּאַנט אַפן ווייכן וועג. דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג האָט אומפרײַנטלעך באַטראַכט זײַן באַגליי־טער.

— אין נאָווינסק האָט מען מיר געזאָגט, אַז איר, מערזליאַקאָוו, זײַט אַ געפערלעכער מענטש, אַ?

— ווי זאָל איך אײַך דערויף ענטפערן, כאָווער נאַטשאַלניק פון דער בויונג? — האָט זיך מערזליאַקאָוו פאַרוווּנדערט. — עס זײַנען פאַראַן בײַ אונדז לעצאָנעס־טרײַבער, אין די אויגן האָבן זיי מוירע צו ריידן, און הינטער די אויגן פּלוידערן זיי.

— איר קענט גרעטשקינען? ער וואָלט מיסטאָם ניט מוירע געהאַט צו זאָגן זײַן מיינונג אין די אויגן.

— גרעטשקינען האָב איך באַגעגנט, נאָר גוט וואָס איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ מענטש ער איז. ער איז מיך אויך ניט געפעלן געוואָרן. זייער אַ פאַררעסענער. נאָר גענוי ווייס איך ניט.

— דערפאַר אָבער קען ער אײַך! ער האָט מיר געזאָגט אַ שפּריכ־וואָרט: „פאַר אַ ציג שרעק זיך פון פאָרנט, פאַר אַן אייזל פון הינטן, פאַר מערזליאַקאָוון — פון אַלע זײַטן"... און איך הייב זיך שוין אָן שרעקן פאַר אײַך, מערזליאַקאָוו. וואָס נאָך פאַר אַ סיורפּריזן דערוואַרטן מיר אַף אײַער באַצירק? — באַטמאַנאָוו האָט צוגעוואַרט אַף אַן ענטפער, נאָר

מערזליאַקאָוו האָט זיך ניט אָפּגערופן. — אַלץ אַרום איז צעקראַכן. די מענטשן ווייסן ניט, וואָס זיי האָבן צו טאָן. ס'איז אַ גערעטעניש אַף פּאַנישע קלאַנגען און שטימונגען! פּאַנקאָוון האָט איר פאַרלוירן! איך האָב נאָך ניט געזען, וואָס עס קומט פאָר באַם דורכגוס, נאָר אײַער טראַסע בין איך דורכגעגאַנגען קימאַט אינגאַנצן צופוס. דאָס איז אַ וויסטעניש! די אויטאָ־מאַשינען און טראַקטאָרן שטייען, און מ'האָט דאָך הונדערט מאָל געשריבן אַהער און קאַטליאַרעווסקין אַרײַנגעקלאַפּט אין קאָפּ, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן פון דער פאַרוואַלטונג: פירן רערן, פּראָוויאַנט, מאַטעריאַלן. פירן און פירן, קאַלזמאַן ס'איז ווינטער! ווען קומען פרילינג — וועט שפּעט זײַן. דער ווינטער־וועג וועט אַוועקגעשווענקט ווערן, און קיין זומער־וועג קען מען געשווינד ניט מאַכן!... כ'בין זיכער, אַז אויך צום איבערגיין אַפן אינדזל האָט איר זיך ניט געגרייט. כ'בין זיכער, אַז קאַטליאַרעווסקי האָט גאָרניט געטאָן אַנצוהייבן די אַרבעטן אַפן דורכגוס. דאָס באַדראָט שוין די גאַנצע בויונג!... וואָס איז דאָ באַ אײַך פאָרגעקומען, פאַרוואָס אַזאַ צעפאַרעניש? אינערגעץ אַף דער טראַסע זעט מען ניט אַזעלכעס! איך האָב ניט דערוואַרט קיין גוטע לאַגע, כ'האָב אָבער ניט דערוואַרט אויך קיין פונאַנדערפאַל. וואָס, די באַדינגונגען פון אײַער באַצירק זײַנען ערגער, ווי באַ אַנדערע? ניין! מענטשן האָט מען געגעבן אַ סאַך, אַלץ וואָס נויטווענדיק האָט מען געבראַכט צופירן, מ'האָט דעם באַצירק ניט איבערגעפירט פון איין אָרט אַף אַ צווייטן. און פונדעסטוועגן איז דאָ אויך באַ אײַך — אַ דורכפאַל!...

מערזליאַקאָוו, איבערגעשראָקן צוליב דעם נאַטשאַלניקס ערנסטע באַשולדיקונגען און דעם טאָן, מיט וועלכן זיי זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, האָט זיך אײַליק גענומען פאַרענטפערן:

— ס'איז שווער, כאַווער נאַטשאַלניק פון דער בויונג. ס'איז קיינמאָל אַזוי שווער ניט געווען! דער מאַצעוו פון דער מילכאָמע ווירקט, די מענטשן האָבן ניט די געהעריקע פעסטקייט. די שטימונגען זײַנען ניט־געוווּנטשענע, ווײַל מיר זײַנען אין אַ העק, קיין פאַרבינדונג איז ניטאָ. דער ראַדיאָ אַרבעט ניט, ס'איז עפּעס געשען מיט אים. און די לעבנס־באַדינגונגען זײַנען אויך ניט קיין פויגלדיקע. צי קען מען דען דאָ שאַפן גוטע לעבנס־באַדינגונגען? איז דערפאַר, נאַטירלעך, זעט דאָ די זאַך אויס ניט גלענצנדיק... איך פאַרשטיי, אַז דאָס וויכטיקסטע איז ערשט די טראַנספּאָרט־אַרבעטן, איך פאַרשטיי עס דען ניט? אין דער פאַרוואַלטונג — נאָך איידער איר זײַט געקומען פון מאָסקווע — ווען איך האָב באַקומען די באַשטימונג, האָט מען מיר אָנגעזאָגט: „די שאָפערן און טראַקטאָריסטן זײַנען אַפן ערשטן פּלאַן. שאַפט פאַר זיי באַדינגונגען, קווענקלט זיך ניט צו באַגריסן זיך מיט זיי מיט דער האַנט, רופט זיי פאַרן נאָמען און פאַטערנאָמען, זיצן לעבן דעם קערעווער...".

— קומט אויס, אַז ס'איז אומזיסט געווען דאָס גריסן זיך פאַר דער

האַנט, אומזיסט געווען דאָס זיצן לעבן קערעווער? ס׳האָט ניט געהאָלפן?

— האָט באַטמאַנאָוו אַ שמייכל געטאָן.

— ס׳האָט ניט געהאָלפן, — האָט מערזליאַקאָוו באַטריבט מאָסקים געווען.

— מ׳האָט צו אײַך געשיקט אַזעלכע מענטשן! זיאַטקאָוון, גאָנטשאַרוקן... אומאַרע מוכאַמעט... איר קענט אים?

— ווי דען! אַ סקאַנדאַליסט! קיין זאַך געפעלט אים ניט, אַלץ איז אים ניט ווי ס׳דאַרף צו זײַן!... איר זאָגט, מ׳האָט מיר געשיקט אַ סאַך מענטשן. ריכטיק, אַ סאַך. און אָנשפּאַרן זיך איז פּאָרט ניטאָ אַף וועמען, — האָט מערזליאַקאָוו ווידער גענומען טײַנען, קלאָגן זיך.

באַטמאַנאָוו האָט אים איבערגעריסן:

— שווײַגט שוין בעסער! מיר זײַנען באַקאַנט קוים אַ האַלבע שאָ, און ס׳קערט מיר שוין די גאַל פון אײַער קלאָגערײַ! אײַך זײַנען, אַפּאָנעם, באַקאַנט אין דער רוסישער שפּראַך בלויז דערעסנדיקע ווערטער!...

איבערן קאַלטן בלאַסן הימל האָבן זיך אומעטיק געצויגן צויטן פון געלבלעך־רויטע וואָלקנס. ס׳איז צוגעפאַלן דער פרי̇ער ווינטער־אָוונט. אַרום איז געלעגן דער אייגנטאָניקער גרויער שניי, אַלדאָס לעבעדיקע דאָ, אַפן קומענדיקן בינד־פּונקט פון דער נאַפטלייטונג, האָט זיך פאַרלוירן אין דעם דאָזיקן גרויען קאָליר.

דער בויונגס־פּלאַץ פון דעם בינד־פּונקט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קוואַדראַט, וועלכער האָט זיך אויסגעבילדעט פון איין זײַט דורכן קאַפּ טשאָנגר, וואָס האָט זיך אײַנגעשניטן אינעם אײַז פונעם דורכגוס, און פון דער צווייטער — דורך אַ כוואַליע־אַרטיקער קייט פון ניט־הויכע סאָפּקעס. מ׳האָט געדאַרפט שטאַרק זיך אײַנקוקן, צו דערזען דאָ שפּורן פון מענטשלעכער טעטיקייט: עטלעכע ני̇ט הויכע באַראַקן, צוגעשפּאַרטע צו די סאָפּקעס, צוויי־דרײַ באַזונדערע הײַזלעך, אַ קלייניקע שאָפּע אַפן סאַמע קאַפּ, אַ שוואַכע באַוועגונג פון מענטשן, וואָס אַרבעטן אין די גריבער, וועלכע שוואַרצן זיך אינמיטן דעם פּלאַץ און אַפן אײַז פונעם דורכגוס. דאָ און דאָרט האָבן זיך צווישן די שניי־אָנשיטן געשלענגלט וועגעלעך, אויסגעגראָבענע מיט רידלען אָדער אויסגעטראָטענע מיט פיס. איבער דעם אַלץ איז געשטאַנען אַן אומאויפהערלעך קראַכערײַ, ווי עמעץ וואָלט געקלאַפּט מיט צענדליקער העמערלעך איבער אַ ריזיקער מעשענער טאַץ.

בערידזע און אַלעקסיי האָבן מיט אָנגעכמורעטע פּנעמער באַטראַכט דאָס אומדערפרייענדיקע בילד פון דעם וויכטיקסטן בויונגס־באַצירק. מיט זיי איז אויך געווען קאָטליאַרעווסקי. ראָגאָוו, ליבערמאַן און קאַרפּאָוו זײַנען גלײַך אַוועק אין יי̇שווו — אַזוי האָט מען גערופן אַ ריי קוים באַמערקלעכע גבײַען לעבן די סאָפּקעס. פילימאָנאָוו האָט זיך געלאָזט אַפן קאַפּ צו די שאָפּערן. טאָפּאָליעוון מיט טאַניאַן האָט מען אַוועקגעפירט אין קאָטליאַרעווסקיס הײַזל.

— באַוווײַזט אונדז אײַערע אויפֿטוען, מיט וואָס איר האָט צו שטאָל־צירן, — האָט בערידזע בייז געזאָגט צום אינזשעניער.

זיי זײַנען צוגעקומען צום צענטער פֿון דעם פּלאַץ, וווּ מ'האָט געגראָבן פֿונדאַמענט־ריוועס פֿאַר דער געבײַ פֿון אַ פּאָמפּע־סטאַנציע. אַרבעטער אין וואַטענע שפּענצערס האָבן געהאַקט מיט אײַזנבערעכער און קירקעס די ערד, וואָס איז געווען געפֿרוירן און פֿעסט, ווי פֿעלדז. עטלעכע מענטשן האָבן פֿאַרווײַז געטראָגן ערד אַף טראָגבערעטער. צוויי שײַטערס האָבן געלוייכטן אַפֿן דנאָ פֿון אַ גרוב, אַרום זיי האָבן זיך געוואַרעמט נאָך אַ דרײַ צענדליק אַרבעטער.

— וואָס איז דאָס אַזוינס באַ אײַך? — האָט בערידזע געפֿרעגט קאַטליאַרעווסקין.

— פֿונדאַמענט־ריוועס.

— איך ווייס, אַז פֿונדאַמענט־ריוועס, אַז דער טײַוול וואָלט אײַך געמען! — האָט בערידזע אויפֿגעברויזט. — צו וואָס אַזאַ באַרבאַרישע אַרבעט? פֿאַרוואָס רײַסט מען פֿריִער ניט אויף דעם באָדן?

— כ'האָב טאַקע געטראַכט אַזוי צו טאָן. נאָר מיר האָבן באַקומען אײַער פֿאַראָרדענונג — שפּאָרן אויפֿרײַס־מאַטעריאַל אַף צו גראָבן די טראַנשײַ אין דורכגוס.

— מען דאַרף אָבער טראַכטן מיט סייכל! שפּאָרן — הייסט ניט לאַכלוטן ניט פֿאַרנוצן. מ'האָט בלויז באַדאַרפֿט איבערלאָזן אַ זאַפּאַס, וואָס איז גייטיק פֿאַר די עקספּלאָזיעס.

— לאָמיר אָננעמען, אַז איר האָט געשפּאָרט דעם אויפֿרײַס־מאַטעריאַל, — האָט קאַוושאָוו באַמערקט. — אָבער צו דערוואָרעמען דעם באָדן מיט שײַטערס האָט איר דאָך געקענט אָרגאַניזירן? ניט צוויי נעבעכדיקע שײַטערס צעלייגן, נאָר, לאָמיר זאָגן, הונדערט. איר האָט געשפּאָרט האָלץ?

— שטעלט אײַך פֿאָר, מיר האָבן ניט קיין האָלץ. ניטאָ קיין טראַנספּאָרט אַרויסצופֿירן דאָס געהילץ.

— ווּ זײַנען די אויטאָ־מאַשינען?

— ווי איר האָט געזען, קימאַט אַלע שטייען. די ווידער, וואָס גייען, פֿירן פֿונאַנדער רערן.

— און פֿערד?

— איך האָב זיי שוין דאָ ניט דערווישט. מ'האָט ניט פֿאַרגרייט קיין היי און פֿיטער, טייל פֿערד האָט מען געקוילעט, אַ טייל איז אויסגעפּייגערט.

— און די טראַקטאָרן?

קאַטליאַרעווסקי האָט אַלץ געשנײַצט. בערידזע האָט אָנגעשטעלט אַף אים צאָרנדיקע אויגן. אַלעקסיי, אײַלנדיק זיך אויסצומײַדן דעם כּאַוועס אַ ווילדן צאָרן־אויסברוך, האָט אים אַ צי געטאָן פֿאַרן אַרבל פֿונעם האַלב־פּעלצל:

— לאָמיר גיין ווײַטער קוקן.

— וואָס איז דאָ צו קוקן! — האָט בערידזע געזאָגט. — ווײַטער גראָבט מען גריבער פאַר רעזערוואַרן, און ווידער מיט די הענט. צענדליקער טויזנטער קובאָמעטער ערד מיט די הענט! ריכטיק?

קאָטליאַרעווסקי האָט באַשטעטיקנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— און דאָס פאַרניטעווען רעזערוואַרן ווערט אויך געמאַכט מיט די הענט! ווען איך האָב דערהערט דאָס דאָזיקע קראַכערײַ, האָב איך גלײַך פאַרשטאַנען: אַלץ ווערט דאָ געמאַכט ווי פאַר פּיאַטר דעם גרויסן — מיט מענטשלעכן שווייס. ווער האָט אײַך אַרויסגעגעבן דעם אינזשעניערן־דיפּלאָם? — האָט בערידזע אויפגעצאַרנט אַ געשריי געטאָן.

נענטער צום ברעג פונעם דורכגוס זײַנען געווען אויסגעגראָבן דרײַ ריזיקע רונדע גריבער אַ מעטער די טיף. מענטשן האָבן געהאַקט די ערד מיט קירקעס, אין אַנקומענדיקן ביין־האַשמאַשעס האָבן איבער די גריבער געבלינצלט בלויז זייערע היטלען. ניט ווײַט איז אַף דער ערד געלעגן אַ גרויסע אײַזערנע רייף, אין וועלכער ס׳האָט געפעלט איין טייל. צוויי פּאַר ניטעווער האָבן באַאַרבעט אַן אײַזנבלעך. אַ געהילף־אַרבעטער איז געשטאַנען גרייט לעבן באַוועגלעכן בלאָז־זאַק מיט אַ ניט אינעם פײַער.

בערידזע האָט דערשלאָגן געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן אַלעקסייען, נאָר זײַן שטים איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דער קראַכערײַ, און דער הויפּט־אינזשעניער האָט בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. אַלעקסיי איז צוגעגאַנגען צו די אַרבעטער און, אַנרירנדיק איינעם פון זיי פאַר דער פּלייצע, געהייסן אָפּשטעלן די אַרבעט. נאָך דער פּלוצים איבערגעריסענער קראַכערײַ האָט געקלונגען אין די אויערן.

— שוין לאַנג פאַרנעמט איר זיך מיט דער דאָזיקער אַרבעט?

— שוין זייער לאַנג!

— וואָס פאַר אַן אויפגאַבע האָט איר באַקומען?

— קיינע, — האָט אַ שמייכל געטאָן דער ניטעווער, אַ קוק טוענדיק אַף די באַוויירים. מען קען יאָ אַרבעטן, מען קען ניט אַרבעטן — אַלצאיינס. מיר ניטעווען מאַכמעס אייגענעם כיישעק, מאַכמעס לאַנגווײַליקייט. מען האָט געפרעגט נאַטשאַלסטווע — מ׳קען זיך פאַרנעמען מיט ניטעווען? ביטע. נו, קלאַפּן מיר, וואַרעמען זיך.

— אויב איר האָט זיך שוין פאַרנומען מיט ניטעווען, וואָלט דאָך בעסער געווען איר זאָלט עס מאַכן פּנעוומאַטיש. ס׳איז פרייילעכער ווי מיט די הענט. צי עפּשער האָט איר ניט קיין מעכאַניזמען?

— מעכאַניזמען זײַנען יאָ פאַראַן, נאָר דאָ ווערט אַלץ געמאַכט מיט די הענט. ס׳איז קימאַט ניטאָ קיין עלעקטרישער שטראָם. די באַוועגלעכע עלעקטראָסטאַנציע איז אַ שוואַכינקע, און אויך זי אַרבעט קוים־קוים.

— מען דאַרף אויפבויען באַ אונדז אַן עלעקטראָסטאַנציע, — האָט קאָטליאַרעווסקי אַ מורמל געטאָן.

— זײַט איר ניט צומאָל אַ נאָרמען־קאָנטראָליאָר ? איר קאָנטראָלירט די פּראָדוקציע־רעזולטאַטן ? — האָט דער ניטעווער אַ פרעג געטאָן באַ קאָושאָוון, און די אַרבעטער האָבן זיך פריילעך צעלאַכט. — ס׳איז ניטאָ וואָס צו קאָנטראָלירן, מען זעט עס פונעם ערשטן בליק.

— מען זעט עס, — האָט אַלעקסיי מאַסקים געווען. — זאָל זײַן אַף הײַנט געענדיקט די אַרבעט. אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט זײַן פינצטער, גייט בעסער זיך אָפּרוען.

— ניין, מירן בעסער נאָך קלאַפּן אַ ביסל, — איז דער ניטעווער ניט אײַנגעגאַנגען, און איבערן פלאַץ האָט זיך ווידער צעטראָגן דאָס קראַכערײַ פון די העמערלעך.

דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט, פעסטער געוואָרן. קאָטליאַרעווסקי איז אינגאַנצן פאַרשטײַפט געוואָרן. אַלעקסיי האָט אײַנגעריבן די באַקן, געקלאַפּט מיט די פיס אין די וווילִיקעס און געוועזן איבערראַשט פון בעדידזעס אויסהאַלטעוודיקייט, ער האָט דוכט זיך, לעגאַמרע ניט געפילט די קעלט, האַגאַם זײַן באָרד און וואָנסעס זײַנען באַוואַקסן געוואָרן מיט אײַז. די אינזשעניערן זײַנען, זינקענדיק אין די שניי־אָנשיטן, געגאַנגען צום ברעג. בערידזע האָט, אַן אָנגעברויגעזטער, געשוויגן. קאָושאָוו האָט געוואָלט דערגיין באַ קאָטליאַרעווסקין:

— פאַרוואָס האָט זיך עס באַ אײַך אַזוי באַקומען ? איר פאַרגעמט זיך מיט צופעליקע אַרבעטן, אָן אַ שום פּלאַן, איר האָט אָפּגעוואָרפן אַלע פאַראָרדענונגען פונעם הויפּט־אינזשעניער. איר האָט צעשטויבט די מענטשן אַרום קלייניקייטן, אַנשטאָט איר זאָלט זיי קאָנצענטרירן אַרום דעם איקער. פאַרוואָס מאַכט איר ניט קיין וועג צום אינדזל ? ווו איז אײַער צוגרייטונג צו די אַרבעטן אַפן דורכגוס ? איר האָט באַקומען דעם לעצטן באַפעל פונעם זיבעטן נאָוועמבער ?

— פון זיבעטן נאָוועמבער ? אַזאַ באַפעל האָבן מיר ניט באַקומען, — האָט קאָטליאַרעווסקי אַ מורמל געטאָן.

— איר האָט מיך פאַרפירט ! — האָט בערידזע אויסגעשאָסן. — איך האָב דאָך אײַך אַהער רעקאָמענדירט, אַף אײַך אויסגעשטעלט, אײַך געגלויבט !

— וואָס פאַר אַן אַרבעט קען עס זײַן, אויב די מענטשן זײַנען אין פאַרצווייפלונג ! — האָט קאָטליאַרעווסקי אויפגעהויבן אַ ביסל די שטים.

— איך אַליין האָב ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן, ווען ס׳האָבן זיך צעטראָגן די קלאַנגען וועגן דעם פאַלן פון מאָסקווע... וואָס פאַר אַ וועג איז נייטיק צום אינדזל, אויב די יאַפּאַנער וועלן אים פאַרכאַפּן ! ביכלאַל, וואָס טוען מיר דאָ, ווען עמען זײַנען נייטיק אונדזערע אָנשטרענגונגען ?...

אַפֿן צווייטן ראַנד פֿונעם פּלאַץ האָט מערזליאַקאָוו געפֿירט באַטמאַנאָוון צו אַ נײַ הויז, וואָס האָט זיך גאָווײַסלט מיט פֿרישע גזימסן, אין אַ זײַט פֿון די באַראַקן, אַף אַ שיפּוע פֿון אַ סאָפּקע.

— רוט זיך אויס, דערוואַרעמט זיך, כאָווער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג. איך שטוב איז, אַ דאַנק גאָט, וואַרעם און רויִק.

— ווער וווינט אין דעם ?

— איך וווין. אַזאַ הײַזל האָט מען אויפֿגעשטעלט אויך פֿאַרן אַרבעטס־נאַטשאַלניק קאָטליאַרעווסקין און דעם בוכהאַלטער.

— וואַרעם, זאָגט איר ? איר פֿרירט ניט ? — האָט באַטמאַנאָוו געפֿרעגט.

— וואַרעם, — האָט מערזליאַקאָוו אָפּגעזיפֿצט דערלײַכטערט. — דאָ באַם דורכגוס איז טאָמיד אַ ווינט, ער טרײַבט אַרויס די גאַנצע וואַרעמקייט. בלויז הײַנט איז, לעקאָוועד אײַער קומען צו פֿאָרן, קיין ווינט ניטאָ... צוליב דער דאָזיקער קעלט מוז מען הייצן די אויוונס באַטאָג און באַנאַכט.

— ס׳גייט אַוואַדע אַוועק אַ סאַך האָלץ ?

— ס׳איז נאָך גוט, וואָס מיר וווינען אין דער טײַגע !

זיי זײַנען צוגעקומען צו אַן איינעטאַזשיקן קאָטעדזש מיט אַ מאַנסאַרדע, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אַ ציינדלדיקן פּאַרקאַן מיט אַ שטעכלדראָטיקער צוים פֿון אויבן. אויסטערליש האָט אויסגעזען דאָס דאָזיקע הויז אינמיטן דעם טריבן, ווילדן בילד פֿון דעם פֿאַרוויסט געוואָרענעם באַצירק.

— איר זײַט, פֿונדעסטוועגן, אַ באַשיידענער מענטש, — האָט באַטמאַנאָוו אַ שמייכל געטאָן. — דאָס איז דאָך אַ פּאַלאַץ, ניט עפּעס קיין כאַטע !

— ס׳איז קאָטליאַרעווסקיס פּראָיעקט. ער האָט דאָס אַלץ אויסגעקאָמבינירט, איך וואָלט אַזעלכעס ניט צוגעטראַכט.

— נו, איך מיין, אַז דעם פּאַרקאַן האָט ניט ער, נאָר איר צוגעטראַכט. דאָס איז ניט קיין אינזשעניערישע זאַך אַזעלכע פּאַרקאַנעס אויסצוטראַכטן.

— דער פּאַרקאַן איז מײַנע אַ פֿאַרפּאַסונג, איר האָט געטראָפֿן, כאָווער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג, — האָט זיך מערזליאַקאָוו כניפֿעדיק צעלאַכט.

ער האָט געעפֿנט דאָס טירל, און זיי זײַנען אַרײַן אַפֿן הויף. פֿון אַ פֿעסט־געבויטער שטאַל האָט זיך געהערט דאָס זאַטע כריוקען פֿון כאַזער.

— איר האָט דאָ אַ גאַנצע ווירטשאַפֿט ! — האָט זיך באַטמאַנאָוו פֿאַרכידעשט. — סאָליד. אַ קו, כאַזיירים, הינער, אַ ?

— אַ כאַזער און געפֿליגל. אַנדערש טאָר מען ניט.

באַטמאַנאָוו האָט זייער גענוי באַטראַכט מערזליאַקאָווס היימיש האָב און גוטס.

— איך פֿאַרשטיי ניט, ווי איר האָט דאָס באַוויזן אַהערצובריינגען, צום דורכגוס, די דאָזיקע גאַנצע מאַסע ? ווער האָט אײַך געהאָלפֿן ? מיט פֿופֿצן מינוט פֿריִער האָב איך געטראַכט, אַז איר זײַט אַ שלעכטער באַלעבאָס, ווײַזט זיך אַרויס, איך האָב אַ טעות געהאַט... כ'מיין, ס'איז שווער זיך אָן אייַצע צו טאָן מיט אַזאַ באַלעבאַטישקייט ? ס'נעמט צו אַ סאַך צײַט ? לעבעדיקע באַשעפֿענישן פֿאָדערן דאָך סײַ פּוטער סײַ אומגאַנג ?

— פֿולשטענדיק ריכטיק. — מערזליאַקאָוו האָט געקוקט אַף באַטמאַנאָוון פֿון אונטן אַרויף און זיך באַמיט צו טרעפֿן צו וואָס דער נאַטשאַלניק צילט.

— ניין, כ'וועל צו אײַך ניט אַרײַנגיין. — האָט דער נאַטשאַלניק מיטאַמאָל באַשלאָסן. — כ'וועל בעסער זיך אַרײַנכאַפּן אין דערפֿל.

— צי דאַרף איך אײַך באַגלייטן, כאַווער נאַטשאַלניק פֿון דער בויונג?

— ווי איר ווילט. אויב איר זײַט מיד, קענט איר זיך אָפּרוען.

אַפֿן וועג האָט אויך באַטמאַנאָוון פֿאַראינטערעסירט דאָס הילכערײַ, וואָס עס האָבן געמאַכט די ניטעווער. ער האָט פֿאַרקערעוועט צו זיי.

— ס'איז שוין פֿאַרנאַכט. ס'איז זיכער צײַט צו פֿאַרענדיקן, — האָט באַטמאַנאָוו אַ זאָג געטאָן.

— מען קען זיי ניט אַהיימטרײַבן. אַרבעטס־ענטוזיאַזם ! — האָט מערזליאַקאָוו דערקלערט מיט כשיוועס.

— ענטוזיאַזם, זאָגט איר ? לאָמיר אָקערשט אַ פֿרעג טאָן בײַ זיי וועגן דעם ענטוזיאַזם. — ער איז צוגעגאַנגען צו די אַרבעטער און זיך געווענדעט צום נאָענטסטן: — ס'איז שוין פֿינצטער. אַזאַ אַרבעט טויג צו גאָרניט. שוין צײַט צו גיין אָפּרוען.

דער ניטעווער האָט אַ קוק געטאָן דעם צוגעקומענעם אין פּנים.

— אָפּרוען ? עס גלוסט זיך אונדז ניט אָפּרוען.

— פֿאַרוואָס גלוסט זיך אײַך ניט ?

— איר זײַט, קענטיק, אַ נײַער מענטש, אויב איר פֿרעגט. איר וועט דאָ זײַן אַ ביסל, וועט איר געוואָר ווערן, פֿאַרוואָס עס גלוסט זיך ניט !...

באַטמאַנאָוו האָט זיך געלאָזט צום דערפֿל. מערזליאַקאָוו האָט אים, ווי אַ שאָטן, באַגלייט מיט אַ פֿאַרזאָרגט, צעררודערט פּנים. זיי האָבן אָנגעטראָפֿן ליבערמאַנען. ער איז געלאָפֿן פֿון די באַראַקן. דערזען באַטמאַנאָוון, האָט זיך דער אינטענדענט מיט זײַן כאַראַקטעריסטישן זשעסט אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאָפּ:

— מאַמינקע טײַערע, סאַראַ שרעק ! איר וועט אַליין אָנקוקן, ווי די מענטשן לעבן. איך לויף אָננעמען דרינגענדיקע שריט.

— אַ ביסל רויִקער, ליבערמאַן ! — האָט אים באַטמאַנאָוו נאָכגעשריגן.

לעבן ערשטן באַראַק האָט ער דערזען ראָגאָוון. יענער האָט געפֿירט אַ שמועס עפּעס מיט אַ הויכן באָכער. ראָגאָוו האָט גערעדט גלײַכמעסיק

און רויק, פונדעסטוועגן איז ניט לײַכט געווען אים צו הערן. דער באָכער, די הענט גלײַך אַראָפּגעלאָזט, האָט זיך אַזש געוואַקלט אונטער זײַנע מוסער־רייד.

— וועגן וואָס גייט דאָ אַ רייד? — האָט זיך באַטמאַנאָוו פֿאַראינטערעסירט אינמיטן גאַנג.

— מיר באַקענען זיך מיטןווירטשאַפֿט־לייטער, — האָט ראָגאָוו קורץ געענטפֿערט.

אינעם באַראַק — וואָס איז אַף שנעל אויפֿגעשטעלט געוואָרן און האָט זיך אײַנגעבויגן אַף איין זײַט — איז געווען פֿינצטער. די שײַן פֿון דעם נאַכטלאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אַף אַ לאַנגן טיש, האָט ניט געקלעקט פֿאַר דער גאַנצער שטוב. אַף נאַרעס, אויפֿגעשטעלטע לויטן וואַגאָן־סיסטעם, זײַנען געלעגן מענטשן אין וואַטענעם אָנטועכץ, ווויליקעס און היטלען. עטלעכע מענטשן האָבן זיך צוגעטוליעט צו אַ טשוהון־אײַוועלע. פֿון אַלע זײַטן האָט זיך געהערט אַ הוסטערײַ און ניסערײַ.

— גוטן אָוונט, כאַווײרים! — האָט באַטמאַנאָוו אַ זאָג געטאָן.

קיינער האָט אים ניט געענטפֿערט. באַטמאַנאָוו האָט, פֿאַרבײַגייענדיק, אַ טאַפּ געטאָן דאָס אײַוועלע — ס'איז געווען קוים וואַרעם. ער האָט זיך געזעצט אַף אַ בענקל בײַם טיש, פֿאַררייכערט און אַנידערגעלייגט דעם אָפֿענעם פּאַפּיראָסן־פּאַרטציגאַר אַפֿן ראַנד טיש. האָט געשוויגן און זיך אַרומגעקוקט. אויך די קוואַרטיראַנטן פֿונעם באַראַק האָבן געשוויגן, קוקנדיק אַף אים און די פּאַפּיראָסן.

— נו, וואָס, מיר וועלן אַזוי שווײַגן? דערציילט, ווי עס לעבט זיך אײַך, — האָט באַטמאַנאָוו אַ זאָג געטאָן גוטמוטיק.

— וואָס איז דאָ צו דערציילן? אויב איר האָט אויגן קענט איר אַליין זען. מיר ציטערן פֿאַר קעלט און וואַרטן אומבאַוווסט אַף וואָס — האָט זיך אָפּגערופֿן אַ שטאַרק אײַנגעהויקערטער און אײַנגעבויגענער אַלטער, וועלכער איז געשטאַנען בײַם אײַוועלע.

— כאַווער זיאַטקאָוו? — האָט אים באַטמאַנאָוו דערקענט. — הייסט עס, איר זײַט דערפֿאָרן.

— דערפֿאָרן, — האָט דער אַלטער אָנגעכמורעט צוגעשאָקלט.

— ווו־זשע איז גאָנטשאַרוק?

— דאָ. ער ליגט, איז קראַנק.

— וועלן מיר געבן אַ וואָרט, כאַווער זיאַטקאָוו, דעם נאַטשאַלניק פֿונעם באַצירק. זאָל ער אונדז גלײַך אויפֿקלערן ווי דער היגער באַלעבאָס — פֿאַרוואָס מ'האָט אויפֿגעשטעלט אַ שלעכטע וווינונג, ערגער פֿון אַ שאָפּע? פֿאַרוואָס איז קאַלט אין די באַראַקן? ווו איז האָלץ? — באַטמאַנאָוו האָט געשטעלט די פֿראַגן, ניט קוקנדיק אַף מערזליאַקאָוון.

— אַף פֿירן האָלץ איז אויסגעטיילט געוואָרן איין מאַשין, — האָט מערזליאַקאָוו געענטפֿערט. — פֿירן קומט אויס פֿון ווײַט, און זי באַווײַזט

ניט. און דער וועג שטערט אויך דאָס פירן, זיי ווייסן עס אַליין, — די מאַשין פאַרזינקט קעסיידער.

— פאַרוואָס איז דער וועג אַ שלעכטער ? פאַרוואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן בלויז איין מאַשין, אויב דאָס איז ווייניק ?

— דער טראַנספּאָרט איז נייטיק פאַר דער פּראָדוקציע. אַפילע אַף צו פירן די רערן קלעקן אויך ניט קיין מאַשינען. איר האָט אַליין געזען.

— כ׳האָב אַליין געזען, אײַער טראַנספּאָרט שטייט, — האָט באַטמאַנאָוו באַשטעטיקט. — נאָר פאַרוואָס ? ענטפערט אונדז שנעלער, באַלעבאָס !

ער איז געגאַנגען איבערן באַראַק און זיך אײַנגעקוקט אין די פּנעמער פון די מענטשן. פון די הונדערט פופציק מענטשן, וואָס האָבן דאָ געוווינט, זײַנען פופציק קראַנק געווען אַף גריפּע. און אויך די איבעריקע האָבן שלעכט אויסגעזען — אויסגעצערטע, שמוציקע, ניט געראַזירטע. די לופט אין באַראַק איז געווען אַ טוכלע, אַ שווערע.

מערזליאַקאָוו האָט געשוויגן.

— אַ באָד איז באַ אײַך פאַראַן ? — האָט באַטמאַנאָוו געשטעלט בײַע פראַגן.

— ס׳איז ניטאָ קיין וואַסער פאַר קיין באָד, — האָט זיאַטקאָוו אַ זאָג געטאָן.

— פאַרוואָס איז ניטאָ קיין וואַסער, נאַטשאַלניק פון באַצירק ?

— דאָס וואַסער אין ברונעם איז פאַרפרוירן געוואָרן. מען מוז פירן פונעם טײַכל, און אַהין איז ווײַט. דאָ איז ווידער די צאָרע מיטן טראַנספּאָרט. מיר פירן וואַסער בלויז צום טרינקען...

באַטמאַנאָוו האָט זיך צוגעזעצט אַף די נאַרעס צו איינעם פון די אַרבעטער, באַמערקנדיק, אַז יענער באַאָבאַכטעט אים.

— אַהער איז געקומען צו לויפן דער שאָפער סמאָרטשקאָוו, — האָט דער אַרבעטער אָנגעהויבן צו ריידן. — און דערציילט, אַז מ׳האָט צעשלאָגן די דײַטשן הינטער מאָסקווע. ווער האָט עס אים געזאָגט, דו ?

— יאָ, איך האָב עס געזאָגט. די רויטע אַרמיי האָט אָפגעהאַלטן אַ ניצאָכן, מ׳האָט די דײַטשן צוריקגעשטויסן פון מאָסקווע.

— יאָ, הייסט עס, אַז ס׳איז עמעס ! — איבערן באַראַק האָט זיך פאַרבײַגעטראָגן אַ זיפץ פון דערלײַכטערונג. עמעץ האָט צערודערט און הויך אָנגעהויבן צו שעפּטשען. די מענטשן האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן, צוגעקומען נענטער.

— אַ דאַנק דיר, האָסט געבראַכט אַ גוטע בסורע, — האָט צופרידן אַ זאָג געטאָן באַטמאַנאָווס מיטשמועסער. ער האָט גערעדט מיט אַ ניט קלאָרן אַקצענט, ניט ריכטיק אויפבויענדיק באַזונדערע פראַזן. — און דאָ האָט מען באַ אונדז געפלוידערט אַ מײַסעלע — מאָסקווע איז באַ די דײַטשן. איך האָב ניט געקענט גלייבן: וואָס הייסט באַ די דײַטשן ? סטאַ־

לין האָט אָפֿן רויטן פּלאַץ געזאָגט, אַז מיר וועלן באַזיגן, און פּלוצים — מ׳האָט אָפּגעגעבן מאָסקווע.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווײַטער שאַרף געקוקט אַף באַטמאַנאָוון און אײַנגעצויגן די פיס, אײַנגעהילטע אין אַ וואַטענעם שפּענצער.

— איר זײַט אויך קראַנק? — האָט באַטמאַנאָוו געפרעגט. ער האָט זיך שוין אַנגעשטויסן מיט וועמען ער רעדט.

— מען ווערט קראַנק.

— אַ גריפּע? געהעכערטע טעמפּעראַטור?

— וואָס פאַר אַ גריפּע? דאָס האַרץ טוט ווײ, דער קאָפּ טוט ווײ, די נעשאָמע טוט ווײ. צוליב אים בין איך קראַנק געוואָרן, — האָט דער אַרבעטער אַנגעוויזן אַף מערזליאַקאָוון. — פאַרוואָס, פרעגסטו? דו ביסט אַ דאָקטער?

— ניין. לאָמיר זיך באַקענען, איך בין דער נאַטשאַלניק פון אײַער בויונג, איך הייס באַטמאַנאָוו, וואַסילי מאַקסימאָוויטש.

דער אַרבעטער איז געשווינד אויפגעשטאַנען. ער איז געווען ניט קיין הויכער, נאָר אַ זייער ברייטער אין די פּלייצעס. איבערן באַראַק האָט זיך פאַרבײַגעטראָגן אַ גערויש.

— מיר האָבן אַף דיר געוואַרט, אוי, געוואַרט! — האָט דער אַרבע־טער אַ זאָג געטאָן. — מ׳האָט געזאָגט, אַז דו וועסט ניט דערפאָרן. ס׳איז ווײַט, קיין וועג איז ניטאָ, ס׳איז קאַלט. עק וועלט. דודין האָט דיך גע־שיקט, אָדער ביסט אַליין געקומען?

— סײַ דודין האָט געשיקט, סײַ איך בין אַליין געקומען. איך וועל אײַך שפּעטער דערציילן, כאַווײרים, פאַרוואָס איך האָב ניט געקענט קומען אַהער פריִער. כ׳האָב געשיקט אַנשטאָט זיך אַ פאַרלאָזלעכן מענטשן, נאָר מיט אים איז געשען אַן אומגליק. איר האָט אים אָפילע ניט געזען, דוכט זיך. און וועגן אײַך האָב איך אַ סאַך געהערט. איר זײַט אומאַרע מוכאַמעט, אַ שווייסער, ריכטיק?

— ריכטיק. אומאַרע מוכאַמעט. געווען אַ שווייסער.

— געווען? און איצט?

— איצט בין איך אַ ליידיקגייער, אַ פּאַראַזיט.

— פאַרוואָס אַ ליידיקגייער?

— ניטאָ פאַר מיר קיין אַרבעט. געריסן זיך אַהער, געאײַלט. דאָ מײַן אַרבעט ניט נייטיק. געשיקט אַ מעלדונג צו דודינען. ווען דו וואָלסט ניט געווען געקומען צופאָרן, וואָלט אויסגעקומען צו אַנטלויפן פונדאַנען. און אַלע וואָלטן אַבי אַנטלאָפן, איין מערזליאַקאָוו וואָלט פאַרבליבן. אָדער איר אַליין וואָלט אים אַרויסגעטריבן...

— הייסט עס, אַז אויך קיין אַרבעט האָט זיך פאַר די מענטשן ניט געפונען? — האָט באַטמאַנאָוו אַ פרעג געטאָן, זיך אויסדרייענדיק צו מערזליאַקאָוון.

— קיין שווייס־אַרבעטן פירן מיר נאָך ניט דערווײַל, כאַווער נאַ־טשאַלניק פון דער בויונג...

— איך בעט ניט קיין שווייס־אַרבעטן! — האָט אומאַרע דערווי־דערט. — כ'בין גרייט צו לאַדעווען רערן! כ'בין גרייט דעם שנײַ צו שאַרן! שיק וווּהין דו ווילסט — נאָר ס'זאָל זײַן אַ נוץ פון דער אַרבעט, נאָר מאַך מיך ניט פאַר קיין לײידיקגייער! אָט זע דאָ אַרום — די טראַק־טאָריסטן, דער שווייסעווער, די שלנסערס, די מאָנטיאָרן, — אַלע ווילן מיר אַרבעט, זאָל זײַן אַוועלכע ס'איז! דערווײַל איז ניטאָ אונדזער אַר־בעט, שפּעטער וועט זײַן. די בויונג דאַרף זיך פּאַמעלעך פונאַנדערוויקלען.

— ריכטיק, כאַוועך אומאַרע! — האָט באַטמאַנאַוו געזאָגט, באַ־הערשנדיק די אויפרעגונג.

אומאַרע איז צוגעגאַנגען נאָענט צו מערזליאַקאָוון און ווייטיקלעך, לײַדנשאַפטלעך אַרײַנגעשריגן אים אין פּאָנעם:

— מיר וועלן קיינמאָל ניט מויכל זײַן, וואָס דו האָסט אונדז געמאַכט פאַר פּאַראַזיטן! האָסט געהערט, וואָס באַטמאַנאַוו האָט געזאָגט? ער — אַ באַלעבאָס. און דו... דו ביסט ניט קיין באַלעבאָס! מיר האָבן אַראָפּ־געלאָזט די הענט, שיר ניט אומגעקומען באַ דיר! כ'האָב געוואָלט פון דיר אַנטלויפן, נאָר וווּהין? מען טאָר ניט אַנטלויפן אויך. אָפן פּראָנט האָט מען מיך ניט געלאָזט, געפירט אַהער — אַזוי ווײַט, צו שווייסעווען אַ נאַפטלייטונג. דודין אַליין האָט מיך געשיקט. ווי מ'האָט זיך געאײַלט אַהער!... געשלעפּט די מאַשינען אַף זיך, צופוס געגאַנגען... זאָגט, צוליב וואָס?

— שרײַט ניט, כ'בין ניט קיין טויבער, — האָט זיך מערזליאַקאָוו אויפגערעגט אָפּגערוקט פון דעם שווייסעווער.

— דו ביסט ניט קיין טויבער, — האָט אומאַרע מאַסקים געווען. — דו האָסט בלויז פאַרשטאָפּט די אויערן מיט וואַטע... ניין, איך וועל שרײַען, און דו הער! זאָל דער נאַטשאַלניק פון דער בויונג קוקן אַף דיר און אַף מיר. זאָל ער זאָגן, ווער ס'איז גערעכט, און ווער ס'איז שולדיק.

— איך רוף אײַך צו אָרדענונג! — האָט זיך מערזליאַקאָוו צעביי־זערט.

— און איר אַליין ווייסט, וואָס ס'הייסט אָרדענונג? — האָט באַט־מאַנאַוו אַ פרעג געטאָן מיט צוגעשטיקטער שטים.

— ס'איז ניט גוט, מערזליאַקאָוו, דורכויס שלעכט! ס'איז באַ אײַך אַ הינטיש לעבן, — האָט אומאַרע אַטאַקירט. — מיינסט, מיר קלאָגן זיך, וואָס ס'איז קאַלט? ניין, מיר קענען דיר מויכל זײַן, וואָס ס'איז קאַלט. וואָס מיר הונגערן? וועלן מיר אויך מויכל זײַן. וואָס ס'אי' ווייניק וואַ־סער? מויכל. וואָס דו זשאַלעוועסט צו געבן רייכערן? זאָל זײַן!... איך האָב צוויי ברידער אָפן פראָנט, זיי איז ערגער. דו האָסט אונדז הונדערט מאָל געזאָגט: „מען קען ניט פאַרלאַנגען... ס'אי' מילכאָמע!". מיר

שפּאָרן זיך ניט, ריכטיק. נאָר דו האָסט אונדז געמאַכט פּאָר שמאַטעס. די ענערגיע געפּאַטערט! די אַרבעט צוגענומען! די בווונג צעשטערט! דאָס וועלן מיר דיר ניט שענקען! — ער האָט זיך אין צאָרן אויסגעדרייט צו באַטמאַנאָוון: — נאַטשאַלניק באַטמאַנאָוו, מען דאַרף אים מישפּטן!

— אַז ווער האָט אײַך קיין אַרבעט ניט געגעבן? — האָט זיך מערז־ליאַקאָוו דערשראָקן אָפּגערופן, אַרײַנציִענדיק דעם קאָפּ צווישן די פּלייצעס. — איר האָט אַליין ניט געוואָלט. ביטע, אַרבעט.

— מען דאַרף קיין ליגן ניט זאָגן, מערזליאַקאָוו! — האָט זיאַטקאָוו אַ געשריי געטאָן, זיך אויסגלײַכנדיק. — דו ביסט אַ שלעכטער באַלעבאָס, האָסט אונדז דערפירט צו אַן אומגליק!

באַטמאַנאָוו האָט ניט אַוועקגענומען פונעם באַצירק־נאַטשאַלניק זײַן שווערן, בלײַענעם בליק.

— איך בין געקומען צופאָרן, קעדיי צו אַרבעטן דאָ צוזאַמען מיט אײַך, כאַווײרים. כ׳וועל פונדאַנען ניט אַוועקפאָרן, קאַלזמאַן מיר וועלן ניט אײַנשטעלן קיין אָרדענונג, און די זאַך וועט ניט אַוועקגיין ווי עס באַ־דאַרף צו זײַן, — האָט ער געזאָגט, זיך אויפשטעלנדיק. אויסגעקערט זיך צו מערזליאַקאָוון, האָט ער אַ וואָרף געטאָן: — קומט.

ווי נאָר זיי זײַנען אַרויס פון באַראַק, האָט באַטמאַנאָוו אַ כאַפּ געטאָן מערזליאַקאָוון פאַר דער ברוסט און, אַ שלעפּ טוענדיק אים צו זיך, קימאַט אָפּרײַסנדיק אים פון דער ערד, שוין מער ניט אימשטאַנד צו באַהערשן די אויפגעבראַכטקייט און דעם צאָרן, אָנגעהויבן צו שרײַען:

— ווער זײַט איר, מערזליאַקאָוו? ווער זײַט איר עס אַזעלכער, אויב איר האָט זיך דערוועגט אַזוי אַכזאָריעסדיק זיך צו באַגיין מיט אונדזערע מענטשן, מיט אונדזער זאַך? אף וואָס האָט איר אויסגעבראַכט דעם צו־טרוי, וואָס מ׳האָט אײַך אַרויסגעוויזן? אַלע טאָעסן און פעלערן וואָלט איך מויכל געווען — וואָס איר קענט ניט אַרבעטן, וואָס איר האָט דאָ אָנגעפּלאָנטערט, וואָס דאָ איז אין אַלץ אַ טויהו־וואָוויהו... נאָר אויב סאָוועטישע מענטשן זײַנען פאַר אײַך כאַזיירים — זײַט איר אַ מענוול! און מיר וועלן אײַך מישפּטן. מישפּטן!

ער האָט געטאָן אַ שטויס אָפּ פון זיך מערזליאַקאָוון, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו כריפּען, און יענער איז אַנידערגעפאַלן אָפן שניי, שטום ווערנדיק פאַר שרעק.

מיט פאַרקוועטשטע פויסטן האָט באַטמאַנאָוו געשפּרײַזט אינעם בייך־האָשמאָשעס, ניט אַרומקוקנדיק זיך וווהין ער גייט, ניט זעענדיק גאָרניט פאַר זיך. ראָגאָוו, וועלכער איז אים אָנגעקומען אַנטקעגן, האָט אים קימאַט בעגעוואַלד אָפּגעשטעלט:

— גיט אַ באַפעל, וואַסילי מאַקסימאָוויטש, איך זאָל איבערנעמען די דאָזיקע ווירטשאַפט. דער באַצירק איז אין מײַן גוסט, אַן אַנטשפּרעכ־לעכער.

באַטמאַנאָוו האָט געשוויגן און שווער געאָטעמט. ראַגאָוו האָט אים דערמאָנט:

— איר האָט מיר צוגעזאָגט דאָס רעכט אויסצוקלײַבן: נו, האָב איך אויסגעקליבן.

— כ'האָב צוגעזאָגט. נעם איבער. נעם שוין איבער, טייקעף־ומיָד!

— באַטמאַנאָוו האָט גערעדט זיך שטיקנדיק. די קוואַרטיראַנטן פונעם באַראַק, וואָס זײַנען דערפירט געוואָרן צו פאַרצווייפלונג, זײַנען אים געשטאַנען פאַר די אויגן. — מיר האָבן זיך שטאַרק פאַרשולדיקט פאַר די מענטשן. מען דאַרף ערשט אויסקעמפן זייער צוטרוי. זיך רעכטפאַרטיקן פאַר זיי מיט אַרבעט. אַז אַלע זאָלן אַרבעטן ווי באַשווירענע!... מאָרגן וועל איך קומען אין די באַראַקן, זאָל אין זיי זײַן וואַרעם. עס זאָל זײַן ריין! די קראַנקע איזאָלירן. געבן עסן, וואָס נאָר מען קען. ניט זשאַלעווען קיין פּראָדוקטן. אַרויסגעבן זיי צום רייכערן, טאַבאַק. און אַרבעט געבן — נייטיקע, גוטע אַרבעט. זיי בענקען נאָך איר, זיי רײַסן זיך צום קאַמף... נו, וואָס שטייסטו? אַרבעט! און גיב איבער ליבערמאַנען — כ'וועל פון אים די פאַרע אַרויסטרײַבן, אויב ער וועט זיך ניט קיין ריר טאָן!

— דערלויבט איר אָפּצוגעבן אַ מעלדונג? — האָט ראַגאָוו שנעל אַ פרעג געטאָן און, ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, געמאָלדן: — איך האָב געשיקט דעם ווירטשאַפט־לייטער נאָך האָלץ — דרײַ מאַשינען און דעם פערד־אַבאָז, מיט וועלכן מיר זײַנען געקומען צו פאָרן. איין מאַשין האָב איך געשיקט נאָך וואַסער. קאַרפּאָוו איז אַוועקגעגאַנגען צו די ניכוועגן — ער האָפט צו באַקומען פלייש און פיש. ליבערמאַן איז אין קיך, ער אַליין איז געוואָרן דער קוכער, זאָגט צו אַ גוטע וועטשערע.

אין דער האַלב־פינצטערניש איז מערזליאַקאָוו פאַרשוואונדן. פאַנגעענדיק באַטמאַנאָווס בליק, האָט ראַגאָוו געבעטן:

— כאָווער נאַטשאַלניק פון דער בוידונג, איר דאַרפט נעמען אין באַטראַכט אַלע שוועריקייטן... כאָווער נאַטשאַלניק...

באַטמאַנאָוו האָט אויף אים קיין אַכט ניט געלייגט. מערזליאַקאָוו האָט אויפגעהערט פאַר אים צו עקזיסטירן, ווי ס'האָט מער ניט עקזיסטירט גרובסקי. אַזוי פלעגט זײַן בײַ באַטמאַנאָוון אין יענע זעלטענע פאַלן, ווען ער האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין אַ מענטשן.

סאָף פון צווייטן בוך.

Este libro se terminó de imprimir
el día 30 de setiembre de 1954, en los
Talleres Gráficos de Simón Eidelman,
México 2230, Buenos Aires.